STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08090

SHVERE HIMLEN

L. Chanukoff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. באַנוקאָוו

שווערע הימלען

נאָוועלען

מיין גוטען פאַטער
אַ מתנה

ליטעראַרישער פאַרלאַג
ניו יאָרק.

Copyright, 1923, by
L. CHANUKOFF

אינהאַלט:

זייט

נאָוועלען

איז דעמערונג — — — — — — — — — — — — 7
אַליין — — — — — — — — — — — — — — 101
דער כירורג — — — — — — — — — — — — 203
דער ים — — — — — — — — — — — — — — 216
אַ געוויינליכע געשיכטע — — — — — — — — — 233

דערציילונגען

שווייג — — — — — — — — — — — — — — 245
דער נס — — — — — — — — — — — — — — 253
דער פרעמדער — — — — — — — — — — — — 259
בלוט — — — — — — — — — — — — — — 265
דער שטומער עדות — — — — — — — — — — 276
מאָדנע מענשען — — — — — — — — — — — 279
די באגעגעניש — — — — — — — — — — — 287
דריי בריוו — — — — — — — — — — — — 293
דאס ים מיידעל — — — — — — — — — — — 313

נאָוועלען.

אין דעמערונג

...ער האָט געטרויערט אונזער טרויער,

און געוויינט אויף אונזער צער...

I.

דער פאָטער.

...אזוי האט זיך עס אָנגעהויבען:

עם זיינען געווען לאַנגע שווערע וואָכען פון שטילען טרויער און פיינליכער דערווארטונג. נייע און נייע קלאַנגען האבען זיך דער־טראָגען. זיי זיינען געווען ווי גלאָקען־קלאַנגען. האָבען זיך אָנ־געהויבען שטיל, האבען פאראורזאכט א גערודער און אויפגעשראָ־קען אלעמענס הערצער, און ערשט נאכדעם זיינען זיי געוואָרען שטאַרקער, דראָענדיגער, זיינען אריבער פון מויל צו מויל, פון שטאָט צו שטאָט, ביז זיי זיינען געוואָרען דאָס געשריי פון טוי־זענטער געפאלענע און פארפייניגטע פאר דעם פנים פון דער זון, פאר'ן קלאָרען פנים פונ'ם הימעל.

די וועלט איז ענג געוואָרען, און עס איז שוין ניט געווען קיין פלאַץ, וואו צו באהאלטען זיך פון די שווערע קלאַנגען. עס האבען ניט געהאט די לונגען זייער לופט צום אָטעמען, און עס האָט ניט געהאט די צונג קיין ווערטער אונז צו טרייסטען. און נאָר אין די שלאָפלאָזע נעכט, ווען יעדער שאָרך פון דרויסען האָט געשראָקען און געוואָרגען, ווי א גזלן, ביי דעם האלז, און יעדער קלאַנג — געגליווערט אין די אָדערען די בלוטען — האָבען די ציטערענדיגע ליפען שטיל געשעפטשעט: נאָט באהיט און באשיץ! באהיט און באשיץ! — —

און דאָן האט זיך עפּעס אומגעהייער גרויסעס אוועקגעשטעלט

צווישען אונז און „זיי". „זיי" זיינען געווארען פרעמד און פיינד־ליך. די שנאה צו זיי איז געווארען גרעסער, פיינליכער. זיי האָ־בען פארנומען די גאנצע וועלט, און פאר אונז איז ניט געווען קיין פלאץ.

ווער האט עס געזאגט: — גאט'ס וועלט איז אונזער וועלט? ווער האט געזאגט דעם גרויסען ליגען? עס איז קלאר געווען: מיר זיינען אהער געקומען ניט געבעטענע און ניט גערופענע, אריינ־גע'גנב'עט זיך אהער אין א פינסטערער נאכט, ווי קאנטראבאנ־דיסטען, און איצט זיינען מיר פון אלע זייטען ארומגערינגעלט פון די, וואס זוכען אונז און יאגען אונז. קיין אויסוועג איז ניטא: סוף כל סוף וועט אונזער משפט קומען, און דער אורטייל איבער אונז וועט דורכגעפירט ווערען. מען וועט פארטיליגען און אומ־ברייגנען.

און מאָדנע איז געווען, וואס קיינער האט גאר ניט געזוכט קיין מיטלען פון פארטיידיגונג, און קיינער האט גאר ניט גע־פרואווט באהאלטען, ווי אין די אלטע צייטען, זיין האב און גוטס. מען איז נאר ארונגעגאנגען אומעטיגע און שווייגענדיגע, ניט קער־נענדיג מיט אפענע אויגען אריינקוקען איינער דעם צווייטען אין זיין פנים. און עס איז געווען אזוי, ווי אלע מענשען וואלטען שולדיגע ארומגעגאנגען, שולדיגע און פארביטערטע, און געשעמט זיך פאר זייער שולד און פאר זייער פארביטערונג.

אלע זיינען מיר געווען, ווי איינער. אלע האבען מיר געטראכט דאס זעלביגע, און געטראגען אין די הערצער דעם זעלבינען טרויער און די זעלביגע מורא פאר דעם אנקומענדיגען טאג. עס איז גע־ווען א פארענטפערונג פאר אונזער טרויער און פאר אונזער מורא, עס איז אבער ניט געווען קיין פארענטפערונג און קיין דערקלערונג פאר אונזער שולדיגקייט.

אימיצער איז, א פארבארגענער, צווישען אונז ארומגעגאנגען. מיר האבען זיין געשטאלט קיין מאל פאר די אויגען ניט געזען — און דאך געוואוסט אז דער אויסדרוק פון זיין געזיכט איז טרויעריג, אז די אויגען זיינע זיינען אויסגעלאשען און אז דער גאנצער איז ער גרוי און פינסטער, ווי א נאכט.

א שווייגענדיגער, ווי מיר אלע, איז ער צווישען אונז ארומגע־

נאנגען, און געטרויערט אונזער טרויער, און געוויינט אויף אונזער צער. אלע האבען געוואוסט, אז ער איז דא, מיט אונז. מיר זיי־נען געווען מיט אים, ווי גלייכע. ניט געזען דעם ווייטאג איינער אין דעם צווייטען, און נאר, פארבארגענע, אין זיך געטראגען, שוויי־גענדיגע, דעם טרויער אין די הערצער און געוויינט א שטילען, א פארבארגענעם געוויין.

און אז דער טאג איז אנגעקומען איז מיט אים אויך אנגעקו־מען דער שרעק פון טויט. דאן איז אין די הערצער ניט געבליבען ניט דער טרויער און ניט דער צער, און נאר די מורא פאר'ן טויט איז אויסגעוואקסען און האט זיך, ווי א גרויסע חיה, אוועקגעשטעלט איבער אלעמען, און האט געשראקען.

דאן איז אויך י ע נ ע ר, וואס איז, א פארבארגענער, מיט אונז ארומגעגאנגען, — מיט אמאל פארשוואונדען.

קיינער האט אים ניט געזוכט, און קיינער האט פון אים גאר ניט גערעדט. פאר אלעמען איז אבער קלאר געווען: פריער איז ער דא מיט אונז געווען און האט אריינגעקוקט מיט טרויער א יעדערען אין אויג, און איצט איז ער ניטא, און איצט איז ער אוועק... עס איז געווען פארדראסיג ווי אויף איינעם, וואס האט אין דער לעצטער רגע, אין דעם וויכטיגסטען מאמענט, גענומען און פארראטען. ער האט אונז פארראטען... אנדערש האט עס טאקע ניט געקאנט זיין. ער האט אונז טאקע פארראטען... אין דער לופ־טען איז געהאנגען, ווי א שילד, אונזער לעצטער, פארטויטליכער פאראורטייל: לינגער! — איז מען ארומגעגאנגען שטילע, ווי בא־טריגענע, יעדערער מיט זיך אליין און געווען מיט אלעמען. ווי פרעמדע און דערווייטערטע.

עס איז שוין ניט געווען צו וועמען צו טאן תפילה, און צו וועמ־מען שיקען אונזער פלוך, ווייל עס איז שוין ניט געבליבען ניט קיין גלויבען און ניט קיין צווייפעל אין די אויסגעמידטע הערצער. דער טויט האט שוין ווי א חיה, ארומגעפויזט אויף זיין בויך, אריינגע־קראכען אין א יעדער הויז און פון דארט ארויס אן אנגעזויפענער, א שיכור'ער און א פארשייטער.

פון גאנץ פרי אז האט זיך עס אנגעהויבען און א גאנצען טאג ניט אויפגעהערט. ערשט ווען די נאכט איז אנגעקומען איז אלץ

שטיל געווארען. צו אונז איז מען אין יענעם טאג נאך ניט געקו־מען. ערגעץ טיף אין הארצען האט געפלאמט א האפנונג: אפשר וועט א נס געשען — און מיר וועלען ניצל ווערען... אפשר... און פון דעם האט זיך צוריקגעקערט דער טרויער און א שווערער אומעט האט געדריקט דאס הארץ.

יענע נאכט האט קיינער ניט געשלאפען. יעדער האט זיך פארקליבען אין א ווינקעל און געוואכט, א שאטענדיגער, איבער זיין לעבען. יעדער האט געוואלט אליין מיט זיך פארבלייבען. פון אלעמען דערווייטערט ווערען און נאך מער און מער פארפרעמדט ווערען.

איך בין אויך געווען אליין.

א שלאפלאזער בין איך ארומגעגאנגען איבער׳ן צימער — היז־און־צוריק און אלץ געטראכט, אז י ע נ ע ר, וואס האט אזוי פארראטען וועט זיך היינט צוריקקערען. ווי קען דער יעניגער, וואס איז מיט אונז אמאל געווען און געוויינט מיט אונז אויף אונזער צער, און געטרויערט אויף אונזער טרויער — ווי קען ער אין אזא נאכט ניט קומען? ווי קען ער אונז אליין פארלאזען, און ניט קו־מען זאגען זיין טרייסט־ווארט? האב איך געווארט: ע ר וועט שטיל און פלוצלונג אז עפענטאן די טיר און אריינקומען, אריינ־קומען און דערשרעקען, אריינקומען און פארוואונדערן, און שוין קיין מאל ניט ארויס. קיין מאל — — — עס האט דאך באדארפט דער סוד אנטפלעקט ווערען און דער גרויסער וואונדער — פא־סירען. איך האב די גאנצע נאכט געווארט, און ערשט גאנץ פרי פארטאג פארשטאנען: די סודות וועלען ניט אנטפלעקט ווערען און די וואונדער וועלען ניט פאסירען, און דאס, וואס דער טאג דארף ברענגען וועט אנקומען — און עס וועט מער ניט זיין קיין אויסוועג און קיין טרייסט.

שפעטער האט די טיר פון צימער מיט א סקריפ זיך שטיל גע־עפענט. אויפ׳ן שוועל איז געשטאנען דער פאטער. איך האב ניט וועלענדיג ארויסגעזאגט:

— ט א ט ע !...

— איך, מיין זוהן... דאס בין איך — — —

איך האָב אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן. דאָס זיינען געווען די אויגן פון יענעם, וועמען איך האָב אַזוי שמערצליך די גאַנצע צייט דערוואַרטעט. די בלוטען זיינען אין מיר געוואָרען קאַלט. איך האָב געזאָגט:

— וואָס ווילסטו, טאַטע?

האָט ער געקוקט אויף מיר אַ ווײַלע — און געווען אַזאַ ווי יענער, וועמעס געשטאַלט איך האָב קיין מאָל ניט געזען — און דאָך געוואוסט, אַז זיין געזיכט איז טרויעריג, אַז די אויגן זיינע זיינען אויסגעלאָשען און דער גאַנצער איז ער גרוי און פינסטער, ווי אַ נאַכט. נאָכדעם האָט ער געזאָגט, אַזוי מאָדנע, ווי אַ שול־דיגער:

— איך וויל... איך וויל...

האָב איך נאָך אַמאָל געזאָגט:

— וואָס ווילסטו, טאַטע?

— קום, מיין זון, איך וועל דיך בענשען...

— בענשען?...

ער קוקט אויף מיר מיט די אויגן און פינטעלט ווי אַ שול־דיגער. נאָכדעם זאָגט ער:

— דו הערסט? מען שרייט שוין... מען שרייט שוין... דו הערסט? עס הויבט זיך שוין ווידער אָן...

איך האָב זיך צוגעהערט. יע, מען האָט געשריען. אימיצער האָט ערגעץ געשריען, ווי אַ געקוילעטער. פאַרוואָס האָב איך ביז איצט ניט געהערט די געשרייען? מען האָט דאָך אַזוי געשריען. האָב איך, אַ קאַלטער, געזאָגט:

— און די העק? האָסטו אָנגעגרייט די העק און די אייזערנע שטאַנגען? מען מוז זיך דאָך פאַרטיידיגען. מען מוז דאָך שלאָגען — אַז זיי וועלען קומען — מוז מען דאָך שלאָגען...

איך זע: דער פאָטער לאַכט אַזוי מאָדנע:

— כי־כי־כי!...

ער האָט בלויז איין לאַך געטאָן, און איך ווייס עס. אָבער מיר דוכט זיך, אַז די גאַנצע וועלט לאַכט אַ בייזען כי־כי־כי!...

— טאַטע, איך בעט דיך, לאַך ניט. לאַך ניט...

שווייגט ער אַ ווײַלע. נאָכדעם נעמט ער אָן מיין קאָפּ אין

זיינע ציטערענדיגע הענט, און בענשט מיך. איך זע: ער וויינט. גרויסע טראָפּענס פאַלען פון זיינע אויגען אויף דער ערד. די לעצ־טע ווערטער פון דער ברכה הילכען, ווי א שלוכצען.

און דאַן ווערט מיר גרינגער. איך גלייך זיך אויס און זאָג:

— וויין ניט, טאַטע, מיר וועלען נעמען העק און אייזענס. מיר וועלען זיך צושטעלען ביי דער טיר און ביי די פענסטער...

איך זע: דער פאָטער לאַכט ווידער מיט דעם זעלביגען כי־כי־כי!... און שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ...

פון מזרח האָט זיך געהויבען א רויטע, א פלאַמענדיגע זון.

ווער ווייס וויפיל צייט עס איז פון דאַן פאַריבער, ווער ווייס וויפיל יאָרען. אפשר א יאָר, און אפשר גאַנצע טויזענט יאָר זיי־נען פון דאַן אַן פאַריבער — און איך בין אלץ דערשראָקען.

איך האָב קיין מורא ניט, און איך ציטער ניט פאַר שרעק. די מוסקולען אויף מיין קערפּער זיינען רואיג און די בלוטען — קאַלט. און דאָך בין איך א דערשראָקענער צום טויט. גיב איך נאָר א טראַכט פון יענעם טאָג, פון י ע נ ע ר ע ר ש ט ע ר ר ג ע, לאָזען זיך אראָפּ די הענט, ווי טויטע, ברעכען זיך אין פּאַראַליז די פיס, און עס שטאַרבען אָפּ אין מיר די בלוטען.

דער פאָטער איז ארומגעגאַנגען איבער׳ן צימער און האָט גע־רעדט:

— קינדער, נאָר מיט גוטען. איך זאָג אייך: מיט שלעכטען וועט נאָך ערגער זיין. קינדער, נאָר מיט גוטען... אז זיי וועלען קומען, זאָג איך אייך, וועל איך זיך אוועקשטעלען אָט־אַ־דאָ, אנט־קעגען זיי, און וועל זיי זאָגען: ברידער, נעמט אייך אלץ, אלץ, וואס איז דאָ אין הויז איז אייערס. נעמט עס צו און גייט בשלום... איך וועל זיי ניט אָפּנאַרען, און איך וועל זיי ניט ליינען און ניט באַ־האַלטען פון זיי קיין זאַך. אלץ וועל איך זיי אוועקגעבען, קיין ברעקעל וועל איך פאַר זיך ניט איבערלאָזען.

ער איז אזוי ארומגעגאַנגען איבער׳ן צימער לאַנג און פאַר־עקשנ׳ט. זיין פּנים איז געווען אויפגערעגט. די אויגען זיינען אומ־רואיג ארומגעלאָפען פון איין געגענשטאַנד צום צווייטען, אבער אין די אויגען פון די אַנווענדיגע האָט ער עפּעס ווי ניט געקענט

ארײַנקוקען. ער האָט ניט אויפגעהערט צו זאָגען אַלץ דאָס זעל־בינע:

— קינדער, נאָר מיט גוטען. מיט שלעכטען וועט נאָך ערגער זײַן. אַז זײ וועלען קומען — גיט אַוועק אַלץ. גיט זײ אַוועק דאָס געלט, די זילבער, די צירונג, אַז רייך גיט אַוועק... אַלץ גיט אַוועק... שטעלט זיך ניט אנטקעגען. זײ וועלען אַרײַן, וועלען מיר זײ זאָגען: ברידער, אָט האָט איר אַלץ, נעמט, אַלץ איז אײַערס, אַלץ... נאָר מיט גוטען... איר הערט?

עס איז דאָך געווען אַזוי פּשוט: זײ וועלען קומען, און מיר וועלען זײ באַגעגענען, ווי ברידער, אַוועקגעבען זײ אַלץ — און בלײַבען לעבען... און בלײַבען לעבען... עס איז געווען אַ טרויעריג אַ פריילִיך אויפ'ן האַרצען. אַלע זײַנען מיר געווען אין אײנעם: דער פאַטער, די מוטער, מײַן ברודער צבי־הירש, מײַן שוועסטער רחל און איך... אַלע אינאײנעם. אַלע וועלען מיר זאָגען: נעמט אַוועק אונזער האָב און גוטס, נאָר לאָזט אונז לעבען. מיר ווילען לעבען... עס איז געווען אַזוי פּשוט. ווי האָט מען דאָס פריער ניט געוואוסט? עס האָט זיך געוואָלט קושען דעם אַלטען טאַטען פאַר דעם גליקליכען געדאַנק.

און זײ זײַנען געקומען. זײ זײַנען אַרײַן אין הויז ווי גוטע, וואוילע מענשען. די פרייד פון זוניגען פרימאָרגען האָט זיך גע־שפּילט אין די בלויע גוטע אויגען, און אַ ליכטיגקייט, אַ פריידיג־קייט פון טאָג, פון זון און בלויע הימלען האָט געשטראַלט פון די געזיכטער. אַלע יונגע, אַלע שטאַרקע, אַלע גוטע זײַנען זײ אַרײַן אין אונזער הויז מיט אַ גוט־מאָרגען.

מאָדנע: נאָר פינף זײַנען זײ אַרײַן אין הויז — און דאָס הויז איז פול געוואָרען, ווי גאַנצע מחנות וואָלטען זיך אַרײַנגערוקט.

„זײ וועלען אונז ניט רירען; זײ זײַנען גוטע מענשען“. אַזוי האָט יעדערער געטראַכט, אַ פריידיגער און אַ דערלייכטערטער.

שוין אַ זיכערער, האָט זײ דער פאַטער געבעטען זיצען. האָט זיך אײנער באַלד אַוועקגעזעצט אויפ'ן ברעג פון שטול, האָט אַרײַנ־געקוקט אונז אַלעמען באַזונדער אין די אויגען און האָט קאַלט גע־זאָגט:

— נו, אָט זײַנען מיר געקומען!...

ער האט געזאגט — און א בייזער שמייכעל האט זיך גלייך צוגאסען איבער זיינע באקען און פארלארען זיך אין זיינע לאנגע שטייפע וואנצען. אין הויז האט אלץ מיט אמאל זיך שטארק א ריר געטאן, און גלייך געבליבען שטיין... אונזערע בליקען האבען זיך אווארף געטאן אנטקעגען י ע נ ע מ ס אויגען, און ערשט דאן האבען מיר דערזען א מיאוס'ען, א ברייטען פנים, מיט א רויטער, טעמפער קיז־באק, מיט שארפע, שפיציגע און חוצפה'דיגע אויגען.

דאן האט דער פאטער געזאגט:

— נעמט אלץ. אלץ איז אייערס... אט זיינען די שליסלען, אט איז מיין האב און גוטס... אלץ, אלץ...

איינער פון זיי האט אויסגעשריען:

— אהא! האסט מורא!...

אלע האבען זיך צולאכט מיט א פריי'ליכען געלעכטער.

אבער יענע רגע, יענע ערשטע רגע איז נאך ניט אנגעקומען. מיט פארדריקטע הערצער האבען מיר געווארט. ניט געשראקען זיך, און נאר געווארט ביז דאס, וואס איז ניט קלאר, זאל קלארער ווע־רען. נאכדעם האט יענער, וואס מיט די לאנגע שטייפע וואנצען א זאג געטאן:

— איר האט אונזער יעזוסען פארפייניגט...

ער האט געזאגט, און די איבעריגע האבען מיט רציחה אין די אויגען אויך גענומען ריידען:

— קריסטוס — פארקויפער!...

— פאר דרייסיג זילבער־שטיק פארקויפט!...

— מען דארף אייך אלעמען אויסקוילען און אומברייינגען!...

— טויט די אידען!...

און אלע זיינען זיי געווארען אנדערע. א רויטע גבורה האט א שפראץ געטאן פון זייערע געזיכטער און האט א ברען געטאן אין אונז א יעדען אבר, און אנגעפלאמט א יעדען נערוו מיט רעגונג. זיינען מיר געשטאנען צווישען זיי, ווי שאף צווישען וועלף, וואס האבען נאך ניט אנגעהויבען צו פארצוקען, און אלץ נאך ניט גע־וואוסט און ניט געוועזען נאך קלאר און זיכער — וואס די קומענ־דיגע רגע וועט אונז ברייינגען. שטיל און אונטערטעניג, ווי גע־ליימטע, זיינען מיר געשטאנען און געווארט. יעדע רגע האט זיך,

ווי אן אייביגקייט, געצויגנע. דעם פאטערס פנים איז געווארען בלייך, און רויט, און שווארץ, און די אויגען האבען שנעל געפינטעלט, ווי געזוכט עפעס ארום. ער האט געוואלט זיי עפעס זאגען, ערקלערען זיי דעם ליגען, וואס זיי האבען אויף זיין קאפ מיט זייערע ווערטער ארויפגעווארפען באליידיגענדיג און בייז, ער האט אבער אפגעשוויגען. נאכדעם האט ער מיט א ציטערענדיגער שטימע געזאגט:

— וואס ווילט איר, ברידער?...

יע. ער האט געזאגט: וואס ווילט איר, ברידער? און די ווערטער זיינע זיינען שוין אויף אייביג, לעבעדיגע, געבליבען הענגען אין דער לופטען. „וואס ווילט איר, ברידער?...“ — און די רגע איז שוין אנגעקומען...

דאן האב איך דערפילט: עס האבען זיך ביי מיר די הענט אראפגעלאזען, עס האבען זיך אונטערגעבראכען אין פאראליז די פיס, און די בלוטען זיינע קאלט געווארען... און איך האב דערזען: זיי זיינען שוין געווען ניט די: די פרייד פון זוניגקייט איז פון די אויגען זייערע פארשוואונדען, און א גרויער נעבעל האט פארצויגען זייער בליק. א קאלטע, שווערע בלייכקייט האט באדעקט די פנים׳ער די אנגע׳ברוגז׳טע, און ווידער האט יענער, וואס מיט די לאנגע שטייפע וואנצען דער ערשטער א געשריי געטאן:

— טויט די אידען! הרג׳ע אים, דעם אלטען...

ער איז אויפגעשפרונגען מיט רציחה און האט דער ערשטער א שטויס געטאן דעם פאטער אין ברוסט — און גענומען ווארפען צום דיל... איין רגע האט עס נאר געדויערט. און איידער איך האב צייט געהאט א ריר צו טאן זיך, בין איך א פארבלוטיגטער געפאלען צום דיל. ערשט דאן האב איך דערזען דאס גאנצע הויזגעזינד: דעם קליינעם ברודערל צבי־הירשען, און מיין אלטע מוטער — לאה, מיט פארבראכענע און ציטערענדיגע הענט, און מיין שוועסטער רחל, א טויט־בלאסע אויפ׳ן שוועל פון צווייטען צימער. זי איז געשטאנען שטום — דערשראקען, מיט אראפגעלאזטע הענט און קוים געהאלטען זיך אויף אירע פיס. זיי האב איך שוין ניט געזען, און ניט געפילט די קלעפ, וואס זיינען שווער געפאלען אויף מיין קערפער, און נאר געווארט ביז, א טויטער, וועל

איך ניט זען דער מוטערס הענט, פארבראכענע אין גרויל, און ניט זען דער שוועסטערס אויגען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

...איך ווייס ניט וויפיל איך בין אפגעלעגען טויט — אפשר א שעה, און אפשר א מעת־לעת, נאר איך ווייס: עס איז געווען א ליכטיגער פרימארגען ווען איך האב מיינע אויגען עטוואס אויפ־געעפענט. איך האב גאר נישט ניט געקענט פארשטיין. און ערשט אין א צייט ארום האב איך גאר אומערווארטעט פאר זיך אליין געפרואווט א ריר טאן מיט א האנט. א שטארקער ווייטאג האט א ריס געטאן א יעדען אבר, געבראכט מיך אויף אז אויגען־בליק צום זינען — און גלייך פארלאשען דאס באוואוסטזיין, ווי א ליכט. און ווען איך האב נאך א מאל די אויגען געעפענט האב איך שוין עפעס ווי פארשטאנען. א ווילדע אימה האט א קלאפ געטאן אין קאפ, און נאך אמאל געוואלט מיין מארך פארלעשען. דער קאפ איז שווער געווען און פינסטער ווי א נאכט. די אויגען האבען, ברייט געעפענטע, געקוקט, געקוקט און גארנישט ניט געזען. אין די אויערען האט געקלונגען:

— איהר האט אונזער יעזוסען פארפייניגט... קריסטוס־פאר־קויפער... יעזוסען פארפייניגט... יעזוסען... יעזוסען...

איך האב זיך געפרואווט דערמאנען: ווער איז יעזוס? ווער איז יעזוס?...

ניט געקענט דערמאנען זיך. מיין הארץ איז געווען פול מיט בענקשאפט. א גאנצער טרערען־שטראם האט א שפאר געטאן צום האלז און שטארק געווארגען:

— יעזוסען פארפייניגט... א, גאט! ווער האט יעזוסען פאר־פייניגט?... פארוואס האט מען יעזוסען פארפייניגט?!...

פון די אויגען האבען זיך גענומען גיסען טרערען. האב איך גלייך באגריפען: — איך וויין...

פארוואס וויין איך?

און נאכדעם:

— וואס ווילט איר, ברידער?... וואס ווילט איר, ברידער?...

און שפעטער:

— מיין פאטער.
און נאך שפעטער:
— די מוטער, דער ברודער, די שוועסטער.
די בילדער זיינען געקראכען לאנגזאם, געווען פארצויגען מיט א נעבעל, האבען זיך באוויזען און פארשוואונדען, באוויזען און פארשוואונדען, און האבען ניט געשראקען. —
איך האב געוואלט זאגען:
— טאטע!
איך האב אפשר געזאגט עטליכע מאל:
— טאטע, טאטע, טאטע!...
אבער איך האב ניט געהערט מיין שטימע. נאכדעם, ווייס איך שוין, איך האב גערופען עטליכע מאל די מוטער:
— מאמע, מאמע, מאמע!...
מיר האט זיך געדוכט, אז איך הער מיין שטימע. און נאכדעם האב איך געוואלט רופען מיין שוועסטער. ווי רופט מען די שוועסטער? ווי האט מען זי גערופען, מיין שוועסטער?... איך האב זיך גאר ניט געקענט דערמאנען... ווידער האט א בענקשאפט אנגעהויבען מיין הארץ צוזאמענדריקען. איך האב זיך נאך אמאל געפרואווט א ריר טאן. א שטארקער ווייטאג האט א ריס געטאן דעם גאנצען קערפער. אבער דעם באוואוסטזיין האב איך ניט פארלארען. האב איך זיך דער גאנצער אנגעשטרענגט, א קער געטאן זיך און געבליבען ליגען, א באוואוסטלאזער, אויפ'ן רוקען...
ווי לאנג עס האט גענומען ביז איך בין געקומען צו זיך ווייס איך ניט. נאר עפעס גאר פלוצלונג האב איך דערזען דעם פאטער, א הענגענדיגען אויפ'ן וואנט, מיט צוגענגעלטע הענט, א געקרייציגטען. זיין פנים איז געווען באדעקט מיט וואונדען, א האלבע בארד ארויסגעריסען, און דער גאנצער איז ער עפעס מאדנע קליין געווען און מאגער. די האלב-צוריסענע, צוקנייטשטע און פארפלעקטע קליידער זיינען אומגעלומפערט ארפגעהאנגען, ווי פון א סקעלעט.
מאדנע: איך האב זיך ניט דערשראקען, אזוי ווי איך וואלט דעם בילד פון לאנג געזען. איך האב זיך דערמאנט: עס איז ארויסגעשוואומען דאס בילד, ווער ווייס ווי לאנג געזען — אפשר

א שעה און אפשר גאנצע טויזענט יאר צוריק:

ער שטייט, דער פאטער, מיט א פנים, וואס איז בלאס, און רויט און שווארץ, שטייט און פינטעלט מיט די אויגען, און וויל עפעס זאגען — און קען ניט... אז אימה כאפט מיך ארום און צינדט א יעדען נערוו אין א דעליריאום פייער... דער פאטער זאגט מיט א ציטערענדיגער שטימע:

— וואס ווילט איר, ברידער?...

און ווער ווייס וויפיל מאל דער פאטער זאגט עס מיט דער זעלביגער ציטערענדיגער שטימע: וואס ווילט איר, ברידער?...

אבער אליין דאס בילד אנטקעגען די אויגען שרעקט ניט. דער פארפייניגטער, געקרייציגטער פאטער אויף דער וואנט האט ניט געשראקען — האט עס באדארפט זיין אזוי. האט עס באדארפט זיין אזוי... אנדערש האט עס ניט געקענט זיין. —

אזוי בין איך געלעגען מיט אפענע אויגען לאנגע שעה'ן. גע־לעגען און ניט געקענט זיך רירען, און אפשר ניט געוואלט זיך רירען. — געווען א מאכטלאזער, און ניט געקענט באגרייפען מיט דעם שוואכען מארך די וועלט וואס איז געווען ארום. געווען, ווי א קינד. עס האט זיך געוואלט וויינען, צוזאמענקנייטשען, פאר־קרימען דעם פנים, ווי א ניי־געבארענע קינד, און וויינען.

נאכדעם בין איך, אז אויסגעמאטערטער, אריינגעפאלען אין א שלאף; אז איך האב זיך אויפגעכאפט האב איך נאך לאנג ניט געקענט קומען צו זיך. ערשט שפעטער האט דער מארך, ווי דורך א נעבעל, מיר געבראכט א יעדען בילד באזונדער און דערקלערט:

איך ליג צווישען טויטע, אויפ'ן דיל, און קיינער ווייס ניט. און אזוי וועל איך שוין אייביג ליגען און קיינער וועט ניט וויסען... און דאס איז מיין פאטער, אויף דער וואנט, אנטקעגען... דאס הארץ האט ווידער פארקלעמט ביז ווייטאג. א שטראם פון טרערען האט פארגאסען די אויגען־לעבער. די טרערען זיינען שוין געבליבען אויף די אויגען און האבען זיך ניט געקענט אראפגיסען, און ווען זיי האבען אליין פון זיך, אויסגעטריקענט, האב איך דערזען די וואנט־שאטענס, וואס האבען זיך געדרוקט אויף אונזער הויז. א שווערער אומעט האט זיך מיט די שאטענס אויף מיין נשמה אנגעדרוקט און מיט אים — אז אימה.

איך האב פארשטאנען: די נאכט איז אנגעקומען. איך האב געטראכט: איך וועל שוין אט אזוי, אין דער פינסטערניש פון נאכט אויף אייביג בלייבען ליגען — און קיינער וועט ניט וויסען... איך וועל שטארבען — און קיינער וועט ניט וויסען...

מיט אמאל האב איך דערפילט: מיינע ליפען און מיין גומען זיינען טרוקען. עס ווילט זיך וואסער. ווען אימיצער וואלט צו מיינע ליפען צוגעטראגען אביסעל וואסער, וואלט איך נאך געקענט לעבען... און אפשר וואלט איך דאן געקענט זיך אויפהויבען און אנטלויפען... אך, אנטלויפען, אנטלויפען... איך מוז אנטלויפען...

איך האב געפרואווט אויפהויבען מיין רעכטע האנט. זי האט זיך ניט גערירט — נאר שטארק ווי געטאן. נאכדעם — די לינקע, — דאס זעלביגע. נאכדעם די פיס. האבען זיך די פיס, ווי צוגע־שמידטע צום דיל זיך ניט גערירט — און נאר א שארפער נערוועז־ציטער האט געשטראמט פון די שפיצען פון די פיס־פינגער צום שארבען... דאן האב איך אלץ פארשטאנען:

עס איז שוין ניט געווען קיין אבר, וואס איז גאנץ געבליבען. מיינע פיס און מיינע הענט, און די ריפען, און א יעדער ביין וואס האט זיך נאר געקענט צוברעכען איז געווען צובראכען. — האב איך געטראכט:

איך וועל שטארבען. איך וועל זיכער שטארבען. —

אבער איך האב מורא, — וועל איך צומאכען די אויגען און תפילה טאן צו גאט. איך וועל צו אים רופען — ווייל איך האב מורא צו בלייבען דא אליין אין דער פינסטער אוןווארטען אויף דעם טויט. איך האב מורא צו שטארבען. — האב איך געפרואווט זאגען:

— גאט. —

איך האב צום ערשטען מאל דערהערט מיין שטימע. זי האט זיך צו מיר דערטראגען, ווי פון ווייטען, שוואך און נעבעלדיג, אזוי, ווי ניט איך אליין וואלט דאס ווארט געזאגט, נאר דער פאטער אויף דער וואנט וואלט שטיל ארויסגעזאגט:

— גאט. —

מער האב איך שוין ניט געקענט זאגען. מער איז שוין ניט

געווען קיין כחות. אין א ווײַלע ארום האב איך אבער נאך אמאל געפרואווט אויסרופען:

— גאט, גאט, גאט!...

דריי מאל. און אלע דריי מאל האב איך געהערט ווי דער פאטער פון דער וואנט האט מיט א טעמפער, נעבעלדיגער שטימע, קוים הערבאר, מיט א לאנגען אפשטעל, אויסגערופען: גאט, גאט, גאט!...

צווישען יעדען ווארט איז אפשר אן אייביגקייט פארלאפען. איך האב אבער געהערט דריי מאל: גאט, גאט, גאט!...

איך האב מיט פארדראס געטראכט: וואס וויל פון מיר דער אלטער, דארטען, אויפ'ן וואנט? פארוואס רעדט ער מײַנע רייד — פארוואס? און אפשר איז ער — איך? אפשר הענג איך עס אויף דער וואנט, אן אומגעלומפערטער, א צוגענגעלטער סקעלעט אין ברייטע קליידער — און איך ווייס גאר ניט, אז דאס בין איך?

ווער בין איך?

וואס בין איך?

וואו בין איך?...

און ווי זאל איך תפילה טאן צו גאט? ווי ווערט גאט מײַן שטימע הערען? אפשר איז — דער סוף פון דער וועלט? אפשר וועל איך אייביג ליגען דא, אין דער פינסטער און רופען צו גאט און ניט הערען מײַן אייגענעם געשריי?

דאס הארץ האט געקלעמט. אלע האבען מיך פארלאזען אליין. ערגעץ — איך ווייס ניט וואו, אלע... אפילו די מאמע, מײַן גוטע מאמע, מײַן שוועסטער, מײַן שוועסטער... ווי האט מען זי גע־רופען?...

די מורא איז געוואקסען און געווארען גרעסער. עס איז שוין ניט געווען קיין גרעניץ צו דעם שרעק וואס האט ארומגעכאפט דעם גאנצען וועזען, — און אזוי א שעה און צוויי, און דריי...

און נאכדעם גאר פלוצלונג, האב איך, ווי דורך א נעפיל, דער־זען אלץ ארום: די וואנט, מיט דעם פאטער און דעם באלקען. און נאך האב איך דערזען: אימיצער אין שווארצען האט זיך ארײַנגעשארט אין הויז, צוגעגאנגען צום וואנט, וואו עס הענגט דער פאטער און קוקט א ווײַלע אויף דעם צוגענגעלטען, פארוועלק־

טען קערפער, לאזט זיך אראפ צום דיל, און וויינט, און וויינט... נאכדעם איז געקומען נאך איינער; און נאך איינער... זיי קומען אריין און גייען ארויס... זיי קוקען, שטעלען זיך אין רייען, בוקען זיך, און געהען ארויס פון צימער. אלע שטילע, אלע שווייגענדיגע, ווי איינער, שאטענדיגע, גייען זיי אריין און שארען זיך ארויס ווי שאטענס.

און פלוצלונג זע איך איינעם. בלויז איינער איז פארבליבען. איך קוק זיך צו: ער איז פארבלוטיגט. פון זיינע טיפע אויגען קוקט דער טויט. איך האב אים עפעס ווי דערקאנט. איך האב שוין אים ערגעץ וואו געזען. וואו האב איך אים געזען?... איך האב געוואלט זאגען: — ווער ביזטו? — און ניט געקענט.

ער האט א ווייל׳ע געקוקט אויף מיר, האט זיך אומגעקערט צום הענגענדיגען פאטער און האט גענומען קושען זיינע פיס און דעם זוים פון זיין שמוציגער אין בלוט־פארפלעקטער פאלע. נאכדעם האט ער גענומען טענה׳ן:

— אך, זיי האבען דיך פארפייניגט, פאטער מיינער... זיי האבען דיך פארפייניגט — און איך בין ניט געקומען דיר צו הילף, און איך בין ניט געקומען אנשטאט דיר און ניט געלאזען זיך אויף דער שטריק ארויפציען, און צונעגלען צום וואנט מיינע פארקרייצטע הענט... פאטער מיינער! פאטער מיינער!... שטראף און פאר־שילט מיט דיין פאטער־קללה! פאר׳סם אין מיר דאס לעצטע ביסעל בלוט, וואס האט פון מיינע אדערן קיין צייט נאך ניט געהאט ארויסצורינען... פאטער מיינער, פאטער מיינער!...

נאכדעם האב איך דערהערט מיין פאטערס שטימע:

— ליגנער!...

יע, דאס האט דער פאטער געזאגט:

— ליגנער!...

מיין הארץ האט זיך אויף א רגע אפגעשטעלט און שיער ניט געפלאצט. דער, וואס איז געשטאנען קעגען פאטער האט זיך א שאקעל געטאן, און איז געבליבען שטיין אויף אן ארט. —

איך ווייס ניט ביז איצט פארוואס מיין הארץ האט דאן ניט געפלאצט. עס האט דאך באדארפט פלאצען. — עס האט דאך באַ־דארפט פלאצען!... וואלט איך כאטש געקענט זיך רירען וואלט

איך זיכער זיך געטויט פאר דעם טויטען פנים פון דעם פאטער. וואלט איך כאטש געקענט א ריר טאן מיט אן אבר, וואלט איך זיכער מיט'ן קאפ ניט אויפגעהערט צו קלאפען אן דעם הארטען דיל, ביז דער שארבען וואלט צופאלען ווערען, ווי א שערבעל. און אפשר וואלט איך מיט מיינע הענט דעם צונג פון האלז ארויסגע־ריסען... ווער ווייס — וואס איך וואלט געטאן? אבער איך האב דאך ניט געקענט זיך רירען, האב איך גאר ניט וויסענדיג און גאר ניט באגרייפענדיג וואס איך טו — גענומען שרייען דעם כאאטי־שען, דעם אומבאגרייפליכען געשריי פון שרעק און טויט...

דעם געשריי האט איך ניט געהערט, אבער איך האב געוואוסט: איך שריי. מיינע אויגען האבען זיך געריסען פון די ארביטען, דער אטעם האט געשטיקט, און איבער דעם אנגעווייטאגטען שאר־בען האבען שווערע האמערען געקלאפט און פארטונקעלט דאס בא־וואוסטזיין. — נאך איין רגע — און איך וועל ניט קאנען שרייען... אט באלד וועלען פלאצען מיינע לונגען, און עס וועלען ארויסשפרינ־גען פון די אויגען־לעכער מיינע אויגען, און דער ווייטאגדיגער שארבען וועט צופאלען, ווי א טאפ א ליימענער, אבער שרייען וועל איך ניט אויפהערען. איך וועל שרייען דעם געשריי פון טויט און מורא. — איך וועל שרייען. —

איך געדיינק ניט ווען און ווי איך בין אנשוויגען געווארען. איך בין אפשר א ווײַלע געווען טויט, איידער איך בין געקומען צו זיך. עפעס האט ארום מיר פאסירט. איך האב ניט פארשטאנען וואס — אבער עפעס האט פאסירט. איך האב געפילט: איך בין דא ניט אליין. אימיצער איז מיט מיר געווען. א טעמפער קלאפען האט אין קאפ מיט ווייטאג אנגערירט מיין מארך. מיינע אויגען זיינען געווען נאך צוגעמאכט.

— ברוך...

און ווידער אן אייביגקייט פון שווייגען.

— ברוך, ברוך, ברוך!...

וואס איז דאס — ברוך? ווער רופט עס — ברוך? אפשר דער, וואס איז אויף דער וואנט? ווי זאל איך ענטפערן? זאג איך אויך:

— ברוך!

אבער איך ווייס נים וואס דאס איז — ברוך. אפשר איז ברוך יענגער? דער, וואס איז געקומען א פארבלוטיגטער און געקוששט דעם פאטערס פאלע?... און ווידער האב איך זיך געוואלט דער־מאנען: וואו האב איך אים געזען? ווער איז ער? ווער איז ער?...
און ווידער:
— ברוך! ברוך!...
איך האב זיך דערמאנט: — ברוך — דאס בין איך!... איך בין ברוך. ווי האב איך עס נים געוואוסט?... איך בין געווען גליקליך צו וויסען, אז איך בין ברוך. עס איז געווען אזוי ווי אימיצער וואלט געבראכט א גוטע בשורה, א דערלייזונג — ברוך...
איך האב צוגעמאכט די אויגען און נאכדעם ווידער אויפגע־עפענט — און ערשט דאן פארשטאנען נאך אמאל: ארום איז פינ־סטער, און איך בין אין צענטר פון דער פינסטערניש, אבער איך בין נים אליין: איך בין — איך און ברוך — ברוך און איך...
א ליכט האט ווי א שטארקער וואסער־שטראם א קלאפ געטאן אין פנים, אין די אויגען און פארנעבעלט אלץ ארום. נאכדעם האב איך דערזען א שאטען, נאך א שאטען, וואס האט זיך מאדנע איבער מיר געוויגט, געבויגען זיך און געשריען:
— ברוך, ברוך!...
איך האב פארשטאנען: מען דארף ענטפערן. איך האב געזאגט:
— ברוך...
דאס מאל האב איך דייטליך געהערט מיין שטימע. א גרויסע פרייד האט ארומגענומען מיין הארץ פון דעם, וואס איך הער מיין שטימע אזוי דייטליך, האב איך שוין, ווי א פאר'שיכור'טער, אין וואנזין, מיט ספאזמען און מיט פיענע אויף די ליפען, געשריען אז אן אויפהער:
— ברוך, ברוך, ברוך!...

דאס איז געווען מיין שוועסטער רחל. זי איז געשטאנען אן איבערגעבויגענע איבער מיר. איך האב זי דערקאנט — מיין שוועסטער.
עס איז נאך געווען נאכט. קענען די אויגען האט געברענט

די לאמפ — אזוי ווי נעכטען און מיט א יאר צוריק. (מאדנע: די לאמפ האבען זיי דאן ניט צובראכען) אויף דער וואנט איז נאך געהאנגען א צוגענעגעלטער, דער פאטער. איך האב געזאגט:

— נעם אראפ דעם טאטען... נעם אראפ דעם טאטען!...

און אפשר האב איך עס נאך געוואלט זאגען, ווייל מיין שטימע האב איך סיי ווי סיי ניט געהערט, — און אויך זי האט ניט גע־ענטפערט. איך האב אבער דייטליך געהערט ווי זי שרייט מיר אין פנים:

— ברוך, דו לעבסט... ברוך!...

איך האב דאן באגריפען: איך לעב. —

ארום איז מער נאך ניט געווען. מיין וועלט איז איצט געווען — רחל און איך. די אויגען האבען איבער זיך געזען דעם בלייכען פנים מיט די שווארצע בייזע אויגען, מיין שוועסטער רחל'ס אויגען — און מער גאר ניט. איך האב איצט גוט געזען איר פנים. איך האב געוואוסט: דאס איז מיין שוועסטער רחל, און דאך האט עפעס פרעמדעס ארויסגעקוקט פון איר פנים. זי האט אויסגעקוקט ווי די מוטער אין יענער לעצטער רגע... איך האב זיך דערמאנט אן דער מוטער. איך האב געפרעגט:

— און וואו איז די מאמע?

זי האט א בייזען קוק געטאן אויף מיר און האט געשוויגען.

האב איך נאך אמאל געזאגט:

— וואו איז די מאמע?

האט זי ווידער ניט געענטפערט. האב איך א דריטען מאל געזאגט:

— וואו איז די מאמע, זאג?

איר פנים האט ווי א הארטער בייזער פויסט געשטעקט אנט־קעגען מיינע אויגען. די מוסקולען פון איר פנים האבען זיך געוואר־פען, האבען זיך געצויגען אין קאנוואולסיעס, אבער די אויגען, די בייזע אויגען האבען ניט געפינטעלט און האבען אלץ געקוקט דער־שראקען, אבער קאלט. די ליפען האבען לייכט געציטערט, אבער צוגעשלאסענע, האבען זיי זיך ניט געעפענט.

א ווילדער כעס האט אנגעצונדען מיין בלוט. א ווילדע לוסט האט מיך געצויגען צו איר פנים. עס האט זיך געוואלט איינגראב־

לען אין אים מיט שארפע נעגעל, און בייסען מיט די ציין, און שרייען נאך אמאל ווילד און משונה'דיג... שרייען, שרייען... א קאלטער שווייס האט באגאסען מיין קערפער.

נאכדעם איז מיין כעס פאריבער. א פארדראס, א בענקשאפט האט גענומען נאגען דאס הארץ. איך האב גענומען וויינען. דורך טרערען האב איך ניט אויפגעהערט צו טענה'ן:

— רחל, טייערע, זאג, וואו איז די מאמע? מיר האבען דאך געהאט א מאמע?... מיר האבען דאך געהאט. — — — — — —

אזוי האב איך זיך ביי איר געבעטען און געוויינט מיט צוגע־מאכטע אויגען. און אז איך האב זיי צוריק געעפענט האב איך געזען: רחל שטייט אן א זייט פון מיר און רייסט, רייסט די האר פון קאפ. אירע אויגען זיינען פארלאפען מיט בלוט, דאס מויל אויסגעקרימט, די אדערען אויפ'ן שטערען אנגעצויגען — און זי שטייט און רייסט די פארפלאנטערטע, צושויבערטע האר — און שרייט. און שרייט מיר אין פנים:

— דו הערסט — מען האט זיי אלעמען דער'הרג'עט, אלעמען־! דו הערסט, ברוך, מען האט אלעמען דער'הרג'ט: דעם טאטען, די מאמען, צבי־הרשען, און דיך...

— מיך? —

— יע, דיך, דיך.—

— און דו? און דו?...

זי האט א ברען געטאן מיין מארך מיט אירע בייזע אויגען, אפגעטראטען אן א זייט און גענומען מיט רציחה קלאפען זיך אין קאפ מיט אירע דארע פויסטען, און נאכדעם, רייסען הויפענס שווארצע האר. גאט מיינער, וואס האט זי געטאן מיט אירע האר? זי האט זיי געווארפען צום דיל און זיי געטראטען מיט א ווילדען פלוכען:

— אט.. אט.. אט!..

און עס איז געווען אזוי מאדנע גוט פון דעם, וואס זי שטייט קעגען מיר און שלאגט זיך אין קאפ, און רייסט די האר — אזוי גוט, אזוי גוט... טרערען האבען זיך מיר געשטעלט אין די אויגען. און זי איז אליין געשטאנען און געריסען אירע האר. איר קלייד איז גע־ווען צוריסען און האט אויפגעדעקט די דארע פלייצעס און די

קליינע, כמעט קינדישע בריסט, צודראפעטע און באדעקטע מיט בלויע פלעקען האבען זיי זיך געוואָרפען און געציטערט פון אירע ווילדע, שכור'ע באוועגונגען. —

איך האב געטראַכט: ווען איך וואלט קענען אזוי, ווי זי, שטע־לען זיך און רייסען זיך די האר פון קאפּ, און שרייען פון ווייטאג, וואלט איך דאך אויף מיין קאפּ, קיין האר קיין איינציגע ניט איבער־געלאזען, איך וואלט דאך אן וואנט מיין שארבען, ווי א טאפּ צו־שפּאלטען, איך וואלט די הענט מיינע צוביסען. — איך וואלט זיך אליין דעם גאנצען, גליך נאך גליד, ווי א הונגעריגער הונט, אויפ־געפרעסען. —

איך האב זי א רוף געטאן:

— רחל! —

זי האט זיך ניט אומגעקערט צו מיר, און אפשר האט זי ניט געהערט מיין שטימע, האב איך נאך אמאל גערופען:

— רחל!..

דאס מאל האט זי דערהערט. איך האב געזאגט:

— קום צו מיר. —

זי איז צוגעגאנגען, האט זיך איבערגעבויגען איבער מיר און האט געזאגט:

— דו לעבסט נאך?.. פאר וואס שטארבסטו ניט? הא? פאר וואס שטארבסטו ניט?!... דו הערסט: — שטארב, שטארב!..

דער אטעם האט מיר פערבאפּט פון אירע ווערטער, אזוי ווי שטארקע הענט וואלטען מיך אנגעכאפּטביים גארגעל און געווארגען. איך האב געזאגט:

— איך וויל ניט שטארבען.—

— אבער דו מוזט שטארבען.. זעסט? דער טאטע, די מאמע און צבי־הירש — אלע זיינען שוין טויט, און דו לעבסט... שטארב. איך וועל אויך שטארבען...

— איך וויל ניט שטארבען.. גיב מיר דיין האנט. איך וויל זי א קוש טאן.. איך וויל דיין האנט קושען.

— פאר'ן טויט? דו ווילסט פארן טויט קושען מיין האנט?

אירע אויגען האבען זיך אנגעצונדען מיט א פייער פון צופרי־דענקייט. זי האט צוגעטראגען איר דארע, מיט בלוט פארשמירטע

האַנט צו מיינע ליפּען. איך האָב זיך קאַנוואולסיוו אַ צי געטאָן מיט מייטנע ציין — און איינגעביסען טיף, טיף ביז די שוואַכע ביינער האָבען אָנגעהויבען כרושטשען — — —

עס האָט געדויערט אַ לאַנגע רגע — און אַ שטראָם פון בלוט האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון דער וואונד איבער מיין מויל און פּנים און ערשט דאַן, האָט זי מיט אַ געשריי אַרויסגעריסען די האַנט, אָפּגעשפּרונגען אַן אַ זייט, אַ כאַפּ געטאָן עפּעס — אַ צוּבראָכענעם ביינקעל אָדער עפּעס אַנדערש, און האָט עס שווער אַראָפּגעלאָזען איבער מיין קאָפּ..

— — — — — — — — — — — — — — — —

II.

פון קבר.

דאָס איז געווען אין האָספּיטאַל, אויף דעם דריטען טאָג נאָך מיין קומען צו זיך. (מען זאָגט, איך בין אַ גאַנצע וואָך געלעגען אַ באַוואוסטלאָזער, און קיינער פון די דאָקטוירים האָט זיך ניט גע־ריכט, אַז איך וועל קומען צו זיך). איך בין נאָך געווען שוואַך, נאָך ניט אין גאַנצען געווען אויף דער וועלט. מיין ווילען האָט זיך נאָך אַלץ געוואַקעלט אין דעם אויסוואַל: די וועלט אָדער יענע, פון וועל־כער איך בין ערשט געקומען. איך בין געשטאַנען ביים גרענעץ פון צוויי וועלטען, און ניט געוואוסט וואוהין צו מאַכען דעם ערשטען טראָט..

אַרום מיר זיינען געווען בעטען מיט אַ סך קראַנקע, אַלע קראַנקע פון דעם לעצטען פּאָגראָם. איך פלעג זיך צייטענווייז אַרומקוקען און זען זייערע פּנים'ער. עס האָט זיך געדוכט: אַלץ באַקאַנטע פּנים'ער, אָבער ווער זיינען זיי האָב איך קיינמאָל ניט דערגאַנגען, איך פלעג זיך ניט קענען דערמאַנען. איך האָב געוואוסט,

אַז זיי קרעכצען און שרייען פון ווייטאָג, אַזוי ווי איך. אָבער ניט די קרעכצען און ניט די געשרייען האָב איך ניט געהערט. איך בין געווען טויב. איך האָב זאָגאַר עטליכע טעג נאָכאַנאַנד ניט געקענט הערען מיינע אייגענע געשרייען. איך האָב געוואוסט, אָבער, אַז איך קרעכץ און שריי.—

איך פלעג זען ווי מענשען פלעגען קומען באַזוכען די פּאַרוואונדעטע, פרויען און מענער פלעגען קומען אין אַ באַשטימטער צייט, ריידען מיט זיי עפּעס, וואָס איך האָב ניט געקענט הערען. זיי פלעגען קומען און אַוועקגיין. בלויז צו מיר פלעגט קיינער ניט קומען, אַרום מיין בעט פלעגען בלויז די דאָקטוירים און די „באַרמהאַרציגע שוועסטער" אַרומגיין אין ווייסע קליידער. נאָר זיי. דאָן האָט עס אָבער נאָך אין מיר ניט אַרויסגערופען קיין באַזונדער סענטימענטאַלע אומרוהיגקייט, קיין בענקשאַפט, קיין אייפערזוכט אויף יענע, וועלכע מען פלעגט קומען באַזוכען. מיינע באַגריפען און געפילען זיינען נאָך געווען טויט, ניט אַנטוויקעלט. איך בין נאָך געווען ווי אַן ערשט־געבאָרען קינד, און אויב עס האָט אין מיר געטליעט אַ בענקשאַפט — איז עס געווען אַ בענקשאַפט, אַן אייביגע, אַזאַ מיט וועלכער עס ווערט אויך אַ קינד געבאָרען, אַן אומבאַשטימטע, וואָס איז די ירושה פון די אין אייביגקייט פאַרשוואונדענע דורות. מיינע אויגען זיינען מערסטענס פאַרמאַכט געווען, און אַז איך פלעג זיי עפענען, האָט זיך אַזוי שטאַרק געוואָלט צומאַכען זיי און נאָר ניט זען, ווייל דאָס, וואָס אין צימער איז געווען ליכטיג און די אויגען האָבען געזען די ליכטיגקייט און אַלץ אַרום איז נאָך שווער געווען צו באַנעמען און פאַרטראַגען מיט די נאָך ניט רייפע באַגריפען און געפילען.

יע, דאָס האָט טאַקע געמוזט זיין אויפ'ן דריטען טאָג נאָך מיין קומען צו זיך, ווען איך האָב זי דערזען, קלאָרען. איך האָב אויפגעעפענט די אויגען און דערזען: די „שוועסטער" אין ווייסען, און נאָכדעם קלאָרע ליעווי.

איך האָב זי דערקאַנט. איך האָב זאָגאַר געוואָלט זאָגען: איר זיינט ק ל אָ ר ע ל י ע װ י! אַזוי האָב איך זיך דערפרייט מיט דעם, וואָס איך האָב זי דערקענט. איך האָב עס וואַרשיינליך געזאָגט, אָבער ניט איך און ניט זיי האָבען עס געקענט הערען. באַלד האָב

איך מסתמא צוגעמאכט די אויגען און שוין זיי ווידער ניט געקענט עפענען, ווייל איך געדיינק ניט וואס ווייטער איז געווען. נאר איך געדיינק אז די „שוועסטער" האט מיר געזאגט:

— איר ווייסט, זאלקין, קלארע לעווי איז דא געווען אייך זען.

איך האב געפרעגט:

— ווער איז קלארע לעווי?

זי האט אפנים דערהערט מיין פראגע, ווייל איך האב באמערקט איר איבערראשונג. זי האט אזא גליקליכע גענומען מיט מיר איינטענה'ן:

— קלארע לעווי.. איר געדיינקט ניט קלארע לעווי? דאס איז דאך דעם אפטייקערס טאכטער... די קורסיסטקע — קלארע לעווי.

דאן האב איך זיך דערמאנט אבער בלויז אויף איין רגע, ווען דער קורסיסטקע קלארע לעווי, וועלכע איך האב געקאנט פון ווייטען. שפעטער האב איך ווידער פארמאכט די אויגען — און פון אלץ פארגעסען.

אבער מיט יעדען אנקומענדיגען טאג זיינען מיינע כוחות ביס־לעכווייז צוריק געקומען. די חושים זיינען אויך ביסלעכווייז אויפ־געלעבט געווארען, און כאטש איך האב נאך ניט געקענט באוועגען זיך, האב איך אבער אנגעהויבען זען, הערען און אלץ פארשטא־נען, וואס מענשען האבען ארום מיר גערעדט. און אז קלארע לעווי פלעגט קומען פלעג איך שוין קענען ענטפערען אויף איר באגריסונג. קומען פלעגט זי יעדען טאג, פלעגט זיך אוועקזעצען אויף א שטול לעבען בעט, קוקען א ווייל'ע אויף מיר מיט אומעטיגע אויגען, און זאגען:

— גוט מארגען, זאלקין. וואס מאכט איר?

פלעג איך פריילאך ענטפערען:

— איך לעב נאך... איך לעב.

איך האב פיל מאל געוואלט צוטראכטען עפעס אן אנדער ענטפער, אבער קיין אנדער ענטפער האט נאך מיין מארך ניט געקענט ערפינדען.

איינמאל האט זי מיר דערציילט:

— אין שטאדט וואונדערט מען זיך, מען זאגט, אז דאס, וואס איר זיינט לעבען געבליבען איז אזוי ווי א נס. די דאקטוירים

האבען ניט געגלויבט, אז איר וועט לעבען בלייבען. מען האט אייך געפונען ערשט אין דריי טעג ארום, ווען אלע האבען זיך שוין ארומ־געזען נאך די אייגענע צרות.. איר זיינט א העלד, זאלקין..

איך האב בלויז געזאגט:

— איך וויל לעבען.

זי האט א שמייכעל געטאן, — און דער שמייכעל איז ארויס א ביטערער, נאכדעם איז איר פנים געווארען טרויעריג און איך האב דערזען אז זי וויינט. אויף די אויגען זיינען געשטאנען טרער־רען. איך האב א זאג געטאן:

— איר וויינט.. פאר וואס וויינט איר?

זי האט אויף שנעל אפגעווישט די טרערען, און האט זיך אפ־געקערט פון מיר. און דאן האב איך צום ערשטען מאל דערפילט א דאנקבארקייט צו איר. איך האב פשוט געזאגט:

— איך דאנק אייך.

האט זי זיך אויפגעהויבען, איבערגעבויגען זיך איבער מיר און שטיל געזאגט:

— זאלקין, איר מוזט לעבען און נקמה נעמען. איר הערט: איר וועט נאך לעבען און נקמה נעמען. פאר אלעמען וועט איר נאך נקמה נעמען, איר הערט זאלקין?

— איך הער.

איך האב עס געזאגט — אבער אינגאנצען האב איך דאן דעם מיין פון אירע ווערטער ניט פארשטאנען. איך האב נאר געוואוסט, אז זי האט געזאגט עפעס וואס איז וויכטיג און גרויס.

נאכדעם האט זי זיך אויפגעהויבען און איז ארויסגעגאנגען.

איינמאל איז קלארע צו מיר געקומען, ווען איך האב שוין געקענט זיצען אנשפארענדיג זיך אויף א קישען. איך האב געבע־טען די שוועסטער זי זאל מיר העלפען זעצען זיך. קלארע איז געווען שטארק דערפרייט. אזא גליקליכען פנים האט זי נאך קיין מאל ניט געהאט. איך האב איר געזאגט:

— איך וויל לעבען. איר הערט, פריילין לעווי, איך וויל לעבען...

זי האט פריינדליך א שמייכעל געטאן. איך האב נאך אמאל געזאגט:

— איך וויל לעבען!

איך האב זיך זאגאר צולאכט פון דער אינערליכער פרייד, וואס די פראגע האט אין מיר אליין ארויסגערופען.

— איר פארשטייט, — פריילין לעווי: — לעבען! גיין וואו איר אלע גייט, און קוקען אויף דער זון און אויף דעם הימעל, און זיין אזוי ווי אלע. אז די זון שיינט אריין אין פענסטער, ווילט זיך מיר, ווי א קינד, לויפען אין דרויסען, שרייען און ליארעמען, און יאגען זיך מיט די קינדערלעך. איר פארשטייט, פריילין לעווי?

זי האט געקוקט אויף מיר מיט א ביטערען שמייכעל. איך האב נאך דאן ניט באגריפען די אורזאך פון דעם שמייכעל, און ווידער געזאגט:

— איך האב אזוי ליב זונשיין! איר ווייסט גאר ניט ווי איך האב ליב זונשיין. אז איך בין געווען א קינד פלעג איך אוועקנייען הינטער'ן שטאדט, לייגען זיך אויפ'ן גראז און שעה'ן לאנג קוקען אויף דער זון, פינטלען מיט די האלב־פארמאכטע אויגען און לאַכען צו די שטעכענדיגע הייסע שטראלען... איך האב ליב זונשיין!... איך האב אזוי ליב זונשיין.

אין יענער רגע איז פארביינגעלאפען דער דאקטאר. דערזעענדיג מיך זיצענדיג, א פרייליכען, האט ער מיר פריינדליך א שמייכעל געטאן:

— אהא!... איר זיצט שוין. זייער גוט... דאס איז זייער גוט...

איך האב אים אפגעשטעלט.

— דאקטאר, איך האב ליב זונשיין.

— זונשיין? אהא... זייער גוט.

— מיינע לונגען ווילען לופט. דער גאנצער ציט איך זיך אין דרויסען, צום הימעל און צו זונשיין, — און איר האלט מיך דא שוין צוויי מאנאטען. איך וויל לופט און זונשיין! איר הערט: איך וויל לופט און זונשיין! איך וויל לעבען.

— לעבען? אהא... זייער גוט. זייער גוט.

ער האט ווידער גוטמוטיג א שמייכעל געטאן און איז אוועקגעגאנגען. האב איך געזאגט צו קלארע'ן:

— אט אזוי ווי איר זעט, זאגט ער אלע מאל: „זייער גוט“.

און אנטלויפט. ער דיינקט, אז איך בין משוגע. אלע דיינקען זיי אז איך בין משוגע. אבער איר מוזט מיך פארשטייען: איך וויל לעבען. אט אזוי, ווי איר, ווי זיי אלע וויל איך לעבען! און איך בין גרייט צו שרייען די גאנצע צייט: גיט מיר לופט און זונשיין!... זאלען זיי מיך לאזען אין דרויסען! איך וויל לעבען!..

מיין קול האט שטארק א ציטער געטאן. א ווילדער כעס האט אויפגערעגט די ברוסט. און דאן האט עס פאסירט.

די „שוועסטער" האט זיך עפעס פלוצלונג אפגערופען:

— איר האט פארזוכט דעם טעם פון טויט — ווילט איר לעבען. דער טויט איז א פנים גאנץ ביטערליך, הא?...

זי האט עס געזאגט גאר גוטמוטיג, אן שלעכטע געדאנקען, די ארימע קריסטליכע „שוועסטער". און דאך האט צום ערשטען מאל א שנאה צו איר א ברען געטאן מיין מארך. ווארשיינליך האט עס אויך מיין פנים אויסגעדריקט, ווייל די „שוועסטער" איז גלייך געווארען ערנסט און האט מיט א זארגפארכטיגער מינע גענומען אונטעררוקען אונטער מיין רוקען א צווייטע קישען, עס זאל מיר באקוועמער זיין צו זיצען. אויך קלארע איז געווארען ערנסט.

און דאן האט עס פאסירט.

איך האב זיך א צי געטאן — און מיט אלע ציין אריינגעביסען זיך אין דער „שוועסטערס" האנט העכער פון איילענבויגען. זי האט געשריען און גערופען נאך הילף. פון גרויס ווייטאג האבען זיך אירע אויגען אנגעגאסען מיט טרערען און האבען ווי געוואלט ארויסשפרינגען פון שטערען. קלארע איז געשטאנען א דערשראקענע און א פארלארענע, און האט אין פארצווייפלונג ניט געוואוסט וואס צו טאן. עס האט געדויערט א לאנגע ווייליע ביז מען איז געקומען צו הילף. די קראנקע זיינען אויפגעשפרונגען פון די געלעגערס, און די, וואס האבען געקענט ארומגיין זיינען אזוי, אין די לאנגע ווייסע העמדער, צוגעלאפען צו מיר און האבען אויסער זיך פון אויפרעגונג, ניט וויסענדיג וואס צו טאן, גענומען מיך שלאגען איבער'ן קאפ מיט די הארטע דארע פויסטען. איך האב אבער ניט אפגעלאזען. איך האב מיינע ציין געדריקט אלץ שטאר־קער. זיי זיינען שוין געווען טיף אין דעם ווייכען פלייש. בלוט האט געשפראצט און געלאפען איבער מיין פנים, אויף די ווייסע

לײלעכער און קישענס — און איך האָב אַלץ ניט אָפּגעלאָזן. די שװעסטער איז כמעט אַ באַװאוסטלאָזע געפאַלן אויף מיר, שטאַרק צודריקענדיק מײן קערפּער, און איך האָב שוין ניט געהערט אירע געשרײען. װען אימיצער, מסתמא דער דאָקטאָר, האָט מיך מיט אַ געװאַלדיקן כּח פאַנאַנדערגעריסן דעם מויל און אָפּגעשלײדערט מײן קאָפּ אין אַ זײט. אַזוי, אַז איך בין געבליבן ליגן הענגענדיק מיט'ן קאָפּ אַראָפּ פון בעט, מיט אַ אָפענעם מויל און אַן אַנגעצױי־גענעם האַלז. עס האָט געדויערט אַ לאַנגע רגע — ביז איך האָב דערזען קלאַרע'ן איבער זיך. זי איז געשטאַנען און געװישט מיט אַ קלײנער טיכעלע מײן מויל און פּנים. איך האָב עפּעס שטאַרק געװאָלט זאָגן. איך האָב אפשר געזאָגט, נאָר דאָס װאָרט איז געבליבן שטעקן אין האַלז ניט דערזאָגט. עפּעס האַרטעס האָט צוזאַמענגעדריקט דעם גאָרגל און געװאָרגן. און דאַן האָט עס מיט מיר צום ערשטן מאָל פּאַסירט.

דאָס, װאָס האָט געװאָרגן, האָב איך שוין ניט געקענט אַרונ־טערשלינגען, אָדער באַפרײען זיך פון דעם אויף אַן אַנדער אופן. די אָדערן אויף מײן שטערן האָבן זיך אָנגעצויגן. דעם גאַנצן קערפּער האָבן אַרומגענומען אײזערנע רײפן, און האָבן צוזאַמענ־געדריקט דאָס האַרץ און די לונגען. דאָס האַרץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן און די לונגען צו אָטעמען. עס איז געװען אַ שרעקליכע רגע. אַנטקעגן איז געװען אַ װײרבלענדיקער צימער. אַלץ האָט זיך געדרײט און געשפּרונגען קעגן מײנע אויגן. עס האָט גע־דויערט ניט לאַנג, אָבער װען איך האָב אויפגעעפענט מײנע אויגן האָב איך פאַר זיך געזען דעם דאָקטאָר, אַ כעס'דיקן מיט בײזע אויגן, און קלאַרע'ן, װאָס איז געשטאַנען אַ בלײכע, מיט אַרונ־טערגעלאָזענע פאַרבראָכענע הענט. זי האָט עפּעס געבעטן דעם דאָקטאָר, גערעדט צו אים, אַ צאַפּלענדיקע. דערזעענדיק, אַז איך בין נאָך לעבעדיק, איז זי נאָך אַמאָל צוגעגאַנגען צו מיר און װידער אָנגעהויבן אַראָפּצואװישן פון די װינקלען פון מײן מויל דעם קלעפּיקן שוים.

נאָך דער פּאַסירונג בין איך שטאַרק קראַנק געװען עטליכע טעג נאָכאַנאַנד. קלאַרע'ן האָב איך די גאַנצע צײט ניט געזען. איך האָב נאָך איר געבענקט, געװאָלט זי זען און ניט אויפגעהערט פון

איך צו טראַכטען, און אַז די נייע „שוועסטער" פּלעגט צוגייען צו מיר פּלעג איך פרעגען:

— פאַרוואָס קומט ניט קלאַרע לעווי? איך וויל זען קלאַרע לעווי...

פּלעגט זי מיך טרייסטען:

— זי וועט קומען. זי וועט זיכער קומען...

אַזוי יעדען טאָג. איינמאָל האָב איך געעפענט די אויגען — און דערזען: קלאַרע זיצט לעבען מיר אויפ'ן ברעג פון בעט. גאָר אינסטינקטיוו האָב איך אַ געשריי געטאָן:

— קלאַרע לעווי!...

זי האָט זיך צוגעבויגען נעענטער צו מיר, און האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך הערט, זאַלקין, מיר וועלען נאָך נעמען נקמה. מיר וועלען נאָך נעמען נקמה פאַר אייך, און פאַר אַלעמען. פאַר אַלעמען וועלען מיר נעמען נקמה. מיר וועלען אָרגאַניזירען אַ זעלבסט־שוץ. יעדער פון אונז, קליין און גרויס, יונג און אַלט, — מיר אַלע וועלען זיי איצט באַגעגענען מיט אַ בלוטיגער רציחה. איך הערט: מיר, די שאָף, וועלען זיך פאַרוואַנדלען אין בייזע וועלף. מיר וועלען זיך אָרגאַניזירען...

אירע אויגען זיינען געווען אַזעלכע גרויסע, און האָבען געברענט ווי פייערען. אַזאַ האָב איך זי נאָך קיינמאָל ניט געזען. זי האָט אַ ווײַלע געשוויגען, און ווידער מיט גרויס באַדייטונג געזאָגט:

— זאַלקין, עס איז ניטאָ קיין רחמנות אויף דער וועלט. עס איז אַ ליגען. די, וואָס האָבען געזאָגט, אַז עס איז דאָ רחמנות — זיינען ליגנער. ליגנער זיינען זיי. עס איז ניטאָ קיין רחמנות. וועלען מיר אויך קיין רחמנות ניט האָבען. עס טאָר ביי אונז איצט ניט זיין קיין רחמנות. מיר דאַרפען ווערען וועלף, אַזוי ווי זיי. מיר דאַרפען נקמה נעמען.

איך האָב געשוויגען. איך האָב גאָר ניט געפונען, וואָס צו זאָגען. נאָר, אַז זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן שטול, לעבען בעט און איז אַנשווינגען געוואָרען האָב איך אַ ווײַלע אָפּגעוואַרט, און געזאָגט:

— איך האָב געזען קריסטוס'ן.

זי האט בלויז אויף מיר א קוק געטאן. האב איך ווידער געזאגט:

— אז דער פאטער איז געהאנגען אויף דער וואנט, א צונג־נעגנעלטער, האב איך געזען קריסטוס'ן.

זי האט א צווייפלענדיגען בליק א ווארף געטאן אויף מיר, און דאס האט מיך באליידיגט:

— איר גלויבט ניט? איך זאג אייך, איך האב אים מיט מיינע אייגענע געזען. ער איז געשטאנען אויף די קני, האט זיך געבוקט פאר מיין פאטער, און געוויינט. האט דער פאטער אים אנגערופען: ליגנער...

זי האט געשוויגען. איך האב ווידער געזאגט:

— ער האט געוויינט און גערופען צו אים: „פאטער מיינער, פאטער מיינער, זיי האבען דיך פארפייניגט — און איך בין ניט געקומען דיר צו הילף, און איך בין ניט געקומען אנשטאט דיר און ניט געלאזען זיך אויף דער שטריק ארויפציהען, און צונעגלען צום וואנט מיינע פארקרייצטע הענט... שטראף מיך און פארשילט מיט דיין פאטער־קללה! פאר'סם איז מיר דאס לעצטע ביסעל בלוט, וואס האט פון מיינע אדערען קיין צייט נאך ניט געהאט ארויסצורינען. .. פאטער מיינער"... האט דער פאטער דאן גע־זאגט צו אים: ליגנער. בלויז אייןווארט. איצט ווייס איך: דאס איז געווען קריסטוס.

איך האב געוואוסט: זי גלויבט מיר ניט. האב איך מיט פארדראס געזאגט:

— איר ווילט מיר ניט גלויבען.

עס איז געווען אזוי פארדראסיג, אז עס האט זיך געוואלט וויינען. וואס זי, אזא גוטע, אז איינציגע, וויל מיר ניט גלויבען. איך האב טאקע ניט אויסגעהאלטען. איך האב זיך פאנאנדער־געוויינט און געוויינט ווי א קינד, וואס מען האט באליידיגט. זי האט ארויסגענומען איר טאשען טיכעל און מיר אפגעווישט די טרערען:

— וויינט ניט, זאלקין.

און אליין געווען אזא בלייכע און דערשראקענע.

III

די פארזאמלונג.

...ביי מיר אין הויז איז געווען יענע מערקווירדיגע פאר־זאמלונג פון דער זעלבסט־שוץ. הינטער פארמאכטע לאדען און פארהאנגענע פענסטער איז געווען פארזאמעלט א האלבע מאה מענשען פון פארשיידענע שאטירונגען. די מערסטע זיינען געווען די אינטעליגענץ פון שטאדט, די סטודענטען, אלץ זין פון רייכערע עלטערן, א פאר גימנאזיסטען, נאך כמעט אינגלעך, עטליכע מיידלעך. און קלארע לעווי איז געווען. די איבעריגע זיינען געווען ארביי־טער, קרעמער און קצבים.

דאס איז געווען די ערשטע פארזאמלונג. עס איז נאך פריער געווען א רייד וועגן ארגאניזירען א זעלבסט־שוץ. אלע אין שטאט האבען פון דעם געוואוסט. אבער מאדנע איז געווען דער פאקט, וואס די, וועלכע האבען אמשטארקסטען גערעדט פון פאגראם זיינען געווען די פאסיווסטע און האבען זאגאר ארויסגעוויזען זייער קאלטקייט צו דער אונטערנעמונג. מיט מיר האט מען פיל מאל גערעדט פון דעם — און איך אליין האב אין זיך געפילט א מאדנע פרעמדקייט צו דעם אימפעט, מיט וועלכער מען האט גערעדט איבער דער אידעע פון זעלבסט־שוץ. איך האב געוואוסט: עס מוז עפעס געטאן ווערען, אבער מיר פערזענליך האט עס גאר ניט געארט, אזוי ווי עס וואלט זיך גאר ניט געהאנדעלט וועגען מיין אייגענער פארטיידיגונג, וועגען דער פארטיידיגונג פון מיין לעבען. איך פלעג אויסהערען און שווייגען. איינמאל האט מען מיר געזאגט (און דאס איז געזאגט געווארען מיט א באזונדער באדייטענדען מיין):

— איר דארפט זיין דער ערשטער. איר האט דאך אזוי דירעקט דורכגעלעבט דעם פאגראם. ווער, אז ניט איר...

האב איך אויף דעם ניט געוואוסט, וואס צו ענטפערען.

אין שטאט זיינען ארומגעגאנגען קלאנגען, אז עס איז שוין צייט צו גרייטען זיך צו א נייען אנפאל פון באנדעס. נאך א וואך, נאך א וואך — און עס וועט זיך ווידערהאלען דאס זעלביגע. דער שונא וועט ווידער אמאל איבער אונזערע קעפ פייערען זיין בלוטיגען יום־טוב. מען האט געמוזט ווייזען א ווידערשטאנד. אויף נסים האט זיך שוין קיינער ניט געקענט פארלאזען. דאס, וואס איינמאל האט פאסירט האט דאך נאך אמאל געקענט פאסירען. מען האט זיך באדארפט פארטיידיגען. יעדער האט עס געוואוסט — און דערפאר האט מען צולעצט דאך פאררופען די פארזאמלונג ביי מיר אין הויז.

דער פארזיצער פון דער פארזאמלונג איז געווען א אינטעלי־גענטער ארבייטער, א טוער אין דער „באוועגונג“. ער איז געווען דער שטאלץ פון די ארבייטער פון שטאט, דער ראטגעבער און דער שטענדיגער פארמיטלער פון זייערע אינטערעסען. דא האבען זיך עפעס אלע געאייניגט אויף זיין דערוויילונג. ער האט זיך געזעצט לעבען טיש און האט שטיל און פלאנטערענדיג די ווערטער געעפענט די פארזאמלונג. און דא האבען מיר אלע דערזען, אז דער רעדנער פון שטאט, דער אראטאר פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט, האט פארגעסען ווי צו ריידען. און נאך אויסערגעוויינליכער איז געווען, וואס ער האט זאגאר דעם ערשטען זאץ ניט געקענט צוזאמענ־בינדען, און די ווערטער אליין האבען געקלונגען מאדנע פרעמד, אזוי, ווי ער וואלט צום ערשטען מאל אין זיין לעבען זיי ארויס־גערעדט. און וואס מעהר ער האט זיך נעפלאנטערט, אלץ שטארקער האט זיך אים געוואלט אויסדריקען דאס, וואס ער האט געוואלט זאגען.

— איך פארשטייט, — ניט פארטיידיגונג, נאר נקמה. מיר וועלען נקמה נעמען... נקמה נעמען... א הייליגע נקמה. א שרעק־ליכע, א ביטערע, אבער א נקמה...

און אז עס איז אים געקומען אויף די ליפען דאס ווארט „נקמה“, האט ער זיך שוין פאר אים אנגעכאפט, ווי פאר א רעטונג, האט אט דאס ווארט ניט געקענט אויספלאנטערן פון זיינע רייד, האט עס ווידערהאלט אומצאליגע מאל. האט עס געשטעלט ניט אויף דעם ריכטיגען פלאץ, און פון דעם האט דאס ווארט פארלארען דעם ריכטיגען זין און אינהאלט. עס איז אויסגעקומען, אז מיר דארפען

זיך ניט פארטיידיגען, נאר אנפאלען. פאר יעדען טויטען־נעמען צען טויטע, פאר יעדער געשענדעטער — צען געשענדעטע... ער האט שוין ניט געוואוסט און ניט געהערט וואס ער רעדט, און דערפאר נאך מער פארפלאנטערט די ווערטער, אזוי אז עס איז שוין צום סוף פון זיין רעדע גאר ניט ארויס. אלע האבען אבער געשוויגען. קיינער האט ניט געוואגט אים צו אונטערברעכען. און אז ער האט געענדיגט איז אין צימער געווען א פארלעגענהייט. עס האבען געדויערט עטליכע מינוטען ביז איינער האט זיך געפונען צו נעמען א ווארט.

דאס איז געווען יעקב. מיין חבר יעקב. איך האב מיט אים געלערענט אין אוניווערזיטעט. ער איז בשעת'ן פאגראם ניט געווען אין שטאדט, און אז ער איז שפעטער געקומען האט ער קיינעם פון זיין פאמיליע ניט געפונען. אין הויז איז געווען א חורבן — איז ער קראנק געווארען און ביז ניט לאנג צוריק, אזוי ווי איך, געלעגען אין א האספיטאל. און אז ער איז ארויס איז ער געקומען צו מיר אין הויז, און איז שוין מיט מיר פארבליבען. ער איז געווען גייסטיג קראנק. ער האט ווייניג גערעדט, און קיינמאל ניט געלאכט. זיין פנים איז געווען בלייך און פינסטער. אמאל האט ער געהאט א ווייסען קלארען פנים, און איצט איז עס געווען פינסטער און שוויי־גענד ווי א נאכט. און דא האט ער גענומען דאס ווארט. און דאס, וואס ער האט געזאגט, איז געווען פונקט דאס, פארוואס אלע האבען די גאנצע צייט מורא געהאט, און וואס יעדערער האט געהאלטען פארבארגען טיף אין הארצען:

— הערט: מיר טארען ניט נקמה נעמען. איר הערט: מיר טארען ניט און מיר קענען ניט. מיר קאנען זיך אפילו ניט פאר־טיידיגען. איר הערט: מיר קאנען זיך אפילו ניט פארטיידיגען — און ער זאגט — נקמה... וואס איז דאס — נקמה? וואס איז דאס נקמה, פרעג איך ביי אייך אלעמען? האט איר שוין געפונען א דערקלערונג פאר אט דעם ווארט? און אז איר וועט דער'הרג'ענען צען פון אייערע שונאים — וועט איינער פון אייערע טויטע פון דעם לעבעדיג ווערען? און אז איר וועט שענדען צען פון אייער שונא'ס פרויען וועט דען די איינציגע, די פארגוואלטיגטע, נאך דעם ניט בלייבען די זעלביגע אומגליקליכע אויף אייביג, ביז דעם סוף פון

אירע טעג? װעלען אירע קינדער, די קומענדיגע, ניט געבארען װערען מיט די זעלביגע פגימות אויף זייערע נשמות... און װייסט איר דען בכלל פון װעמען נקמה צו נעמען? װייסט איר װער די שונאים אייערע זיינען? קענט איר זיי אנרופען מיט א נאמען אדער פארשטעלען זיי פאר זיך אין א לעבעדיגער געשטאלט? איך זאג: װי קענט איר נקמה נעמען, אז איר האט ניט פון װעמען? װער זיינען אייערע שונאים? װאו זיינען זיי?... אז דאס האט גאר דער הימעל, װאס איבער אונזערע קעפ, האט זיי צו אונז אראפ־געניִדערט. אז דאס האט די ערד, אויף װעלכער מיר טרעטען, פון איר אינגעװייד זיי צו אונז ארויסגעבארען. אז די לופט מיט װעל־כער מיר אטעמען פארשפרייט זיי װי א שטויב אויף אלע אונזערע װעגען, — װי קענען מיר באקעמפען אונזער הימעל און אונזער ערד, און די לופט, מיט װעלכער מיר אטעמען?... איך זאג: מיר קענען זיך אפילו ניט פארטיידיגען. אונזערע הענט זיינען געבונדען — און איך װייס ניט װער עס האט זיי געבונדען. און אז מיר װילען אימיצענס טויט — איז עס אונזער אייגענעם טויט. און אז מיר שרעקען זיך און מיר האבען מורא פאר עפעס — איז עס נאר אונזער שרעק און אונזער מורא — און קיינער אחוץ אונז װייס גאר ניט פון א ז א שרעק, פון א ז א מורא. װייסט איר װאס דאס איז קעמפען מיט אן אומזעבארען שונא? קעמפען — און ניט קענען איינגראבלען זיך מיט שארפע נעגעל אין זיין גארגעל, און ניט קענען אים איינבייסען מיט די ציין, און ניט קענען אים טרעטען מיט די פיס, און... און... א שפיי טאן אים אפילו אין פנים?... איך פרעג ביי אייך, װאו װעלען מיר האבען כח צו פארטיידיגען זיך? װי װעלען מיר הויבען הענט אויף אימיצען, אז אלע ציין זוכען נאר אונזער הויט און פלייש, אז אלע פיס װילען אונז נאר טראמפלען?... האט איר לופט צום אטעמען? האט איר פאר אייער אויג א ברייטקייט, א װייטקייט? האט איר איבער זיך א הימעל, און האט איר א באדען אונטער אייערע פיס? איר האט דאך שוין גאר ניט!... און א נאט האט איר? הא? און א גאט האט איר?..

ער האט אויסגעשטרעקט צו אלעמען זיין בלייכען פינגער, גע־קוקט מיט א פארביסענער פאראכטונג אויף אונז אלעמען א קליינע

ווײַלע, און, ווי אַן עלטערער, וואָס מוסר'ט קלײנע קינדער, גענטײַ־
מעלט אויף אונז און געשריען:

— און אַ גאָט האָט איר? ! וואו איז אײַער גאָט, האַ? !...
וואוהין איז אײַער גאָט אַהינגעקומען?... ער זאָגט נקמה — און
אַלײן האָט ער פאַרגעסן דעם זין פון אָט דעם וואָרט. ער האָט
פאַרגעסן דעם זין פון אַלע ווערטער. ער האָט פאַרגעסן ווי צו
רײדן. האָט איר געהערט ווי ער האָט גערעדט וועגן נקמה? ווער
קען אַזוי רײדן? וואָס איז דער, וואָס קען אַזוי רײדן?...

ער וואָלט אפשר נאָך לאַנג גערעדט. עס וואָלט אפשר קײן
סוף ניט געווען צו זײַן אויפגערעגטער שפּראַך, אויב עס וואָלט זיך
פּלוצלונג צווישן די פאַרזאַמעלטע ניט אויפגעהויבן אַ גערודער.
מען איז געווען דערשראָקן — פון זײַנע רײד איז מען געווען
דערשראָקן — האָט מען עפּעס אין אַ מאָדנער פאַרצווייפלונג גע־
נומען באַוועגן זיך, און זוכן שוץ אָרום. עס האָט זיך אַלעמען
געדוכט: אָט וועט ער אַזוי רײדנדיג זאָגן עפּעס, וואָס וועט זיך
לײגן, ווי אַ שווערע לאַסט אויף אונזער מאַרך, וועט אַרײַן אין
אונזערע בײנער, אין אונזער בלוט, וועט פאַר'סמ'ען אויף אײביג
אַלץ, מיט וואָס מיר האָבן ביז איצט געלעבט — און עס וועט שוין
דאַן אַלץ זײַן פאַרפאַלען.

דאָס, וואָס איז פריהער געהאַנגען איבער אונזערע קעפּ, ווי אַן
אומזעבאַרער וואָלקן, וואָס האָט ביסלעכווײַז אויסגעלאָשן אונ־
זער מוט און אונזער ווילן, האָט זיך איצט פאַרוואַנדלט אין
ממשות'דיגעס, האָט זיך אוועקגעשטעלט ווי אַ שווערער אורטײל.
מען האָט פאַרשטאַנען: דאָס, וואָס איז געלעגן אין אונזער בלוט,
דאָס, וואָס מיר האָבן גע'ירש'נט פון אונזערע אבות און יאָרטױ־
זענטע געטראָגן אין אונזער בלוט, און אַפּגעהיט, ווי דעם שוואַרצ־
אַפּעל פון אויג — דאָס איז איצט אויסגעלאָשן געוואָרן. דער
כח, וואָס האָט געזאָלט פאַרברענגען דעם האַס אין אונזער שונא, און
פאַרטיליגן די אויביג לויערנדיגע שנאה וואָס איז אײַנגעפלאַנצט
אין זײַנע בלוטן — יענער כח איז שוין ניט געווען. עס איז
אויסגעגאַנגען און אויסגעברענט ווי אַן אָנגעצונדען ליכט. ווי אַ
ליכט זיך אויסגעלאָשן, ווען דער קנויט איז אויסגעגאַנגען.

און דאן האט אימיצער, א בלייכער, מורא האבענדיג באנוצען שטארקע ווערטער קעגען מיין חבר יעקב, אבער וויסענדיג, אז עס איז דא א היילינע, א גרויסע פליכט, געזאגט:

— איר זיינט אפשר גערעכט... אפשר איז עס טאקע אזוי, ווי איר האט געזאגט... אבער עס טאר אזוי ניט זיין. עס טאר ניט. מיר דארפען מיט איבערגעשניטענע העלזער קעמפען. מיט די ציין און מיט די נעגעל, ווי חיות, מוזען מיר קעמפען. מיט דארפען זיך שטעלען ביי די שוועלען פון אונזערע טירען און שטארבען, ווי סאל־דאטען אויף די פאסטענס... מיר, די איבערגעבליבענע, מוזען שטארבען אויף די פאסטענס. איר הערט: — אויף די פאסטענס. זיי זיינען געשטארבען, ווי שאף, ווי געבונדענע שאף אונטער'ן חלף — און מיר וועלען שטארבען לעבען אונזערע שוועלען אפהי־טענדיג אונזער היים, די ריינקייט פון אונזער הויזגעזינד...

ער האט נאך עפעס געוואלט זאגען, אבער דא איז אויפגע־שפרונגען א איד מיט אן אויפגעשויבערטער בארד, האט זיך אימ־פעדיג גענומען ווארפען, זשעסטיקולירען מיט די הענט:

— אידען, מיר זיינען אהער געקומען טאן היילינע ארבייט... אידען, מיר מוזען ראטעווען אונזערע לעבענס פון גוי'אישע הענט. אונזער האב און גוטס מוזען מיר ראטעווען... איר הערט וואס מען זאגט אייך? פארגעסט ניט, אז מיר האבען ווייבער, און קינדער, און טעכטער האבען מיר. כשר'ע אידישע טעכטער. פארגעסט ניט אונזערע כשר'ע אידישע טעכטער...

זיין שטימע האט פלוצלונג א ציטער געטאן. אין די אויגען האבען א בלישטשע געטאן טרערען. ער האט זיך אוועקגעזעצט מיט א כליפען אויפ'ן באנק און האט גענומען שטארק ווישען די טרע־רען. אלע זיינען אבער פארבליבען גלייכגילטיג צו דעם אידענס טרערען.

מיין חבר יעקב האט זיך ווידער אויפגעשטעלט און האט מיט א בלייכען שמייכעל אנגעהויבען:

— די טעכטער... די כשר'ע טעכטער... מיר האבען שוין ניט קיין כשר'ע טעכטער! מיט דער ערשטער געשענדעטער — זיינען דאך שוין אלע אונזערע טעכטער געשענדעט געווארען. און איר ווייסט גאר ניט פון דעם. מיט דעם ערשטען פארוואונדעטען —

זיינען מיר אלע מיט אמאל פארוואונדעט געווארען, און מיט דעם ערשטען געפאלענעם זיינען מיר אלע פאראורטיילט געווארען צום טויט. און איר רעדט גאר פון ראטעווען זיך, וועגען ראטעווען די ריינקייט פון אייערע טעכטער... איר אליין האט דאך שוין זיי טויזענטער מאל געשענדעט, מיט אייער וואכען איבער זייער ריינקייט — און איר ווייסט גאר ניט פון דעם. איר ווילט פון דעם ניט וויסען... איר זיינט אלע פארפלאנטערט אין דער נעץ פון טויט און שאנד שוין אויף אייביג, און וואס מער איר ווילט זיך ארויסרייסען, דערוויטערען זיך פון טויט, אלץ נעענטער ווערט איר צו אים. וואס מער איר טרייבט די שאנד פון אייערע טעכטער, וואס מער איר וואכט איבער זייער ריינקייט, אלץ שטארקער ווערט איר אריינגעפלאנטערט אין אייער אייגענער שאנד... איך זאג אייך: פון דעם פאר׳כשופ׳טען קרייז וועט איר זיך ניט ארויסראטעווען. איר וועט אין אים מוזען פארבלייבען...

זיי האבען אים ניט געלאזען ריידען. ער האט אויפגעהויבען די האנט ווי אפשטעלענדיג זייער טומעל. ער האט נאך געוואלט שפינען זיין משונה׳דיגען געדאנק. זיי האבען אבער אלע אנגעהויבען שרייען, באוועגען זיך און שרייען:

— הערט אויף! הערט שוין אויף!...

— ער איז משוגע!

— א חוצפה!...

— משוגעת, און מער גאר ניט!...

— אין משוגעים הויז!...

— הערט אויף!...

דער טומעל האט אנגעהאלטען עטליכע מינוט. אלע זיינען געווען אויפגערעגט, אבער מער פון אלץ — דערשראקען. דער שרעק איז, ווי א לעבעדיגע באשעפעניש, דא צווישען אלעמען געווען, און האט געלויערט.

יעקב איז א ווילע געשטאנען מיט דעם זעלבינען בלייכען שמייכעל אויף זיינע ליפען. נאכדעם האט ער אנגערוקט זיין הי־טעל, און שוין שטייענדיג ביים טיר נאך אמאל זיך אומגעקערט און געזאגט:

— גרייט אז מער געווער — וועט מען אייך מיט אייער איי־

נענעם געווער דער'הרג'ענען. מיט אייערע אייגענע מעסערס וועט מען אייך דערשטעכען. אַט אַזוי: גרייט צו פּאַר זיך דעם טויט...

און ערשט ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, נאָך עפּעס מורמלענ־דיג, האָט זיך איינער מיט אַ מאָדנער רציחה אַ לאָז געטאָן נאָך אים. אין די אויגען זיינע איז געווען דער טויט. דער גאַנצער איז ער געווען — שרעק און רציחה. מיט איין ווילדען שפּרונג איז ער שוין געווען ביים טיר. און אין אַ רגע — האָט מען שוין פון אַ הינטער'ן טיר דערהערט אַ כריפּען און געראָדער.

עס האָט געדויערט אַ לאַנגע ווייַלע ביז מען האָט זיי ביידען קייקלענדיגע אויף דער ערד, אין דער נעדיכטער פינסטערניש, פאַ־נאַנדערגעריסען און דעם, וואָס איז נאָך יעקב'ן אַרויסגעלאָפען אַריינגעבראַכט אין הויז. ער האָט זיך געריסען און געשריען פון די צענדליגע הענט, וואָס האָבען אים געהאַלטען. מיט אַ שוים אויף די ליפּען האָט ער אַרויסגעשריען מאָדנע פראַזען, האָט זיך געבייזערט און געפינטעלט מיט די מיט בלוט אָנגעלאָפענע אויגען. יעקב'ן האָט מען אויך אַריינגעשלעפּט אין צימער. אָבער ער איז געווען דער זעלבינער, אַ קאַלטער און אַ פינסטערער און האָט בלויז שווער געאָטעמט.

קלאַרע איז געווען שטאַרק דערשראָקען. איך האָב עפּעס ווי צום ערשטען מאָל דערזען איר פּנים פאַר דער גאַנצער צייט וואָס מיר זיינען געווען אין צימער. זי איז געווען בלייך און האָט גע־האַלטען די הענט פאַרבראָכען, אַזוי ווי דאָן, אין שפּיטאָל, ווען ד אָ ס האָט מיט מיר פּאַסירט. אימיצער פון די פאַרזאַמעלטע, דאַכט זיך דער באַקאַליישטשיק, אַ הויכער דאַרער איד, האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ ציטערענדיגער שטימע:

— גאָט מיינער, וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס, אידען? עס איז דאָך... עס איז דאָך...

און ער האָט ניט געקענט פאַרענדיגען.

און אין יענער רגע (איך געדיינק עס) האָט זיך מיר אויסגע־דוכט, אַז אָט דאָס, וואָס האָט געלויערט איבער אַלעמען אין צי־מער האָט זיך אַ ריר געטאָן און נאָך איין רגע, נאָך אַזאַ רגע, און ד אָ ס וועט נעבאָרען ווערען, אָנפילען דעם צימער, און עס וועט פּאַסירען דאָס משונה'דיגסטע. און ווער ווייס, וואָס פאַר אַן אויס־

דרוק דאס וועט געפינען? אפשר וועלען מיר אלע מיט איין מאל משוגע ווערען און אויפפרעסען, ווי ווילדע חיות, איינער דעם צווייטען. אבער יענע רגע איז פאריבער. יעקב איז ארויס פון צימער, און דער, וואס האט עטליכע מינוטען נאכאנאנד גע־שריען און געריסען איז מיט אמאל אנשוויגען געווארען און גע־בליבען זיצען אן ווערטער.

מען האט נאך שווער געאטעמט, ווען דער פארזיצער האט צו אלעמענס פרייד אויסגעשטאמעלט:

— אידען, מען קען ניט... מען קען איצט ניט... מארגען. איך הערט: מארגען וועלען מיר זיך צוזאמענקומען...

און אלע זיינען זיך צוגאנגען, שטילע ווי אבלים ארויסגערוקט זיך פון הויז, און, אזוי ווי דאן, האט זיי באגלייט אויך יענער, וואס האט געטרויערט זייער טרויער און געוויינט אויף זייער צער, — און איז געווען, אזוי ווי זיי, דערשראקען און פארשעמט, און אזוי ווי זיי, געגאנגען איבער די הערבסטיגע בלאטיגע גאסען באגלייטענדיג זיי צו זייערע היימען, צו זייערע ווייבער און קינדער, וואס האבען געווארט מיט א פארכאפטען אטעם אויף דער בשורה, וואס דער פאטער וועט צוריקקערענדיג זיך אין דער שווארצער נאכט, מיט זיך אריינברענגען.

אלע זיינען ארויס פון צימער. בלויז קלארע איז מיט מיר פארבליבען. זי איז א ווײַלע געזעסען מיט'ן פנים צום פענסטער, וואס איז געווען ארומגעשפארט מיט לאדען און פארהאנגען מיט א שווארצער טוך. איך בין געזעסען אן א זייט און נעקוקט אויף איר פראפיל, אויף די בלייכע, צארטע באקען. נאכדעם איז זי אויפגעשטאנען, צוגעגאנגען צו מיר און האט מיך פלוצלונג א קוש געטאן אין שטערען — אזוי ליבליך, אזוי צארט, ווי א מוטער — און עס איז גאר ניט געווען עפעס אויסערגעוויינליכעס אין דעם, וואס זי איז אזוי פלוצלונג צוגעגאנגען און דעם ערשטען מאל א קוש געטאן מיך אויפ'ן שטערען. איך האב אנגענומען זי פאר ביידע הענט, צוגעצויגען זי צו זיך און א קוש געטאן אירע בלייכע פינגער.

זי האט געזאגט:

— הייסט עס, אז מיר וועלען ניט נעמען קיין נקמה... אפילו ניט פארטיידיגען זיך. הא?

איך האָב, ווי אַן עכאָ, אין דעם זעלביגען טאָן געענטפערט:

— ניין, מיר וועלען ניט נעמען קיין נקמה. אפילו ניט פאַר־טיידיגען זיך...

— און קיינער וועט ניט אַפּצאָלען פאַר אונזער שאַנד און פאַר אונזער בלוט... און קיינער וועט ניט וויינען אויף אונזער צער.

— קיינער וועט ניט וויינען אויף אונזער צער.

— טאָ וואָס איז דאָס, פרעג איך ביי אייך, זאַלקין, וואָס איז דאָס? איז דאָך גערעכט יעקב: עס איז ניטאָ פון וועמען די נקמה צו נעמען. עס איז ניטאָ. נו, דאַרף מען זי פון זיך אַליין נעמען...

איך האָב געוואָלט ווידער אָפּרופען זיך, ווי אַן עכאָ: נו, דאַרף מען זי פון זיך אַליין נעמען — האָט זי, אַזוי ווי ענטפערענדיג אויף מיין געדאַנק, אַ זאָג געטאָן:

— אָבער ווי זאָל מען אַליין פון זיך אָט די נקמה נעמען? אָט זיינען זיי דאָ אַלע געוועזן, אַלע קרבנות, אַלע געליטענע. האָט איר געזען זייערע פּנים׳ער? זיי זיינען ווי טויטע. ניטאָ קיין לעבע־דיגע בלוטען אין זייערע אָדערען. דאָס בלוט האָט זיך אין זיי מיט איין מאָל אָפּגעשטעלט און וועט שוין אַזוי אויף אייביג בלייבען פאַרגליווערט. איר האָט געזען ווי דער יונגער מאַן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף יעקב׳ן? אַזוי שלאָגען זיך דאָך טויטע! זיי זיינען ביידע — אי ער, אי יעקב — טויט. האָט איר זיי געזען? ביידע נימדאַאיגע, זיינען זיי געוועזן שרעקליך. איר הערט, עס קלאַפּט נאָך איצט אין מיר מיין האַרץ פון שרעק. איר הערט?

זי האָט אַנגענומען מיין האַנט און האָט צוגעדריקט צו איר קלאַפּענדיגען האַרצען. נאָכדעם האָט זי ווידער שטיל פאָרגע־זעצט:

— טויטע ווילען זיי קעמפען. ווי קענען טויטע קעמפען, זאַל־קין? יעקב איז דאָך גערעכט: אַז מיר ווילען טויט — איז דאָך עס נאָר דעם אייגענעם טויט. ער איז גערעכט: מיט דער ערש־טער געשענדעטער זיינען מיר אַלע אידישע טעכטער געשענדעט גע־וואָרען. איך זאָג אייך, זאַלקין, ווען איך בין אַליין, און איך גיב אַ טראַכט וועגען אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט, כאַפּט מיך אַרום אַזאַ מורא, אַז די מורא איז שוין ניט קיין מורא, נאָר אַ גרויסע נעטליכע באַפרידיגונג, און עס ווילט זיך שטאַרבען אין דעם רשות פון אָט

דער באפרידיגונג. איר פארשטייט: עס איז אין דעם אזא פאר־באטענע און דאך א פרייע באפרידיגונג, וואס דערהויבט אייך ביז די העכסטע הויכקייטען, וואס איז טויט... אז איך גיב א טראכט וועגען די געשענדעטע כאפט ארום מיין גאנצען וועזען עפעס אזוינס — און, גאט מיינער, איך ווייס ניט וואס, נאר איך ווייס אז עפעס גרויסעס, און וואס איך וויל דאן — איז גיין אויף דער גאס, און לאזען זיך שענדען. שענדען ביז פארגעסונג, ביז משוגעת, און וואס שרעקליכער, משונה'דיגער די שענדונג איבער מיר, אלץ גרע־סער די באפרידיגונג — די דערלייזונג... איר פארשטייט: די דער־לייזונג פון לעבען.

זי האט זיך די גאנצע, ווי אנגעצונדען. אנגעכאפט מיין קאפ מיט ביידע הענט, צוגעצויגען צו זיך און האט טיף אריינגעקוקט מיר אין די אויגען מיט אירע פארברייטערטע ווייסלען, און איך האב אויף א רגע דערזען די אויגען פון מיין שוועסטער רחל. מיר איז געווען גוט אונטער איר וואנזיניגען בליק. דאס איז געווען א רגע פון א גרויסער פרייד. איך האב געוואלט זאגען:

— אט אזוי... אט אזוי!... קוק נאך.

און זי האט, ווי פארשטייענדיג מיין פארלאנג, איבערגעכאפט דעם אטעם, און נאך אמאל א קוק געטאן מיר אין די אויגען, טיף און זיכער, אזוי ווי זי וואלט דארט דערזען דאס, וואס זי האט געזוכט צו דערזען. נאכדעם האט זי שוין זיכער געזאגט:

— איך ווייס, אז איר וועט מיך פארשטייען. דערפאר האב איך עס געזאגט. טויזענטער וועלען אפשר ניט פארשטייען. אבער איר וועט עס זיכער פארשטייען. איר זיינט גאר אן אנדערער. איר זיינט אן אנדערער... איך האב פון דעם פאגראם כמעט ניט געלי־טען. מיר אלע זיינען אנטלאפען אין וואלד, און דארט אויסבא־האלטען זיך די גאנצע צייט — ביז אלץ איז שוין געווען פאריבער. אבער איך זאג אייך, זאלקין, איך בין אזוי ווי אלע פאגראמירטע, אזוי ווי איר, ווי יעקב, און כאטש מיין פאטער און מיין מוטער לעבען — זיינען זיי פאר מיר אזוי ווי טויטע. און איך אליין בין, ווי א געשענדעטע. איר פארשטייט, וואס דאס איז? ליגענדיג אונ־טער די קוסטעס אין די פינסטערע נעכט פלעג איך פילען הענט אויף מיין לייב, אפשר טויזענטער הענט האבען באריכט מיין לייב... מיין

הארץ פלעגט קלאפען אין א שרעקליכער פייגליכער ערוואַרטונג אויף זיי, וואס וועלען קומען און וועלען איבער מיר, איבער דער שוואכער, טאן עפעס... טויזענטער פעדים האבען זיך פון מיר גע־צויגען צו זיי, צו די, וואס האבען מיך געזאלט, אזוי ווי אנדערע, באַרירען מיט זייער מיאוס'ער באַרירונג. איר וועט מיר אפשר ניט וועלען גלויבען, אבער איך האב זיך זיי געוואלט איבערגעבען, ווי מען גיט זיך אוועק דעם שיקזאל, אט אזוי מיט'ן קאפ, מיט'ן האר־צען, מיט'ן גאנצען לעבען — אוועקגעבען זיך — און ניט קעמ־פען... איר פארשטייט דאך עס אזוי גוט. איך זעה נאך אייך. זאל־קין, איך האב פון פאגראם ניט געליטען, איך האב זיך מיט אונזערע זיך אויסבאַהאלטען אין וואלד און קיין פרעמדע אויג האט אונז קיינעם ניט באמערקט די גאנצע צייט פון אונזער באַהאלטען זיך — און דאך בין איך א געשענדעטע. טויזענטער הענט האבען מיך באַ־רירט, און טויזענטער האבען געמאכט א שרעקליכען געברויך פון מיין קערפער און נשמה... און שפעטער אז מיר זיינען געקומען אין א פינסטערער נאכט אהיים, און איך האב זיך דערזען אין די צור־קנייטשטע שמוציגע קליידער, מיט א בלייכען פנים און מיט בייזע איינגעפאלענע אויגען — האב איך פארשטאנען: יע. ד א ס האט מיט מיר פאסירט, ד א ס, וואס מיט אלעמען. און מיך האט אזוי געעקעלט פון זיך אליין... איר הערט: מיר האט זיך אזוי גע־וואלט אנשפייען זיך אין פנים. ווען איך וואלט געקענט אפטרע־טען פון זיך אויף א ווייל און א שפיי טאן אויף דער, וואס רופט זיך קלארע לעווי!... און דאך טיף אין הארצען בין איך פון דעם געווען גוואלדיג צופרידען. אזא הייליגע באפרידיגונג האט גע־קוועלט אין מיר אינאיינעם מיט דער פאראכטונג! איך זאג עס נאר אייך. נאר אייך האב איך עס געקאנט זאגען...

זי האט שווער געאטעמט. אין א מינוט ארום האט זי אזוי שטיל, אזוי מאדנע שטיל, געזאגט:

— פארוואס האבען זיי פאראומרייניגט מיין לעבען? איך בין דאך בלויז א קינד געווען, אן אומשולדיג קינד. און אז פלעגט קומען א שלעכטער געדאנק, פלעג איך אים, ווי א הייליגע נאנע, פארבאר־גען, באהאלטען אים הינטער מיין באוואוסטזיין. וועמען האב איך שלעכטס געטאן? אויף וועמען האב איך א האנט אויפגעהויבען?

פארוואס האט מען מיך אריינגעשליידערט אין דער וועלט פון משוגעת? וועמען זאל איך באשולדיגען, און צו וועמען זאל איך האבען טענות? איך האב דאך אזוי געגלויבט און ליב געהאט מענ־שען, אזוי געוואלט שטארבען פאר מענשען. איצט קען איך אפילו ניט שטארבען פאר מיין פאטער, פאר מיין מוטער. איר הערט: פאר דער מוטער וויל איך ניט שטארבען. איך וויל ניט!... אט האב איך א קליין, נישטיג לעבען, וואס איז אזוי ווייניג ווערט — און איך קען עס ניט אוועקגעבען פאר מענשען. איך קען עס ניט אפילו אונטערטראגען ווי א הארטען פויסט דער גאנצער וועלט אונטער די אויגען, און שרייען: זעט וואס איר האט מיט מיר געטאן! אפילו דאס קען איך שוין ניט.

זי האט זיך מיט אמאל צונויפגעקארטשעט, געווארען קליין באהאלטען איר קאפ אויף מיין ברוסט, אזוי ווי א קראנק קינד. מאכטלאז און אונטערטעניג. ערשט שפעטער האב איך דערזען, אז זי וויינט. איבער די באקען זיינען געלאפען גרויסע טראפענס טרערען און די פלייצעס האבען לייכט געציטערט און געווארפען זיך פון א פארשטיקטען שלוכצען. אזוי זיינען מיר געזעסען גאנץ לאנג. מיר האבען ניט גערעדט. דאס שווייגען איז געווען רעדעוודיג. עס האבען נאך אין הויז געקלונגען די אויפגערעגטע שטימען פון די פארזאמעלטע. עס האבען גערעדט די ווענט, דער באלקען און אלץ, וואס איז געווען אין הויז האט גערעדט, געשריען און זשעס־טיקולירט, אזוי ווי די, וואס זיינען דא ניט לאנג געווען וואלטען נאך פארבליבען און וואלטען נאך פארגעזעצט זייער אומגעוויינ־ליכען געשפרעך פון טויט און שרעק און נקמה...

מיט אמאל האט זי זיך אויפגעכאפט:

— זאלקין, טייערער, פירט מיך אפ אהיים.

מיר האבען זיך אנגעטאן און ארויס פון הויז. מיר זיינען געגאנגען איבער די נאכטיגע גאסען, שווייגענדיגע. קלארע איז געווען איצט נאענט מיין הארצען אזוי ווי א געליבטע. עס איז שוין ניט געווען קלארע לעווי, נאר די איינציגע קלארע, די געליבטע, וועמען איך האב שוין געליבט לאנגע יארטויזענדע, פון אייביג אן. און ווען מיר זיינען צוגעגאנגען צו איר הויז האב איך געזאגט:

— ד ו וועסט קומען, קלארע?

און איך האב ניט באמערקט, אז איך האב איר געזאגט „דו“.
האט זי אויך געזאגט:

— יע, ברוד, איך וועל צו דיר מארגען קומען און זיין מיט דיר דעם גאנצען טאג אינאיינעם...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

IV.

יענע נאכט.

אז איך בין אהיים געקומען האב איך דארט געפונען יעקב'ן. ער איז געזעסען לעבען טיש אונטערשפארענדיג דעם קאפ אויף די צונויפגעלייגטע פויסטען. ער האט זיך אפילו ניט א ריר געטאן ביי מיין קומען, אזוי ווי ער וואלט מיך גאר ניט באמערקט. איך האב זיך אויך צוגעזעצט צום טיש, און געזאגט:

— זיי זיינען זיך צוגאנגען. איבער דיר. מען האט שוין ניט געקענט פארזעצען די פארזאמלונג. מען איז זייער אויפגערעגט געווען — האט מען באשלאסען אפצולייגען אויף מארגען.

ער האט עפעס ווי ניט געהערט וואס איך האב צו אים גערעדט, ווייל ער האט געזאגט:

— אט דא לעבען שטאט איז פאראן א קליין דערפעל. פארוואס זיינען זיי אלע ניט ארויס מיט העק און שטעקענס גלייך נאכ'ן פאגראם? די אידען זיינען דאך געווען אין מערצאל. זיי וואלטען דאך געקענט ארויפווארפען אן אימה אויף די עטליכע פויערים. זיי וואלטען זיי געקענט אויס'הרג'ענען און אויסקוילען מיט זייערע ווייבער און קינדער, ווי זיי האבען מיט אונז פריער געטאן. זיי זיינען אבער דאן ניט ארויס, באלד, אויף מארגען, יענע שיינע נקמה צו נעמען. און די פויערים פונ'ם זעלביגען דערפעל זיינען געזעסען רואיג אין זייערע היימען, געשפאט איבער אונזער הילפלאזיגקייט, און געוואוסט, אז מיר וועלען ניט קומען פון זיי נקמה נעמען. זיי האבען עס געוואוסט: אידען קענען קיין נקמה ניט נעמען. אפילו

די גויאים ווייסען דאך שוין עס... עס איז אזוי אומגלויביג — אידען מיט העק און שטעקענס, מיט כלי־זיין... אידען וואס באפאלען א גאנצע דארף מיט גויים...

ער האט זיך פלוצלונג געגומען ווארפען פון א שטיקענדיגען געלעכטער. עס האט זיך נעדוכט, אז עפעס האט זיך איין אים געריסען אינוויינינג, אזוי רויט איז געווארען פון אנשטרענגונג זיין בלייכער פנים! עס האבען געדויערט עטליכע מינוטען ביז ער האט זיך בארויגט. עס איז געווען אזוי מאדנע צו זען אים א לאכענדיגען.

אין א ווײלע ארום האט ער זיך אויסגעגלייכט, און מיט א גלייכגילטיגער מינע געזאגט:

— און אפשר איז יענער יונגער מאן גערעכט געווען, ווען ער האט געזאגט: מיר מוזען שטארבען ווי סאלדאטען, ווי מענשען. וואס דארפען אויספירען א שליחות.

און פלוצלונג:

— און דו — מען האט דאך דיין בלוט פארגאסען. מען האט דיינע עלטערן, דיין ברודער און דיין שוועסטער פון דער וועלט אראפגעבראכט. דו האסט אודאי באדארפט זיין דער ערשטער. קלארע אפשר ניט — אבער דו אודאי... האסטו, הייסט עס, באשלאסען גאר ניט צו טאן מיט דער זעלבסט־שוץ? ניט גוט. האסט ניט באדארפט שטייען פון דער ווייטען. ווי קענסטו שטייען פון דער ווייטען? שרייט דען ניט דאס בלוט פון דיין פאטער צו דיר? פון דער ערד שרייט דאך דאס בלוט. און קיינמאל וועט דאך דאס בלוט נים אנשווייגען ווערען. ווי קענסטו הערען דעם קול פון בלוט — און גארניט טאן, און ארומגייען אויף דער וועלט. ווי קענסטו דאס?

ער האט קאלט א קוק געטאן מיר אין די אויגען. איך האב עפעס געוואלט זאגען. א ווארט האט זיך געוואלט אראפרייסען פון מיינע ליפען. אבער אין יענעם מאמענט האב איך דאס ווארט פארלארען, לאנג געזוכט און ניט געקענט געפינען. האב איך געשוויגען. האט ער געווארט א ווײלע און האט מיט דעם זעליביגען טאן א זאג געטאן:

— אט שווייגסטו. דו פילסט זיך טאקע שולדיג. ווער, אויב

ניט דו? דו האסט באדארפט זיין דער ערשטער צו נעמען נקמה. פארוואס האסטו ביז איצט ניט פארברענט זייערע וואוינונגען, מיט זייערע ווייבער און קינדער, מיט זייער האב און גוטס? ווי א בייזער גייסט פון פארניכטונג האסטו זיך באדארפט דורכטראגען צווישען זיי און פארזייען טויט און שרעקען. ווי קענסטו רוען, אז די נקמה איז נאך ניט גענומען? פארוואס פאר'סמ'סטו ניט די לופט מיט וועלכער זיי אטעמען? פארוואס פאראומרייניגסטו ניט זייערע הייזער, ווי זיי האבען פאראומרייניגט דיין הויז? פאר־וואס צאלסטו ניט?...

ער האט כמעט געשריען. זיין בליק איז געווען אזוי ערנסט און אויפריכטיג. איך האב געזען: ער איז געווען אויפגערעגט. און דאן האב איך דאס ווארט געזאגט:

— ליגנער.

ער איז אבער געבליבען דער זעלביגער. אים האט עס א פנים ניט געארט, וואס איך האב אים אנגערופען — ליגנער. ער האט עס ווי גאר ניט באמערקט. איך בין אפגעטראטען אן א זייט, און ער האט זיך צוגערוקט נענטער צום טיש און האט גענומען אויס־קלאפען עפעס מיט די פינגער. אין א ווייל'ע ארום האט ער א שמייכעל געטאן. עס איז געווען, ווי עס וואלט צווישען שווארצע וואל־קענס זיך באוויזען די זון אויף א רגע, א ליכטיגע, א פריילינבע — און גלייך פארשוואונדען. ער איז נאך א ווייל'ע געזעסען אן ווער־טער, און האט נוטמוטיג געזאגט:

— אט האסטו פריער געזאגט: ליגנער. דו מיינסט, איך האב עס ניט באמערקט? דו ביזט גערעכט. איך בין א ליגנער. איך לייג באוואוסטזיניג. אט האב איך זיך פריער געקאכט און געשריען, אז מיר דארפען ניט קיין זעלבסט־שוץ, אז זי איז אומנויטיג. איך האב זיי אויך געזאגט, אז מיר קענען זיך אפילו ניט פארטיידיגען, און זאגענדיג דאס אלץ האב איך געוואוסט, אז דאס זיינען בלויז ווערטער, אפשר אמת'ע און אפשר פאלשע. עס ווענדט זיך פון דעם, ווי מען קוקט אויף זיי. אויב מיט גלויבען — זיינען זיי אמת'ע. אויב אן גלויבען — פאלשע. אבער ווי דאס איז, — זיי האבען ניט ווילענדיג געגלויבט — און מיינע ווערטער האבען געווירקט. איך האב געפילט, אז עפעס האט זיך אויסגעלאשען אין זייערע הערצער—

און דאָן האָב איך שוין אַליין אָנגעהויבן גלויבן אין דעם אמת פון מיינע ווערטער. איך אַליין בין פון זיי באַאיינפלוסט געוואָרן. אָוועקגעטראָגן געוואָרן אויף זייערע פליגלען... און ווער ווייס ווי ווייט מיינע ווערטער וואָלטן דערגרייכט, ווען אַ פּאָר וואָלטן ניט געמאַכט קיין טומל. אפשר וואָלטן זיי איינע די אַנדערע אויפגעגעסן, ווי ווילדע, פלוצלונג וואַנזיניג געוואָרענע חיות. דו דיינקסט, אַז ניט? און איצט פאַר דיר. איך האָב גערעדט דאָס פּאַרקערטע. איך האָב פּאַטעטיש ארויסגערעדט פשוט'ע, שוין אויס־גדראָשענע ווערטער. וועלכע זיינען שוין אַזוי פיל מאָל באַנוצט געוואָרן, ספּעציעל די לעצטע צייטען. מען וועט זיי אויך ביי דער מאָרגענדיגער פאַרזאַמלונג פון דער זעלבסט־שוץ באַנוצן, ווייל מען דאַרף זיי האָבן אַט די ווערטער. אַז זיי וועט מען ניט באַ־גייסטערט ווערן, צו גאָר ניט קומען. איך האָב גערעדט — און בּיסלאַכווייז אָנגעהויבן גלויבן אין זיי — און זיי זיינען שוין ניט קיין ליגען. אין ביידע פאַלן בין איך געווען אַ ליגנער, און ביידע מאָל האָב איך בלויז געזוכט, געוואָלט געפינען דעם אמת. פאַר־שטייסט: דעם אמת. באַוואוסטזיניג אָדער אומבאַוואוסטזיניג, אָבער דעם אמת, דעם אמת...

ער האָט זיך פאַרטראַכט. זיין פּנים איז ווידער געוואָרן שוואַרץ. ער האָט זיך אויפגעהויבן און זיך דורכגעגאַנגען איבער'ן צימער עטליכע מאָל.

— אָבער ווי קען מען דורך ווערטער זוכן דעם אמת? ווי קען מען דערגרייכן דעם אמת — מיט ווערטער? אַט וועל איך אַרויסזאָגן אַ גרויסען אמת. וועלען זיך דען ניט געפינען מיליאָנען אַנדערע ווערטער, מיר וועלען זיי אָנרופן פאַלשע, ליגנערישע ווער־טער, וועלכע וועלען מיינע ווערטער איינשלינגען, וועלען מיין אמת דער'הרג'ענען און וועלען טריאומפירענדיג פאַרנעמען זייער פּלאַץ מיט זייער ליגען, וואָס וועט זיין אַ נייער אמת. און מען קען דאָך אַזוי אויפשטעלען איין ליגען אויף דעם צווייטען, מען קען דאָך ציען אַ לייטער פון ליגענס, איין ליגען איבער דעם צווייטען, ביז דער העכסטער הויך — און דאָס וואָס וועט זיין אויף דער העכסטער הויך וועט זיין דער אמת, וועלכען מיר זוכען. דער העכסטער ליגען וועט זיין דער אמת... הער... המ... ווערטער... וואָס זיינען

ווערטער, ברוך ? איך וועל ביי דיר פרעגען : וואס קענען ווערטער ניט באשאפען און וואס קענען ווערטער ניט צושטערען ? מיט ווערטער ווערטער וועל איך באגליקען, און מיט ווערטער וועל איך דיר ארויפברייינגען דעם גרעסטען אומגליק. אט זע : וואס קען זיין שרעקליכער פון אונזער לאגע ? עס איז דאך דאס מורא'דיגסטע, וואס א מענש קאן זיך פארשטעלען, אבער קיין שרעק איז דערין ניטא. און אויב עס איז דא א שרעק —— איז עס דער אויפטו פון ווערטער, וואס האבען באאיינפלוסט אונזערע סענטימענטען. ווערטער האבען פאנאנדערגעבלאזען דעם פונק פון מורא — און ניט מער. ווייל אויב אונזער לאגע איז שרעקליך, איז עס שרעקליך בלויז דערפאר, ווייל אין דער ווירקליכקייט איז גאר ניטא קיין שרעק. ניטא אין דעם קיין ביסעל שרעק. שרעקליך, ווייל ניטא קיין שרעק. פארשטייסט : דער רייגער פארשטאנד זאגט אונז, אז עס האט באדארפט זיין א שרעק, א גרויסער, א נרעניצלאזער און א וואונדערליכער, וואס זאל בכח זיין צו שאפען וואונדער און מופתים, וואס זאל שטייען מיט אונז די גאנצע צייט, ווי אן עדות. און ווען מיר וועלען אין דער לעצטער רגע שרייען אונזער לעצטען געשריי, און אטעמען אונזער לעצטען אטעם — זאל ער זיך שטעלען, ווי א פארמיטלער צווישען אונז און גאט, און זאל שאפען וואונדער, באהעפטענדיג אונז מיט'ן הימעל. אזא שרעק איז ניטא. אט וועט מען קומען און מען וועט אונז אלעמען קוילען פאר דעם קלארען פנים פון דער זון — וועט דען די זון אויף א רגע פארטונקלען אירע שטראלען ? און אז מען וועט די קינדער אונזערע פאר אונזערע אויגען די קעפ אראפהאקען, און די טאטעס — אויסשטעכען די אויגען, און די מאמעס — שענדען, וועלען דען פון דעם די הימלען פארטונקלען זייער בלויקייט, כאטש אויף א רגע, כאטש אויף אן אויגענבליק ? מיר ווילען דאך עס אזוי ! איך פרעג ביי דיר, וואו איז יענער שרעק, יענער ממשות'דיגער שרעק, נאך וועלכען עס בייגקט אזוי דאס הארץ ? עס האט דאך באדארפט זיין אזא שרעק ? עס האט דאך געמוזט זיין — און דאן וואלט ניט געווען אט דער פאלשער, ליגנערישער שרעק, דער שרעק פון דעם איינצעלנעם, וואס ווערט געשטרויכעלט, וואס ווערט געפייניגט און וואס ציטערט פאר דער אייגענער פעל — עס וואלט געווען איין שרעק פאר אלעמען—

פאר דעם פייניגער און פאר דעם פארפייניגטען... איין שרעק. וואלט אונזער שרעק געקענט אויפציטערען די וועלט וואלט אין דעם געווען אונזער אלעמענס דערלייזונג. ווייל מיר מוזען דערלייזט ווערען פון אונזער שוואכקייט און הילפלאזינקייט, פון דעם קלעם פון איינזאמקייט. מיר מוזען! מיר מוזען שטארבענדיג באשאפען אין די פייניגער א שרעק, וואס זאל זיין גלייך צו אונזערען. אנ־שטעקען זיי מיט אונזער איינזאמקייט, מיט אונזער הילפלאזיגקייט, דערנענטערען דעם טויט צו זייערע היימען, צו זייערע ווייבער און קינדער. אבער נים מיט קאמף. שוואכע טארען נים קעמפען. שוואכע מוזען דערשרעקען די שטארקע מיט זייער שוואכקיים, מיט זייער שוידערליכער אונטערטעניגקייט!...

ער האט ווידער כמעט געשריען. ער האט דער גאנצער גע־ברענט אין זיין אומרואיגקייט, האט זיך געווארפען און זשעסטיקו־לירט, און איך האב צום ערשטען מאל דערזען זיין טויטען פנים, וואס איז באלעבט געווארען דורך ווילדע עמאציעס. די אויגען זיינע האבען זיך ברייט געעפענט און האבען אנטבלויזט די מיט בלוט אנגעגאסענע ווייסלען. אזא באוועגליכען פנים האב איך ביז דאן נאך קיין מאל ניט געזען. זיינע אויגען פלעגען זיך ברייט עפענען און פלעגען זיך כמעט אינגאנצען צומאכען, בלויז איין פינ־טעלע פון זיין ברענענדינען שווארצאפעל פלעגט גליען, ווי ביי א בייזער חיה. די ליפען האבען זיך געעפענט און צוזאמענגעדריקט, שטארק, שטארק, אזוי ווי ער וואלט וועלען זיי איינבייסען ביז בלוט. און די נאז־לעכער האבען געציטערט און געבלייכט זיך. דאס פנים האט זיך געקנייטשט ווי ביי אן אלטען הונדערט־יאריגען זקן, וואס איז פלוצלונג אריין אין התלהבות. אזא לעבעדיגען, אזא אימפעדיגען פנים האב איך נאך קיינמאל ניט געזען. און עס איז שווער געווען צו באשטימען — צי די ענדערונגען זיינען פון גליק אדער אומגליק, ווייל צייטענווייז האט זיך געדוכט, אז אט אט, און ער וועט אויסברעכען אין א געוויין, אזוי מאדנע ביטער האט זיין פנים אויסגעזען. אין א מינוט ארום האט זיך שוין אויסגעדוכט אז ער פארשטיקט אין זיך א ווילדען געלעכטער, וואס וועט זיך ארויסרייסען פון זיין ברוסט, און וועט זיך דורכקייקלען איבער'ן הויז, איבער די ווענט צום באלקען...

מיט אמאל איז זיין פנים געווארען קאלט, ווי געוויינליך. ער האט א קוק געטאן מיר אין די אויגען מיט פאראכטונג.

— דו ווייסט, ברוך, דו ביזט א מאדנער מענש. האסטו ווען ניט איז א טראכט געטאן פון דעם? אט גייסטו אום אויף דער וועלט, און וואוינסט אין דיין פאטער'ס הויז. האסטו ניט א טראכט געטאן אמאל, אז עס איז ניט גאר גוט צו זיין אין דער הויז, וואו מען האט דער'הרג'עט דעם טאטען, די מאמען, דעם ברודער, די שוועסטער, און וואו דו אליין ביזט נאר געבליבען. זייער בלוט האט זיך נאך ניט אינגאנצען אפגעריבען פון דעם דיל און פון די ווענט. זייער לעצטער אטעם שוועבט נאך ארום אין דער לופטען. זייער לעצטער געשריי הילכט נאך ארום דעם באלקען פון דער הויז — און דו קענסט אזוי קאלטבלוטיג זעצען זיך לעבען טיש און עסען. יעדע נאכט אויסטאן זיך און לייגען זיך אין בעט שלאפען. דו, וואס דו האסט מיט דיינע אויגען געזען ווי מען האט זיי דער'הרג'עט מיט אלע אייניצעלהייטען — האסטו זיך נאך דעם שארבען ניט צושפאלטען מיט א האק. האסט אפילו זיך די אויגען ניט אויסגעשטאכען, כדי ניט צו זען דעם צימער, אין וועלכען מען האט זיי דער'הרג'עט. ביזט אפילו פון זינען ניט אראפ... איך פרעג דיך: ווי קענסטו פון זינען ניט אראפ?...

ער האט כמעט געשטעקט די פויסטען מיר אין פנים. זיין פנים איז געווארען דאר און שפיציג און די אויגען גליענדיג און ער האט אלץ ניט אויפגעהערט צו שרייען:

— ווי קענסטו פון זינען ניט אראפ? ווי קענסטו ארומגיין אויף גאטס וועלט. די ווענט שרייען דאך געוואלד, און דו — שווייגסט. די ווענט שרייען און ליארעמען און רופען אין דער לעצטער אגאנישער פארצווייפלונג — און דו גייסט ארום א שוויי־גענדיגער, און ווילסט פון דעם ניט וויסען. צו דיר שרייט אלעס, און דו ביזט טויב. צו דיר ציהען זיך ציטערענדיגע, קראמפהאפטע הענט — און דו זעסט זיי ניט... דיינע ווענט האבען געקראגען אויגען און זעען אלץ — און דו ביזט בלינד. דיינע ווענט האבען געקראגען אויערען און הערען — און דו ביזט טויב. דיינע ווענט שרייען — און דו ביזט שטום...

איצט האב איך שוין געזען: יעקב איז געווען משוגע. ער

איז געשטאנען הארט לעבען מיר, פנים צו פנים. זיינע אויגען האָ־בען געקוקט אין מיינע אויגען. זיין אָטעם האָט מיך געשטיקט מיט זיין צופוילטקייט. עס האָט פון אים, פונ׳ם גאנצען געטראָגען אזא ריח, אזוי ווי ער וואָלט שוין פון לאנג געווען א טויטער, פאר־שטונקענער קערפער. איצט האָב איך באמערקט, אז די לעפּלעך פון זיינע אויגען זיינען געווען אנגעשוואָלען און אויפגעפלאָמט, און האָבען זיך שטארק געאייטערט אין די ווינקלען. די ליפּען זיינען געווען בלייך, צושפּאָלטען און פארשוואָלען. דער גאנצער האָט ער אויסגעזען, ווי אן אלטער, איינגעהויקערטער, איינגעשרומפּטער בעטלער, וואָס ווען ער לאכט — דוכט זיך, אז ער וויינט, און ווען ער וויינט — אז ער פארגייט זיך אין א פרייליכען געלעכטער.

און נאָך: ער האָט אזוי דערמאָנט אן אימיצען, וועמען איך האָב גאָר ניט לאנג געזען ערגעץ, און איך האָב זיך דאָן ניט געקענט דערמאָנען וואו. איצט ווייס איך אָבער: ער האָט דערמאָנט דעם פּאָטער, וועלכער איז געהאָנגען א צוגענעגעלטער צום וואָנט — און האָט אָט אזוי אויסגעזען.

יע. עס איז שוין ניט געווען קיין צווייפעל: ער איז געווען משוגע. נאָך איין זאך האָט מיך געוואונדערט. דער גאנצער ווידערשפּרעכענדער כאראקטער פון דעם ים פון זיינע ווערטער האָט דאָך איין זיך געטראָגען א גרויסען אמת. ער האָט אין איינעם מיט דעם כאראקטער און מיט דעם אינהאלט פון די רייד שטענדיג געביטען זיין שטימונג — דעריבער איז אלץ, וואָס עס איז אראָפּ פון זיינע ליפּען, געווען אזוי וואָרהאָפטיג און אויפריכטיג. אלץ וואָס ער האָט געזאָגט האָט ער געזאָגט מיט דעם בלוט פון זיין הארצען, ווענען וואָס ער האָט גערעדט איז געווען אויפריכטיג, און דערפאר ווען ער האָט אויפגעהערט אויף א ווײלע צו ריידען — האָט זיך געדוכט, אז דאָס, וואָס ער האָט ערשט געזאָגט איז אן אמת.

טאָדלענדיג מיך האָט ער אויך ארויסגעזאָגט א גרויסען אמת. אָבער מאָדנע: עס האָט מיך ניט גערירט. איך בין געבליבען גלייכגילטיג. אזוי ווי ער וואָלט די גאנצע צייט גערעדט ניט וועגען מיר, נאָר וועגען אימיצען, א צווייטען, וועמען איך קאָן גאָר ניט. נאָך מער: עס האָט מיך אפילו ניט פארדראָסען, וואָס ער רעדט

אזוי אפען און קריכט אזוי אומפארזיכטיג אין מיין נשמה אריין. מיר איז אפשר געווען זאגאר אנגענעם צו הערען פון אים אזעלכע רייד. איצט בין איך שוין זיכער, אז זיינע רייד האבען מיר הנאה געטאן. וואלט עס ניט געווען אזוי, וואלט איך דאך זיכער אים אנגעכאפט ביי דעם גארגעל. אנדערש קען איך איצט ניט פאר־שטייען מיין גלייכגילטיגקייט צו אים.

יעקב האט ניט לאנג געשוויגען. ער האט זיך עפעס ווי באַ־רואיגט, צוגערוקט זיך צום טיש און אנגעהויבען קאלטבלוטיג.

— זיי נים איז כעס אויף מיר, ברוך, פאר מיינע רייד. איך בין אויפגערעגט. שרעקליך אויפגערעגט. איך האב מורא איך וועל עס ניט קענען אריבערטראגען. ניין, איך האב ניט מורא, מיך ארט ניט... אבער איך קען עס אנדערש ניט אויסדריקען.

און פלוצלונג:

— דו ווייסט, ברוך, איך טראכט: עס איז ניטא קיין ליגען אויף דער וועלט א חוץ דעם מענשענס ליגען. עס איז ניטא ליגנע־רישער פון א מענשענס הארץ. א מענש איז זיין גאנצען לעבען ניט ערליך. מיר ליגען, לייגען אז אן אויפהער. מיר האבען זיך אויסגעלערענט צו ליגען זיך אליין — און זיך אליין אויסגע־לערענט צו גלויבען אין אונזערע ליגענס. אונזער פנים איז בויגיג און ווי צוגעפאסט אויפצונעמען און דינען די אינטערעסען פון אונ־זער ליגנערישען הארץ און מארך. אז מען דארף — וועט דאס פנים מאכען אלע נויטיגע קונצען — וועט אויסדריקען פרייד און לייד, און באגייסטערונג און שרעק — אלץ וועט עס אויסדריקען. דעם גאנצען לעבען קענען מיר ליגען — און צום סוף אלץ טאקע בלייבען די ערליכסטע פאר דעם אייגענעם געוויסען, ווייל דאס געוויסען אונזערס איז אויך בויגיג ווי אונזער פנים, פארדעטעריש ווי אונזער הארץ און ליגנעריש ווי אונזער מארך. מיר קענען אפילו ניט שטארבען ערליך. מיר קענען אפילו ניט קוקען מיט אפענע אויגען דעם טויט אין פנים. מיר לייגען אפילו פאר זיין אמת׳־דיגען פנים. אט הער: אמאל בין איך געווען צו א לויה. עס איז געשטארבען א יונגער בחור. ניט גלאט אזוי געשטארבען, נאר גע־שטארבען מיט א מיתה־משונה. דאכט זיך, אז א צוג האט אים איבערגעפארען, אדער עפעס אנדערש. מענשען זיינען נאכגעגאנ־

נען דעם שווארצען וואגען, און זיינען געווען ערנסט שווייגענדיג ווי עס פאסט פאר מענשען, וואס גייען נאך א טויטען. איך בין אויך געווען אנגעשטעקט מיט דער זעלביגער שטימונג, אבער אין הארצען האט זיך דאן ביי מיר פארבארגען א געפיל פון צווייפעל צו דער גאנצער אנגעשטרענגטער שווייגענדער שטימונג: איך האב גע־טראכט, אז אימיצער, א ליז, וואלט זיך יעצט צווישען אונז באוויזען און וואלט אונז דערציילט א פאר קאמישע שטיקלעך פון דעם פאר־שטארבענעמס לעבען, איבערגעבענדיג אלעם אין א פאסענדער ליכט — וואלטען מיר אויך אט אזוי קאלט — טרויעריג געבליבען? מיר וואלטען דאך דאן גלייך געביטען אונזער פאסענדיגע שטימונג, מיר וואלטען זיך גלייך אנגעצונדען מיט כעס און ארויפגעווארפען זיך אויף דעם ליז, ווייל ער וואלט געמאכט א פארזוך צו אנטפלע־קען דעם ליגען, דעם אנשטעל וואס מיר האבען געמאכט.

אבער פאסירט האט עפעס גאר אנדערש. באלד האט זיך בא־וויזען פון ערגעץ די מוטער. זי האט געבראכען די הענט, און גע־יאמערט, און אלץ וואס זי האט געזאגט איז געווען אזוי קלוג־סענ־טימענטאל, אזוי צונעטראכט — לאגיש און מיט איין כונה — ארויסרופען די סימפאטיע אין אלעמענס הערצער, מאכען ווייך אלעמענס הערצער פאר איר צער און טרויער. קיין ביסעל סטיכי־שעס האב איך ניט נעקענט ארויספילען פון אלע אירע רייד. ווען זי וואלט זיך דאן פאנאנדערגערעוועט וואלט עס געווען אזוי נא־טירליך, אזוי אמת'דיג... גאט מיינער, פארוואס האט זי ניט גערע־וועט? איך פרעג ביי דיר, ברוך, פארוואס האט זי ניט גערעוועט?... און דאך: עס האט געווירקט. פילע האבען גענומען ווישען די טרערען. איך האב געזען, ווי אלע זיינען געווען צורודערט. וואס האט דא געווירקט? א פארויסגעטראכטער ליגען, כמעט א סכעמע... אין צוקלייב פון ווערטער, אין דעם יאמער איז געווען א פארויס־געטראכטע כונה, א ליגען...

ער האט פלוצלונג ארעפגעלאזען זיין קאפ אויפ'ן טיש און איז אנשווייגען געווארען. נאכדעם האט ער געזאגט:

— עס איז דא און אנדער ליגען. מיר זיינען ליגנער אבער אנדערע. ליגנער זיינען די, וואס הרג'ענען און שענ־דען, און די וואס רויבען שטילערהייט און פרייען זיך אויף אונזער

בראַד. און ליגנער זיינען די קרבנות, די פאַרוואונדעטע, געשענ־דעטע און טויטע, די געפאַלענע פון שונא'ס האַנט. מיר זיינען ליגנער, דער וואָס האָט געזען זייערע פּנים'ער, זייערע אויגען, ווען זיי שטייען איבער אונז און שלאָגן און קענען ניט אַ קוק טאָן אויף אונזערע צוהאַקטע קעפּ, אויף די אָפּגעהאַקטע הענט און פיס, יענע ווייסן אַז יענעם ליגען. עס ציטערן זייערע הענט, עס בלייכט זיך זייער פּנים און עס צופּט אין זיי אַ יעדער אבר, און זיי וועקן מיט געשרייען און געלעכטער אין זיך דעם בייזן מוט און כעס. און נאָכדעם טרעטן זיי אָפּ, און שמייכלען און שפּייען אָפּ מיט עקעל... ניין, דאָס איז ניט זייער שמייכעל, ניט זייער טראַט און ניט זייער שפּיי און ניט זייער עקעל. עס זיצט אין זיי דער ליגען, ווי אַ דיבוק, און מאַכט פאַר זיי די פאַלשע טריט, דעם פאַלשן שמייכעל און דעם פאַלשן כעס. דאָס האָט דער ליגען איינגעפלאָנטערט זיי אין אַז דער נעץ פון משוגעת. — און ווען זיי שלאָגן, הרג'ענען און שענדען — ווערען זיי אַליין נאָך שטאַר־קער איינגעפלאָנטערט אין דער נעץ. זיי שיכור'ן און לאַכן — און ניט דאָס שכור'ן באַפרייט זיי פון די שרעקן, און ניט דער געלעכטער פאַרלייכטערט זייער געמיט. און נאָר פאַר'עקשנ'טע אין זייער אומבאַוואוסטע קעמפן מיט די נעצן ווייסן זיי: עס איז ניטאָ קיין אויסוועג, קיין טרייסט און קיין דערלייזונג. אַזוי האָט זיי פאַרפלאָנטערט דער גרויסער ליגען. און זיי צאַלן טייער. עס ווערט אין דער ערשטער רגע מקוים די קללה, וואָס דער קרבן האָט אויף זייער קאָפּ אַרויפגעוואָרפן.

יעקב האָט זיך אויפגעהויבן:

— דו הערסט, אַפילו די קללות פון די קרבנות זיינען אויך אַ ליגען. אַ גרויסער ליגען. מען שילט, מען קאַרטשעט זיך אין אומ־ענדליכע ווייען. מען שרייט דעם לעצטן פאַרטויטליכן געשריי — און דאָס איז אויך אַ ליגען, ווייל אין דער זעלביגער רגע פילט מען, אַז אַט דער געשריי, דער לעצטער יאָמער, און די לעצטע קללה פאַלן אין דער וויסטעניש פון מדבר, פון קיינעם ניט דערהערט, און דאָך שרייט מען צו אימיצן, און מען רופט. דאָס האַרץ, דאָס פאַררעטעריש האַרץ, וואָס איז אַזוי ווייך און אונטערגיביג אונטער דער האַנט פון איינזאַמקייט און שרעק ווערט איבערפילט מיט מורא

און הויבט אן ליגנעריש צו זוכען די פארענטפערונג, דעם ענטפער אויף אלץ און גאר ניט... אך, גאָט, ווען איך וואלט געקענט קומען צו א יעדערען, וואס קארטשעט זיך אין זיינע לעצטע ווייען, ווען איך וואלט קענען קומען און מיט מיינע הענט ארויסרייסען זיין הארץ, וואס רופט צו אימיצען און יאָמערט נאך אן ענטפער — וואלט דאך יעדער געווען א העלד און יעדענס קללה וואלט דאך אויפגעהערט צו זיין א ליגען. עס וואלט דאן געווען אויס ליגען.

זיין אָטעם איז פארכאפט געווארען פון זיינע רייד. ער איז פלוצלונג אויפגעשטאנען, אפגעשפרונגען אין מיטען צימער, און האט אנגעהויבען מאכען גרימאסען, קרימען דעם מויל, גלאנצען מיט די אויגען, פארווארפען דעם קאפ, און בויגען זיך און קארטשען זיך. עס איז מורא׳דיג געווען אויף אים א קוק צו טאן — אזוי רחמנות׳דיג און שרעקליך, אזוי משונה׳דיג און ווילד האט ער אויסגעזען. זיינע אויגען־לעכער זיינען נאך טיפער געווארען, און די אויגען זיינען דאך געווען גרעסער ווי שטענדיג און האבען ארויסגעקוקט ווי אויגען פון אן ערשט געשאכטענעם, נאך בארכלענדיגען אָקס. און אין א ווײלע ארום האט ער אנגעהויבען שרייען און יאָמערען, רופען און נאכמאכען מיט א טייוואלישער פעהיגקייט יעדען קנייטש און יעדע באוועגונג פון די, וואס ווערען געשלאגען און געשאכטען. אָט האט ער זיך פארוואנדעלט אין א זקן, וואס בעט זיך ביי די מערדער, בעט זיך און וויינט מיט אן עלטערליכען קול, בויגט זיך און פאלט אונטער שווערע קלעפ... און אָט איז ער געווארען א פרוי, א דערשראָקענע ביז טויט, מיט צאפלענדיגע הענט, מיט א צאפלענדיגען גוף, וואס דריקט צו זיך א קינד, און בעט זיך אונטערטעניג, פאלט אויף די קני און קושט דעם מערדערס הענט... און אָט איז ער דאס מיידעל, דאס קינד, וואס ווערען גע־שענדעט און קארטשען זיך אין ווייטאג און שרעק, שטעקען אויס די צינגער, און ציען זיך מיט די אנטבלויזטע ציינער, מיט שוים און בלוט אויף די צורינענע, צוהאקטע ליפען צו די שענדער, און קושען אין טויטליכען כאַטישען עקסטאז זייערע הענט און וויינען א שיכור׳ן געוויין.

דאס בילד איז געווען מורא׳דיג. עס איז געווען אזוי ווי עס וואלט פאר מיר געשטאנען א מענש, וואס איז ערשט משוגע געוואָ־

רען און טוט איבער זיך עפּעס, וואָס האָט קיין גלייכען ניט, און האָט זאַגאַר קיין נאָמען ניט. ער שטייט, און טוט עס אַזוי, ווי עס וואָלט אין דעם געווען אַ געוואַלדיגע באַפרידיגונג, אַ הייליגער גענוס, וועל־כען מען האָט געמוזט שעפּען, און שעפּען, אַז אַז אויפהער, אָן אָן אַפּשטעל, אַלץ מער און מער. עס האָט זיך שוין גענומען דוכ־טען: איין רגע — און עס וועלען אַרויסשפּרינגען פון קאָפּ די מיט בלוט אָנגעלאָפענע, די טויטע אויגען, אויפ'ן שטערען וועלען פּלאַ־צען די אָנגעשטרענגטע בלויע אָדערען, און שטראָמלעך בלוט וועט־לען פון זיי אַראָפּרינען איבער זיין אויפגערעגטען, צוקענדיגען פּנים.

איך בין צו אים צוגעלאָפען, אָנגעכאַפּט אים פאַר די פּליי־צעס, געטרייסעלט, און אַ דערשראָקענער צו אים געשריען:

— הער אויף, יעקב... הער אויף, וואָס טוסטו?... דו ביזט דאָך משוגע!...

עס האָט נאָך געדויערט אַ גאַנץ לאַנגע ווײַלע — און ער האָט אַלץ ניט אויפגעהערט צו וואַרפען זיך מיט דעם גאַנצען קערפּער. שרייען, יאָמערען און נאָכמאַכען... אין מיין קאָפּ האָט אַ קלאַפּ גע־טאָן דאָס בלוט ווי מיט אַ שווערען האַמער. מיין האַרץ האָט עפּעס, ווי צום ערשטען מאָל, צונויפגעדריקט אַ שווערער ווייטאָג. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איצט וועל איך שוין ניט אויסהאַלטען. איך וועל אַזוי ווי ער, משוגע ווערען און טאָן דאָס זעלבינע. איך וועל טאָן נאָך שרעקליכערעס. און דאַן — איך ווייס ניט ווי דאָס האָט פּאַסירט, נאָר אין איין מאָמענט האָב איך זיך דער גאַנצער ווי אַ צי געטאָן זיך, מיט דעם גאַנצען קערפּער, מיט אַ יעדען לעבעדיגען אבר, אַזוי ווי דאַן, ווען איך האָב איינגעביסען דער שוועסטערס האַנט. איך האָב זיך קאָנוואולסיוו אַ צי געטאָן מיט די האַרטע פינגער צו יעקב'ס האַלז, און גענומען ווערגען... עס האָט געדויערט אַ גרויסע רגע. ער איז געבליבען שטיין פאַרגליווערט און נאָכ־דעם, ווי אַ געשאָסענער, גענומען פאַלען צום דיל. ער איז געלעגען מיט אַן אָפענעם צוקרימטען מויל, די ווינקלען פון זיינע ליפּען זיי־נען געווען פאַרלאָפען מיט שוים און האָבען געצוקט. אָבער די אויגען, די האַלב צוגעמאַכטע אויגען האָבען איצט געשמייכעלט. זיין ברוסט האָט זיך שנעל געהויבען. מיר האָט זיך אויסגעדוכט,

אז ער האָט זיך אַ באַוועג געטאָן, אַזוי ווי ער וואָלט אויפשטיין. עס קען אָבער זיין אַז עס האָט זיך מיר בלויז אויסגעדוכט, ווייל איך בין אַ היבשע ווײַלע נאָכדעם געשטאַנען איבער אים און האָב גע־וואַרט, אַז ער זאָל זיך אויפהייבן און אַ וואַרף טאָן זיך אויף מיר, אָבער ער איז נאָך אַלץ געלעגן אומבאַוועגליך, מיט׳ן פּנים צום באַלקען און געצוקט מיט די פאַרשווימטע ליפּען.

ערשט שפּעטער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן דיל. און אַזוי, נים קוקענדיג אויף מיר, ניט מיט זיין קול, אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב נאָר געוואָלט אַ שפּאַס טאָן... און דו...

מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט גערעדט דורך טרערען. יע, טרערען האָבען געקלונגען אין זיין שטימע. ער האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע און האָט ווידער אָנגעהויבען:

— פאַרוואָס האָסטו מיך געשלאָגען? פאַרוואָס? און אַז דו וואָלסט מיך דערשטיקט, אויף אַן אמת דערשטיקט — מיינסטו אַז דיר וואָלט גרינגער געוואָרען? אָט איז מיין האַלז, נעם און גראָבעל זיך אין אים אַריין. אָט איז מיין קאָפּ, נעם די האַק וואָס שטייט דאָרט אין ווינקעל, און צושפּאַלט מיר דעם שאַרבען — פאַרוואָס ביזטו אַזוי געבליבען שטיין? צום ערשטען מאָל אין דיין לעבען וואָלסטו דאָך אַ קוק געטאָן דעם אמת אין די אויגען. צום ערשטען מאָל וואָלסטו דאָך אָנגעהויבען גלויבען אין דעם, אַז עס איז דאָ אַ גן־עדן אויף גאָטס וועלט. — פאַרוואָס האָסטו די הענט אַראָפּגע־לאָזען פון מיר? איך האָב געוואָרט, אַז דו זאָלסט דערשטיקען מיך מיט דיינע הענט, אָדער מיט דער שאַרפער האַק צושפּאַלטען מיר דעם קאָפּ... איך האָב געוואָרט — האָסטו דען ניט געזען? איך האָב אַזוי געוואָלט, אַז דו זאָלסט עס טאָן, אַזוי געגלויבט, אַז דו וועסט ענדליך אין זיך געפינען כּחות... איך וואָלט דאָך דיך גע־בענטשט פאַר יעדען שטויס אין זייט מיט די אָפּצאַסען. מיין לעצ־טער קרעכץ, מיין כאָרכעל וואָלט דאָך געווען אַ לויב־געזאַנג צו דיר...

ער האָט צונעפּויזט צו מיר, אָנגעכאַפּט מיין האַנט און גענומען זי קושען, קושען און אויפהער מיט גענוס ביז פאַרגע־סונג. איך האָב בלויז געקאָנט זאָגען:

— יעקב, מיר זיינען משוגע געוואָרען. דו הערסט: מיר זיינען משוגע.

דאַן איז שוין געוואָרען אַלץ פאַרשטענדליך: ניט איך און ניט ער, נאָר מיר אַלע, אידען און גויאים זיינען אַראָפּ פון זינען. אַלע פאַלען מיר אַראָפּגעשטויסענע פון אַ שטאַרקער האַנט אין אַ טיפען אָפּגרונט. מיר פאַלען, און דרייען זיך, און ווערען געשטרויכעלט אַן די שאַרפע שפּיצען פון די אומזעבאַרע פעלזען, ווערען געשטאָכען פון די אומזעבאַרע דערנער. מיר פאַלען, און עס איז נאָר ניטאָ קיין סוף צו אונזער פאַלען. אונזער שרעק און אונזער מורא איז פון פאַלען. אונזער זוכען און אונזער בלאָנזשען איז פון פאַלען. פון ווירבלענדיגען פאַלען... וואָס מיר ווילען — איז שנעלער דערגרויכען דעם טהום, וואָס מיר מוזען — איז שנעלער דערגרייכען דעם לעצטען, ניט שטרויכלענדיגען אָפּשטעל.

יעקב איז נאָך אַלץ געזעסען אַ שווייגענדיגער אויפ'ן דיל, די פּים פאַררוקט אונטער זיך, און האָט זיך מאָדנע געשאָקעלט, און האָט אויסגעזען, ווי אַ קאַליקע, וואָס זיצט אויף די ירידען און בעט נדבות. זיינע אויגען האָבען געקוקט ערגעץ אויף איין פונקט אויפ'ן דיל, ניט ווייט פון זיך, אַזוי מאָדנע רואיג. נאָר די פּלייצעס האָבען לייכט געצוקט. ער האָט געוויינט. קיין טרערען האָב איך ניט געזעהן, קיין קול האָב איך פון אים ניט געהערט. אָבער איך האָב געוואוסט: ער וויינט. מיין האַרץ איז פול געוואָרען מיט רחמנות. איך בין צו אים צוגעגאַנגען און אָנגענומען אים פאַר אַ פּלייצע:

— יעקב, שטיי אויף, שטיי אויף.

ער האָט זיך ניט גערירט.

— שטיי אויף, זעץ זיך אַוועק לעבען טיש. באַרואיג זיך. דו זעסט — אַט בין איך שוין רואיג. אינגאַנצען רואיג...

ער האָט ניט געענטפערט, און אַלץ געזעסען, געוויגט זיך און געוויינט אָן טרערען. נאָכדעם האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ:

— דו ווייסט, ברוך, איך וועל ניט אויפשטיין. קיין מאָל ניט אויפשטיין... איך וועל זיצען אַט אַזוי אַ שעה און צוויי און דריי, אַ טאָג, אַ נאַכט, און ווידער אַ טאָג און אַ נאַכט ביז... איך זאָג דיר: איך וועל ניט אויפשטיין. ווייל אַז איך וועל אויפשטיין,

וועט זיין דאס זעלבינע. אלץ וועט זיך מוזען נאך אמאל ווידערהאלען, און ווער ווייס וויפיל מאל זאכען קענען זיך ווידערהאלען אויף דער וועלט? ווער ווייס וויפיל מאל? אז אלץ ווידערהאלט זיך דא מיט א חוצפה'דיגער עקשנות, אז דו ווערסט דערשראקען איז עס ניט צום ערשטען און ניט צום לעצטען מאל, און אז דו ווערסט באַרו־אינגט, איז עס ניט אויף שטענדיג. אלץ איז שוין געווען און אלץ וועט נאך און נאך זיין. און איך וויל ניט. איך וויל ניט...

ער האט טאקע אזוי געזאגט:

— איך וויל ניט!...

ער האט נאך מעהר איינגעבויגען דעם קאפ און האט אראפ־געלאזען זיינע אויגען צום זעלבינען פונקט, אויף וועלכען ער האט נאך פריער געקוקט — און איז געבליבען אומבאוועגליך, ווי א פאר'עקשנ'ט קינד, וואס וויל אימיצען ניט פאלגען, און טאן צו להכעות, און אין א ווייל ארום געזאגט:

— איך וויל ניט!...

— דו ביזט משוגע!

ער האט ניט געענטפערט און איז געבליבען אין דער זעלבי־נער פאזע. איך האב נאך אמאל געזאגט:

— דו ביזט משוגע. דו האסט באדארפט גיין צו א דאקטאר. דו הערסט: דו האסט באדארפט גיין צו א דאקטאר.

איך האב עס געזאגט, און געוואוסט, אז איך רייד ניט דאס, ווייל איך האב געפילט די פאלשקייט פון מיינע ווערטער.

יעקב האט געשוויגען. איך האב פארשטאנען — עס זיינען אומזיסט מיינע רייד: ער וועט מיר ניט ענטפערען. איך האב זיך אנגעטאן און אוועקגעגאנגען פון הויז.

אין דרויסען איז געווען שטיל. זייט מאנאטען האט מען ביי־נאכט אין דרויסען ניט געזען קיין מענשען. אלע פלעגען זיך באַ־האלטען, פארשפארען זיך אין זייערע הייזער, פלעגען זיצען ארום די טישען, הינטער צוגעמאכטע לאדען און פארהאנגענע פענסטער — פלעגען ריידען און פירען זייערע שטילע געשפרעכען וויים אין דער נאכט אריין.

איך בין געווען אליין. פון דער זייט, פון א גארטען, איז ארויסגעלאפען א הונט, מיט אן אונטערגעבויגענעם עק, האט דער־

זען מיך, האט זיך אפגעשטעלט, אויפגעהויבען זיין מארדע אין דער הויך, און דורכגעפיהרט מיט איר אין אלע זייטען, שמעקענדיג די לופט. ער איז אזוי געשטאנען א ווײלע און' איז ווידער מיט די זעלבינע טריט אוועקגעלאפען זוכען עפעס.

איך בין געגאנגען ווייטער — און ווידער דערזען א הונט. אין שטאט האבען זיך די לעצטע צייט באוויזען א סך הינט. עס זיינען אהער געקומען צובראדיען הינט פון די ארומיגע שטעט און דערפער, דערשמעקענדיג בלוט. דאס זיינען שוין ניט געווען פשוט'ע הינט. זיי זיינען געווען אנדערע. גאר אנדערע. אומרו־איגע, דערשראקענע און בייזע פלעגען זיי זיך אפט ארויפווארפען איינער אויף דעם צווייטען אין די נעכט און פלעגען זיך הריזשען ביז איינער פון זיי פלעגט מוזען פאלען א טויטער. ניט קיין וואונ־דער. פילע פון זיי האבען פארלארען זייערע באלעבאטים, זייערע היימען. האבען ניט געהאט קיין איינענעם ווינקעל — און ניט גע־קענט פארשטייען מיט זייער הינטישען מארך די אורזאך פון זייערע צרות. פינסטערע געדאנקען האבען געפלאנטערט זייערע מוחות. דער שווערער הינטישער גורל האט זיי פארבונדען מיט דעם גורל און דעם שיקזאל פון די מענשען. עס האבען ניט געהאט די מענ־שען קיין זיכערע היים — האבען די הינט אויך אויפגעהערט צו האבען אן איינענע, א ווארימע קאנורע. און דא האט נאך אזוי פאסירט, אז דער ריח פון בלוט האט אינגאנצען פארטומעלט זייערע געהירען. און וואלטען זיי געהאט א היים — וואלט עס איצט סיי ווי סיי ניט געווען קיין היים. ווייל די קללה וואס איז געהאנגען איבער די מענשען — איז געהאנגען איבער זיי. זייער שיקזאל איז געווען דער שיקזאל פון די מענשען. זיינען זיי, אזוי ווי מענשען, געווען פארדעכטיגע און בייזע. דער ווילדער כעס האט שטענדיג געפלאמט אין זייערע בלוטען — און דער ריח פון בלוט איז געווען, ווי אויל אויף אט דעם פלאם. זיי זיינען געווען, ווי מענשען, די הינט. אומגליקליכע, זיינען זיי געווען אי בייז, אי סענטימענטאל. ווי די מענשען ארום זיי, זיינען זיי געווען עמפינד־ליך, און האבען אין די פינסטערע נעכט געזען פאר זיך פאנטאס־טישע זעאונגען. זיי פלעגען זיך אוועקזעצען אויף די הינטערשטע פיס איינציגווייז, און אמאל עטליכע אינאיינעם, פלעגען פארדייסען

צום הימעל די נאסע קאלטע נעזער, און אזוי ווי איינזאמע הונגע־דיגע וועלף, וואיען און בילען צו די שווארצע הימלען. אדער זיי פלעגען זיך מיט אמאל אפרייסען פון פלאץ און לאזען זיך מיט אימפעט לויפען מיט א בילען, ניט זעענדיג פאר זיך גאר ניט, גע־טריבענע פון עפעס א קראפט, וואס האט זיך פארקליבען אין זיי, און האט ניט געוואלט ארויסגייען. זיי פלעגען אזוי לויפענדיג ארי־בערשפרינגען אריבער צאמען, קריכען איבער פלויטען, געדראפעט זיך מיט די שארפע נעגעל, ווי קעץ, אויף יעדער שטערונג, וואס איז נעשטאנען זיי אין וועג — און נאכדעם, נאר פלוצלונג, אפשטעלען זיך, און אז א וועלכער עס איז אורזאך ווידער פארגיין זיך אין זייער הינטיש־וועלפישען יאמער. די מענשען האבען פון אנהויב מורא געהאט פאר זיי, אבער באלד האט מען זיך צוגעוואוינט צו זייער נאכטיגען בילען און וואיען, און אויפגעהערט צו שרעקען זיך.

איך וויים ניט פארוואס איך האב זיך אפגעשטעלט ביי דער הויז, וואו יעקב האט אמאל געוואוינט. די הויז איז געשטאנען ליי־דיג. די לאדען זיינען פון איר אראפגעריסען געווען, און האבען זיך דא געוואלגערט, האלב צובראכענע. דורך די אויסגעשלאגענע שויבען האט געקוקט נאך א שווארצערע פינסטערניש. איך האב זיך אפגעשטעלט און לאנג געשטאנען ניט וויסענדיג, נאך וואס איך בין אהער געקומען. עס איז מיר אבער גוט געווען צו שטיין דא אליין. קיינער האט מיך ניט געזען. אלץ ארום איז געווען אזוי טרויעריג — חרוב, אזוי אומגעוועגליך און געהיימניספול, אזוי ווי איך וואלט געקומען אין אן אומבאקאנטער וועלט, וואו אלץ איז אזוי פארשטענדליך — אומפארשטענדליך, אזוי פארוויקעלט אין א סוד. איך האב אבער דאך א טראכט געטאן: עס איז ניט גוט, וואס יעקב האט ניט געלאזען פאריכטען די לאדען און די פענסטער פון זיין הויז. עס שטעכט דאך יעדערען די אויגען: פאגראם... איך האב אפשר נאך צייט געהאט צו טראכטען א פאר מענשליכע גע־דאנקען.

אבער פלוצלונג האב איך דערהערט פון א הינטער'ן הויז, פון גארטען, דעם יאמער פון די הינט. פון אנהויב האט ער זיך אנגע־הויבען שטיל, אזוי ווי אימיצער וואלט מיט א שטילען כליפען גע־וויינט אהינטער'ן פלאנקען. נאכדעם האט ער זיך פאנאנדערגע־

וואקסען, געווארען העכער, האט זיך צומישט מיט דעם בילען פון די הינט, וואס האבען ערגעץ ווייט, ביים ברעג פון שטאט, אפגעענטפערט אויף דעם וואיען. און דאן האב איך מיט אלע פארבארגענע חושים דערפילט אין זיך דעם גרויסען, דעם אומערשעפליכען נעגום פון א מורא און א שרעק, וואס האבען זיך אויפגעלייזט, וואס זיינען שוין ניט קיין שרעק און ניט קיין מורא. אונטערגעבענדיג זיך אט דעם געפיל בין איך געפאלען אויף די קני, נאכדעם אויסגעצויגען זיך אין דער גאנצער לייננ מיט די צונויפגעשלאסענע הענט, און צום ערשטען מאל נאך לאנגע מאנאטען פון קאלטער גלייכגילטיגקייט האט א שטראם פון טרערען א גאס געטאן זיך פון די אויגען און געפאלען צו דער קאלטער ערד. און נאכדעם האב איך גענומען יאמערען אויפ'ן קול. און נאך שפעטער האב איך שוין גענומען טענה'ן, טענה'ן אזוי ווי עס טענה'ן פרויען, ווען עס שטארבט ביי זיי דער מאן אדער א קינד, מיט א ניגון, מיט א לאנגען דעם אטעם־פארכאפענדיגען יאמערדיגען ציען די לאנג שוין אויסגענוצטע, טויטע ווערטער:

— פארוואס האסטו אונז, די אויסדערוויילטע, געלאזען פויזען ביים שונא'ס שוועל, ווי הינט פארוואגלטע?... און געלאזען פאלען צום שונא'ס פיס, פארבלוטיגטע?... די פרומע טאטעס אונזערע, דיין שטאלץ און גבורה, זיינען דאך געפאלען פאר דעם שונא'ס שפאט און חוצפה... און די קינדער אונזערע, די הייליגע נשמות, זייערע דאך שוין פון דעם שונא'ס פיס צוטראמפעלט... און פארוואס האסטו געלאזען די שונאים אונזערע פארטרייבען אונז פון אונזער היים, און באלעסטיגען און אומריין מאכען, די פרויען אונזערע, די טעכטער און די מאמעס פון דיין פאלק ישראל... און געלאזען זיי צו שאנד און שפאט — די צנואות פון דיין פאלק...

אזוי בין איך געלעגען לאנג, מיט צונויפגעלייגטע הענט, און האב גע'טענה'ט: די הינט האבען שוין לאנג אויפגעהערט צו ציען זייער קלאגען — און איך בין אלץ געלעגען. מיין נומען האט שוין אויסגעטריקענט. מיין מארך האט זיך שוין אויסגעלאשען, מיינע ווערטער האבען שוין פארלארען יעדען זין און יעדען אינהאלט, און נאר דער ניגון האט זיך אלץ ניט אויפגעהערט צו ציען. א שווערער און א יאמערדיגער, פון מיין קראנקער ברוסט. און ווער

ווייס ווי לאנג איך וואלט אזוי געלעגן. איך וואלט אפשר נאך געיאמערט ווען אפילו מיין קול וואלט אפגעשטארבן, איך וואלט אפשר ביז'ן לעצטן אטעם געצויגן יענעם ניגון, אויב דאס, אט דאס, וואס האט שוין מיט מיר איין מאל פאסירט אין האספיטאל, אין קלארע'ס געגענווארט, וואלט דאן מיט מיר ניט פאסירט. צום האלז איז צוגעלאפן דאס הארטע, האט צוזאמענגעדריקט דעם גארגעל, און דער גאנצער אן אפגעגאסענער מים שוויים, ניט קעןנענדיג אין זיך ארייננציען דעם אטעם, האב איך זיך גענומען ווארפען און שלאגען זיך אן דער ערד, ווי עס שלאגען זיך פיש ארויסגענומענע פון וואסער...

מער געדיינק איך ניט. אויף מארגען, נאך גאנץ פרי, האבען מיך מענשען געפונען אויף דער גאס און האבען מיך געבראכט א האלב־טויטען צו מיר אין הויז. לעבען מיר האבען זיך ארומגעפארעט ווייבער, האבען געוויינט, געוווישט די טרערען מיט די פארטוכער, און איינע, שוין ניט קיין יונגע, האט באקלאגט מיין שיקזאל מיט דעם זעלבינען טרויעריגען ניגון, וועלכען איך האב אליין די גאנצע נאכט געצויגען. קלאגענדיג האט זי גערופען אין עדות מיין פאטער, מיין מוטער, און אלע די וואס האבען מיך געלאזען אליין א קראנקען אויף גאטס וועלט. די קלאג־מוטער האט געקלאגט, און מיר האט זיך געדוכט, אז עס איז פון ערגעץ געקומען מיין מאמע, זי וויינט עס איבער מיר, און קלאגט, וואס איך בין געשטארבען אזא יונגער, וואס מען האט מיין הארץ געריסען מיט שארפע צוואנגען, וואס מען האט מיין מארך פאר'סמ'ט מיט שרעקען, און וואס מען האט מיין לעבען אויסגעלאשען אזוי באצייטענס...

אויף דעם צווייטען טאג האב איך זיך ארומגעזען: איך בין געלעגען אין בעט. לעבען מיר איז קיינער ניט געווען. אין הויז איז געווען קאלט — און איך בין געווען איבערגעדעקט מיט א בארג פון אלטע קאלדרעס. איך בין געלעגען, און געוואונדערט זיך, וואס איך לעב נאך, און דאס, וואס איז מיט מיר געווען, איז בלויז געווען א חלום. א שווערער חלום...

שפעטער זיינען אין הויז אריין צוויי פרויען. איך האב זיי דערקאנט. דאס זיינען געווען מיינע שכנות. זיי האבען געבראכט

האלץ פאר'ן אויוון. איינע האט איינגעהייצט, די צווייטע האט ארויפגעשטעלט וואסער אין טעפעל, אנגעגאסען פון א קריגעל מילך. אבער קיינע פון זיי איז צו מיר ניט צוגעגאנגען און ניט געפרואווט ריידען, זאגען א ווארט, אדער פרעגען מיך פון מיין געזונט. זיי האבען שטיל געררעדט צווישען זיך — איך האב ניט געקענט הערען וואס, נאר עפעס אזוי ווי קיינער אחוץ זיי, וואלט דא אין צימער ניט געווען, אזוי ווי איך וואלט געווען א טויטער. מיר איז טאקע דאן געקומען אויפ'ן געדאנק: אפשר בין איך טויט? אפשר בין איך טויט, און דאס, וואס איך זע — איז בלויז א זעאונג פון א טויטען? אזוי זען בלויז טויטע. איך האב זיך אביסעל דער־שראקען פאר דעם געדאנק, אבער דאס האט מיר הנאה געטאן, און וועלענדיג דערגייין דעם אמת, האב איך געזאגט:

— און וואו איז יעקב?

איך ווייס ניט פארוואס יעקב איז גראד מיר געקומען אויפ'ן זינען. איך האב פון אים ביז דאן אינגאנצען פארגעסען. אבער, אז איך האב ארויסגערעדט זיין נאמען, האב איך זיך דערמאנט, ווי איך האב אים צום לעצטען מאל פארלאזען דא אין הויז, אין מיטען צימער, אויפ'ן דיל — און איצט איז ער דא ניט געווען. האב איך געזאגט:

— און וואו איז יעקב? איך פרעג ביי אייך: וואו איז יעקב?...

די פרויען האבען זיך שטיל איבערגעקוקט, ווי פארוואונדערטע, וואס איך, דער טויטער, האב פלוצלונג אנגעהויבען ריידען מיט א מענשליכער שפראך. איינע האט עפעס, ווי אן א זיים, געזאגט:

— אט וועל איך מאכען א גלאז טיי...

און האט זיך שנעל גענומען אנגיסען טיי.

איך האב פאר'עקשנ'ט געזאגט:

— איך וויל נים קיין טיי. וואו איז יעקב? וואו איז יעקב? פארוואס ווילט איר מיר ניט זאגען, וואו יעקב איז? ער איז דאך דא געווען. איך האב אים דא אליין איבערגעלאזען...

און ווידער האבען זיי צווישען זיך עפעס געררעדט. און ווידער בין איך דא געווען, ווי א פרעמדער. עס האט מיך ארומגעכאפט א שווערע בייגקשאפט. עס האט זיך געוואלט וויינען, אזוי ווי אין יענער נאכט...

נאכדעם איז איינע פון די שכנות צו מיר צוגעגאנגען:
— קלארע דעם אפטייקערס איז דא געוועז. א גאנצען טאג ביז שפעט דא געוועז מיט אייך... זי האט געבראכט דעם דאק־טאר... את זיינען די רעצעפטען... זי האט געזאגט — זי וועט באלד נאך אמאל קומען...
— קלארע?
— יע, קלארע. איר געדיינקט ניט? — קלארע דעם אפטיי־קערס... זי וועט באלד קומען...
האב איך זיך אויך דערמאנט אן קלארע'ן...
איך בין אבער באלד נאך אמאל אריין אין א פארגעסונג.

V

קלארע.

דאס זיינען געווען שרעקליכע נעכט. נאכט נאך נאכט פלעגען קומען די זעהונגען. קיין איין נאכט ניט פארפערלט. פלעג איך נאר די אויגען צומאכען, פארגעסען זיך אין דרימעל, פלעגט זיך עפענען פאר מיינע אויגען יענע וועלט פון שרעק און מורא, און דאס, וואס איז געווען — דאס אומפארגעסליכע — פלעגט ווידער אויפציטערען מיינע געהירען. פאר מיינע אויגען פלעגט דאן אויפ־שטיין דאס זעלביגע בילד. דאס בילד האט זיך געצויגען לאנגזאם פאר די אויגען און באוויזען מיט אן עקשנות'דיגער פינקטליכקייט אלץ וואס איז געווען, און געצויגען פונ'ם הארצען דעם אייביגען און ערשטען שרעק פון יענער ערשטער רגע. אויפ'ן וואר געראנ־געלט זיך מיט'ן טויט און אין חלום — מיט די אילוזיעס פון לאנג פארשטארבענע געשטאלטען. אלע פלעגען זיי צו מיר קומען: דער פאטער, די מוטער, די שוועסטער, דער ברודער, און איבער מיר און איבער זיי האט ניט אויפגעהערט צו לויערען דער זעלביגער שוין איינמאל דורכגעלעבטער פאגראם.

עס פלעגט קומען מיין שוועסטער רחל, אין צוריסענע, פאר־פלעקטע קליידער, מיט אנטבלויזטע פלייצעס, פלעגט זיך שטעלען קעגען מיר, און קוקען מיט די בייזע אויגען און שרייען:

— "שטארב! דו הערסט: שטארב!... אלע זיינען זיי גע־שטארבען: די מאמע, דער טאטע, דער ברודער צבי הירש, און איך, און איך... דו האסט ניט געזען, — איך האב זיך אויפגעהאנגען אויף דעם נאגעל, מיט וועלכען דעם טאטענס רעכטע האנט איז געווען צוגענאגעלט... דו האסט ניט געזען: אויף יענעם גרויסען נאגעל האב איך זיך אויפגעהאנגען... אלע זיינען שוין טויט — און דו לעבסט נאך... שטארב, שטארב, שטארב!...

און אזוי יעדע נאכט — ביז איך האב באשלאסען: איך וועל אויפהערען צו שלאפען. איך וועל ליגען מיט אפענע אויגען און מיט דעם לעצטען ביסעל כח טרייבען פון זיך דעם שלאף. פלע־גען, אבער, די געשטאלטען קומען אויף'ן וואר. זיי פלעגען זיך אריינרוקען אין צימער, פלעגען דורכקריכען דורך די שפאלטען פון דער פארמאכטער טיר און פענסטער, שטעלען זיך פאר מיינע אויגען און שרעקען מיט פאגראמען, אן אן אויפהער. און אזוי צען טעג און צען נעכט — צען פאגראמען, איינער מורא'דיגער פאר דעם צווייטען. און איך בין אין דעם צענטער פון אלץ, אין דעם רעכטען צענטער פון אלע שרעקען. און איך לעב. מיינע כחות לאזען זיך מיר אויס, מיין גומען ווערט מיר טרוקען פון מורא. דער שארבען שפאלט. איך וויל יעדעם מאל אנטלויפען, — און איך קען ניט. מיינע פיס זיינען ווי אין יענער ערשטער רגע, שוואכע און ברעכען זיך אין פאראליז. איך וויל שרייען — הויבען הארטע הענט צו ווערגען מיין גארגעל, קען איך אליין ניט הערען מיין איי־גענעם געשריי... אזוי צען טעג און צען נעכט.

און נאכדעם האבען מיך די זעאונגען פלוצלונג אנגעהויבען צו פארלאזען — און די כחות האבען זיך גענומען צוריקקערען. איך האב געקענט אראפגיין פון בעט, דערקענט מענשען, געענטפערט אויף פראגען. קלארע פלעגט צו מיר קומען יעדען טאג, און מיט זיך פון דרויסען ברייגנען אין מיין טויטען צימער א ביסעל לעבען. זי פלעגט מיך אנקארמענען, גוט אנהייצען דעם אויווען, און ערשט שפעט אין אווענט פארלאזען מיין צימער.

איין מאָל אין אַ פרימאָרגען האָב איך זיך אויפגעכאַפּט גאַנץ שפּעט. אין הויז איז געווען קאַלט. קיינער איז ניט געקומען דורכהייצען מיין צימער. דורך די פענסטער איז געקראָכען אַ גרויע ליכט. אין דרויסען האָט געגרעגנט. עס איז שוין געווען שפּעט — דאָך איז קיינער ניט געקומען זען וואָס איך מאַך. יעדען פרימאָרגען פלעגען קומען די שכנ׳ישע פרויען, פלעגען איינהייצען דעם אויוון, דערלאַנגען אַ גלאָז וואַרימע וואַסער צום טרינקען — ביז קלאַרע פלעגט קומען. און יענעם פרימאָרגען איז קיינער ניט געקומען. איך האָב אַזוי געוואַרט עטליכע שעה נאָכאַנאַנד. פון דרויסען האָבען זיך קיין קלאַנגען אינגאַנצען ניט דערטראָגען. איך האָב געוואַרט ביז קלאַרע וועט צו מיר אַריינקומען. אָבער קלאַרע איז אין יענעם פרימאָרגען ניט געקומען. און דאַן האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז עפּעס האָט אין שטאָט פּאַסירט. עס האָט אין יענע צייטען געקענט פּאַסירען איין זאַך, וואָס זאָל אַלעמען צוטרייבען פון די גאַסען — דאָס איז געווען — פּאָגראָם. איך האָב עטליכע מאָל אַרויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער. אין דרויסען איז קיינער ניט געווען. ערשט ווייט נאָך האַלבען טאָג איז אַריינגעלאָפען קלאַרע. זי איז געווען בלייכער ווי אַלע מאָל. אין אירע באַוועגונגען איז געווען אַן אומרואיגקייט, וועלכע איך האָב פריהער ניט געזען. איך האָב גלייך געפרעגט:

— וואָס? „זיי" זיינען שוין דאָ?...

— נאָך ניט. אָבער זיי וועלען שוין אָנקומען...

אַ שולדיגע, איז זי געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגען. זי האָט געשוויגען. אָבער פון אירע אַראָפּגעלאָזענע אויגען, פון דעם גאַנצען קליינעם קערפּער האָט עפּעס געשריען מיט באַנומענע קולות: מען דאַרף דאָך ראַטעווען זיך!... מען דאַרף דאָך!... וואו ראַטע־וועט מען זיך?... לויפען... לויפען!...

זי איז אָבער געשטאַנען און געשוויגען. נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— זיי האָבען זיך שוין אַלע באַהאַלטען. די זעלבסט־שוץ האָט זיך פאַרזאַמעלט. זיי זיינען אינגאַנצען פינף־און־פערציג מענשען. איך האָב זיי געזען: זיי זיינען אַלע בלייכע, דערשראָ־קענע, שוואַכע מענשען. אין די אויגען איז ביי זיי דער טויט.

איך פרעג ביי דיר: וואס קענען זיי אויפטאן, אז אין די אויגען איז דער טויט? ווי קענען טויטע ביישטיין און בייקומען דעם טויט?

איך האב נאר א פרעג געטאן:

— און דו?

— איך בין צו דיר געקומען. איך וועל מיט דיר בלייבען.

איך האב געפרואווט זאגען:

— באהאלט זיך, קלארע. איך וועל שוין דא בלייבען. זאלען זיי קומען און פארענדיגען, וואס זיי האבען אנגעהויבען...

זי האט א בליץ געטאן מיט די אויגען:

— ניין. איך וועל אויך דא פארבלייבען.

—און דיינע עלטערן?

— איך בין פון זיי אנטלאפען. זיי ווייסען ניט, אז איך בין דא. זיי זיינען אין וואלד. האב איך זיך אויף א ווײלע אפ־געקערט. אבער איך וועל צוריק ניט גיין.

— גיי צוריק. זיי וועלען אומרואיג זיין. זיי וועלען דיך זוכען. גיי צוריק, דו מוזט גיין.

— איצט ווייס איך סיי ווי סיי: איך וועל שטארבען. מיך ארט שוין איצט גאר ניט, ווייל איך ווייס, אז איך וועל שטארבען. וויל איך מיט דיר שטארבען. זאלען זיי גאר קומען, וועל איך מיט דיר אינאיינעם שטארבען...

איך האב געפרואווט איינרייידען זי:

— קלארע, דו מוזט בלייבען לעבען. עס וועט קומען אן אנדער צייט און וועט אפרייניגען די וועלט פון דעם משוגעת. אלץ וועט פאריבער. און דו וועסט נאך קענען זיין גליקליך...

איך האב דאס געזאגט — און אליין געפילט דעם ליגען פון מיינע ווערטער. אזוי אומגלויביג איז עס געווען, דאס וואס איך האב געזאגט — אין יענעם מאמענט.

אין הויז איז געווען קאלט. די פארנאכטיגע שעה'ן האבען זיך אנגערוקט, און מיט זיי האבען די קאלטע שאטענס גענומען פארנעמען יעדען ליידיגען ארט אין צימער. עס איז שוין צייט געווען אנצוצינדען די לאמפ. איך האב נאך אמאל געזאגט:

— גיי צו די עלטערן. זיי וועלען אומרואיג זיין. זיי וועלען ניט וויסען וואס איבערצוטראכטען.

זי האט ניט געענטפערט. בלויז שטארקער געדריקט זיך צו מיר, אזוי ווי זי וואלט וועלען צום לעצטען מאל דערוואַרימען מיין אפגעקילטען גוף. אין דער פינסטערניש האבען אירע אויגען גע־קוקט אויף מיר, ווי צוויי גליהענדיגע קוילען.

איך האב נאך אמאל געזאגט:

— ניי.

זי האט זיך ווי פון א שלאף אויפגעכאפט, האט זיך אויפגע־הויבען, און גלייך ארונטערגעלאזען זיך אויף די קני לעבען מיינע פיס, גענומען מיינעביידע הענט און געדריקט זיי צו די הייסע באקען, געדריקט, געדריקט אזוי, אז ווערטער, און אז טרערען — און געשוויגען. אין הויז איז שוין געווען אינגאנצען פינסטער. די קעלט איז געווארען נאך שטארקער, נאך דריקענדיגער, און האט גע־גליווערט די בלוטען אין די אדערען, און נאך שווערער האט גע־דריקט די אומבאשטימטע שטילקייט פון דרויסען, וואס איז געווען ענליך צו א לויערענדער חיה, וואס האט זיך אוועקגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס — און וועט אין א רגע ארום א שפרונג טאן מיט א ווילדען ברילען אויף איר קרבן.

קלארע האט זיך פלוצלונג אויפגעהויבען און אנגעצונדען די קליינע לאמפ. ארום איז געפאלען א ברוינע ליכט, און האט נאך אומעטיגער געמאכט דעם צימער. זי האט געזאגט:

— דו ווייסט, ברוך, איך האב ניט מורא. איך האב איצט נאך ניט מורא... איך האב פריער געטראכט, אז איך וועל דערזען איינעם פון זיי — וועל איך חלש'ן, אזוי גרויס איז געווען מיין מורא, און איצט ניט. גאר, גאר ניט. איך זאג דיר, ברוך, אז איך האב גאר קיין מורא ניט. זאל אימיצער אז עפען טאן די טיר. דו וועסט אפשר ניט גלויבען — איך וועל זיך ניט דערשרעקען. איך וועל בלייבען רואיג. זאלען זיי מיט מיר טאן, וואס זיי ווילען — איך וועל שוין בלייבען רואיג. און אז זיי וועלען אריינקומען און זאגען, אז זיי ווילען מיין קערפער, וועל איך זיי אים מיט פרייד אוועקגעבען. און זאג דו אליין: פארוואס זאל איך זיי מיין קער־פער ניט אוועקגעבען? מיט וואס בין איך בעסער פאר לאה דער

בערערקעס מיידעל? אט האט מען דאך זי געפונען מיט אפגע־שניטענע בריסט. און ווער ווייס, וואס מען האט מיט איר געטאן איידער מען האט זי געקוילעט... הא? ווער ווייס? און אז זיי וועלען אין זייער קאפריז באשפייען מיך, פאראומרייניגען מיט זייער וועלפישער באנעמונג — איז וואס? איז מיין שיקזאל ניט דער שיקזאל פון לאה דער בערערקעס? איז דאך עס גוט אזוי. אט דאס האב איך דאך שוין פון לאנג געוואלט, פון ווער ווייסט — ווי לאנג. איך האב אויף דעם אפשר גאנצע יארטויזענטע געווארט... טא פארוואס זאל איך איצט מורא האבען?

איך האב געשוויגען. איך האב געוואוסט: ניט די רואינקייט האט אין איר גערעדט, נאר די אומרו. האט זי א ווייל אפגעווארט, און נאכדעם, א צופרידענע מיט מיין שווייגען, געזאגט:

— זעסט, איך האב געוואוסט, אז דו וועסט מיך פארשטיין. אז איך האב דאס דיר געזאגט האב איך געוואוסט, אז נאר דו וועסט מיך פארשטיין.

אין דער קאלטער האלב־פינסטערניש האט זי געפלאמט ווי אן אנגעצונדענער פאקעל. פון איר האט ארויסגעשטראלט א ליכט. א ווארימקייט האט פון איר געטראגען, און אריינגעשטראמט אין מיינע אברים, און אין מיין הארץ. צום ערשטען מאל פאר לאנגע, לאנגע וואכען האט א ליידענשאפט א ברען געטאן מיין מארך, א ליידענשאפט צו איר, וואס איז פאר מיר געשטאנען מיט איר קליינעם, שוואכען קערפער, און געווארט אין אנגסטען ביז עס וועט קומען דאס שרעקליכע און דערשטיקען אין איר דאס לעצטע ביסעל לעבען. און מיר האט זיך געוואלט אננעמען זי ביים דינעם צארטען האלז, אנידערוואַרפען אויף דעם ברודיגען דיל, און טאן איבער איר עפעס, וואס זאל זיין אויסערגעוויינליך און גרויזאם. איך האב דערפילט אין זיך א סך כחות, אזוי ווי נייע בלוטען וואלטען פלוצלונג אנגעהויבען פולסירען אין מיינע אדערען. מיינע הענט זיינען געווארען שטייף, מיין קערפער הייס און פאר די אויגען האט געשטראמט א שטראם פון ליכט. עס האט זיך אזוי שטארק געוואלט אננעמען זי ביים דינעם האלז, און אריינבייסען אין אים, ווי א וואלף, די ציינער, ווערגען, בייסען און רייסען שטיקער פון איר לייב, און זויפען אין דעם לעצטע מעגליכען עקסטאז דאס

ווארים בלוט פון אירע וואונדען. זי איז געשטאנען — און פון איר קליינעם קערפער, פון יעדען אבר האט געשריען איין גרויס געשריי, ער האט זיך געצויגען צו איר פון מיין הארצען, און האט פון דארט געשטראמט אינאיינעם מיט די בלוטען איבער די אדערען, און געבארען אין אלע אברים און אין יעדען נערוו פון מיין קראנקען קערפער א לעבעדיגען אפקלאנג. זי האט מיט אמאל א זאג געטאן:

— דו האסט דאך מיך ליב. איך ווייס, אז דו האסט מיך ליב. פארוואס האסטו דאס מיר נאך ניט געזאגט? פארוואס זאגסטו עס מיר ניט? זאג, אז דו ליבסט מיך. איך וויל אזוי הערען ווי דו וועסט עס מיר זאגען... איך וויל אזוי הערען...

איך האב געשוויגען. אירע אויגען זיינען געווארען קעציש־בייז. זי האט אנגעכאפט מיך מיטביידע הענט, צוגעצויגען צו זיך מיין פנים, געקוקט מיר אין די אויגען מיט א גרינעם, בייזען בליק און כמעט היסטעריש גענומען שרייען מיר אין פנים אריין:

— און אז זיי וועלען קומען? זיי וועלען דאך זיכער קומען. איך פיל דאך שוין אין הארצען זייערע אנקומענדיגע טריט! און אז זיי וועלען קומען, און פאר דיינע אויגען... וועלען קומען, און פאר דיינע אויגען, אט־א־דא?... הא?...

זי האט זיך די גאנצע א ציי געטאן צו מיר, און איז שוין ניט געווען אין דרויסען פון מיר, נאר אין מיר, איינגאנצען אין מיר, און נאר די פייערדיגע אויגען זיינען געשטאנען קעגען מיר און האבען עקשנות׳דיג ארייגעקוקט אין מיין נשמה, און דער הייסער אטעם פון איר קליינעם מויל און די דינע אויפגערעגטע נאז־לעכער האבען געברענט מיין פנים:

— און אז זיי וועלען אט באלד אריינגיין, און פאר דיינע אויגען?... פארוואס שוויינסטו? — זיי וועלען דאך זיכער קומען!...

און דאן האט פאסירט דאס שרעקליכע. איך האב אפנים ניט אויסגעהאלטען דעם בליק פון אירע אויגען, און דעם הייסען אטעם פון אירע ליפען, און שוין פאלענדיג אין א טיפען אפגרונט, און פילענדיג מיט דעם גאנצען וועזען, אז קיין רעטונג איז שוין ניטא, האב איך זי ארומגעכאפט אין מיינע ארעמס. און זי האט זיך מיר איינגאנצען אוועקגעגעבען, ווי עס גיט זיך אוועק אין דער

לעצטער רגע א פייגעלע אין די נענעל פון דער פארצוקענדינער קאץ, מיט הכנעה, מיט אז אומבאוויגבארען ווילען צו זיין וואס שנעלער פארצוקט, וואס שנעלער צוריסען פון די שארפע תאוה׳דיגע נענעל. און אונטערגעבענדיג זיך איר אומבאוויגבארען ווילען, זינקענדיג אלץ טיפער און טיפער אין דעם אפגרונט פון מיין אייגענער משוגעת, האב איך געטאן איבער איר דאס שרעקליכסטע און דאס, וואס האט שטענדיג געגליווערט מיינע בלוטען, וואס האט גע־שראקען מיט דעם שרעק פון טויט, דאס האט איצט מיט אמאל אויפגעפלאמט אין מיר די בלוטען. איך בין אבער ניט געווען אליין. מחנות גאנצע זיינען מיט מיר געשטאנען איבער איר קליינעם קערפער — און מיט מיר אינאיינעם ד א ס געטאן איבער איר. געטאן דאס זעלביגע, וואס איך, און אזוי ווי איך געזונקען, געזונקען מיט אן אטעם פארכאפענדיגער שנעלקייט אין דעם אומענדליכען, אייביג דוירענדען געגנוס פון פאלען. זיי, וואס האבען דורות לאנג געליווערט איבער דעם בלוט פון אירע זיידעס און טאטעס, זיי זיינען איצט, די לאנג ערווארטעטע, געקומען, און געטאן מיט מיר אינאיינעם יענע, פון דורות אנגעצייכענטע, טאט, און גענגט־פערט אויף דעם רוף פון איר אומבאוויגבארען ווילען. זיי זיינען מיט מיר געווען. און אז זיי זיינען פארשוואונדען — איז שוין אלץ געווען געענדיגט. עס זיינען פאר די אויגען בלויז געבליבען שווארצע, בלויע, געלע, רויטע רינגען. און שפעטער — א טונקעלע, ברוינע ליכט, וואס איז געווארען קלארער, קלארער, פארשטענד־ליכער... און ערשט נאכדעם האב איך דערזען דאס ליכט פון דעם קעראסין לאמפ, און אין מיטען צימער, אויפ׳ן ברודיגען דיל — קלארע׳ן, א האלב נאקעטע.

וואס האב איך עס געטאן מיט קלארע׳ן? נאט מיינער, וואס האב איך געטאן מיט קלארע׳ן?...

איך בין געשטאנען אן א זייט, געקוקט אויף איר, און שוין געוואוסט, אז זי איז טויט. האב איך צו איר ניט גערופען, ניט אנגערירט זי מיט א האנט, און שפעטער, ניט ווייסענדיג פארוואס — צוגעגאנגען צו איר, ארומגעכאפט זי פאר דעם אויבערשטען טייל פון איר קערפער, אונטער די ארעמס, אויפגעהויבען, און קוים, מיט גרויסער אנשטרענגונג, מיט די לעצטע כחות, ארויפגעשלייי־

דערט זי אויפ׳ן בעט. איז זי געלעגען אזוי ווי איך האב זי אוועקגעלייגט — אויפ׳ן בויך מיט׳ן פנים אראפ. איין האנט איז געווען אונטער׳ן קערפער, די צווייטע איז טויטליך אראפגעהאנגען פון ברעג בעט. אויך די פיס זיינען אראפגעהאנגען פון בעט. איך האב נאך אזעלכע שטייפע פיס קיין מאל ניט געזען, אזוי ווי זיי וואלטען געווען אינגאנצען פון איינע מוסקולען. זיי זיינען געווען שווער און שטייף, אזוי ווי די גאנצע שווערקייט און שטייפקייט פון קערפער וואלט אריין אין די פיס. דאס האב איך נאך הויבענדיג באמערקט. דער אויבערשטער טייל פון קערפער איז געווען ווייך און צושוואונמען, און צארט און איידעל ווי ביי דער לעבעדיגער קלארע׳ן, און ווען איך האב זי ארומגעכאפט כדי ארויפצולייגען זי אויפ׳ן בעט האט איינע פון אירע הענט אזוי מאדנע צערטליך ארומגעלייגט זיך ארום מיין זייט, און די קליינע בריסטען האבען, אזוי ווי לעבעדיגע, געדריקט זיך און געצערטעלט מיין ברוסט מיט זייער ווייכקייט, אז מיר האט זיך געדוכט, אז א ווארימקייט האט זיך מיר איבערגעגעבען פון דער באריררונג. בלויז די פיס האבען זיך נאכגעשלעפט, און זיינען שטייף און שווער אראפגעהאנגען, ווי א טויטע משא. האב איך זיי שפעטער אויך אויפגעהויבען און ארויפגעשליידערט אויפ׳ן בעט. זיי האבען זיך געלייגט גלייך און שטייף אינאיינעם, כאטש איך האב זיי גאנץ אומפארזיכטיג א שליידער געטאן. און דאן האב איך ווי צום ערשטען מאל דערזען, אז זי האט געהאט גראבליכע פיס, גאר ניט סימעטרישע צום קליינעם קערפער. עס איז מיר מאדנע אומאנגענעם געווארען פון דעם. אבער דאס האט געדויערט בלויז איין רגע. נאכדעם האב איך זיך געזעצט אויפ׳ן בעט, געגלעט אירע ווייכע האר און געקושט זיי, און אריינגעאטעמט אין זיך זייער ספעציפישען ריח פון פרויען האר, און ערשט נאכדעם האב איך איבערגעקערט זי מיט׳ן פנים ארויף, און לאנג, לאנג געקוקט אין איר טויטען אפענעם, פון דעם ליכט באברוינטען פנים.

דאס פנים איז געווען ווי לעבעדיג, אזוי ווי זי וואלט בלויז אזוי זיך, אויף איין רגע עטוואס צוגעמאכט אירע אויגען, און געקוקט פון אונטער די ניט־צוגעמאכטע אויגען־דעקלעך. אט וועלען זיי זיך עפענען, און זי וועט מיט א שוואכער שטימע זאגען:

—פארוואס האבען זיי פאראומרייניגט מיין לעבען? איך בין דאך בלויז א קינד געוועזן...

אבער קיין פארדראס אין הארצען איז ניט געוועזן. קיין מיטגעפיל האט ניט געדריקט דאס הארץ, קיין רחמנות. עס איז ניט געוועזן קיין רחמנות. פריער, גאר פריער, איז נאך געוועזן א ביסעל רחמנות. איצט ניט. איצט איז געוועזן אלץ איינס... עס איז זאגאר גוט געוועזן פון דעם, וואס עס איז אלץ איינס... איך האב אבער געוואוסט, אז עס האט באדארפט זיין אנדערש. עפעס האט דאך באדארפט זיין אין מיין נשמה. עפעס האט דאך געמוזט זיין. איך בין אפגעטראטען אז א זייט און האב הויך, אויפ'ן קול, געזאגט:

— דו הערסט: מיך ארט ניט, וואס איך האב ד א ס גע־טאן מיט דיר. מיר פארדריסט בלויז א ביסעל, וואס דו האסט אזעלכע גראבע פיס. דו, אזא קליינינקע — האסט אזעגכע גראבע פיס...

יע. אט אזוי האב איך צו איר געזאגט, און געזאגט האב איך עס גאנץ באוואוסטזיניג, ווייל איך האב אויף איין רגע ניט פאר־געסען, אז זי איז טויט און קען מיך ניט הערען, און דאך האב איך זאגאר נאך אמאל ווידערהאלט דאס זעלביגע:

— מיר פארדריסט בלויז, וואס דו האסט אזעלכע גראבע פיס... דו, אזא קליינינקע — האסט אזעלכע גראבע פיס...

איך האב דאס געזאגט, און מיט עקעל אפגעטראטען, געזעצט זיך אויף א שטול לעבען טיש און געטראכט וועגען דעם, אז אט זיינען אלע געזעסען. אלע אידען, באהאלטענע, א גאנצען טאג, ווי איבערגעשראקענע מייז אין זייערע נארעס — און „זיי" זיינען ניט געקומען. קיינער איז ניט געקומען. אומזיסט געווארט. אומזיסט געשראקען זיך אויף טויט... און מיר האט זיך געוואלט לאכען לאכען בייז און פרייליך, אזוי ווי עס לאכען משוגענע, מיט הנאה, מיט א געוואלדיגער באפרידיגונג און געגוס...

זיי זיינען געזעסען א גאנצען טאג, און אט איז שוין נאך האלבע נאכט, און קיינער איז זיי ניט געקומען זוכען, און געפינען, און טאן איבער זיי דאס, אויף וואס זיי ווארטען. און ווער ווייס, ווי לאנג זיי ווארטען, אז מען זאל קומען און „ד א ס" איבער

זיי טאָן. זיי וואַרטען אפשר יאָרטויזענטע, אין אַנגסטען, אין שרעק. אָבער זיי וואַרטען. ווייל דאָס, וואָס דאַרף זיין, מוז זיין. וועט זיין, מוז פּאַסירען. דאָס, וואָס דאַרף זיין, וועט סיי־ווי־סיי זיין. דאָס, וואָס דאַרף פּאַסירען — וועט פּאַסירען. און אַז די וועלט וועט אונטערגיין — וועט עס ערגעץ דאָך פאַרבלייבען, און ניט אויפהערען צו מאָנען דעם הייליגען, דעם אייביגען — חוב. זיצען זיי דאָרטען, באַהאַלטענע, און וואַרטען אויף יענער גרויסער רגע מיט אַ שמערצליכער ערוואַרטונג. און וואַרטען. און וואַרטען... זיי זיצען — און זיי זיינען אין דעם צענטער פון אַלץ, דער אָנהויב און דער סוף פון אַלץ. פון זיי ציען זיך אומזעבאַרע שטראַלען, וויקלען אַרום די גאַנצע וועלט, און קומען ווידער צו זיי, צו זייער מקור. זיי זיינען באַהאַלטען, און קיינער זעט זיי ניט, און דאָך ווייסען אַלע, וואו זיי זיינען. זיי זיינען ניטדאָאיגע — און אַלע קאָנען זיי, און אַלע ווייסען פון זיי, און אַלע ציען זיך צו זיי דורך יעדען אומזעבאַרען שטראַל, וואָס ציט צו זיי, און פון זיי, און וועלען קומען סיי ווי סיי צו זיי... צו זיי. צו זיי...

נאַראָנים — ווי קען מען זיך באַהאַלטען, אַז די גאַנצע וועלט האָט געעפענט די אויגען און וויל ניט אָפּווענדען דעם בליק פון אייך? אייער באַהאַלטען זיך איז דאָס באַהאַלטען זיך פון אַ שטרוים, וואָס פאַרגראָבט זיין קאָפּ אין זאַמד פון מדבר, און דיינקט, אַז דער שונא האָט אויפגעהערט צו לויערען...

איך ווייס ניט ווי לאַנג איך בין געזעסען. אָבער אַז איך האָב זיך אַרומגעקוקט — האָב איך דערפילט אַ שטאַרקען הונגער. עטליכע וואָכען, די גאַנצע צייט פון מיין קראַנקהייט האָב איך אים ניט געפילט. איך האָב מיט גוואַלד געשטאָפּט אין זיך אַלץ, וואָס מען פלעגט מיר ברייינגען, כדי צו לעבען. און איצט האָב איך אין זיך דערפילט דעם הונגער. עס האָט געברענט אין מיר און געמאָנט: עסען! איך האָב אַרומגעזוכט יעדען ווינקעל אין הויז — און גאָר ניט געפונען. האָב איך זיך אָנגעטאָן אין אַ וואַרימען מאַנטעל, דעם ערשטען מאָל זינט איך בין קראַנק געוואָרען — און אַרויס אין דער פינסטערער גאַס זוכען עפּעס. אַזוי שטאַרק איז געווען די ווירקונג פון דעם הונגער.

אין דרויסען איז געווען פינסטער. אָבער דער רעגען האָט

אויפגעהערט. אין דער לופטען האט זיך געפילט א פראסטעל, דער ערשטער פראסט פון ווינטער. איך האב איבערגעהאקט א פאר געסלעך, און בין צוגעקומען צום מארק־פלאץ. אלע געשעפטען, קראמען און קרעמלעך זיינען געווען צוגעמאכט מיט לאדען אויף די פענסטער און אויף די טירען. ארום איז געווען ריין, אזוי ווי אויפגערוימט. דער ברוק איז געווען אראפגעוואשען פון דעם רעגען, וואס האט עטליכע טעג נאכאנאנד גענאסען און האט איצט פון דעם פראסט געטריקענט.

פלוצלונג האב איך דערהערט טריט, שנעלע, איילענדיגע טריט פון עטליכע מענשען. זיי האבען זיך אפגעשטעלט אויף א שטרעקע פון מיר. איינער האט אויסגעשריען:

— שטיי! ווער ביזטו? !...

איך האב באמערקט, אז דריי מענשען האבען — אין דער פינסטערניש האב איך ניט געקענט זען וואס — אויפגעהויבען עפעס קעגען מיר. איך האב, אבער, פארשטאנען, אז רעוואלווערען. אין דער שטימע, וואס האט די ווערטער אויסגעשריען, האט זיך געהערט שרעק. איך האב געענטפערט:

— דאס בין איך, ברוך זאלקין, דאס בין איך...

די זעלביגע שטימע האט נאך אלץ מיט דעם זעלביגען ציטער א פרעג געטאן:

— וואס טוט איר דא אזוי שפעט, זאלקין?

און אלע האבען נאך געהאלטען די רעוואלווערען אין דער לופטען, ווארשיינליך אינסטינקטיוו, אונטערגעבענדיג זיך דעם לאנג דויערענדיגען שרעק. וואס איז אין זיי געזעסען און ניט געוואלט זיי פארלאזען.

— איך בין הונגעריג. א גאנצען מעת־לעת ניט געגעסען... און... איך האב קלארע'ן דער'הרג'עט...

זיי האבען אראפגעלאזען די רעוואלווערען.

— קלארע'ן? וועלכע קלארע?

זיי זיינען צוגעגאנגען נעענטער. איך האב זיך איינגעקוקט אין זייערע פנים'ער, געוואלט דערקענען, אבער עס איז געווען פינסטער איז עס מיר ניט געלונגען. איך האב נאך אמאל געזאגט:

— איך בין הונגעריג. אין הויז קען מען אפילו קיין הארטען שטיקעל ברויט ניט געפינען. איך שטארב פון הונגער. איך וויל עסען...

איינער האט מיט א פרייליכער שטימע געזאגט:

— דאס איז דאך זאלקין!... סטודענט זאלקין... ניט גע־קאנט דערקענען...

ער האט ארויפגעלייגט זיין האנט מיר אויף דער פלייצע. אין זיין שטימע האט געקלונגען אזוי פיל פרייד, אזוי ווי ער וואלט דערזען אין אלטען גוטען פריינט, וועמען ער האט שוין לאנג ניט געזען.

— יע, דאס בין איך, זאלקין. און איך בין הונגעריג. אויב איר וועט מיר ניט געבען קיין שטיקעל ברויט — פאל איך... איך וועל אין מיטען גאס פאלען — אזוי הונגעריג בין איך...

אוןווירקליך, איך האב זיך געפילט שוואך. די פיס האבען מיך קוים געהאלטען. דער קאפ האט זיך מיר געדרייט. דער, וואס האט זיך מיט מיר אזוי דערפרייט, האט א לאך געטאן:

— ברויט?... וואו האבען מיר ברויט? פון וואנען זאלען מיר האבען ברויט? מיר האבען אליין פון גאנץ פרי אן קיין ביסען אין מויל ניט געהאט. המ... ברויט... איר הערט? — ער זאגט: ברויט...

און ער האט זיך פאנאנדערגעלאכט מיט א מאדנעם, האלב־היסטערישען געלעכטער...

און די איבעריגע האבען געשוויגען. א ווײלע שפעטער האט זיך איינער פון זיי אפגערופען:

— איך בין אויך הונגעריג.

א צווייטער האט אונטערגעכאפט:

— איך אויך.

דער דריטער האט א ווײלע געטראכט, און האט אויך א זאג געטאן:

— מיר אלע זיינען הונגעריג. אבער ווי נייט מען עסען?...

אימיצער פון זיי האט זיך ווי אנגעכאפט פאר די לעצטע ווערטער:

— הערט קינדער, איך וואוין דא ניט ווייט. אין הויז איז איצט קיינער ניטא. אונזערע האבען זיך באהאלטען... קומט, מיר וועלען עפעס איבערבייסען. אין הויז איז מסתמא ערגעץ דא ברויט, אין קעלער וועלען מיר געפינען קארטאפליעס... מיר וועלען מאכען דעם אויווען...

אן אנדערער האט אונטערגעכאפט:

— „זיי" וועלען אזוי שפעט סיי ווי סיי ניט קומען. מיר וועלען קענען גאנץ פריי ווידער ארויסגיין אויף די פאסטענס, וועלען מיר זיין א ביסעל אויסגערוט... קומט, קומט, זאלקין.

מיר זיינען אלע אוועקגעגאנגען. אונזערע טריט האבען אזוי גע'רעש'ט, ווי עס וואלט מארשירט א גאנצע ארמעי. און אז מיר זיינען צוגעקומען צו דער הויז, איז איינער, דער, וואס האט אונז געפירט, אריבערגעקראכען דעם פלאנקען און אויפגעעפענט פאר אונז די טירעל, וואס אין טויער. און נאכדעם אז מיר זיינען אריין אין דעם קליינעם הויף, האט ער די טירעל ווידער פארדוקט מיט א פארדוקער. מיר זיינען אריין אין פארהויז, נאכ־דעם אין קיך. עס האבען געדויערט עטליכע מינוטען ביז מיר האבען געפונען א שוועבעלע. אז מען האט אנגעצונדען די לאמפ האב איך אויף זיי א קוק געטאן. איך האב געוואלט דערקאנען זייערע פנים'ער. אבער אלע זיינען מיר געווען פרעמד. אפשר האב איך זיי ניט איין מאל באגעגענט אין די גאסען פון שטעטעל, אדער ביי אנדערע געלעגענהייטען, אפשר האב איך זיי גאר גע־קאנט, אבער איצט זיינען זיי אלע געווען אזוי אומבאקאנט און פרעמד.

איך האב זיך געזעצט לעבען טיש. איינער, א הויכער, מיט א לאנגער אידישער נאז, וואס איז געזעסען קעגען מיר, האט זיך צומיר געווענדט:

— סטודענט זאלקין, פארוואס זיינט איר ניט מיט אונז? איז דען אייך אלץ איינס? אט האט מען דאך אייערע עלטערן דער'הרג'עט — און איר שטייט פון ווייטען. פארוואס זעט מען אייך ניט צווישען אונז?

ער האט געקוקט אויף מיר מיט בייזע אויגען און איז געווען ווי איינער, וואס פילט אין זיך די ווירדיגקייט און דאס רעכט צו משפט'ן א צווייטען.

איך האב בלויז געזאגט: —

— איך האב דער'הרג'עט קלארע'ן, דעם אפטייקערס טאכטער, קלארע... איר קאנט זי. זי ליגט אין אונזער הויז. אויף מיין בעט ליגט זי. זי איז אוועק אויף א ווייל פון אירע עלטערען צו מיר — האב איך זי דער'הרג'עט...

ווארשיינליך איז מיין אויסזען געווען פארדעכטיג, האבען זיי דאס מאל אויך אויסגעמידען צו ריידען וועגען קלארע'ן. האבען זיך געמאכט ניט הערענדיג. זיי האבען זיכער געדיינקט, אז איך בין פשוט משוגע און איך ווייס ניט וואס איך רייד. בין איך אבער געווארען פאר'עקשנ'ט:

— איר הערט, וואס מען רעדט צו אייך: איך האב ערשט מיט א שעה צוריק דערשטיקט קלארע לעווי. איצט ליגט זי דארט איינע אליין אויף מיין בעט. פארוואס ארט עס אייך ניט? מער־דער זיינט איר, אט וואס איר זיינט!...

איך האב געשריען אויף זיי מיט כעס — און דערביי האב איך אין זיך אין דער ווירקליכקייט געפילט אן אויפריכטיגען כעס, וואס איז אויסגעוואקסען און האט געדריקט מיין הארץ ווי מיט אייזערנע צוואנגען. איך האב שוין ניט געקענט איינהאלטען דעם בייזען שטראם פון ווערטער, וואס האט אינאיינעם מיט דעם כעס א שטראם געטאן פון מיר:

— איך, ברוך זאלקין, זאג אייך: איך האב דער'הרג'עט א מענשען, און זאג אייך וועמען, און וואו, און איר זיינט אזוי ווי ליימענע גולמ'ס. וואס שטייט איר און קוקט אויף מיר ווי אויף א וואונדער? פארוואס לויפט איר ניט אהין? איר קערפער האט דאך שוין לאנג אפגעקילט — און קיינער ווייס נאך ניט אחוץ מיר, אז זי איז טויט. פארוואס טוט איר עפעס ניט?

דער, וואס האט זיך געפארעט ארום דעם אויווען, האט נאריש א שמייכעל געטאן צו זיינע חברים, און געזאגט אן א זייט:

— ער איז משוגע, זאלקין...

איך האב זיך גלייך אנגעכאפט אן דעם. איך האב ניט גע־הערט די ווערטער גוט, צו זיין זיכער, אז ער האט עס טאקע אזוי געזאגט וועגן מיר, ווייל איך בין נאך געבליבן שטארק קראנק אויף די אויערן זינט דעם ערשטן פאגראם. אבער איך האב זיך ניט געקענט איינהאלטן:

— און אז איך וואלט קומען און זאגן: איך האב אייער טאטן דער׳הרג׳עט, — וואלט איר אויך דאן געקוקט אויף מיר מיט נארישע אויגן און שמייכלען? איך פרעג ביי אייך? וואלט איר ניט געלאפן פריער א קוק טאן, און ערשט נאכדעם זאגן: ער איז משוגע?

איך האב זיך מיט כעס אויפגעהויבן און ארויס פון הויז. איך האב זיך לאנג געפארעט לעבן דעם טויער, ניט געקענט עפענען. באלד איז אבער ארויסגעלאפן דער הויכער און האט מיך ארויסגעלאזן, ניט זאגנדיג קיין ווארט.

איך בין אוועקגעגאנגען איבער די גאסן צו מיין הויז. איך בין ארייגעגאנגען אין הויז א גלייכגילטיגער. אין מיין צימער האט געברענט, אזוי ווי פריער, די לאמפ באלייכטענדיג מיט דעם זעלביגן ברוינעם ליכט די ווענט, דעם באלקן און דעם טויטן קערפער אויף דער בעט אנטקעגען, וואס איז געווען, אזוי ווי איך האב אים איבערגעלאזן, ניט איבערגעדעקט, מיט א ביסעל אנט־בלויזטע פיס איבער די קני, העכער פון די זאקען בענדלעך. בין איך צוגעגאנגען, אראפגעשלעפט דעם קלייד און איבערגערעקט זי ביז׳ן פנים מיט דער קאלדרע. בלויז דאס פנים האב איך געלאזט ניט באדעקט. מיר האט זיך געוואלט קוקען אויף איר פנים, אזוי שיין איז עס געווען. די האלב־פארמאכטע אויגן, ווי פון מידקייט, די שווארצע רוהיגע ברעמען, די דינע נאז מיט די געטאקטע איידע־לע קין־באקען — דאס אלץ האט אזוי דערמאנט אן איר איידעלען כאראקטער, אן איר יחוס און אינטעליגענץ, און אין דער זעלביגער צייט אן קינדישקייט.

גאט מיינער, דאס איז געווען א פנים פון א קינד, וואס האט אויף א ווײַלע איינגעשלאפען. ווי האט עס געקענט זיין, אז זי איז טויט? און צי קענען קינדער בכלל שטארבען? ווי קענען קינדער שטארבען? ווער האט זיי געזען און געזאגט, אז זיי זייבען

טויט? ווער האט אויסגעטראכט, אז קינדער שטארבען?...

עס האט זיך אזוי געוואלט זאגען:

— קלארע, קליינע ליבע מיידעלע, קלארע — דו ביזט ניט טויט. אויף דיינע וועגען האבען קליינע מלאכים'לעך צושאטען ווייסע, רויטע, בלויע בלומען. דו וועסט גיין — און די מלאכים וועלען נאכגיין נאך דיר, טראט נאך טראט, און וועלען זינגען הימנען פאר דיין ריינקייט און פאר דיין אייבינקייט. דו וועסט גיין — און זיי וועלען פלאטערען איבער דיר, פלאטערען, פלא־טערען...

אין א הייליגען עקסטאז בין איך צוגעפאלען צו איר בלייכער האנט מיט מיינע ליפען, וואנזיניג געקושט די בלייכע, דינע קאלטע פינגער, און געוויינט. און אז איך האב זיך גוט אויסגעוויינט, האב איך נאך אמאל באהאלטען איר האנט אונטער דער קאלדרע, און א בארואיגטער געזאגט:

— איך האב דיך ליב. טויזענטער יארען האב איך דיך ארומגעטראגען אין מיין הארצען, און ניט געוואוסט. אז איך האב דיך אזוי ליב. און איצט זאג איך דיר צום ערשטען מאל: איך האב דיך ליב... דו הערסט: איך האב דיך ליב. זיי דיינקען, אז איך בין משוגע, אבער דו, קלארע לעווי, דו ווייסט: איך האב דיך ליב, ליב... מיין מארך איז קלאר, מיין הארץ איז רואיג, און איך זאג דיר: איך האב דיך ליב.

אזוי האב איך לאנג גע'טענה'ט צו איר — ביז איך האב דער־זען דעם שמייכעל אויף אירע ליפען. אירע אויגען־דעקלעך האבען א ציטער געטאן, און האבען זיך געעפענט, און איך האב דערזען אירע אויגען, וואס האבען מיט אזוי פיל ליבע אויף מיר געקוקט.

האב איך נאך אמאל צו איר געזאגט:

— איך האב דיך ליב.

האט זי שטיל און פארטרויליך געזאגט דאס זעלביגע:

— איך האב דיך ליב.

און נאכדעם צוגעמאכט די אויגען־דעקלעך און אויפגעהערט צו שמייכלען, און געווען אזא ווי פריער. אבער איצט האב איך געוואוסט: זי איז מיין געליבטע, מיין אייביגע געליבטע... — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

.VI

דער גאסט.

איך בין ארומגעגאנגגען איבער'ן צימער און האב געטראכט: עס וועט די נאכט קיין סוף ניט האבען. איך האב זיך שוין ניט געקענט פארשטעלען ווי לאנג צוריק זי האט זיך אנגעהויבען און ווי לאנג זי וועט זיך נאך ציען. האב איך זיך ארונטערגעלאזען אויף די קני, צונויפגעלייגט די הענט אויף דער ברוסט און פרום געגנויגט זיך פאר דעם טויטען קערפער פון מיין געליבטער:

— געליבטע מיינע... געליבטע מיינע...

אלע ווערטער האבען מיך פארלאזען, און נאר די צוויי ווערטער זיינען נאך פארבליבען אין מיין מארך און האבען אויסגעפילט מיין תפילה צו איר. וואס האט א טויטע פאר מיר אנטפלעקט איר ליבע, און געבויגען מיך פאר איר טויטען פנים.

— געליבטע מיינע...

און פלוצלונג האב איך א י ם דערזען. קיינער האט די טיר פון צימער ניט געעפענט, און קיינער האט מיין שוועל ניט באטראטען — און ער איז געווען מיט מיר. געשטאנען און געקוקט אויף מיר מיט זיינע אויגען, און געשוויגען. בין איך אויפגעשטאנען, געשטעלט זיך פאר זיין קאלטען פנים, און ניט געקענט אפווענדען מיין בליק פון זיינע אויגען.

א פארבלוטיגטער איז ער געשטאנען. פון זיינע טיפע אויגען האט דער טויט ארויסגעקוקט, און אין די קנייטשען פון זיין שטערען האט זיך באהאלטען א גרויסער שרעק, וואס איז געווען פארגליווערט. אין די ווינקלען פון זיין מויל האט זיך געשלענגעלט א באהאלטענער, א בייזער שמייכעל. איצט האב איך אים דערקאנט. דאס איז געווען ע ר. נאך אים האט אזוי געביינקט מיין הארץ, צו זיין קאלטען, אין שרעק פארגליווערטען פנים האט זיך געריסען מיין נשמה, און איצט איז ער געווען מיט מיר.

ער איז געשטאַנען און געקוקט אויף מיר, און אין מיר האָט עפּעס זיך געריסען. איינער נאָכ'ן צווייטען האָבען געפּלאַצט די פעדים, וואָס האָבען מיך געבונדען מיט'ן לעבען. מיין האַרץ איז ערגעץ מיט אַ שמערץ געפלויגען און געפאַלען — און ער האָט אַלץ געקוקט אויף מיר און האָט געשוויגען. און געווען איז מורא'דיג זיין שווייגען, ווי דאָס שווייגען פון אַ גאָט. און ניט געווען איז שוין קיין כח, וואָס זאָל שטאַרקער פון זיין כח זיין. אַ קליינער איז ער געוואַקסען, געוואָרען גרעסער, מורא'דיגער, האָט אַרומ־געכאַפּט די גאַנצע וועלט, פון איין עק ביז דעם צווייטען, איז זיך די גאַנצע וועלט פאַרקערפּערט, און דער גאַנצער וועלט זיין אויסזען געגעבען, דעם אויסזען פון אַ שווערער און געהיימניספולער נאַכט.

און איך בין, ווי אַ ליכט אַן אויסגעלאָשענע, געשטאַנען אין דער שוואַרצער נאַכט, באַהעפט זיך מיט דעם חושך, און אַ צאַפּ־לענדינער זיך געבעטען:

— זאָג, ווער ביזטו?... איך האָב דיין פּנים געזען טויזענט מאָל, און איך ווייס ניט ווער דו ביזט. ווער ביזטו?

זיין שמייכעל אויף די ליפּען איז געוואָרען בייזער, און דער פּנים בלאַסער, און די אויגען שאַרפער, און דער שרעק, וואָס האָט גערוט איבער זיין שטערען איז געבליבען פאַרגליווערט. אָבער אַ פאַרשלאָסענער אין זיך, האָט ער זיך ניט גערירט, און האָט נאָך אַלץ געשוויגען. האָב איך זיך, אַ פאַרלאָרענער, ביי אים געבעטען:

— ברודער מיינער, קוק ניט אויף מיר אַזוי מיט דיינע אויגען. באַהאַלט דיין פּנים. דעק צו די וואונדען אויף דיין קערפּער, און וואַש אָפּ דאָס בלוט, וואַש אָפּ דאָס בלוט...

און ער האָט ניט געענטפערט. האָב איך פאַרשטאַנען: אייביג וועל איך זיין פּנים זען, ווייל עס זיינען ניט פאַראַן אַזעלכע שלייערען, וואָס קענען צודעקען זיין פּנים פון מיין אויג, און עס איז ניטאָ אַזאַ באַהעלטעניש, וואָס זאָל מיך פון אים באַהאַלטען. פון אונטער יעדען שלייער וועט ער זיך פאַר מיין אויג אַנטפּלעקען. און אַז איך וועל זיך די אויגען אויסשטעכען, וועט ער אין מיין דמיון אויפפלאַמען, און איך וועל אים, אַ בלינדער, זען אונטער מיינע אויגען־דעקלעך. אייביג. אייביג...

נאָך אַ ווייַלע שווייגען האָט ער געזאָגט:

— א געראָפענער פון דיין שטימע בין איך געקומען. האָסט מיך גערופען — בין איך געקומען. פאַרוואָס פאַלסטו ניט א שוואַכער, צו מיינע פיס, און שטרעקסט ניט דיינע הענט, פאַרבראָכענע און בעטסט ניט: באַהיט און באַשיץ ?!... פאַרוואָס פאַלסטו ניט צו מיינע פיס — דו האָסט דאָך מיך גערופען?... האָבען דען די שוואַכע אויפגעהערט צו שטרעקען זייערע הענט אין תפילות? האָבען דען די קראַנקע אויפגעהערט צו ווײנען אויף א היילונג, און פויזען אין שווערע אַנגסטען און רופען צו דעם, וואָס איז שטאַרק:
— באַהיט און באַשיץ?!...

און איין רגע איז געווען אַזוי, ווי עס וואָלט איין קאַלטע האַנט אַרומגעכאַפּט מיין האַרץ און וואָלט פון דאָרט אַרויסגעדריקט דאָס לעצטע ביסעל בלוט, און א צווייטע — מיך געוואָרגען ביי דעם גאַרגעל... האָב איך זיך מיט די לעצטע כחות צו איס א ריס געטאָן, געוואָלט צו אים מיט בייזקייט און מיט כעס שרייען עפּעס — און ניט געקענט. די צונג, א טרוקענע, האָט זיך געקלעפּט צום גומען און דער לעצטער אָטעם האָט געוואָרגען. איז ער אוועקגעגאַנגען און פון ערגעץ מיר געבראַכט א ביסעל וואַסער אין א גלאָז, און צו מיינע ליפּען צוגעטראָגען. האָב איך נאָך אַמאָל געזאָגט דאָס זעלבינע:

— ווער ביזטו? ווער ביזטו — און נאָך וואָס ביזטו געקומען?...

האָט ער נאָך אַמאָל געענטפערט:

— דו האָסט מיך גערופען, — בין איך אויף דיין רוף געקומען. יאָר־טויזענטע האָסטו זיך ביי מיר געבעטען: קום, וויקעל מיך אַרום מיט דעם רייף פון דיין נקמה, און וועל איך שרייען — זאָלסטו דעם רייף נאָך ענגער מאַכען, און נאָר ווען דו וועסט הערען אין מיין געשריי מיין לעצטען ווייטאָג — נעם דעם רייף פון מיר אַראָפּ און לאָז מיך פריי. וועל איך צו דיר א גלייכער ווערען און אין דיינע אויגען קוקען — און דעם שמערץ דיינעם ניט זען, און ווערען דו, און ווערען דו!... אַזוי האָסטו צו מיר גערופען. בין איך געקומען די נקמה נעמען און צו דיר א גלייכער ווערען...

איין ווײלע איז ער שטום געשטאַנען און נאָכדעם זיך צולאַכט מיט א קליינעם בייזען ביי־בי־בי...

האב איך שוין אויסער זיך פון כעס, צו אים אין פנים, ווי א שפיי, א ווארף געטאן:

— ליגנער!...

און מארגנס: עס איז געווען אזוי, ווי אימיצער, א בייזער, וואלט דאסווארט מיט ה א ס אין פנים מיר געווארפען:

— ליגנער!...

האט ער געזאגט:

— דו זאגסט: ליגנער... כי־כי־כי!... איך בין דיך געקומען דערלייזען — און דו זאגסט: ליגנער... יאר־טויזענטע האסטו צו מיר גערופען און אויף מיר געווארט, און אז איך בין אויף דיין רוף געקומען און געוואלט דיך טרייסטען — זאגסטו: ליגנער... זאג, וואס ווילסטו? אויב דו ווילסט, וועל איך די שטראלען פון דער זון פאר דיין ווילען אויסלעשען — און די נאכט וועט הערשען. אויב דו ווילסט, וועל איך טויזענט זונען אנצינדען אין די הימלען — און זיך אליין פארברענען פאר דיין ווילען. נאר זאג: וואס איז דיין ווילען? נאר זאג: איך וויל — און עס וועט זיין, און איך וועל שאפען וואונדער. דו ווילסט? — וועט די טויטע קלארע אויפשטיין און אנהויבען צו לעבען... הא?...

מיין האלז האט עפעס נאך אמאל גענומען ווערגען, און מיין אטעם — שטיקען. דאס לעצטע ביסעל שנאה האט ווידער אויפגערעגט מיין בלוט. מיינע פינגער האבען זיך געבויגען און גע־קרעמפט אין פויסטען. איך האב זיך געוואלט א ווארף טאן שלא־גען — און ניט געקענט, אזוי ווי שטארקע הענט וואלטען מיך גע־האלטען און ניט געלאזען רירען זיך פון ארט.

האב איך געזאגט:

— נאך וואס ביזטו געקומען? איך האב געזוכט א טרייסט — און דו ביזט געקומען דיין נקמה נעמען. וואס שטייסטו איצט פאר מיר און שרעקסט מיך מיט דער פוילקייט פון דיינע וואונדען? אדער דו ווילסט נאך אלץ באלוינונג?... אט זאגסטו — דו וועסט שאפען וואונדער. שאף, פאל צו מיינע פיס, דריי זיך ווי אן אקראבאט, אין דרייען און אין פירען, שטעל זיך אויפ'ן קאפ און גיי אויף דיינע הענט, דו קונצען־מאכער... ווער דארף דיינע וואונ־דער? מיין גלויבען וועט אין דיר ניט שטארקער ווערען. דערפאר

וועט מיין פאַראַכטונג וואַקסען. דו זעסט: אַט קוק איך אויף דיינע וואונדען — און איך שרעק זיך ניט. אַט קוק איך אין דיין פנים — און איך האָב קיין מורא ניט. און אַט וועל איך, אַ קליינער, אויף דיר אַ שפּיי טאָן!...

האָט ער געזאָגט, אַ קאַלטער:

— איך האָב געזאָגט: אַ גרויסען נס וועל איך אַראָפּברייננען אויף דער ערד — האָב איך דען ניט אַראָפּגעבראַכט דעם נס? איך האָב געזאָגט: מיין בלוט וועל איך פאַר אייך פאַרגיסען — האָב איך מיין בלוט דען ניט פאַרגאָסען?

האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגען אים, אַ בייזער, געטייטעלט אויף אים מיט מיינע פויסטען און געשריען:

— דו האָסט דעם נס אַראָפּגעבראַכט, און האָסט דעם גלויבען אין זיין וואונדער צוגענומען — איז דיין נס קיין נס ניט. די האָסט נייע זונען איבער אונז דערהויבען — און די פינסטערניש האָט זיך נאָך געדיכטער אַוועקגעשטעלט צווישען אונז און הימעל. דו האָסט דיין בלוט פאַרגאָסען צו דערלייזען אונז — און האָסט די דערלייזונג דערוויטערט אויף יאָר־טויזענדע. אַליין ניט אַ דערלייזטער, און אַז אַפּגענאַרטער, אַ שרעקעדיגער, האָסטו זיך פאַר דער זון דערשראָקען, און אין שוואַרצען חושך זיך אַ היים געפונען, ווי אַז עקדיש אין אַ הייל. איז דיין וועלט די פינסטערניש. אַ פייגלינג, האָסטו ניט געצונדען דיין נשמה אין דעם רויטען פלאַם פון אַ ברענענדיגער זון — איז דיין נשמה פינסטער. איז דיין נשמה טויט. אַ ליגנער, האָסטו, ווי אַ הונט, דעם שטויס פון שונא שטיל אַריבערגעטראָגען, און, ווי אַ הונט, געלעקט דאָס בלוט פון דיינע וואונדען, און גע׳טענה׳ט: אין מיין בלוט איז אייער לעבען און אין מיינע ליידען — אייער דערלייזונג! איצט ביזטו ווי אַ פאַררעטער, געקומען פון דער פינסטערניש פון דיין הייל — און ווילסט פאַרלעשען די שטראַלען פון לעבען אין מיין נשמה... ניי, ניי!...

אזוי האָב איך געזאָגט, און יעדעס וואָרט געוואָרפען, ווי אַ שטיין אין קאָפּ, און ווי אַ שפּיי אין פנים פון מיין גאַסט. איך האָב געדיינקט: ער וועט זיך אין גרויסען ווייטאָג פון מיינע ווערטער קאַרטשען זיך אין יאָמער — און איך אַליין האָב גאָר געיאָ־

מערט און געליטען נאך א יעדען ווארט. יעדעס ווארט איז גע־ווען א שטיין. וואס האט געשלאגען אין מיין קאפ, יעדעס ווארט — א שפיי אין פנים...

און ער איז קעגען מיר געשטאנען, ווי אן אלטער ליגנערישער בעטלער און געשמייכעלט מיט א בייזען: כי־כי־כי!... נאכדעם האט ער זיך איינגעבויגען און איז עפעס ווי ארויס פון צימער.

עס איז געווען נאך פינסטער. די שאטענס זיינען נאך געווען געדיכט, און עס איז ניט קלאר געווען: האט די נאכט געדויערט שעה'ן אדער גאנצע טויזענט יאהר איז שוין פאריבער זינט דער לעצטער טאג האט איבער מיר די שטראלען זיינע אויסגעלאשען?

קיינער האט די טיר פון צימער ניט געעפנט — און דאך איז ער שוין ניט געווען. האב איך איהם געזוכט אין אלע ווינקלען פון מיין צימער, געווארפען זיך אין אלע זייטען, געוואלט געפינען איהם צווישען מיינע מעבעל, א באהאלטענעם, געוואלט איהם נאכאמאל א ווארפטאן מיין פאראכטונגג: ליגנער!...

און ער איז ניט געווען. בין איך, א ציטערענדיגער, צוגעגאנגען צו מיין שפיגעל, געוואלט אין פנים זיך א קוק טאן — און זיך דער־שראקען: א פארבלוטיגטער איז ע ר געשטאנען קעגען מיר. פון זיינע טיפע אויגען האט דער טויט ארויסגעקוקט. אין די קנייטשען פון זיין שטערען האט זיך באהאלטען א גרויסער שרעק. אין די ווינקלען פון זיין מויל האט זיך געשלענגעלט א באהאלטענער, א ביי־זער שמייכעל. האב איך פארשטאנען: אייביג וועט ער שוין מיט מיר זיין, אייביג... און וועל איך זיך די אויגען אויסשטעכען, וועט ער אין מיין דמיון אויפפלאמען, און איך וועל אים, א בלינדער, זען אונטער מיינע אויגען־דעקלעך... אייביג, אייביג...

בין איך אפגעטראטען צום פענסטער, ארויסגעקוקט אין דרוי־סען און דערזען: עס האבען זיך באוועגט די שאטענס, האבען זיך גערוקט און פאנאנדערגערוקט, און דורך זייער פינסטערען גע־וועב האבען זיך געצויגען און געוועבט א נעץ די גרויע שטראלען פון פרימארגען, עס האט זיך אנגעהויבען דער טאג.

איך האב אנגעטאן אויף זיך דעם אלטען מאנטעל, פארבויגען זיך איבער קלארא'ם בלייכען פנים — און ארויס אין דרויסען. די גאסען זיינען פוסט געווען. קיינעם האב איך ניט געזען. אבער

יעדער טראַט מיינער האָט אָנגעפּילט די לײדינגע, פאַרעלענדטע גאַסען. יעדער טראַט האָט געוועקט דעם געשריי פון די טויטע גאַסען, דעם יאָמער פון די טויטע גאַסען, וואָס איז געווען פאַרבאָרגען אין דעם ברוך און אין די ווענט פון די אַלטע הייזער, און האָט געוואַרט אויף מיין קומען. איך בין געגאַנגען — און מיר אַנטקעגן זיינען זיי געקומען, די אויפגעלעבטע יאָמער־געשרייען, געקומען און געבענטשט דעם שרעק, וואָס איז אזוי אייביג פאַרגליווערט אויף מיין שטערען, און דעם בליק פון טויט אין מיינע אויגען, און מיינע פאַרבלוטיגטע, באַפלעקטע קליידער. איך בין געגאַנגען און געפילט אַז אַלע מיינע וועגען פירען מיך צו נאַט. וואוהין איך וועל גיין — וועל איך קומען צו אים, און שטיין פאַר זיין גרויסען פנים. וואוהין איך וועל גיין וועט ער זיין מיט מיר, און באַגלייטען מיך אויף אַלע וועגען. אומעטום וועל איך זען נאָט. און אומעטום וועט ער מיר העלפען אַנטפּלעקען דעם גרויסען סוד פון טויט, פון צער און טרויער פאַר די וואָס זוכען די אַנטפּלעקונג, וואָס וואַרטען יאָרטויזענטע אין אַנגסטען אויף דעם גרויסען נס. האָב איך געזאָגט:

— אַז אויפגעשטאַנענער פון קבר, וועל איך קומען דערציילען פאַר די וואַרטענדיגע דעם סוד פון טויט. מיין פנים איז שווייגענדיג, ווי אַ טויטענס פנים. עס ציטערען ניט, און עס ציען זיך ניט מוסקולען אויף מיין טויטען פנים. עס פינטלען ניט די אויסגעלאָשענע, די שטומע אויגען. אָבער זיי, די שרעקעדיגע, וועלען קומען צו מיר און אַרויסלייענען פון מיינע שטומע אויגען, און פון מיין טויטען פנים, די רעגונגען פון טויט און שרעק, און זיי פאַרנעמען אין דער גאַנצער גרויס פון זייער אמת — און דעם סוד דערגייען. און דעם סוד דערגייען...

און נאָכדעם האָב איך דערזען יעקב'ן. זיין אויסזען איז געווען דער אויסזען פון אַ מת, וואָס איז ערשט פון קבר אויפגעשטאַנען. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר נאָענט, האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— און איך האָב ניט געזען אויף זיין פנים קיין איבערראַשונג — האָב איך פאַרשטאַנען: ער האָט מיך ניט דערקאַנט. זיין פנים איז געווען קאַלט. מיר זיינען געשטאַנען איינער קעגען דעם צווייטען. נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— ווער וועט אָפּצאָלען דעם אָפּגענאַרטען, דעם באַליידיגטען

און דעם פארגעסענעם? ווער וועט הײלען זײנע וואונדען? ווער וועט װײנען אויף זײן װײטאג, און ווער וועט יאמערען אויף זײן עלענד? אז אלע וועגען בין איך אויסגעגאנגען און דעם וועג, דעם אײנציגען נים אויסגעפונען. ווער וועט איצטער זאגען: גײ אויף יענעם וועג? ווער וועט וואגען אפצונארען דעם, וואס איז שוין אפגענארט?... ווער וועט שטויסען דעם, וואס ליגט שוין א געפא־לענער אין קויט און קען שוין מער נים אויפשטײען?... ווער קען אנצינדען א ליכט, וואס איז שוין אויסגעגאנגען?...

און פלוצלונג האט ער זיך אײנגעגראבען אין דעם צופאטעלטען קאפ מיט די קויטיגע פינגער, און האט אנגעהויבען צו יאמערען:

—ווער וועט מיר די רעטונג ברײנגען? ווער וועט אויפשטע־לען די גבורה פון דעם געפאלענעם און אומקערען דעם גליק, וואס איז פארלארען?... קײנער וועט נים הײלען די קרעץ פון ברודנעם קערפער... ווײ איז צום געפאלענעם...

האב איך געזאגט:

— עס איז פאראן א פרײד אין גבורה און נאך א גרעסערע אין אונטערטעניגקײט און שוואכקײט. עס איז פאראן א פרײד אין זיכערקײט און אין געפינען, און נאך א גרעסערע — אין צווײפעל און אין זוכען. עס איז פאראן א פרײד אין גליק — און נאך א גרע־סערע אין אומגליק...

האט ער געקוקט אויף מיר א װײלע, און האט געזאגט:

— ליגנער!...

האב איך געזאגט:

— מיט דעם בלוט פון מײנע וואונדען וועל איך, דײן ברודער א פאקעל אנפילען, און א ברענענדען איהם הויבען, ווי א זון, אין דער שווארצער נאכט. וועלען פון די קברים אויפשטײן די טויטע, און די בלינדע. מיט אויסגעשטרעקטע הענד וועלען זײ קומען צו מײן ליכט, און בלינדע — אנהויבען צו זען. וועסטו מיט זײ, א טויטער, קומען, און וועסט אנהויבען צו לעבען. וועסטו מיט זײ א בלינדער קומען און וועסט אנהויבען צו זען.

האט ער נאך אמאל מיט גאל געזאגט:

—דו ביזט א ליגנער. אט זאגסטו נאך אמאל דאס, וואס איך

האָב שוין אַזוי פיל מאָל געהערט: אין דעם בלוט וועט זיין די רעטונג... דו ביזט אַ ליגנער...

האָב איך געזאָגט:

— יע, איך זאָג עס: אין מיין בלוט איז די דערלייזונג. ווי־דער זאָג איך: אין דעם חושך פון דער נאַכט וועל איך אַ גייע זון אָנצינדען, און אין יענער זון איז דיין דערלייזונג, אַ זוכענדער דאָס לעבען, וויים איך: די דערלייזונג איז אין מיר. די קערנער פון אַ נייען לעבען זיינען נאָר אין מיר פאַרזייט, און איך אַליין בין זייער טרעגער. אַ גאָט זוכער — האָב איך מיין גאָט געפונען. איך האָב אים געזען, און זיין פּנים איינגעפּאַסט אין מיין האַרצען — איז וואוהין איך גיי — זע איך גאָט, און וואוהין איך קום — קום איך צו זיין געצעלט, און שטעל זיך פאַר זיין גרויסען פּנים...

האָט ער אַ ווײַלע געקוקט אויף מיר און געזאָגט:

—דו זאָגסט -- דו האָסט געזען גאָט?... ליגנער!

— איך, ברוך זאָלקין, דער גלויבינגער, האָב געפונען גאָט. איך ברוך זאָלקין, זאָג: וואויל איז צו די גלויבינגע, וואָס ברענען זיך אַליין אין דעם פייער פון זייער גלויבען, און וואויל איז די אומגלויבינגע, וואָס פרירען אין דער קעלט פון זייער האַרצען. אָבער ווי איז צו די בלינדע, וואָס גלויבען אין דער זון און קענען זי גיט זען. און ווי איז צו די זעהענדיגע, וואָס ווערען בלינד פון אירע שטראַלען. און קענען ניט גלויבען אין איר ליכט. ברודער מיינער, יעקב, ווי איז צו דיר, ווייל דו האָסט געזען גאָט, און ניט געקענט זיין גרויס־קייט אין דיין האַרצען איינפּאַסען — האָסטו ניט געקענט מער זיין פּנים זען. ווי איז צו דיר.

ער איז ווי אַ פאַרוואונדערטער צוגעשפּרונגען צו מיר נאָענט, האָט צוגעטראָגען זיין פּנים צו מיינע אויגען, ווי אַ פויסט, און האָט, אָטעמענדיג מיט דער צופוילטקייט פון זיין קערפּער אַרויסגעברומט:

— פאַר וואָס האָסטו ניט צושפּאַלטען דיין קאָפּ מיט דער האַק. דו האָסט דאָך געזען ווי מען האָט דיין פאָטער געפּייניגט. דו האָסט דאָך געזען ווי מען האָט דיין שוועסטער געשענדט — פאַרוואָס? ברוך זאָלקין — דו ביזט אַ ליגנער און אַ פּייגלינג...

ער איז אָפּגעטראָטען פון מיר אויף אַ שטרעקע, צוזאַמענגע־קליבען אין מויל די שפּייעכץ, און מיט פאַראַכטונג אַ שפּיי געטאָן

מיר אין פנים. געקוקט אויף מיר נאך א ווײַלע. האט אפגעטראטען, און גענומען שפאנען איבער דער גאס וואקלענדיג זיך, ווי א שכור'ער. איך האב לאנג געקוקט אויף אים, און אין זיך געפילט א וואקסענדיגע פרייד, א פרייד פון זעליגקייט. און האב נאך אמאל געזען גאט.

נאכדעם בין איך אוועקגעגאנגען צום קלויסטער, וואס אויף דער גרויסער גאס, און האב זיך אפגעשטעלט אויף זיינע שטיגען לעבען קריסטוסעס בילד, וואס איז פון האלץ א אויסגעשניצטער געהאנגען אויף א קרייץ א צוגענגעלטער, אויף דער טיר פון אריינגאנג. האב איך פאר אים געקניט, און אזוי געזאגט:

— מיר וועלען קומען צו דיין צופוסענס, דו, אין וועמעס נאמען מען האט אונז געפייניגט, און פארפייניגטע, דיר מוחל זיין און פארבימערטע, דיין אנדיינקען ניט שילטען, און פאר'כעס'טע — ניט שפאטען אויף דיין צער... מיר וועלען שטיל, ווי שאטענס, אויסגעלייטערטע, קניען פאר דיר, וואס האט געוואלט דערלייזען און ניט דערלייזט, און יאר־טויזענטע געבליבען הייגנען אויף דעם קרייץ אליין א ניט דערלייזטער...

מיר וועלען קומען, און וויינען אויף דיין צער, און יאמערען אויף דיין עלענד פון א אפגענארטען גאט. און נאכדעם אויפשטייען ווי גלייכע, און דיך פון קרייץ אראפנעמען, און אפווישען די טדער פון דיינע אויגען, און אפוואשען דאס בלוט פון דיינע וואונדען — און דערלייזטע דיך דערלייזען. און דערלייזטע — ברענגען די דערלעזונג...

מיר וועלען קומען, און דיך פון קרייץ אראפנעמען, דיך, דעם אפגענארטען.

מיר וועלען קומען...

אזוי האב איך גע'טענה'ט פאר מיין ברודער פון נצרת, יעזוס קריסטוס, אין וועמענס נאמען מיר זיינען יאר־טויזענטע געפייניגט געווארען. און שטארק געוואלט אראפנעמען זיין בילד און דריקען צו מיין הארצען. און ווער ווייסט ווי לאנג איך וואלט אזוי געשטאנען און פאר אים גע'טענה'ט, אויב זיי וואלטען ניט קומען און מיך מיט געוואלד אראפגעשלעפט פון די שטיגען.

איך האב זיך ארומגעקוקט, און זיי דערקאנט. דאס זיינען

געווען די דריי פון דער זעלבסט־שוץ, וועלכע איך האב באגעגענט אין מיטען נאכט. זיי אלע זיינען געווען שטארק אויפגערעגט. איינער האט ביז א קוק געטאן מיר אין די אויגען און האט א זאג געטאן:

— מערדער!

א גרויסע פרייד האט דערוואַרימט מיין נשמה. מיר האט זיך אזוי געוואלט קושען אים. איך האב אזוי געוואלט, אז ער זאל מיך שלאגען. מיר האט פארדראסען, וואס די אנדערע צוויי זיינען געווען אזוי פאסיוו, און האבען געשוויגען. איך האב געזאגט:

— איך האב דאך אייך געזאגט: איך האב זי דער׳הרג׳עט.

איך האב אייך אליין געזאגט, האט איר ניט געוואלט גלויבען...

— זיי זיינען אלע געשטאנען אין פארלעגענהייט איבער מיר. ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט מיר. אין א ווײלע ארום האט איינער געזאגט:

— קומט. ער איז דאך סיי ווי משוגע. קומט. מיר וועלען באריכטען צו דער זעלבסט־שוץ. וואס זיי וועלען באשליסען, דאס וועט מען טאן.

זיי זיינען אפגעטראטען פון מיר און אוועק מיט שנעלע טריט איבער דער גאס. און איך בין פארבליבען אין מיטען פון דער גאס — און שוין מער קיין כחות ניט געהאט צו גיין. איך האב זיך אוועקגעזעצט לעבען א פלאנקען אויף דער ערד און גע־בליבען זיצען — ביז עס איז געקומען אימיצער, איך געדיינק ניט ווער — און האט מיך מסתמא צוגענומען אין דעם משוגואים הויז. איך געדיינקט ניט ווי עס האט פאסירט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

VII

אין תפיסה.

...איצט האב איך שוין ניט וואס צו זאגען. מיינע ליפען שווייגען. מיינע אויגען האבען איין מאל געזען גאט — און איצט

קענען זיי אים ניט זען, און אַלע מיינע ווענען צו אים האָבען זיך איבערגעריסען. איך ווייס אַלץ, און ווייס גאָר ניט. מיינע הענט ציטערען. מיין גוף איז איינגעהויקערט; מיין צונג קלעפּט צום טרוקענעם פּאַרשמאַכטען גומען. און איך קען שוין מער ניט שילטען. אַט וועט קומען דאַס, וואָס ווערגט צונויף מיין האַלז מיט צוואַנגען, און פאַרשטיקט דעם אָטעם, און פאַרשטעלט דעם גאַנצען קערפּער ציטערען און וואַרפען זיך אין קאַנוואַלסיעס — וועל איך אפשר שטאַרבען. אָבער דאָס האַרץ, דאָס האַרץ הערט ניט אויף אין מיר צו לעבען. און כאָטש עס איז שוין קראַנק און קלאַפּט שוין אומרואיג און שוואַך, הערט עס אָבער אַלץ ניט אויף צו שרייען דעם אויבינען געשריי, וואָס מיין חבר יעקב האָט איין מאָל אויסגעשריען:

— עס איז ניטאָ פון וועמען די נקמה נעמען... עס איז ניטאָ פון וועמען... אפילו ניט פון זיך...

אַזוי האָט אויך ז י י ן האַרץ געשריען, ווען די שונאים האָבען א י ם פון האַנט צו האַנט געוואָרפען און געשליידערט, ווי אַ פּילקע, און געלאַכט אַ בייזען און שפּאָטישען געלעכטער איבער ז י י ן צוקנויטשטען בלייכען פּנים, איבער ז י י נ ע וואונדען, איבער דער אומבאַהאָלפענקייט און שוואַכקייט פון ז י י ן קערפּער.

עס איז ניטאָ פון וועמען די נקמה נעמען.

— ברודער יעקב, עס איז ניטאָ פון וועמען די נקמה נעמען. אפילו ניט פון זיך... איך ווייס, דו ביזט אויך אין תפיסה, אַ פאַר־שפּאַרטער, און אַ יונגער, ביזטו אַזוי ווי איך, אַלט צוויי טויזענט יאָר, און אַ געבונדענער קענסטו אפילו פון זיך אַליין ניט נעמען קיין נקמה.

זיי זאָגען — איך בין משוגע. זיי זאָגען— דו ביזט משוגע, און אַלע די, וואָס זיינען דאָ — זיינען משוגע. און איך זאָג: מיר זיינען אַלע די טרעגער פון דעם גרויסען סוד פון לעבען און דערלייזונג, מיר ווייסען שוין פון לאַנג דעם גרויסען אמת, און האָבען שוין אַליין פון לאַנג דעם סוד דערגאַנגען, און קענען אים ניט ברייינגען. מיר זיינען די טרעגער, — און ניט די ברייינגער.

מיר ווייסן אלץ און ווייסן גאר ניט, — און קענען שוין פון קיינעם קיין נקמה נעמען...

ווער קען קוקן אין אונזערע אויגן, און ניט שרעקן זיך? ווער קען קוקן אויף אונזער אמת — און ניט אראפלאזן דעם בליק און ניט אנטלויפן פון אונזער רואיגן, און אונזער שווייגנ־דיגן און פון אונזער קאלטן פנים, פון אונזערע אויגן. וואס קע־נען שוין ניט פינטלען? ווער קען אריינקוקן אין אונזערע אויגן — און ניט ווערן גלייך צו אונז? און ניט קומען צו אונזער אמת? און ניט דערגיין אונזער סוד? און ניט ווערן — מיר?...

ברודער מיינער, יעקב: ער שרייט פון אונזער בלוט ארויס. דער אמת, — און מיר קענען אים ניט נעבארען. אין גרויסע ווייטאגן, דורך אין אנשטרענגונג פארגליווערטע גלידער, דורך דעם אייביגען געשריי פון געבורטס־ווייען, דורך אייביגען פיין וויל ער די וועלט דערזען, דער אמת, אונזער צייטיג קינד, אין דעם טאג פון זיין געבער. דורך בלוט און פיין פון דורות וועט ער קומען, און די וועלט באזיגען. ער קוקט שוין פון אונזער בליק ארויס, ער שרייט שוין פון אונזער יעדען גליד ארויס, ער רעדט שוין מיט זיין ערשטער שפראך. מיר הערען שוין ארויס פון אונ־זער אינגעווייד זיין שפראך, און מיר פארשטייען זי, און מיר נא־נעמען זי, און ציען זיך צו איר אנטקעגען אין אנגסטיגער און הייליגער דערווארטונג...

אבער, ווי צו אונז: — ניט מיר וועלען ברענגען דאס קינד אויף דער וועלט. ניט מיר וועלען ברענגען דערלייזונג. ווי איז צו די טרעגער, וואס קענען ניט ברענגען. ווי איז צו די דער־לייזער, וואס קענען ניט דערלייזען... אויף אונזערע חורבות וועט זיין געצעלט געבויט ווערען, אויף אונזער טויט וועט אויפשטיין א דור און וועט פארצייכענען דעם טאג פון זיין געבער.

וואס מיר שרייען — איז ניט געשריי.

וואס מיר יאמערען — איז ניט קיין יאמער.

און וואס מיר זאגען — איז א ליגען.

ווייל קיינער וויל ניט קוקן אין דעם בליק פון אונזער אויג, און קיינער וויל ניט זען אונזער פנים.

און עס האָט ניט פאַרראַטען דער, וואָס האָט אונזער טרויער ניט דערטרויערט. און עס האָט ניט געזאָגט קיין ליגען דער, וואָס איז געשטאַנען און געקניט פאַר דעם געקרייצטען פאָטער און גע־טענה'ט: שטראָף מיך און פאַרשילט מיט דיין פאָטער־קללה. פאַר'סם אין מיר דאָס לעצטע ביסעל בלוט, וואָס האָט פון מיינע אָדערען קיין צייט נאָך ניט געהאַט אַרויסצורינען... און עס האָט ניט געזאָגט קיין ליגען דער, וואָס איז געקומען אין יענער נאַכט מיך שראַפען פאַר זיין צווייפעל, און אליין אַוועק, אַ פאַרשעמטער, ווי אַ ליגנער. און ניט געזאָגט האָסטו קיין ליגען, און עס איז ניט געווען קיין ווידערשפּרעכונגען אין דיינע רייד אין יענער יאוש־דיגער נאַכט. און עס איז ניטאָ קיין פאַרראַט אין מיר, וואָס איז, ווי אַ פיינגלינג געבליבען לעבען אין דער פינסטערניש פון אַ הייל און לעקען דאָס בלוט פון מיינע וואונדען.

דאָס שרייט פון אונזער איינגעווייד זיין קומען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

1921

אליין

I.

יתומים.

1.

...אין עטליכע טעג ארום, אפשר אין א וואך ארום, וועל איך שטארבען. אבער איידער איך וועל פון דאנען אוועקגיין, מוז איך פארטרויען דער וועלט דעם אמת וועגען מיין לעבען. איך וויל ניט אוועקטראגען מיט זיך מיין גרויסען סוד, — איך וויל גע׳משפט ווערען.

איך בין א פארברעכער, און, ווי א פארברעכער, מוז איך גע־משפט ווערען. א גאנצען יאר בין איך ארומגעגאנגען אויף גאט׳ס וועלט, ווי א פרעמדער, קיינער האט מיר ניט אפגעגעבען מיין חוב — דעם משפט און דעם אורטייל איבער מיר. וויל איך איצט גע־משפט און געאורטיילט ווערען. איך בין דאך א פארברעכער. איך האב דאך מיט מיינע אייגענע הענט דערשטיקט א לעבען, — און אליין געבליבען לעבען.

איצט וועל איך זאגען מיין ווארט.

איך וועל זאגען — און עס וועלען צולויפען די שאטענס פון טויט, וואס רינגלען מיך ארום, און וועלען דערוויטערען דעם טויט אויף טויזענטער יארען, און אייביגקייטען נאך אייביגקייטען וועלען קו־מען, שטעלען זיך לעבען מיין צוקאפענס, און זאגען עדות פאר מיין משפט, פאר מיין לעצטען משפט.

איך ווייס: מען וועט זיך וואונדערען זעענדיג מיך אזוי איינ־געבויגענעם איבער׳ן פאפיר. אייניגע וועלען דיינקען, אז איך שרייב דאס מיין צוואה, אנדערע — אז איך שרייב מיינע לעצטע בריוו.

אלע ווייסען שוין, אז מיינע טעג זיינען געציילט, נאך איין בלוט־שטורץ, אזא ווי נעכטען — און איך בין ניט צווישען די לעבעדיגע...
אבער איך וועל שרייבען. איך וועל ניט פארלירען קיין איינציגע מינוט. איך וועל זיך צושמידען צום פאפיר. איך וועל שרייבען טאג און נאכט, ווייל איך וויל מיט א נייען ווארצעל אריינוואקסען אין לעבען, מיט נייע פעדים פארבינדען זיך מיט אים. אין דעם לעצטען מאמענט, אין דעם גאר לעצטען מאמענט וויל איך זאגען:

— איך וויל ניט שטארבען.. איך וויל ניט שטארבען!..

אין טויזענטער גיהנומ'ס האט זיך געקאכט מיין בלוט. פון טויזענטער קוילען איז מיין הארץ פארוואונדעט, און כאטש אלע כחות האבען זיך שוין אויסגעלאשען, און עס לויערט שוין דער טויט איבער מיין קאפ, זאג איך:

—איך וויל ניט שטארבען...

דאס איז דערפאר וואס איך ליב דאס לעבען. מיט טויזענטער ווארצלען בין איך אריינגעוואקסען אין אים, מיט טויזענטער פעדים פארבונדען מיט אים.

דאס לעבען האט מיך געשלאגען — און איך וויל זינגען א הימנע צו זיין גרויס. איך האב געיאמערט און געשריען פון צער און מורא, געפלוכט און גערופען נאך נקמה פון מיינע ווייטאגען און פון מיין פיין, מיין צונג איז געווען גיפטיגער פון א שלאנג, מיין הארץ איז געווען פול מיט צארן, אבער אין איינעם מיט מיינע קללות האב איך תפילה געטאן צום לעבען.

אט שטיי איך ביים לעצטען ראנד, אז איך מאך צו די אויגען זע איך כמעט דעם סוף פון מיין לעבען, אזוי ווי עס וואלט ווירקליך עקזיסטירט א ליניע, א גרעניץ, וואו עס לאזט זיך אויס די וועלט און עס הויבט זיך אן אן אנדערע. אבער איך זאג: איך וואלט פאר־געצווינגען טויזענטער יארען צו קארטשען זיך אין אומענדליכע ווייען, יאמערען און שרייען פון גרעניצלאזע פיינען און אייביג ניט זען די וואונד, וואס דאס לעבען הערט ניט אויף צו גיפטען מיט זיינע סמ'ען, — אבער לעבען, לעבען, לעבען...

אט זיץ איך און טראכט: וואס איז דאס אזוינס — אט דאס, וואס מיר רופען — לעבען? איך טראכט, און קאן זיך גאר נים פארשטעלען עפעס אינטואיטיוועס, עפעס אזוינס, וואס זאל געבען

א ענטפער. אנשטאט דעם קריכען מיר אין קאפ טויזענטער — אין גרונט טיף ווידערשפרעכענדיגע סימבאלען. סימבאלען, סימבאלען... אפשר איז עס דערפאר, וואס מיין לעבען איז געווען א חלום, א שווערער, א בייזוויליגער קאשמאר, און אפשר דערפאר, וואס איך בין אין די לעצטע טעג פון מיין לעבען געווארען סענטימענטאל. (מען זאגט, אז פאר'ן טויט ווערען מענשען סענטימענטאל...)

איך האב דעם גאנצען לעבען אומגעטראגען אין מיין הארצען אן אומבאוואוסטען שרעק, א מורא פאר עפעס, וואס איך האב קיין מאל ניט באגריפען, קיין מאל ניט פארשטאנען, און וואס איז שטענדיג געווען פערוויקעלט אין א גרויסען שלייער פון געהיימניס. שטענדיג האט געלויערט איבער מיר אלץ איינע און די זעלבינע שטימונג, די שטימונג פון א מענשען, וואס האט בעגאנגען א שווערע זינד, א פארברעכען, וואס האט ניט צו זיך קיין גלייכען, — און עס נאגט דאס הארץ, און וויטאגט, זוכט א היילונג — און קען עס ניט געפינען... אט די שטימונג מיינע איז אויך דער סימבאל פון מיין לעבען — א ליד, וואס ווערט געזונגען פון אימיצען, וואס איז שרעקליך און גרויזאם, וואס האט פארלארען די גרעניצען פון זיין כעס. ער זינגט אן ווערטער, ער זינגט אן קלאנגען, אבער ווערטער און קלאנגען, אומ'ברחמנות'דיגע און בייזע פילען אן דאס הארץ, די נשמה, אלע טיפע און פארבארגענע רעיונות און פארוואנדלען זיך דארטען אין א פארניכטענדיגען סם, א ברענענדיגען ווי א פייער... און איצט שטייענדיג פנים אל פנים מיט'ן טויט, וויל איך זיך נאך אמאל איינהערען אין אט דעם ליד, ארייניזינקען מיין נשמה אין דעם גרויל פון זיינע קלאנגען, דערמאנען זיך פון דער נאענטער פארגאנגענהייט, וואס איז נאך אזוי פריש און לעבעדיג.

איך וויים: דאס, וואס עס האט פאסירט — איז געווען מיין נקמה. דאס, וואס עס האט פאסירט, האט געמוזט פאסירען, ווייל דאס איז געווען די נקמה פון א שלאנג, וואס לאזט אריין דעם גיפט אין דעם מענשען, ווען ער שלאגט זי מיט א שטעקען איבער'ן קאפ. — ער שלאגט און שפאלט דעם מוח, און פערטומעלט די געהירען. און זי, מיט דעם כח פון דעם גוואלדיגען אינסטינקט פון נקמה, הערט ניט אויף צו בייסען און פארגיפטען.

איך פלעג אמאל טראכטען, אז אלץ, וואס האט פאסירט מיט מיר זיינען נאר עטאפען צום אמת'ן לעבען, און אז דאס לעבען וועט קומען וועט עס זיין א באלוינונג פאר אלץ, וואס איך האב אויסגעליטען. איצט וויים איך אבער: עס זיינען אויסגעשטארבען די האפנונגען פון מיין יוגענד, און עס זיינען ניט פארווירקליכט געווארען מיינע שענסטע חלומות, און אוממענשליך גראב זיינען באשמוצט געווארען די וואונדערליכע פאנטאזיעס פון אמאל. איך וויים אבער — איך האב פאר אלץ גענומען מיין נקמה, און שטייענדיג מיט'ן פנים פאר'ן טויט האב איך ניט מורא פאר'ן טויט. אפשר דערפאר, וואס איך פארגעס פון אים און אפשר — ווייל איך קאן זיך נאך אלץ ניט פארשטעלען זיין צושטערענדיגע קראפט, וואס דערווייטערט דאס לעבען אויף גרעניצלאזע ווייטקייטען. שרייבענדיג די דאזיגע פארצייכנונגען, דאכט זיך מיר נאך אלץ, אז איך בוי א בריק, וואס וועט פאראייניגען דאס לעבען מיט'ן טויט, און אז אין מיין אוועקגייען טראג איך אויך מיין צוריקקומען...

אבער מאדנע: שטענדיג האב איך געדיינקט, אז דער טויט איז פריער פון אלץ פארבונדען מיט'ן גייסט — פריער שטארבט דער גייסט און נאכדעם קומט די צופאלונג פון דעם גוף. און דא איז נאר פארקערט. מיין קערפער איז שוין אין דעם רעגעלמעסיגען פראצעס פון צופאלונג, מיינע לונגען וועלען אפשר אין עטליכע טעג ארום אינגאנצען פאראליזירט ווערען — און דאך צייטענווייז, נאך א צופאל פון בלוט־שטורץ, ליג איך אויפ'ן בעט און פיל: עס זיינען אין מיר אפגעשטארבען אלע חושים, איך קען שוין ניט באוועגען מיט קיין גליד, און אינגאנצען בין איך א טויטע אומבאוועגליכע מאסע, אבער די געדאנקען זיינען אזוי מאדנע קלאר. נאך קלארער ווי שטענדיג. איך קוק אויף דער וועלט, אויף לעבען און טויט, מיט אפענע אויגען, און דאס גאנצע לעבען איז אזוי פארשטענדליך און פשוט. עס זיינען ניטא קיין רעטענישען. אלץ איז קלאר... אבער דאס איז נאר נאך א צופאל פון בלוט־שטורץ...שפעטער הויבט אן דאס לעבען ווידער אמאל צו פלעכטען זיך אין טויזענטער סימבאלען — און ווערט ווידער כאאטיש און אומפארשטענדליך. —

.2

איך בין א יתום. איך בין אלט געווען פינף יאר ווען מיין מוטער איז געשטארבען. זי איז געשטארבען פון „טשאכאטקע“. איך געדענק די לעצטע עטליכע שעה פון איר לעבען. איך געדענק: זי האט מיך צוגערופען צו זיך און האט שטארק געוויינט, געיאמערט און גע'טענה'ט עפעס איבער מיר. די ווערטער געדענק איך ניט, נאר דער קלאגעדיגער נגון, אין וועלכען די ווערטער זיינען געווען פאר־וויקעלט קלינגט נאך איצט אין מיינע אויערן אין פילט נאך איצט אז מיין נשמה מיט דעם זעלבינגען טרויער, מיט וועלכען ער האט נאך דאן אנגעפילט מיין קינדערשע נשמה. איך ווייס: די מעלאנ־כאליע, דער גרויסער, גרענציצלאזער טרויער, וואס האט מיך באגלייט דעם גאנצען לעבען — איז די גייסטיגע ירושה, וואס איז מיר פאר־בליבען נאך יענעם פארטויטליכען געוויין. נאך דאן. א קליין קינד, האב איך שוין פארשטאנען, אז איבער מיר קלאגט עס אזוי די מאמע, אז איבער מיין געהיימניספולען שיקזאל פון א יתום קלאגט זי עס אזוי און טענה'ט. און אז זי איז געשטארבען האט מען מיך פאר א האנד געפירט נאך דעם שווארצען וואגען צום קליין־שטא־טישען בית־עולם. נאכדעם האט א קליין־געוויקסיגער אידעל מיך אוועקגעשטעלט איבער'ן קבר, אויסגעשריען די ווערטער פון קדיש, וועלכע איך האב ניט פארשטאנען און וועלכע איך האב באדארפט איבערזאגען. פלוצלונג האב איך אויפגעהערט איבערצוזאגען דעם אידענ'ס ווערטער.

— זאג, — האט זיך ביי מיר דער איד געבעטען.

— איך האב מורא,— האב איך געשטאמעלט און מיט ברייט געעפענטע אויגען געקוקט ארום צו די מענשען, וואס האבען מיך ארומגערינגעלט, און וואס האבען אין דער פינסטערניש פון דער אנקומענדיגער נאכט אויסגעזען געהיימניספול און פרעמד.

— האב קיין מורא ניט, נארעלע, — האט מען זיך ביי מיר געבעטען: — האב קיין מורא ניט...

— איך וועל ניט זאגען. איך האב מורא... — האב איך גע־

טענה'ט — און אַליין געווען טיף דערשראָקען פון דער וויכטיגקייט פון מאָמענט, אַזוי ווי אַז אַט דער פּלוצליכער עקשנות מיינער וואָלט אָפּגעהאַנגען מיין גאַנץ לעבען.

עס איז געוואָרען אַ טומעל, מענשען האָבען מיך נאָך ענגער אַרומגערינגעלט, געבעטען זיך ביי מיר מיט גוטען און מיט שלעכטען, דער פאָטער האָט זיך אַ שטאַרק אויפגערעגט, געבייזערט און געשריען — עס האָט אָבער ניט געהאָלפען: איך האָב דעם קדיש ניט דערזאָגט...

איך ווייס ניט פאַרוואָס איך האָב זיך איצט דערמאָנט אין יענעם ניט־דערזאָגטען קדיש. אפשר איז עס דערפאַר, וואָס יענער טאָג איז געווען דער אָנהויב פון אַלץ, וואָס איך האָב שפּעטער איבערגעלעבט, און אפשר דערפאַר, וואָס דאָס האָט באַשאַפען פאַר מיר אַ נייעם סימבאָל, דעם סימבאָל פון מיין לעבען, וואָס איז געבליבען הענגען אין דער לופטען, ווי אַ האַלבער, ניט־דערזאָגטער קדיש...

באַלד איז אויך דער פאָטער געשטאָרבען — און איך בין געבליבען איינער אַליין אויף דער גרויסער וועלט. ווי אַלע יתומים האָב איך זיך אויסגעוואַלגערט ביי די באָבעס, ביי די פעטערס און ביי אַלע קרובים וואָס האָבען נאָר געהאַט אַ גוט האַרץ. אַזוי ביז אַ יאָהר דרייצען — און דאַן האָט מען מיך פאַרשטעלט ווערען „זעלבסשטענדיג". מען האָט מיך אַוועקגעגעבען צו אַ שניידער אַלס לערן־אינגעל, אָבער מיין זעלבסטשטענדיגקייט הויבט זיך דוקא ניט אַן דאַן, ווען איך בין געוואָרען אונאָבהענגיג, נאָר שפּעטער, ווען איך האָב אָנגעהויבען צו לעבען מיין איינען גייסטיג לעבען, און מיין גייסטיג לעבען האָט זיך אָנגעהויבען מיט מיין ערשטער ליבע.

אויף דער גאַס וואו איך האָב געוואוינט האָט זיך ערצויגען ביי אַן אַרימער קרובה אַ יתומה, קלאַרע האָט מען זי גערופען. מיר האָבען נאָך אַלס קליינע קינדער געשפּיעלט זיך אין דרויסען. איך געדענק אַלע וואָס פלעגען פאַרבייגיין און זען אונז אינאיינעם פלעגען טייטלען אויף אונז מיט די פינגער און זאָגען:

— יתומים'לעך נעבעך...

און דאס, וואס מענשען פלעגען אונז פאראייניגען, ווען זיי האבען געהאט מיט אונז מיטלייד, האט אונז פארבונדען, דער־נעענטערט איינעם צום אנדערען, ווי א ברודער צו א שוועסטער. שפעטער, אז מיר זיינען אונטערגעוואקסען פלעגען מיר זיך טיילען — יעדער מיט זיין וועלט — באקלאגען זיך איינער פאר דעם אנדערן אויף'ן לעבען, אויף מענשען — און דאן האבען שוין אונ־זערע באציאונגען אנגענומען אן אויסגעשפראכענעם כאראקטער. איך פלעג אויפשטייען פון שלאף — און דער ערשטער געדאנק איז געווען — קלארע, מיט איר זיינען געווען פול מיינע טעג, מיר איר זיינען געווען פול מיינע חלומות.

א וויכטיגען פלאץ אין מיין הארצען האט אויך פארנומען די נאטור. איך האב ליב געהאט די לעבעדיגע נאטור, איהרע שיינ־קייטען און איהרע וואונדער. די פרייע אווענטען און די פרייע טעג פלעג איך פארברייגגען אין דעם גרויסען וואלד, וואס איז געווען אהינטער'ן שטאט. איך טראג נאך איצט אין מיין הארצען דעם מיסטעריעזען רוישען פון זיינע בוימער.

ער איז געווען וואונדערליך, דער וואלד. א גרויסער, האט ער זיך, ווי א שווארצער וואלקען געצייגען אויף דער ערד און דורך זיינע הויכע סאסנעס פארשפרייט ווייט ארום זיין הוילענדיגע סמאלע. געווען איז אין וואלד א מיסטישע רואיגקייט, אן אייביגע רואיג־קייט, אזוי ווי קיין שטורעם וואלט פון צייט צו צייט ניט דורכגע־פלויגען אויף זיין פייערדיגען רייטוואגען איבער די שפיצען פון זיינע בוימער און וואלט קיינמאל ניט באשאפען קיין נערוודער אין זיינע צווייגען. אבער יעדער בוים באזונדער האט געקאנט דערציילען וואונדערליכע געשיכטעס פון דונערן און בליצען, פון ווינטען און פרעסט. זעלטען וואו עס האט געוואקסען גראז אין וואלד, און אז עס האט געוואקסען איז דאס געווען א גראז פון א באזונדער מין, א לאנגע, א פויזענדיגע, פלעגט ארומפלעכטען די טרוקענע צווייגען און איינגעפאלענע בוימער, וואס האבען זיך יארען לאנג געוואלגערט און געפוילט אויף דער ערד, האלב אויפגעגעסענע פון ווערים און זשוקעס, ארומגעוואקסענע מיט ווילדע שוואמען.

דעם וואלד האט דורכגעשניטען א קליין טייכעל. דער טייכעל האט שטענדיג געבולקעט, געשלאגען זיינע וואסערען אן די שטיינער־

וואָס האָבּען אויסגעשפּרייט זיין גרונט, און געשפּריצט אויף די ברעגען אין זיין שוימענדיגען לויף. געוועזן איז עפּעס בייזוויליגעס אין דעם ברומען פון טייך. עס האָט זיך געדוכט, אַ מורא'דיגע חיה ברומט דאָס, אַ גרויסע נקמה צו נעמען, פאַרוואָס מען האָט זי פאַרשלאָסען אין די ענגע ברעגעס און קיין אַנדער וועג איר ניט געגעבען. דער טייך האָט זיך געדרייט און געפּלאַכטען, ווי אַ שלאַנג, און יעדער בויג זיינער האָט געטראָגען דעם שטעמפּעל פון שווערען קאַמף: גרויסע שטיקער ערד זיינען מיט געוואַלד געווען אַרויסגעריסען מיט די איינגעפּלאַכטענע וואָרצלען פון בוימער און אַוועקגעטראָגען דורך די שטראָמען ערגעץ ווייט, צום ים. ערטערווייז האָט דער טייך אָפּגעשווענקט די וואָרצלען פון די בוימער, וואָס האָבען געשטעקט מיט די שפּיצען צום וואַסער און האָט זיי ענליך געמאַכט צו אָפּגעשווענקטע ביינער פון לאַנג פאַרשטאָרבענע מענשען...

אימה'דיג איז געווען ביי די ברעגען פון טייך. און דערפאַר זיינען אַרומגעגאַנגען ביים פאָלק מורא'דיגע לעגענדעס וועגען יענעם טייל פון טייך, וואָס האָט געפּלאָסען אין וואַלד. מען פלעגט דערציילען, אַז אין לבנה־נעכט גייען פון די שוימענדיגע וואַסערען אַרויס אויפ'ן ברעג וואַסער־פרויען, מיט פאַנאַנדערגעפּלאַכטענע צעפּ, טאַנצען און דרייען זיך אין אַ וואונדערליכען קאַראַהאָד, און זינגען זייערע ניגונים פון אַז אַנדער אומבאַקאַנטער וועלט, פון אַז אַנדער, אומבאַקאַנטער בייִנקשאַפט... און פון אַלע פינסטערע ווינקלען פון וואַלד קלייבען זיך צונויף גראָב־בייכיגע קאַרליקעס, דרייען זיך אַרום און זוכען קרבנות... אַנדערע פלעגען דערציילען, אַז דאָרט איז באַגאַנגען געוואָרען אַ שרעקליכער פאַרברעכען, אַ זינד, וואָס האָט צו זיך ניט קיין נאָמען. די פויערים פלעגען שרעקען זייערע קינדער מיט יענעם פלאַץ און ניט לאָזען זיי גיין אַהין, ווייל פון טייך קאָנען נאָר מיט אַמאָל אַרויסלויפען רוסאַלקעס, וועלען קיצלען און פאַרקיצלען אויף טויט... און די קינדער פלעגען ניט גיין. נאָר די עלטערע, די דרייסטערע, פלעגען צולויפען צום טייך, שליידערען אין זיינע זידענדיגע וואַסערען מיט שטיינער און מיט פאַרטריקענטע שטיקער ליים — און דער טייך פלעגט זיי ענטפערן מיט אַ בייזען דונערנדיגען געררויש, ענליך צו אַ

געלעכטער פון אַ ווילדען. און דער וואַלד פלעגט אַ ציטער טאָן מיט זיין דערשראָקענעם, אויפגערעגטען עכאָ...

דאָרט פלעג איך פאַרברייגגען מיינע פרייע טעג. דאָרט האָב איך זיך געפילט היימיש און גוט, אַזוי ווי איך וואָלט דאָרט געבאָרען געוואָרען, און דער טייך מיט'ן וואַלד וואָלטען געווען מיין וועלט, מיין סטיכיע. איך פלעג שעה'ן לאַנג אַרומגיין אין וואַלד, איינהערען זיך אין זיין רוישען, און פאַרשטייען די שפּראַך פון אַ יעדען בוים, פון אַ יעדען קוסט, באַהעפטען זיך מיט זייער וועלט, מיט זייער לעבען, און זיין אַזוי ווי זיי. און יעדער בוים האָט מיר דערציילט די וואונדערליכע מעשיות פון זיין לעבען, און יעדער בוים האָט אויך געוואוסט, אַזוי ווי איך, די געשיכטע פון מיין לעבען.

עס פלעגט אַמאָל טרעפען, אַז מיין האַרץ פלעגט איבערפילט ווערען פון אַ גרויסער בייגקשאַפט. פלעג איך ניט איין מאָל צופאַלען צו די שטאַמען פון די ריזיגע ביימער, צו זייערע ריזיגע וואָרצלען, קושען דעם באָדען פון זייערע טריט, און טענה'ן:

— איך האָב ניט קיין מוטער, און איך האָב ניט קיין פאָטער, — און איך האָב ניט קיין שוץ. איך דאַנק דיר פאַר דיין שוץ און פאַר דיין ליבע, וואַלד מיינער. אין דיינע גרעניצלאָזע ווייטקייטען וועל איך פאַרפאַלען ווערען; אַ קליינער. פאַרגרעסערן זיך מיט דיין גרויס, אַן איינציגער, פאַרמערען זיך מיט דיין מערהייט... וואַלד מיינער!

אַזוי פלעג איך אין קינדערשען עקסטאַז ניט אויפהערען צו טענה'ן צום אַלטען גרויסען און אַלץ וויסענדיגען וואַלד. און דער וואַלד פלעגט, ווי אַן אַלטער גוטער פאָטער, אָפּענטפערן מיט זיין זיפץ אויף מיין אומטרייסטבאַרער בייגקשאַפט...

און פלעג איך דאָן אַ טראַכט טאָן פון מענשען פלעגט מיך אויפפלאַמען אַ כעס. אַ שטראָם פון פייער פלעג איך דערפילען אין דעם לויף פון מיינע בלוטען. אַ יתום, אַן אונטערטעניגער און אַ דערשלאָגענער, פלעג איך ווערען שטייף און בייז, ווי אַ פאַריאָגטער וואָלף. אַ גרייטער צו נעמען נקמה, אַ בלוטיגע נקמה. אין אַזעלכע מאָמענטען וואָלט איך געקאָנט הרג'ענען, טאָן עפּעס

שרעקליכעם — און זיין באפרידינגט פון דער ווילדסטער טאט, ווי א ווילדע, פון בלוט צורייצטע חיה...

3.

איך בין דאן אלט געווען פופצעהן יאר, ווען איך האב פאר־טרויט קלארע׳ן דעם סוד פון מיין כמעט חיה׳שער ליבשאפט צום וואלד. קלארע איז דאן אלט געווען דרייצען יאר. עס איז געווען א שבת אווענט. די זון האט זיך שוין געזעצט נידעריג צום האריזאנט. שאטענס פון פיאלעט קאליר האבען זיך געביטען מיט די שאטענס פון דער אנקומענדינער נאכט.

איך בין מיט קלארע׳ן געגאנגען צום וואלד. זי איז נאך אזוי ווייט מיט מיר קיין מאל ניט געגאנגען. קיינער האט אונז ניט געטארט זען. מיר זיינען געגאנגען מיט זייטיגע פארבאר־גענע וועגען, פון וועלכע איך אליין האב נאר געוואוסט. זי האט מורא געהאט. זי איז געווען בלייך, האט זיך דערשראקען ארומגעקוקט אין אלע זייטען, געדריקט זיך צו מיר און געשוויגען. אוי אין מיר האט אויפגעלעבט און געציטערט א גרויסע פרייד. איך בין שוין ניט געווען אליין. אפשר דעם ערשטען מאל אין לעבען בין איך דאן געווען גליקליך. נאכדעם האט זי שטיל און פאר־טרויליך געזאגט:

— כ׳האב מורא...

איך האב געלאכט פון איר שרעקעדיגקייט. דערציילט איר פארבייגייענדיג פון אלץ, וואס איך האב געוואוסט און געלערענט אין וואלד, באקאנט זי מיט יעדען בוים, מיט יעדען קוסט. און וואס שטארקער עס איז אין מיר געוואקסען די מורא, אלץ פאר־טרויליכער און נענטער איז זי געווארען.

זי האט געזאגט:

— דו ווייסט, ברוך, איך האב גאר אפשר ניט מורא. מיט

דיר האב איך ניט מורא... נאר א בייַנקשאפט ציט מיך ערגעץ... עס איז מיר גוט און אומעטיג... פארוואס איז מיר אזוי אומעטיג?

ארום איז געווען שטיל, אזוי ווי דאס לעבן וואלט זיך אויס־געלאשען אויף דער וועלט. יעדער בוימעל און יעדעס גרעזעל האט נאך ניט געשלאפען, נאר געגנעצט. די בלומען האבען צו־זאמענגענומען זייערע בלעטעלעך ווי צו א תפלה, און האבען אין דער שטיל געזונגען הימנען צו דעם, וואס האט געשאנקען זיי די פרייהייט און די ברייטקייט פון די פעלדער, די ערשטע זונען־שטראלען אין פרימארגענס, צו דעם וואס וואשט זיי מיט טויען און רעגענס.

איך האב, ווי א גרויסער, ווי אן עלטערער, געענטפערט:

— ענג איז דעם מענשענס נשמה אויף דער ערד — וויל זי זיך אויפהויבען און אוועקפליען — און זי איז נאר מיט שטארקע קייטען צו דער ערד צוגעשמידט, קען זיך פון דער ערד ניט אפ־רייסען... אט פארוואס דיר איז אומעטיג, קלארע. גיב א זיפץ — און דיר וועט גרינגער ווערען. דיר וועט זיך דוכטען, אז דו הויבסט זיך אויף און פליסט...

זי האט ניט געענטפערט און נאר שטארקער געדריקט זיך צו מיר. ווען מיר זיינען געקומען צום וואלד זיינען שוין די שאטענס געדיכט געווען. אין וואלד איז געווען פינסטער. דורך די באַ־קאנטע שטעגלעך זיינען מיר אריין אין זיין פינסטערניש. ביז מיר זיינען געקומען צו מיין באליבטען פלאץ, צום ברעג פון טייכעל. דאס טייכעל האט געברומט און האט צושטערט די שטילקייט וואס איז געלעגען איבער׳ן וואלד. קלארע האט זיך מורא געהאט א באוועג צו טאן. זי האט כמעט געציטערט. זי האט זיך גע־נומען בעטען:

— ברוך, זאג, נאך וואס זיינען מיר געקומען אהער? ברוך, זאג? איך האב מורא...

איך אליין האב אויך מורא געהאט. אין אזא שפעטער שעה ביז איך דא נאך קיין מאל ניט געווען. זי האט זיך נאך שטארקער געדריקט צו מיר און האט גע׳טענה׳ט:

— אויף יענער זייט טייך באוועגט זיך אימיצער. אפשר זיינען עס גייסטער. ברוך, איך האב מורא...

איך האב זי שטארק געהאלטען פאר דער האנט. מיר האט זיך אויך געכומען דוכטען, אז אט וועט זיך אימיצער פלוצלונג אונטער׳גנב׳ענען פון הינטען, וועט אונז אנכאפען, וועט אונז ווער־גען, וועט טאן עפעס אויסערגעוויינליכעס, וואס מען קאן זיך אפילו ניט פארשטעלען, וואס האט אפילו ניט קיין נאמען — און מיר וועלען שרייען, רופען נאך הילף און קיינער וועט ניט הערען, און קיינער וועט אפילו ניט וויסען... און דאן האב איך פלוצלונג אין זיך דערפילט א גוואלדיגע באפרידיגונג — אי פון אונזער מורא, אי פון דער אויסערגעוויינליכקייט פון אונזער לאגע. א ווילדער אינסטינקט, וואס איז געלעגען פארבארגען אין מיין נשמה האט זיך אויפגעכאפט און פארנומען דעם אויבען־אן. איך האב זי מיט אמאל ארומגעכאפט, און, ווי א ווילדער אנגעהויבען צו קושען. זי האט די גאנצע געציטערט און האט זיך אלץ שטארקער געטוליעט צו מיר, מורא האבענדיג ארויסצורייךען א ווארט. נאכדעם האט זי אנגעהויבען וויינען. שטיל, ווי דאס ווארקען פון א טויב האט איהר געוויין אפגעקלונגען פאר דעם נאכטיגען רוישען פון דער טייך. די מורא איז פארשוואונדען. עס איז פארבליבען נאר קלארע, א וויינעדיגע און א דערשראקענע. מיין הארץ איז פול געווארען מיט מיטלייד און מיט ליבע צו איר. און דאן האב איך צום ער־שטען מאל איר געזאגט ווי איך האב זי ליב, ווי איך טראכט פון איר מיינע טעג און נעכט, ווי עס איז פול מיט איר מיין לעבען.

זי האט זיך אויך בארואיגט פון מיינע ווערטער. מיר האבען זיך צוגעזעצט ביים ברעג פון טייך. איך האב אין זיך דערפילט די פאראנטווארטליכקייט, וואס דער שיקזאל האט ארויפגעלעגט אויף מיין קאפ. פאר מיר איז געזעסען א קליין דערשראקען קינד. א יתומה, אזוי ווי איך, א פאריאגטע און א פארביטערטע. עס איז געווען אזוי, ווי עס וואלט פאר מיר געזעסען מיין שוועס־טער, אדער מיין מוטער און וואלט געטיילט מיין גורל.

איך האב צו איר געזאגט:

— קלארע, מיר זיינען יתומים. מיר זיינען פרעמדע אויף דער וועלט, איבעריגע. א לאסט פאר אלעמען. מען האט איבער אונז רחמנות — און מען האט אונז פיינט. זיי קענען אונז ניט מוחל זיין, וואס מיר לעבען אויף דער וועלט פרעמדע ארימע יתומים...

איך האב זיי אויך פיינט. די בעסטע מענשען האב איך פיינט... די בעסטע. איך האב זיי פיינט אפילו פארוואס זיי האבען רחמנות אויף מיר. פארוואס זיי קוקען אויף מיר מיט אזוינע מאדנע אויגען וואס דערמאנען, אז איך בין א יתום. זייערע אויגען זאגען שטענדיג: — דו ביזט א יתום, דו האסט ניט קיין טאטען, האסט ניט קיין מאמען... איך האב זיי פיינט...

איך האב לאנג גערעדט, באקלאגט זיך און געזידעלט. מיין בלוט האט אין מיר געקאכט. צייטענווייז האט זיך מיר געוואלט שטארק וויינען פון מיינע ווערטער, פון מיינע אייגענע רייד. נאכדעם האב איך צו איר געזאגט:

— דו מוזט זיין מיינע, דו מוזט. ווי וועסטו זיין אליין? ווי וועסטו זיין אויף דער וועלט אליין?

און מיר האט זיך דאן אויסגעדוכט, אז די גאנצע וועלט איז פינסטער. טויזענטער געפארען און שרעקען לויערען פון אלע זייטען אויף דער קליינער, שוואכער יתומה'לע קלארע'ן, און עס איז ניטא, א חוץ מיר, קיינער, וואס זאל זי פון די געפארען ארויסראטעווען, קיינער וואס זאל איר אויסשטרעקען א ברודער האנט... גאט, עס איז געווען מיין גליקליכסטער מאמענט.

זי האט זיך צו מיר געדריקט אלץ שטארקער. אירע אויגען האבען אין דער פינסטערניש געלויכטען מיט א פייער פון דאנקבארקייט, אבער זי האט אלץ געשוויגען מיט דעם שווייגען פון א דאנקבארער און גליקליכער יתומה, וואס האט קיין מאל ניט געהאט קיין גליק און וואס קאן ניט גלויבען אין זייז וואונדער, ווען זי געפינט אים... זי האט געזאגט:

— און דו זאגסט דעם אמת, ברוך? דו זאגסט דעם אמת?

— דעם אמת.

— און אז איך וועל אויסוואקסען וועסטו אויך זיין מיט מיר?

— מיט דיר. אלע מאל מיט דיר.

— שווער זיך. דו מוזט שווערען.

איך האב געשווארען. און קלארע, די קליינע קלארע, איז דאן אין מיינע אויגען אויסגעוואקסען, און איז שוין ניט געווען קיין קינד. געווען א גלייבע. און דער אלטער גרויסער וואלד איז ווי אן אלטער גרויסער עדות געשטאנען איבער אונז און האט

געבענשט אונז אויף א נייעז לעבען, אויף א נייעז גורל. אזוי איז מיין וועלט געווארען איר וועלט.

די מורא איז איינגאנצען פארשוואונדען. איך האב איר דער־ציילט די נסים פון דעם וואלד. איך האב דערציילט — און זי האט פארשטאנען און פארנומען מיינע רייד, ווי א אייגענע. אבער שוין אליין פארשטייענדיגע שוועסטער. איז מיין הארצען האט צום ערשטען מאל אויפגעלעבט אט יענע גרויסע פרייד פון דעם איינזאמען, וועז ער הערט אויף צו זיין אליין, וועז דער גרויסער מדבר, אין וועלכען ער האט געבלאנדזשעט, לאזט זיך אויס, און ער דערזעט דעם אנהויב פון א פרוכטבארער מיט ליכט באשיינטער, לאנג געזוכטער ערד. עס האט שוין דאס לעבען ניט געשראקען. די וועלט ארום איז געווארען קלאר און פארשטענדליך — און עס איז ניט געווען פארוואס מורא צו האבען.

צוריק זיינען מיר געגאנגען גאר אנדערע, ווי ניי געבארענע. מיר זיינען שוין ניט געווען קיין קינדער, יתומים. דערשלאגענע און פארביטערטע. מיר זיינען שוין געווען גלייכע צו אלעמען.

דאס האט אבער געדויערט ניט לאנג. די פארביטערונג קענען מענשען און קענען דער וועלט האט נאך אלץ געטליעט אין הארצען.

מיר פלעגען אפט גיין אין וואלד, זעצען זיך לעבען דעם רוי־שענדיגען טייכעל, זיצען אוןריידען פון אונזער שיקזאל פון יתומים. קלארע פלעגט דערציילען און אויסוויינען פאר מיר איר ביטער הארץ, באקלאגען זיך אויף די וואס האבען שווער געמאכט איר לעבען — און איך, דער יתום, פלעג הערען און שווייגען, און אין מיין ברוסט פלעגט זיך אנצינדען א העלישער פייער, מיינע בלו־טען פלעגען אנהויבען צו זידען, מיר פלעגט זיך ווילען ארייננוואר־פען אין א בלוטיגען קאמף מיט אלעמען, מיט דער גאנצער וועלט, נעמען נקמה דערפאר, וואס מיר זיינען ארימע יתומים און האבען ניט קיין נאענטע און גוטע...

עס איז אפשר דאס לעבען ניט געווען אזוי ביטער, אפשר איז דאס לעבען געווען אזא פאר אלעמען, אבער אונז האט זיך געדוכט, אז דאס לעבען איז נאר אונז אליין שווער. אז נאר פאר אונז איז דאס לעבען פול מיט ביטערע ערפארונגען — און דערפאר

האבען מיר געשאלטען דעם טאג, אין וועלכען מיר זיינען געקומען אויף גאטס וועלט, און דערפאר איז אויך גאטס קללה געהאנגען שטענדיג איבער אונז. אבער אנדערש האט אפנים ניט געקענט זיין.

אין מיר האבען שטענדיג געלעבט צוויי פערזענליכקייטען — דער אייביגער, פארביטערטער שקלאף און דער הערשער פון מא־מענט. דער הערשער פון גרויסען, גרעניצלאזען גליק און דער שקלאף פון אייביגער ביינקשאפט. האבען זיי, אט די פערזענ־ליכקייטען שטענדיג אין מיר געקעמפט, און דעם קאמף ניט גע־ענדיגט נאך ביז איצט, ביז אלץ מוז צופאלען און אונטערגעבען זיך דעם אלמעכטיגען טויט.

איך פלעג ארומגיין וואכען לאנג אן אומעטיגער. ניט גע־קענט ריידען מיט מענשען, אן איינגעשלאסענער אין זיך, פלעג איך אויף מיין הארצען טראגען די שווערקייט פון דער גאנצער וועלט. אלע הימלען איבער מיין קאפ פלעגען פינסטער ווערען. אלע זונען פלעגען אויסגעלאשען ווערען, און עס איז ניט געווען קיין טרייסט.

פלעגט אבער דורך עפעס פארלייכטערט ווערען מיין געמיט — פלעג איך ווערען אן אנדערער. די גאנצע וועלט איז געווען מיינע. איך פלעג לויפען צום וואלד, פארפאלען ווערען אין זיין רוישען, פארלארען גיין אין זיין מערהייט, ווי א שטויבעלע, פייפען און זינגען, און ווערען צו זייגע פויגלען גלייך, גיין צום טייך, צו די לויפענדיגע שוימענדיגע וואסערען, שטעלען זיך צו אים מיט אן אפענעם בליק, מיט אן אפענער נשמה, און קוקען אויף יענער זייט, וואו אלץ איז געווען אזוי ניי און אנדערש, ווי אויף דער זייט.

עס פלעגען זיין פריהמארגענס, ווען איך פלעג עפענען די אויגען און גלייך באגייסטערט ווערען פאר דעם וואונדער פון דעם זונען־אויפגאנג. איך פלעג א קוק טאן: ווי מיט בלוט איז פאר־גאסען דער האריזאנט און עס שמייכעלט מיט א רויטען שמייכעל דער הימעל. און אז קליינע וואלקענדלאך הויבען זיך אן צו באַ־וועגען איבער'ן רויטען הימעל ווערען זייערע ברעגען באפארבט אין קאלירען פון רויט און העל־בלוי. די לופט איז ריין. א געפיל פון געהיימער, זיסער ערווארטונג פילט אן די נשמה פאר'ן געבורט

פון א נייען טאג. אזוי ווי גאר נייעס וואלט מיט זיך געטראגען אט דער טאג פאר דער דערוואכטער נאטור. אלץ העכער און העכער הויבען זיך קלינגען די פויגעלשע געזאנגען און אלץ, וואס לעבט און באוועגט זיך הויבט אן אנצופילען די לופט מיט א זשומען, מיט א פייפען, מיט א קלינגען... עס פלעגט זיך דאן וועלען לעבען. צופיל גוטעס איז ארום געווען, וואס האט צו קיינעם ניט באלאנגט און באלאנגט צו אלעמען, און צו מיר... און עס דוכט זיך, ערגעץ, מען ווייס ניט וואו, זינגט מען א ליוב-געזאנג צו דער אויפגעהענדיגער זון, וואס קייקעלט ארום איר פייערדיגען דיסק אויף דעם לויטערען הימעל און קוקט מיט א צופרידענעם בליק אויף דער ערד, אויף אלץ וואס זי באלייכט און באווארימט מיט אירע שטראלען...

יע. איך האב ליב געהאט די נאטור. און וואלט איך זי ניט אזוי שטארק ליב געהאט — ווער ווייס — וואלט איך אפשר שוין לאנג געענדיגט מיין לעבען, און ניט געווארט ביז די מיליאנען ווערימלעך וועלען אויפעסען מיינע לונגען.

4.

עס זיינען פאריבער עטליכע יאר. מירביידע זיינען אויס-געוואקסען. מיר זיינען עפעס ווי פארויסגעלאפען אונזערע יארען אין אונזער אנטוויקלונג. מיר זיינען געווען גרויסע. ביידע גע-ארבייט שווער, און ביידע געלעבט איין לעבען.

די פרייע צייט האבען מיר פארבראכט אויף ביכער. אין די ביכער האבען מיר געפונען דאס, וואס האט אונז אויסגעפעלט אין לעבען. דארטען האבען מיר געזען נייע לעבענס, נייע מענשען, און צווישען זיי געפונען די יעניגע, וואס האבען אויסגעפעלט אין לעבען, און מיט זיי געשלאסען פריינטשאפט — ביז זיי, די אויס-געטראכטע, זיינען געווארען נאענטע, ווי פריינט. אין די שיינע זומער טעג, פלעגען מיר גיין אין וואלד און דארט פארפאלען ווערען לאנגע שעה'ן אין זיין רוישען, און ריידען פון די איבערגע-

לייענטע ביכער, פון די העלדען, און טרוימען פון א נייען לעבען. וואס זאל זיין אזא, ווי דאס לעבען אין די ביכער...

אבער אין לעבען זיינען ניט געווען קיין פריינט. איך האב קיין מאל ניט געוואוסט, וואס א פריינט איז. קלארע האט ניט געקענט פארנעמען דעם ארט פון א פריינט. זי איז געווען א געליבטע, א שוועסטער, א מוטער — זי איז צייטענווייז געווען אליין איך — אבער קיין מאל ניט — א פריינט. און מאדנע: איך האב קיין מאל ניט געזוכט קיין פריינט. איך האב זאגאר ניט געבייגקט נאך א פריינט. שטענדיג האב איך געוואלט זיין אליין מיט זיך. און קלארע פלעגט קיין מאל ניט צושטערען מיין איינזאמקייט, ווען זי איז געווען מיט מיר. זי פלעגט שטיל ארייגקוקען אין מיינע אויגען, דורכלייענען אין זיי אלץ, וואס זי האט באדארפט וויסען, און פלעגט, ווי א מאמע, אלץ פארשטיין, זעלטען פרעגען און שטענדיג אלץ וויסען. אט אזא איז זי געווען, קלארע.

איך פלעג אמאל טראכטען: איך דארף ניט קיין מוטער. איך דארף ניט קיין בעסערע מוטער, ווי קלארע. איך בין דער גאנצער געווען אונטער דער שוץ פון איר גרעניצלאזער מוטערליבע, און, ווי א קינד, געווארימט זיך אין דערווארימקייט פון אירע מוטער־אויגען. ווען איך פלעג וויינען, א בייגקענדינער, אויף מיין שיקזאל, פלעגט זי קומען מיט איר טרייסט, ווי אן אפרוה, אויף מיין בייגקען, גיסען טרערען אויף מיין צער. יע, זי איז געווען א גוטע מוטער, קלארע. איך פלעג איר פארשאפען צער, איך פלעג איר צייטענווייז פארביטערען דאס לעבען — און זי פלעגט שווייגען, ווי א מוטער. וואס איך פלעג ניט טאן, מיט וועלכע קרומע וועגען איך פלעג ניט גיין, אויף דאס ערגסטע פלעגט זי קוקען מיט אירע מוטער אויגען: דאס האט דאך איר קינד געטאן...

ביסלעכווייז, מיט דעם וואוקס פון אונזערע בתות, מיט דער פארבארייטערונג פון אונזערע פלייצעס, איז דאס לעבענס שווערקייט געווארען גרינגער. עס האבען גענומען פארשווינדען די אומצופרידענקייט און די פארביטערונג קעגען דער וועלט און קעגען מענשען. דאס לעבען איז געווארען פארשטענדליכער, די באגריפען — קלארער, און עס איז שוין אין הארצען ניט געווען קיין

מורא פאר דער צוקונפט. די צוקונפט האט ניט געשראקען, און נאר גערופען צו זיך מיט אירע ליכטיגע האריזאנטען, מיט די האריזאנטען, וואס מיר אליין האבען באשאפען אין אונזער גרעניצ־לאזער ליבע, אין דער פאנטאסטישער אטמאספערע פון דעם גרי־נעם, אוועגטליכען וואלד. אבער לאנג האט עס אזוי ניט אנגע־האלטען. מיט אמאל זיינען די ליכטיגע האריזאנטען פארטונקעלט געווארען.

איך געדיינק ניט וואס עס האט אונז געבראכט צום געדאנק, אז מיר זאלען פאהרען אין אמעריקע. דער געדאנק איז געקומען פלוצלונג. מיר האבען אין אמעריקע קיינעם ניט געהאט. אבער איין מאל באהערשענדיג אונזער מארך און אונזער ווילען האט דער געדאנק אונז שוין ניט אפגעלאזען. דאס ליכט פון אונ־זערע טעג איז שוין געווען פארוואלקענט מיט זארגען און באהאל־טענער מורא פאר דער צוקונפט — און דאס אלץ האט געבארען אין הארצען א צווייפעל און א אומגעדולד.

אין אזעלכע שווערע מאמענטען פלעגט קלארע קומען צו הילף. זי פלעגט ארויפלייגען איר האנט מיר אויף דער פלייצע, און זאגען:

— אז מיר וועלען קומען קיין אמעריקע וועלען מיר זיין ווי ניי־געבארענע. מיר וועלען אנהויבען דאס לעבען פון דאס ניי... מיר וועלען ביידע ארבייטען, און ביידע זיין ווי איינער... ביידע לעבען איין לעבען...

זי פלעגט פלוצלונג אנשווייגען ווערען, ווענדען אירע פאר־טראכטע אויגען אין דער ווייט, און עס האט זיך פון דעם געדוכט, אז זי זעט שוין ערגעץ דארט, אין דער ווייטער ווייט, דורך דעם געדיכטען געבעל, דאס, וואס האט אזוי געשראקען מיט דער אומ־באוואוסטקייט. און געווען איז אזוי ווי ניט א באזונדער מענש וואלט געשטאנען און געערדט, נאר אימיצער אין מיר וואלט אזוי גערעדט און נאכדעם פארטראכט זיך און פארקוקט זיך אויף דעם, וואס איז ווייט הינטער די געבלען... און פון דעם פלעגט ווערען גרינגער אויף דער נשמה און גוט. — — —

.II

אין אמעריקא.

.1

. . . באלד ווי איך בין אהער געקומען איז געקומען די אנטוישונג. די אנטוישונג איז אלץ. דאס נייע לעבען איז ניט געווען ניי. עס איז עפּעס ווי געווען א פאַרטזעצונג פון יענעם איבערגעריסענעם לעבען פון א יתום. וואס איז פארגאנגען און דאך נאך אלץ געווען. די אנטוישונג האט אויך ארויסגעקוקט פון קלארע׳ס פּנים, אבער זי האט אויסגעמידען פון דעם צו ריידען.

אין אמעריקע האט זיך איבער א נייעס אנגעהויבען דאס זעלבינע ווי אין דער קינדהייט — דאס צופּאסען זיך צו די אומשטענדען. מען האט זיך געדארפט שטענדיג אונטערגעבען. שטענדיג זיך צופּאסען צום פּלאץ, וואו מען האט געארבייט, צו די מענשען, געפעלען ווערען דעם „פּארמאן“, דעם „באס“, מיט א שקלאפּישען שמייכעל ענטפערן אויף דער ביטערסטער באליידיגונג, צוגויפקארטשען זיך. ווערען קליין און אונטערטעניג, ווי א הינטעל. וואס קריגט א שטויס מיט׳ן פוס פון זיין באלעבאס, און מוז דרייען מיט׳ן עק...

און ווי האב איך געארבייט? ניט שוויים, נאר בלוט פלעגט זיך גיסען פון מיר. געארבייט ביז עס פלעגען זיך אנצינדען די אויגען לעפלעד, ביז דער קערפּער פלעגט אפּגעשוואכט ווערען און אין אלע אברים פלעגט אנהויבען ציטערען א נערווען־ציטער פון צורודערטקייט. און אז איך פלעג קומען אהיים אין אונזער קליינעם צימער פלעגט אין מיר, אזוי ווי אין דער קינדהייט, אנצינדען זיך און צאנקען א פייער פון פארדראס און צארן, און צום האלז פלעגען זיך צוקייקלען טרערען... א שווערע בענקשאפט פלעגט זיך ארפלאזען אויף מיין נשמה, און אין הארצען פלעגט אנהויבען צו נאגען דאס אלטע געפיל פון אמאל, פון יענע צייטען ווען איך בין געווען אן איינזאמער יתום, א פארוואלגערטער ביי די

קרובים. די ביינקשאפט איז געווען ווי פון א וואלף, וואס מען האט איינגעשפארט און וואס בענקט צום וואלד. און דערפאר האט אויפגעוואכט די אלטע פארביטערטקייט. קלארע׳ס גוטסקייט, איר איבערגעבענקייט האט אויפגעהערט צו האבען די נויטיגע בארואיגענדיגע ווירקונג אויף מיין גייסט, און אנשטאט דעם איז אין מיר געוואקסען אן אומגעדולד צו אליץ, וואס זי האט גערעדט און געטאן. איך האב גענומען כמעט סיסטעמאטיש אנפירען א קאמף נעגען איר גוטסקייט. מיינע קאפריזען האבען ניט געהאט קיין גרעניץ. און זי האט מיט א סטאאישער געדולדיגקייט נעענטפערט אויף יעדען מיין קאפריז. האט דאס מיך נאך מער אויפגערעגט. עס פלעגט פשוט פארדריסען וואס זי קעמפט ניט מיט מיינע קאפריזען. עס האט זיך געוואלט דערפילען א ווידערשטאנד, עס האט זיך געוואלט קעמפען — און קיין קאמף איז קלארען האב איך ניט געקענט דערוועקען. ביז איך געווען בייז. שטענדיג האט אין מיר געברענט דער כעס. די שווערע שטימונג האט ניט פארלאזען עטליכע יאר נאכאנאנד. און נאכדעם איז נאך ביי אונז געבארען געווארען א קינד. די ערשטע צייט איז דאס געווען א פרייד. עס איז געווען ווי א ליכטיגער שטראל וואלט זיך אריינגעריסען אין אונזער לעבען. עס האט זיך געדוכט, אז עס איז מיט אים אויך געבארען געווארען א ציל אין לעבען. אפילו די שווערע ארבייט האט אנגעהויבען האבען א זין און אן אינהאלט. אבער באלד איז דאס קינד קראנק געווארען. עס האבען זיך אנגעהויבען טעג פון פארצווייפלונג. דאס קינד האט ניט אויפגעהערט צו קרענקען. עס איז געווען ראכיטיש. דאס קערפערל איז געוואקסען אין דער לייננ, ניט פארברייטערענדיג זיך. זיין אויסזען איז געווען שרעקליך: לאנגע, דינע, בלוי־ביינערדיגע פיס און הענט, לאנגע דינע טויטע פינגער, א צוגעשוואלענער בייכעל. דער צו גרויסער קאפ ניט נאכ׳ן עלטער איז געווען ניט פראפארציאנעל צום קערפערל מיט די גרויסע טראגיש קוקענדיגע אויגען האבען אים געגעבען דעם אויסזען פון א מאדנער, שרעקענדיגער באשעפעניש. איך פלעג ניט קענען צו לאנג קוקען אויף אים. א קאלטער ציטער פלעגט מיר אויפציטערען, ווען איך פלעג אריינקוקען אין זיינע פרעמדע, מיסטישע אויגען.

אין הויז פלעגן שטענדיג קומען דאקטוירים. זיי פלעגן קומען, און טרייסטענדיג, דאך וויניג האפענונגען געבען. און נאכדעם האבען מיר פלוצלונג דערזען, אז ראטעווען דאס קינד וועלען מיר שוין ניט קענען. מיר האבען פשוט אראפגעלאזען די הענט. קלארע פלעגט זיצען אז איינגעקארטשעטע אין א ווינקעל און וויינען. און איך אליין פלעג שווייגען און שטיקען אין זיך דעם אויפברויז פון שלעכטע געפילען. איך פלעג שווייגען — און מיין ברוסט פלעגט זיך הויבען פון איינגעהאלטענער אויפרעגונג. מיינע פויסטען פלעגען קרעמפען. מיר האט זיך שטענדיג געוואלט וואַרפען אויף אימיצען, שלאגען, רייסען און בייסען... שווערע הימלען האבען געדריקט איבער מיין קאפ, איבער מיין געמיט. האבען ווי מיט שטארקע פינגער געווארגעןביים גארגעל. אין הויז האט זיך אריינגעריסען א שווערער שווייגען, האט זיך אריינגעריסען און גענומען הערשען, און באהערשען אלץ. און עס זיינען געווען די ווענט און דער באלקען איינגעשלייערט אין שווערען שווייגען. און עס האבען געהיימניספול געשווינגען די חפצים און דאס ביסעל מעבעל.

און עס האבען זיך ניט געהויבען די הענט צו טאן עפעס. פאר אלץ איז שוין פון לאנג אן אנגעגרייט געווען אן אפאטיע. קיין זאך האט צו זיך ניט גערופען און אנטציקט. קיין זאך האט ניט אינטערעסירט און ניט געוועקט די איינגעשלאפענע ענערגיע. פון דרויסען איז אויך ניט געקומען קיין כח, וואס זאל שאפען א וואונדער, צו ענד מאכען די איינטאניגקייט פון לעבען. די הענט האבען זיך ניט געהויבען עפעס צו טאן. און עס איז שווער געווען צו באשטימען — צי דאס איז געווען א רעזולטאט פון דעם קאמף, פון דעם שטילען אבער איינגע'עקשנ'טען פראטעסט קעגען דער גאנצער ארדנונג פון לעבען, וואו דער מענש דארף זיין דעם גאנצען לעבען פארשקלאפט צו די באדערפניסען פון מאגען און קערפער. צי דאס איז געווען א רעזולטאט פון אן איינגעבארענער פוילקייט. די ארבייט איז געווען אומערטרעגליך. די איינגעשפאנטקייט איז געווען איבער דעם ווילען. די ארבייט האט ניט געהאט קיין זין, קיין באפרידיגענדען ציל.

די ביכער, וועלכע איך האב געלייענט, האבען אויף אלץ גע־

פרוואוט געבען אז ענטפער, אבער האבען זיך אליין געפלאנטערט אין סתירות און ווידערשפרוכען, און דער ענטפער איז דערפאר ניט געווען קלאר און זיכער, און דערפאר, וואס איך האב געוואוסט — איז געווען אונטער צווייפעל, און דאס, וואס איך האב געזוכט — האט אויפגעהערט צו רופען. אין קיין זאך איז ניט געבליבען קיין האפנונג אויף א דערלייזונג.

איין זאך איז דאך קלאר געווען, — מען האט די ארבייט דערהויבען צו א קולט. מען האט זי ארומגעפלאכטען מיט די פארשידענארטיגסטע אידעאלען, מען האט פאר איר געשאפען צייטונגען און זשורנאלען, מען האט פאר איר געשריבען ביכער, צונויפגעפלאכטען זי מיט מאראל און העכסטען זין פון לעבען, מען האט פאר איר געזונגען לידער, פאעטען האבען פאר איר פארפאסט אדען און דיפיראמבען — מען האט זי דערהויבען צו א קולט, צו וועלכען מען האט גערופען און אמאל טאקע פארשטעלט בוקען זיך — אין נאמען פון וואס איר ווילט האט מען גערופען קניען פאר אט דעם קולט. פון אנהויב איז עס מסתמא געווען אין נאטס נאמען, נאכדעם — אין דער מענשהייטס נאמען, און נאך שפעטער אין נאמען פון עפעס גאר הויכע, צוקונפטיגע, אומ־באגרייפליכע, הימעל־שפאלטענדיגע אידעאלען... און אין הארצען האט געלעבט אלץ איינע און די זעלביגע שטימונג פון אז אפגענאר־טען, ווען מען האט אז זיין ווילען אריינגעשליידערט אין דער וועלט, אריינגענארט און אריינגעשטופט אין די רייען פון מילי־אנען אפגענארטע, און מען האט מיך אזוי ווי זיי, ביי יעדער גע־לעגענהייט, נעצניילט און געמאסטען, און מיך אליין דערהויבען צו א קולט, ווען עס איז נויטיג געווען, און דער אמת איז געווען, אז זיי האבען פארשפארט פאר מיר די גרעניצען פון צייט און רוים אין עפעס א קלייגינקער שמאלינקער רעמעלע... ניין, מען האט מיך אפגענארט, אוממענשליך, שרעקליך אפגענארט!...

2.

קיין פריינט האב איך ניט געהאט. קיינער פלעגט צו אונז ניט קומען. מיר פלעגען אין ערגעץ ניט ארויסגיין. איין מאל

האָט פּאַסירט, אַז איך האָב ניט געהאַט קיין אַרבייט. וואָכען לאַנג בין איך אַרומגעגאַנגען זוכען אַרבייט. אין מיינע וואַנדערונגען איבער דער שטאָדט האָב איך זיך באַקענט מיט די ברידער העלערס, וועלכע זיינען געווען לאַקאָמאָטיוו אַרבייטער און זיינען אויך געווען אויסער אַרבייט. מיר האָבען זיך באַקאַנט, — און עפּעס גאָר אַ קליינע אורזאַך האָט מיך געבראַכט צו זיי אין צימער. זיי זיינען אויך געווען אימיגראַנטען און האָבען זייער ווייניג באַקאַנטע געהאַט. אין צימער איז געווען אַן אָנגענעמע אָרדנונג. אויפ'ן טיש האָבען זיך געוואַלגערט ביכער און זשורנאַלען. באַלד ווי איך בין אריין האָב איך דערפילט אַ נאָענטקייט צו די צוויי מענשען און צו דעם קליינעם צימער — און בין מיט זיי פאַרבליבען לענגער איידער איך האָב באַדאַרפט. מיר זיינען געזעסען אַרום טיש, געטרונקען טיי און געשמועסט. מען האָט גערעדט פון דער אַרבייטסלאָזיגקייט. באַלד איז אַריין אין צימער אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיג מיט אַ קוליע אַנשטאָט דער רעכטער פוס. ער איז געווען דעם עלטערען העלערס אַ פריינד. איך בין פון דאָרט אַוועק שפּעט ביי נאַכט.

נאָכדעם פלעג איך צו זיי אָפט אַריינגיין. מיר פלעגען גאַנצע אָווענטען פאַרברענגען אין געשפּרעכען. איינמאָל, דאָס איז געווען אין איינעם פון די הערבסטיגע אומעטיגע אָווענטען. מיר זיינען אַלע געזעסען אין צימער, לעבען טיש אַזוי ווי אַלע מאָל, און גערעדט פון עפּעס גאָר אומבאַדייטענדעס. איך האָב אָבער באַמערקט, אַז דער איינגערער העלער איז יענעם אָווענט געווען גאָר אַן אַנדערער. ער איז געווען עפּעס ווי פאַרטאָן אין זיינע אייגענע געדאַנקען. אָבער קיינער האָט אָט דעם פאַקט ניט געשאָנקען קיין באַזונדער אויפמערקזאַמקייט, ביז עס האָט פּאַסירט, אַז ער האָט זיך גאָר אומערוואַרטעט אויפגעהויבען פון פּלאַץ אַן אויפגערעגטער און בלייכערער ווי אַלע מאָל, און האָט געזאָגט:

— איך פאַרשטייט, — מער קיין אַרבייט וועל איך ניט זוכען!...

און פון דעם וואָס זיין שטימע האָט געקלונגען אַנדערש ווי אַלע מאָל, און פון דעם וואָס ער האָט זיך אַזוי פּלוצלונג אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ צו זאָגען אָט די פּשוט'ע עטליכע ווערטער,

איז אלעמען געווארען אומהיימליך. מיר אלע זיינען גלייך אנט־שווינען געווארען, און דערמאנט זיך, אז ער זוכט שוין עטליכע חדשים פאר זיך א באשעפטיגונג — און קען ניט געפינען. ער האט אנגעווענדט אלע מיטלען צו געפינען פאר זיך א וועלכע עס איז ארבייט — און אלע זיינע זוכענישען האבען ניט געבראכט קיין רעזולטאטען. ער האט א ווײלע געשוויגען, און האט מיט דער זעלבינער אויפגערעגטער שטימע געזאגט:

עס איז דאך, דער טייוועל וויים וואס... עס האט דאך אפילו נים קיין נאמען! איך באגרייפט אט דאס גרויסע אומרעכט, וואס ווערט באגאנגען געגען מיר, געגען מיין איך?... עס איז דאך אומ־מענשליך. וואס זוך איך? איך זוך דאך נאר קייטען פאר מיין קערפער און נייסט; דאס זוך איך דאך נאר א פינסטערע תפיסה פאר מיין נשמה. — און איך זוך... און איך הער גאר ניט אויף צו דיינקען, אז דאס זוך איך מיין גליק, מיין באפרייאונג, דעם ענט־פער אויף מיין ברענענדסטען פארלאנג... און דאס אלץ איז דאך בלויז א שרעקליכער ליגען... א ליגען...

ער האט מער ניט געקענט ריידען. אזוי ווי די ווערטער וואלטען אים געווארגען אין האלז. מיר אלע האבען פארשטאנען און אפשר דערפילט די ערנסטקייט פון זיין שטימונג — און עט־ליכע מינוט געשוויגען איינגעהילטע אין א מאדנער שווערקייט, אזוי ווי א שווארצער וואלקען וואלט זיך אויף אונז מיט אמאל אנ־געדוקט און געדריקט דאס הארץ מיט זיין קאלטער שווערקייט. זיי־נע ווערטער האבען גלייך געפונען אן ענטפער אין מיין נשמה. מיר האט זיך אזוי שטארק געוואלט צוגיין צו אים און ארומנעמען ווי א ברודער, וואס האט זיך נאך א לאנגען פארשווינדען געפונען...

ער האט ווידער א ווײלע אפגעווארט און ווידער אנגעהויבען:

— איך טראכט ניט. איך זאג אייך: איך טראכט ניט. האט איר ווען געטראכט פון דעם ווי גרויזאם עס איז דער שיקזאל פון יענע מענשען, וואס גייען ארויס פון די טויערען פון פאבריק נאכ׳ן טעמפען מורא׳דיג שווערען ברילען פון דעם פייפעל, וואס דויערט א מינוט און טראגט אויף זיך דעם ווייטאג פון אן אייביגקייט?... זיי גייען ארויס פון דארטען, די טויזענטער, מיט געבויגענע קעפ, און אויף זייערע פארדויכערטע און פארשמאכטע פנים׳ער ליגט די

מידקייט פון האפנונגסלאז פארלארענע... איך האב אויך געארבייט אין דער לאקאמאטיוו פעקטארי, אויך מיט זיי געגאנגען, א גרויער ווי זיי, אהיים און קיין מאל ניט געפרעגט: פארוואס, פארוואס קומט דאס אונז צו גיין אט אזוי יעדען אווענט מיט געשלאגענע געמי-טער?... קיין מאל ניט געפרעגט?... און איצט פרעג איך: פארוואס זאלען מיר אויף אונזערע פלייצעס טראגען דעם יאך פון דער גאנ-צער וועלט, די זארגען פון פעלקער און נאציאנען? צו וואס דארף מען אט דעם גליק פון פעלקער, די גרויסע אינדוסטריעלע רייכטימער, אויב די מיליאנען דארפען צוליב דעם געבראטען ווערען אויף די פייערען פון גהינום? און מיר, די נארישע ברואים, פלעגען גייען ווי געשמידטע — און ניט צורייסען די קייטען! און כאטש איך וויים, אז זיי זיינען א מאכט, א גרעניצלאזע, א גוואלדיגע, און ווען זיי זאלען נאר וועלען אויפהויבען זייערע קעפ איין ביסעלע העכער, װאלטען וועלטען אויפציטערען, — גלויב איך זיי ניט, ווייל זיי זיינען פארשאלטען צו שווייגען... ווען זיי קומען אהיים אין זייערע ארימע היימען און זעצען זיך עסען זייער אווענט-ברויט — שווייגען זיי אויך. זיי עסען און שווייגען...

איך האב ניט אויסגעהאלטען, און האב זיך מיט אימפעט אריינגעריסען אין זיינע רייד:

— זיי שווייגען, אבער דאס שווייגען איז א שרעקליכער... אין זייערע אויגען ברענט א פייער, און זייערע געזיכטער זיינען פול מיט כעס... זיי זיצען און שווייגען, און האבען מורא, אז דאס ווייב זאל חלילה מיט א ווארט, מיט אן אויסדרוק ניט אנרירען זייער פארקלעמט הארץ, אז ניט וועלען זיי דעם צארען פון יארטויזענטע, וואס האט זיך אין זיי אנגעזאמעלט, אויסגיסען אויף איר אומשול-דיגען קאפ...

אלע האבען געשוויגען א ווייל'ע. דער אינגערער העלער, שוין אביסעל א בארוהיגטער, האט ווידער אנגעהויבען ריידען:

— און נאד האב איך באמערקט: דער ארבייטער, מעג ער זיין פיזיש געזונט. ער מעג זיין א ריז, זיינע נערוועז אבער זיינען שטענדיג אנגעשטרענגט, ווייל די גרויסע שארף-שטיינער וואס הא-בען דעם הארטען שטאל געשארפט, האבען אויך זיינע נערוועז פארשארפט. די שווערע האמערען, וואס האבען איבער דעם אנ-

גענליטען שטאָל געקלאַפּט. האָבען זיך מיט ווייטאָג אין זיינע אָנ־געשטרענגטע מוסקולען אָפּגערופען... איינער איז האַלב טויב פון דעם אומענדליכען רעש, דער צווייטער איז האַלב־בלינד פון רויך. וואָס האָט אויפגעגעסען די שוואַרצאַפּלען פון זיינע אויגען... און ווען איך טראַכט פון דעם ווי זיי ווערען צוקאַליעטשעט און דער־הרג'עט, און שטאַרבען לאַנגזאַם פון טובערקולאָזיס און טויזענטער אַנדערע קראַנקהייטען. און ווען איך טראַכט פון יענע, וואָס אַר־בייטען ביי אַזוינע אַרבייטען, וואָס פאַראורטיילען זיי פון אָנהויב אַן צו אַ פריצייטיגען טויט, און ווען איך טראַכט ווי מען ליידט, ליידט אָן אָן אויפהער, אָן אַ סוף; אָן אַ וועלכער עס איז האָפנונג אויף אַ סוף, אויף אַ דערלייזונג... ניין, איך זאָג אייך נאָך אַמאָל: איך וועל ניט אַרבייטען. איך וויל ניט!

יע. ער האָט אַזוי געזאָגט:

— איך וויל ניט!...

און עס האָט געקלונגען ווי אַ קאַפּריז פון אַ קינד, וואָס האָט פּראָטעסטירט געגען עפּעס וואָס איז מורא'דיג, אומפאַרענדערענד, ווי אַ געזעץ פון גאָט. און פון דעם איז געווען אַזוי טרויעריג. און אַז קיינער האָט ניט געפונען קיין וואָרט, האָט ער פאָרטגעזעצט:

— איך ווייס, קיין נוצען וועל איך זיך ניט ברענגען. פון מיין אינדיווידועלען פּראָטעסט וועל איך זיכער פאַרלירען. איך ווייס... אָבער איך וועל קיין אַרבייט ניט זוכען! זאָל מען זאָגען וועגען מיר אַלץ: אַז איך בין אַ שוואַכלינג, אַ פאַרלאָרענער, אַ געפאַלענער. איך זאָג אייך: איך וועל זיך ניט אונטערגעבען!...

ער האָט אַ שטאַרקען קלאַפּ געטאָן איבער'ן טיש. דער קלאַנג פון קלאַפּ האָט זיך מיט ווייטאָג אָפּגערופען אין אונזערע הערצער. נאָכדעם האָט ער זיך אוועקגעזעצט, אַן אויפגערעגטער. זיין פּנים האָט געהאַט אַ שולדיגען אויסדרוק, אַזוי ווי ער וואָלט זיך ערשט שענדליך פאַרשולדיגט קעגען אונז. אין צימער איז געווען אַ דריי־קענדיגע שטילקייט. און דאָן האָב איך נאָך אַמאָל דערפילט די שווערקייט פון די הימלען איבער מיין קאָפּ. גאָט, עס איז גאָר ניט געווען קיין אויסוועג! דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען אַן אמת, וואָס איז געוואָרען אַ ליגען גלייך ווי די ווערטער זיינען אַרויף אויף זיינע ליפּען.

דער עלטערער העלער, א הייסער סאציאליסט, א מענש מיט א פעסטען גלויבען אין דער צוקונפט, האט אנגעקוקט א ווײלע מיט טרויעריגע אויגען זיין ברודער, וואס איז געזעסען מיט אן אראפגעלאזענעם בליק און נערוועז געציטערט מיט די פינגער פון די הענט, און געזאגט:

— דו זאגסט: עס איז גיטא קיין האפנונג פאר דעם ארבייטער... איך זאג: עס איז פאראן. אט האסטו דאך אליין געזאגט: זיי זיינען אן אומגעהייערע מאכט. און זאלען זיי פארוועלען וועלען זיי זייערע קייטען צורייסען. זיי וועלען שוין צורייסען... די צייט איז שוין נאהענט, און דאן וועלען שוין במילא פארשווינדען אט די אלע שרעקען, וועלכע האבען דיך אזוי אויפגעשווידערט. איך זאג ניט, אז דו האסט איבערטריבען ווען דו האסט געשילדערט די פאקטען פון דעם ארבייטערס לעבען. ניין, די פאקטען זיינען נאך גרוילזאמער. אבער איך וויל דיך פרעגען: פארוואס זאלסטו ניט קוקען דרייסטער אין די אויגען יענעם אמת, וואס קומט דיר אנטקעגען? פארוואס זאלסטו באוואוסטזיניג קריכען אלץ טיפער אין א פינסטערניש, און ניט שטרעבען צו דער נייער ליכט, וואס ברענט מיט טויזענטער זונען אויף דעם האריזאנט פון דעם ארבייטער? צו וואס אט די גייסטיגע אראפגעפאלענקייט? ווערען דען ניט העלער פון טאג צו טאג אונזערע האפנונגען? אנשטאט צו ווערען איינער פון די אויפוואכענדיגע, קעמפענדיגע און געזונטע, ווארפסטו פון זיך אראפ אלע מענשליכע און געטליכע פליכטען, נאר דו, דער יחיד, זאל חלילה ניט ליידען, נאר דיין איך זאל זיין פריי און אומאפהענגיג פון די צרות פון דעם כלל... איך זאג: עס איז א פארברעכען קעגען דער מענשהייט, קעגען דער געזעלשאפט, א פארברעכען קעגען דעם אמת, און אפילו קעגען דער פשוט'ער מענשליכער מאראל, ווען דער יחיד ווארפט אראפ פון זיך אלע פארפליכטונגען און ערקלערט זיך גלאט, אין דער וועלט אריין, באנקראט, ווייל אזוי איז פאר אים בעסער, לייכטער, באקוועמער, ווייל אזוי געפעלט אים בעסער... עס איז א פארברעכען, אט וואס דאס איז!...

ער איז געווען בייז. אבער איידער ער האט נאך צייט געהאט צו ענדיגען זיינע ווערטער איז שוין דער אינגערער ברודער

געשטאנען קעגן אים, און קוקנדיג אים אין די אויגן מיט א ביטערן פייער געשריען:

— אט איז אייך נאך א ליגן! — פליכטען... פארפליכטונגען... ווען האב איך זיך אזוי פארפליכטעט פאר דיין מענשהייט אדער געזעלשאפט? דיין מענשהייט האט דאך מיר אליין אנגעבונדען א מאראל אויף דער נאז און ארויפגעווארפן אויף מיר אט דעם יאך פון אייביגע פליכטען! און דו קומסט איצט מיט דעם אלטן ליגן: פליכטען! מען דערמאנט מיר פון וועקסלען, וואס איך האב קיין מאל ניט אונטערגעשריבען. איך זאג דיר: דיינע וועקסלען זיינען געפעלשטע, און איך וועל זיי ניט צאלען.

דער עלטערער העלער איז אויך אויפגעשפרונגען, ווי א פארוואונדעטער:

— אזוי גאר, דו ווילסט ניט צאלען?! פארוואס־זשע ווילסטו אז די געזעלשאפט זאל צאלען אלע דיינע חובות און אלע דיינע וועקסלען, די געפעלשטע און די ניט געפעלשטע? ווייסטו דען ניט דאס, וואס יעדעס קינד ווייס שוין, אז ווען דו ארבייטסט ניט מוזטו פאלען אלס לאסט אויף די פלייצעס פון דער געזעלשאפט? ניין, עס טארען ניט זיין קיין פאראזיטען אין דער געזעלשאפט, אפילו ווען די געזעלשאפט איז ניט קיין פאלקאמענע, איך מיין אפילו די היינטיגע געזעלשאפט. אמת, עס איז שווער דער יאך פון דעם ארבייטער, אבער וואס מער טרעגער אלץ גרינגער איז צו טראגען. איך פרעג דיך: ווער איז מחויב צו טראגען דיין חלק?!...

עס איז געווען מאדנע. דאס, וואס זיי האבען גערעדט איז ניט געווען ניי. איך האב זיך נאך פריער געפלאנטערט אין דיביידע אמת׳ען. איך האב ערגעץ געלייענט וועגען געזעלשאפטליכע פליכטען, אבער דאן האט עפעס די גאנצע פראגע אנגענומען א מאדנעם כאראקטער. זי איז געווארען וויכטיג, ווייל זי איז געווארען — ווירקליכקייט. מיין הארץ האט שטארק געקלאפט, ווען איך האב געזען די צוויי ברידער אזוי באוואפענט איינער קעגען דעם צווייטען. מיינע הענט האבען געציטערט, אזוי ווי עס וואלט אין יענעם מאמענט געלייזט געווארען די פראבלעם פון מיין לעבען. ווער ווייס ווי לאנג עס וואלט זיך פארצויגען יענער

שטריט צווישן די העלערס, אויב עס וואָלט זיך דאָן ניט אריינגעמישט דער פריינד מיט דער קוליע. ער האָט זיך אַ באַוועג געטאָן, מיט אַ מאָדנעם פריינדליכן בליק אַ קוק געטאָן אויף דעם אינגערן העלערן און האָט אַזוי האַרציג אָנגעהויבן:

— ווער ווייס, ווער פון אייך איז גערעכט? אָבער איך זאָג אייך, עס איז פּאַרט דער מענש אליין... דער עיקר איז, וואָס דער מענש איז אליין. אַ גאַנצע וועלט — און ער איז אליין. טראַכט ער ניט פון דעם — מאַכט נאָך ניט אויס, טראַכט ער — איז טאַקע ניט גוט. דאָס איז אויך מיט דעם אַרבייטער: טראַכט ער אַמאָל, פאַרטראַכט ער זיך — איז ער אַ פאַרפאַלענער... נעמט מיך, למשל, אָט האָב איך פאַרלאָרן אַ פוס, געבליבן אָן אייביגער קאַליקע... איך ווייס, קיינער איז אין דעם ניט שולדיג, אַחוץ דעם בלינדן צופאַל. אפשר בין איך גאָר אליין ניט געווען גענוג פאָרזיכטיג, אָבער אין מיינע שווערע מינוטן באַשולדיג איך די גאַנצע וועלט... איר ווייסט דאָך, ווי עס האָט מיט מיר פּאַסירט. איך געדיינקט דאָך. מיין אַרבייט איז געווען אָנהענגען די האַלב אויסגערונדטע שטאָלענע פּלאַטן, פון וועלכע עס ווערן צוזאַמענגעשמידט די גרויסע קעסלען פון די לאָקאָמאָטיוון אויף די ריזיגע קייטן פון דער „קריין". עטליכע מענשן זיינען מיר געווען אַרום דער „קריין". נאָכדעם ווי מיר פלעגן די פּלאַטע צופעסטיגן צו דער קייט מיט שטאַרקע באַלטן, פלעגט די „קריין" זי אויפהויבן און אַוועקטראָגן הויך איבער אונזערע קעפּ, וואוהין מען דאַרף. איך האָב געאַרבייט אין דער פעקטאָרי אַ גאַנצן יאָר, און איך בין שוין געוואוינט געוואָרן צו גלויבן אין דער שטאַרקייט פון די שטאָלענע קייטן. און ניט צו זיין פאָרזיכטיג. יענעם טאָג, געדענק איך, האָבן מיר די אַלטע קייטן פון דער „קריין" אַראָפּגענומען און אָנגעהאָנגען נייע, וואָס מען האָט אונז ערשט געבראַכט פון דער שמיד־פאַבריק. ביי קיינעם פון אונז האָבן די נייע קייטן קיין חשד ניט אַרויסגערופן, ווייל זיי האָבן זיך ניט אונטערשיידט פון די הונדערטער אַנדערע קייטן, וואָס מיר האָבן ביז דאָן אויסגענוצט. דאָס איז געווען די ערשטע פּלאַטע, וואָס מיר האָבן יענעם טאָג אָנגעהאָנגען. זי האָט זיך, ווי אַנדערע טויזנטער פּלאַטעס, וואָס די קריין האָט אויפגעהויבן, גענומען שטייגן אַליץ

העכער און העכער איבער אונזערע קעפּ מיט דער לייכטקייט פון א פעדער. און פּלוצלונג האב איך דאן דערהערט דעם געשריי פון מיינע חברים און פון אנדערע ארבייטער, וואס זיינען דא געווען. זיי האַבען מיט אזא אומרואיגקייט געשריען... און איך האב עפּעס ווי באַגריפען, אדער ווי דערפילט אין זיך די געפאר, געוואלט אַפּשפּרינגען, א לויף טאן, און אין דער זעלביגער רגע האט מיך עפּעס שטארק א שטויס געטאן... און אך! אזוי ווי א בליץ וואלט א ברען געטאן מיין גאנצער קערפּער. איין ברעג פון דער פאלענדיגער פּלאטע האט אפּגעטאן זיין שרעקליכע ארבייט... איך האב ניט פארלארען דעם באוואוסטזיין, נאר קיין כח האב איך ניט געהאט א ריר צו טאן מיט אן אבר. און אפשר האב איך עס ניט געפרואווט... איין געדאנק האט מיר געזעגבערט דעם מח: — פארפאלען!... — און דא האב איך דערפילט די שרעקליכע איינזאמקייט מיינע, די אומבאַהאלפענקייט, און איך האב ניט געקענט פארשטיין וואס דאס איז: עס איז געווען טאג, סנאפּעס זונשיין זיינען געפאלען פון אויבען דורך די אויפגעעפענטע אויבערשטע פענסטער; דער הימעל איז בלוי, ווי פריער, דער רעש ארום איז נאך אלץ דערזעלביגער, נאר עטליכע מענשען, אלץ אזעלכע באקאנטע פנים׳ער, שטייען איבער מיר, און שווייגען אזוי פארלארען. איינער איז עפּעס מיט אימפּעט נעשפּרונגען אריבער די בערג פון אייזען, געשריען און גערופען צו אימיצען: זיי שווייגען אלע אזוי מאדנע, און מיר דוכט זיך, אז זייער שווייגען איז א בייזער. און איך וואונדער זיך: פארוואס שטייען זיי, ווי שטיינערנע? אפשר ווייסען זיי נאך אלץ ניט, אז איך שטארב?... פארוואס קארטשעט זיך ניט די גאנצע וועלט מיט מיר אינאיינעם אין מיינע ווייטאגען? — און אלץ שרעקליכער איז געווארען די איינזאמקייט, אלץ גרויזאמער איז מיר געווארען דאס, וואס איך בין אליין: פארוואס רוישען נאך אלץ די טויזענטער ווינט־האמערען? פארוואס ווייסען ניט אלע דארטען, אין יעדען לאך פון א לאקאמאטיוו, אין אלע ווינקלען פון דער פאבריק, אז אן אומגליק האט מיט מיר פאסירט?... פארוואס ווארפען ניט די ארבייטער זייער ארבייט, ווארפען ניט אלץ אוועק און לויפען ניט, און שרייען ניט, און ליארעמען נים?... און פארוואס איז אלץ, ווי געווען? אזוי ווי עס וואלט מיט מיר איצט גאר ניט פאסירט...

אט די געדאנקען האבען זיך מיט איין מאל אריינגעריסען אין מיין אויפגעפלאמטען מארד. מיר איז געווארען שווער. אין קאפ האט גענומען שווינדלען, שווינדלען... איך געדיינק שוין ניט, ווי מען האט מיך געלייגט אויפ'ן טראג־בעטעל, ווי מען האט מיך גע־בראכט אין שפיטאל. און וואס שפעטער איז געווען... אין שפיטאל האבען זיך געצויגען וואכען, שווערע און ביטערע. די ווייטאגען זיינען געווען אומערטרעגליך. איך פלעג קרעכצען און שרייען — און קיינער פלעגט זיך ניט אפרופען. בין איך געווען אליין, שרעק־ליך אליין... אליין ביז משוגעת, ווייל ווער קען פארלייכטערען די ווייטאגען פון דעם, וואס יאמערט? קיינער ניט. א סך מענשען — און קיינער איז ניטא... און אז די „שוועסטער" פלעגט קומען, אננעמען מיין האנט מיט איר גוטער ווארימער האנט, טאפען דעם פולס, פלעגט מיין הארץ דאך פול ווערען. מיר פלעגט זי אזוי ווע־לען זאגען צו איר: טייערע, זיי א גוטע, זיי א ליבע, זעץ זיך לעבען מיר, זעסט דאך, ווי איך בין איינזאם, ווי איך לייד טאג און נאכט... די „שוועסטער" פלעגט אוועקגיין צו אן אנדער קראנקען, וואס האט זיך אויך געקארטשעט אין זיינע ווייטאגען, א פרעמדער צו דער גאנצער וועלט... איך פלעג טראכטען: אט וועל איך ארוים פון שפיטאל אויף דער פרייער וועלט — וועל איך זיין גליקליך. און ווען איך בין פון דארטען ארוים מיט אט דער קוליע אנשטאט א פוס, איז אויף דער נשמה געווען עפעס אי לייכט, אי שווער, אי אומעטיג, אי פרייליך. איך האב געוואלט די גאנצע וועלט ארומ־נעמען און קושען... און דאס האט אויך די וועלט ניט געוואוסט. און דאס איז אויך ניט ווייניגער שרעקליך. איך ווייס: איך בין איינער פון דער געזעלשאפט, א טייל פון דעם אוניווערז, אויב איך ווילט, א נערוו פון דער גאנצער נערוועו־סיסטעם, און אז עפעס אן אומגליק טרעפט דער מענשהייט אדער די נאטור בכלל, לייד איך, און טראג מיין חלק שמערצען, ווי א נערוו, ווען עפעס שוידערט אויף דעם קערפער... און דא — בין איך אליין. די מנעשהייט גיט זיך אפילו ניט א קרים, די מענשהייט וויל אפילו ניט וויסען פון מיינע ליידען. אמת, אנדערש קען עס ניט זיין, אבער עס איז שרעקליך, וואס דער מענש איז אזוי איינזאם, אזוי אליין. מען קען עס ניט אויסבעסערען, מען קען קעגען דעם ניט

קעמפפען, מען דארף עס אזוי נעמען, ווי עס איז אונז געגעבען גע־
ווארען, אבער דאס מאכט נאך גרעסער די טראגעדיע.

אז ער האט אויפגעהערט צו ריידען האט זיך מיר אזוי שטארק געוואלט צוגיין צו אט דעם פרעמדען מענשען, וואס איז איצט גע־ווען דער נאענסטער פון אלעמען, און צופאלען מיט טרערען צו זיין קוליע, און וויינען, וויינען... דאס, וואס ער האט געזאגט איז עפּעס ווי געווען א דערקלערונג פאר אלץ, וואס איך האב געוואלט דערגייין, וואס האט מיך געמאטערט דעם גאנצען לעבען און ערשט איצט אנטפּלעקט זיך אין א געשטאלט. דאס געשטאלט איז נאך געווען שאטענדיג, צושוואומען און קעמפּפען מיט אים האט מען נאך ניט געקענט, דאך האט עס שוין געהאט אן אויסדרוק, און כאטש דאס פּנים איז נאך געווען אין א וואלקען, האט זיך אבער געפילט אז עס וועט זיך סוף כל סוף באווייזען, אויסוויקלען זיך פון די שלייערען.

3.

און באלד ווי איך פלעג קומען אהיים פלעג איך אין זיך דער־פילען די אפּאטיע. גלייך ווי איך פלעג אריבערטרעטען די שוועל פון אונזערע צימערען פלעגט עס מיך ארומכאפּען, ווי מיט הענט, און האלטען אין דער זעלביגער אומבאזיגבאר טרייסטלאזער שטימונג פון א האפנונגסלאז פארלארענעם, ביז איך פלעג פארלאזען דאס הויז. איך פלעג שוין ניט קענען רעדען גלייכגילטיג. עפּעס פלעגט זיך אונטערקייקלען צום האלז, עפּעס האט געדראפּעט איבער'ן הארצען — און פון דעם האט אין דעם גאנצען קערפּער געציטערט א נערוועזע צורודערטקייט, און דערפאר ביז איך געווען אומגע־דולדיג צו דעם, וואס קלארע האט גערעדט, און אויך צו די אייגענע רייד. דער געלעכטער, דער נאטירליכער געלעכטער איז געווען ווי אויף אייביג אויסגעלאשען אין אונזערע צימערען, און זיין פּלאץ האט פארנומען דער אוממענשליכער כמעט חיה'שער יאמער פון דעם קינד. עס פלעגט ליגען מיט אפענע אויגען און ציען אן אן אויפהער זיין ניגון פון א פרעמדער, געהיימניספולער וועלט. און

אַט דאָס קינד, דאָס בלוט פֿון מײַן בלוט — האָט געשאַפֿן אין האַרצן אַ מיסטישן שרעק און פֿאַר׳סמ׳ט די טעג פֿון מײַן לעבן. קלאַרע האָט אָבער מיט אַ איבערמענשליכער געדולדיקייט איבערגעגעבן זיך צום קינד. גאַנצע נעכט פֿלעגט זי ניט שלאָפֿן, וויינען איבער איר קינד, געטאָן פֿאַר אים דאָס אוממעגליכסטע — און אַט די פֿאַרשקלאַפֿונג אירע צום קינד, איר גוטסקייט, איר גרויסע מוטער־ליבע, האָט אין מיר געבאָרן צו איר די גרויסע פֿײַנדשאַפֿט. דאָס, וואָס זי איז געווען צו גוט צו מיר איז פֿאַר מיר געווען ווי אַ שטערונג. איר גוטסקייט האָט זיך שטענדיק געפּלאָנטערט אונטער די פֿיס, מען האָט פֿון דעם ניט געקענט אַנטלויפֿן, עס האָט נאָכגעפֿאָלגט אויף יעדן טראַט, האָט זיך אָנגעהאַלטן מיט הענט און מיט ציין פֿאַר מײַן פֿאַרביטערונג און בייזקייט, און ניט אָפּגעטראָטן.

איך האָב אָנגעהויבן אַלץ שפּעטער און שפּעטער קומען אַהיים, כּדי קומענדיק אַהיים ניט צו באַגעגענען זיך מיט איר גוטע, לײַדנדיקע אויגן, מיט איר פּנים, וואָס איז שטענדיק געווען מאַרטירעריש דערשראָקן און אונטערטעניק, האָט אָבער דאָס אויך ניט געהאָלפֿן. זי פֿלעגט גלײַך אויפֿשטיין פֿון בעט, פֿרעגן צי איך בין הונגעריק, און אַלץ אַזוי קוקן אויף מיר, ווי איך און ניט זי, וואָלט געווען דער מאַרטירער.

איין מאָל בין איך פֿאַרבליבן בײַ די העלערס ביז זייער שפּעט. קומענדיק אַהיים האָב איך געטראָפֿן קלאַרע׳ן, אַ פֿאַרוויינטע, לעבן טיש. זי האָט אויף מיר געוואַרט. איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען אין אירע אויגן אַ כּעס. זי האָט געזאָגט:

— אַלע נאַכט קומסטו שפּעט. אַלע נאַכט... וואו ווערסטו פֿאַרפֿאַלן? גייסטו אַוועק — פֿאַרגעסטו צו קומען. און איך דאַרף זיך דאָ די גאַנצע צײַט מאַטערן מיט׳ן קינד. אַלע מאָל אַליין.

זי האָט זיך פֿאַנאַנדערגעוויינט. צום ערשטן מאָל האָט מיך דערפֿרייט איר שטילער פּראָטעסט. עס איז פֿון דעם לײַכט געוואָרן אויף דער נשמה. איך בין צו איר צוגעגאַנגען, אָנגענומען פֿאַר אַ האַנט, געוואַרט אַז זי וועט מיך מיט כּעס אָפּשטופּן, אַרויסרײַסן איר האַנט, וועט אַ קוק טאָן אויף מיר מיט בייזע אויגן, מיט אַ האַס, וואָס וועט מיך אַ ברען טאָן. אָבער זי

האט צוגעדריקט איר פארטרערטען פנים צו מיר און האט זיך פאר־גאנגען אין א שטילען, הארציגען געוויין. נאכדעם האט זי אויפ־געהויבען דעם קאפ און געזאגט:

— עס איז שוין ווידער קראנק, דאס קינד. עס האט היץ און הוסט... עס וועט שטארבען. איך זאג דיר, ברוך, עס וועט אפשר היינט שטארבען. אך, גאט! ער וועט אפשר היינט שטארבען...

מיר זיינען ביידע אריין אין שלאף־צימער. דאס קינד איז געלעגען מיט אפענע אויגען און שווער געאטעמט. איך האב ניט געקענט אריינקוקען אין זיינע אויגען. מיר האט זיך געוואלט אנטלויפען פון זייער שטעכעדיגען בליק, וואס האט אריינגעדרונ־גען טיף אין דער נשמה אריין, און קלארע האט זיך איבערגעבוי־גען איבער אים, געדריקט אירע ליפען צום הייסען שטערען פון דעם קליינעם באשעפעניש און מוטערליך גע'טענה'ט עפעס איבער אים. איך בין אפגעטראטען אז א זייט, אן אויפגערעגטער, גע־קוקט אויף זיי ביידען, אויף דער מוטער און קינד, און געפילט, אז איך וואלט איצט לייכט געקאנט צוגיין — פריער צו קלארע'ן און נאכדעם צום קינד, און דערשטיקען זיי מיט מיינע הענט. און איך וואלט עס געטאן ניט פון פארצווייפלונג און שרעק, און אפשר גאר אז א וועלכער עס איז אורזאך, נאר אוים פשוט'ער פסיכא־לאגישער נויטווענדיגקייט, אונטערגעבענדיג זיך דעם רוף פון מיין נשמה, וועלכע האט געזוכט און האט געמוזט געפינען אן אויסוועג פון דער שווערער שטימונג, וואס איז גאר ניט געווען קיין רעזול־טאט פון אימיצענס באזונדער שלעכטקייט צו מיר, נאר וואס איז געווען אן אייביגע וואונד, וואס איך טראג נאך איצט אין מיין הארצען, מיט וועלכער איך בין אפשר געבארען געווארען, און וועלכע דאס לעבען האט נאך מער פאר'סמ'ט מיט נייע און נייע ניפטען. עס איז פאר מיר בעסער געווען צו זיין א תליון איידער א קרבן, און אויסגיין פון לאנגזאמע ווייען, פון אומזעבארע שונאים, וועלכע מען קען אפילו קיין קללה ניט ווארפען אין פנים, עס זאל אויף א רגע גרינגער ווערען, אויף וועלכע מען קען זיך אפילו ניט ארויפווארפען און איינבייסען מיט די ציין, ווי א ווילדע חיה, כדי א וועלכע עס איז באפרידיגונג געפינען...

אויף מארגען איז דאס קינד געשטארבען.

און פון דעם איז ניט געווארען לייכטער. עס איז געווען קלאר, אז ניט דאס קראנקע קינד איז געווען די אורזאך פון דער שווערקייט, וואס איז געלעגען איבער׳ן לעבען. און דאן האב איך אפשר צום ערשטען מאל פארשטאנען: איך בין קראנק. עפּעס ווייטאגט אין מיר, צופאלט, און שטארבט, און איך ווייס פון דעם ניט. עס קומט אין מיר פאר עפּעס א פּראצעס, און איך האב פון דעם קיין אנונג ניט. עס שרייט פון מיר ארויס — און איך קען נאך ניט באנעמען דעם געשריי. עס איז מיר שווער פון דעם אומבאוואוסטען, וואס קומט פאר אין מיר. האב איך זיך גענומען גריבלען, זוכען דאס באהאלטענע אין מיין אייגענער נשמה און אין דער ארומיגער וועלט. איך האב געזוכט דעם אמת.

אבער אויף דער וועלט איז ניטא קיין אמת, אפילו אין מיין אייגענער נשמה איז ניטא קיין איין אמת. עס זיינען פאראן צוויי, עס זיינען אפשר פאראן אסך אמת׳ן. איך האב צו זיי צו אלע געשטרעבט, זיי אלע געזוכט און געווען אפּגענארט, און געדיינקט אז איך זוך נאר איין אמת.

און אפשר איז אויף דער וועלט ניטא קיין אמת און ניט קיין ליגען? אפשר האט דער מענש אויסגעטראכט דעם אמת, אזוי ווי ער האט אויסגעטראכט גאט, למשל, אדער דעם טייוועל. דער מענש האט פון שטענדיג אן ליב צו שפּילען זיך מיט פייער, האט ליב געפאהרען. נו, האט ער אויך אויסגעטראכט דעם געפערליכען שפּיל אין גאט און טייוועל, דעם שפּיל אין אמת און ליגען.

אז איך האב פון דעם גערעדט מיט דעם מאן מיט דער קוליע, האט ער מיר געזאגט:

— זיכער, דאס איז בלויז א שפּיל. אבער ווייטער קען דער מענש ניט שפּילען. עס איז שוין אים דערעסען די זעלביגע שפּיל. ער מוז סוף־כל־סוף אויסטראכטען עפּעס נייעס, א שפּיל וואס איז אפשר נאך געפערליכער. האט איר באמערקט ווי מען האט זיך עס איצט א לאז געטאן זוכען עפּעס א געפערליכען שפּיל? מען זוכט, מען עקספּערימענטירט אויף אלע געביטען — אין דער ליטעראטור, אין דער וויסענשאפט, אין דער קונסט, אומעטום גריבעלט מען זיך. מען וויל אנטדעקען דעם נייען שפּיל. אט דערפאר אזוי פיל נייע לאזונגען. אזוי פיל געטער און אפּגעצקעס זיינען שוין

ביי יעצטיגער צייט אנטדעקט געוואָרען, אז עס איז שרעקליך א טראכט צו טאָן פון דעם, אויב מען זאָל עס נעמען ערנסט. איז אבער ניטאָ פאַרוואָס צו שרעקען זיך. קיין איין ריכטיגען פאַר־טענט האָט מען נאָך אויף זיי ניט ארויסגעקראָגען. מען וועט זיי מסתמא באַלד צושטערען — און ווידער זוכען... מען זוכט מעגליכ־קייטען ארויסצודרייען זיך פון דעם פאַרפּלאָנטערטען קרייז. מען וויל פאַרענטפערען און דערקלערען, און די פאַרענטפערונגען ברייג־גען צו נייע סתירות.

איך האָב געזאָגט:

— אבער אין וואָס זאָל איך גלויבען? וואָס זאָל זיין מיין גלויבען? אַט זע איך פאַר זיך א וועלט — און איך פאַרשטיי זי ניט. איך באַגרייף ניט אירע סודות, אבער נעם איך זי אַזוי ווי זי איז — איז מיר גוט. איך זע דאָן ניט קיין ווידערשפּרעכונגען. מיין וועלט גייט מיט איין גאַנג צו אן אומבאַוואוסטען ציל. דער אומבאַוואוסטער ציל — איז דאָך א ציל. און מיר דוכט זיך, אז זי גייט מיט א גלייכער ליניע, מיט אירע נאַטירליכע געזעצען — און מיר איז גוט. וויל איך זיך אבער גריבלען. און פאַרוואָס זאָל איך זיך ניט גריבלען? און אז איך גריבעל זיך איז טאַקע ניט גוט. עס ווערט אַלץ פול מיט ווידערשפּרעכונגען. דער קלאָרער הימעל איז קיין הימעל ניט, די ערד — איז קיין ערד ניט. אַלץ ווערט פאַר־הילט אין א געהיימנים, די פּשוטסטע זאכען ווערען אומקלאָר, פאַר־שלייערט, פאַרנעפּעלט, און די גאַנצע וועלט מיט אַלץ וואָס איז געוועזן, וואָס איז און וואָס עס וועט זיין ווערט סודות'דיג. איך הויב אָן צו פרעגען קשיות. איך הויב אָן צו חשבונ'ען, צו וועגען, צו ציילען, און ווער נאָך מער און מער פאַרפּלאָנטערט. ביז איך קען שוין ניט אונטערשיידען, וואָס עס איז חלום און וואָס איז ווירקליכקייט, וואָס אַזוינס איז אמת און ליגען — אודאי ניט...

— נו, נעמט מען זי אַזוי ווי זי איז, און מען גריבעלט זיך ניט, אויב מ'קען... אבער א מענש קען ניט. א מענש קאָן ניט קור־מען און זאָגען: עס איז דאָ א גאָט — און באַרוהיגען זיך, זאָגען: עס איז דאָ אן אמת און ניט צווייפלען אין אים, און ניט זוכען אים. א מענש וועט זוכען, און דער וועג פון זוכען — איז דער וועג פון ספקות. און דאָ איז כלומרשט די פאַרענטפערונג: לעבען

— איז באוועגונג, לעבען — איז שטרעבען, דאס הייסט, אז דער אמת איז ניט אזוי אין געפינען, ווי אין דעם זוכען... אלטע באבע־מעשות, אבער מען קען זיך ניט העלפען. איר ווייסט זייער ווערט, און דאך מאכט איר צו די אויגען און נעמט זיי אן. איר קענט זיי ניט אפלייקענען, ווייל יסודות ווערען ניט אפגעלייקענט. מען קען זיי בלויז אננעמען אדער ניט אננעמען, קריטיקירען קען מען זיי ניט.

פון זיינע ווערטער איז קלאר געווען, אז ער האט אויך נאך ניט קיין פאזיציע. און כאטש ער לייקענט אפ די קריטיק איז ער דאך אליין א קריטיקער און א זוכער. איך האב געזאגט:

— איר זיינט אבער א קריטיקער, איר נעמט די וועלט אן, כאטש איר לייקענט זי אפ...

— איר זיינט גערעכט. אבער דאס איז דערפאר, וואס די וועלט איז דא, און ניטא. ווירקליכקייט איז — חלום, און חלום — איז ווירקליכקייט, — ווער קען באשטימען זייערע גרעניצען? דער שכל האט אונז אפגענארט, דער גלויבען — האט אונז פאר־פירט: אלע טעאריעס — זיינען א נידערטרעכטיגער, אמאל טאקע באוואוסטזיניגער ליגען. אלע ווייסען שוין דאס. מען איז צו־טומעלט פון דער גרויסער אנטוישונג, אבער מען שטארקט זיך. עס איז פשוט ניטא וואס צו טאן. די הענט הענגען ארונטערגעלאזענע. איינמאל וועל איך אייך זאגען: דער אמת איז אין אייביגען זוכען. דעם צווייטען מאל וועל איך זאגען: אז דאס זאג איך אייך אזוי, ווייל איך וויל זיך ארויסדרייען פון א קלארען ענטפער... און איןביידע פאלען וועל איך אפשר זיין אויפריכטיג: ווייל אין אלע אט די אבסטראקטע פראגען וועגען גאט, נשמה, לעבען און טויט — זיינען מיר בלינד, מיר טאפען אין דער פינסטערניש — און גלוי־בען זאגאר ניט אין א קלארען צופרידענשטעלענדען ענטפער. און דאך וועלען מיר זיך פלאנטערען אין דעם לאבירינט, מיר שוואכע און פארצווייפעלטע, מיר וועלען זיך ניט בארוהיגען, מיר וועלען זוכען אן אויסוועג, אפילו ניט גלויבענדיג אין אן אויסוועג, ניט האבענדיג פארוואס זיך אנצוכאפען, אין וואס א טרייסט צו גע־פינען. מיר זיינען אקראבאטען: מיר דרייען זיך הין־און־צוריק. מיר זאגען: גאט איז אלץ און אלץ איז גאט. גאט האט באשאפען דעם מענשען נאך זיין געשטאלט, און שפעטער, פארקערט: דער

מענש האט אויסגעטראכט א גאט נאך זיין אייגענעם געשטאלט... מיר וועלען קומען און זאגן: אלץ שטארבט, קערט זיך אום צום טויט, און שפעטער, פארקערט: עס איז ניטא קיין טויט, שטארבענדיג פארוואנדלען מיר זיך בלויז, מיר ווערען עפעס אנדערש און הויבען אן א נייע עקזיסטענץ. מיר וועלען זאגן: דער מענש איז דער זין און דער אינהאלט פון לעבען, און שפעטער אפלייקענען, זאגענדיג, אז דער מענש איז בלויז א שטויבעלע אין פארגלייך מיט דעם אוניווערז... אט אזוי איז עס. איך האב גערעדט מיט דעם יונגען העלער פון דעם, איז ער אויפגעשפרונגען און האט א קלאפ געטאן אן טיש: — וועל איך די יסודות פון דער וועלט אונטערגראבען, און וועל די געביידע פון דער גאנצער וועלט צוטרייסלען מיט מיין פראטעסט!... איך וויל ניט!... מיר האבען שוין די פראטעסטען געזען אי אין דער ליטעראטור, אי אין לעבען... מיר קאנען זיי. לאכען פון זיי איז אפשר אן אומרעכט, אבער נעמען זיי ערנסט קען מען אויך ניט... מיר זיינען ניט פארשאלטענערהייט פארשאלטען, ניט פאראורטיילטע — פאראורטיילט אונטערצוגעבען זיך צו א ווילען, וואס עקזיסטירט אפשר ניט. עס איז שרעקליך, אבער מיט דעם, וואס איר וועט זיך ארייננשיסען א קויל אין קאפ, אדער אויפהייגנען זיך אויף דער סטעליע — וועט איר ניט באקעמפען אדער אפלייקענען אט דאס אלעס, פאר וואס איר האט נאך ניט אפילו קיין נאמען, און מיט דעם וואס איר וועט זאגען: איך וויל ניט, און אוועקגיין אן א זייט, און מאכען זיך, אז איך ארט גארניט, אז איר זייט אויסער דער פארפלוכטער וועלט, וועט איר מיט דעם אויך גאר ניט ענדערען, אפילו ניט דעם צווייפעל אין אייער הארצען... אט אזוי איז עס. איר זיינט דאכט זיך אליין, און איר ווייסט, אז איר זיינט שרעקליך אליין, דאך זיינט איר צוגעבונדען צו דער וועלט, איר פארשטייט: ניט פארבונדען מיט דער וועלט, נאר צוגעבונדען, קעגען אייער ווילען צוגעבונדען, און מעגט איר זיך רייסען און שרייען, אבער אפרייסען זיך וועט איר ניט קענען. און נאר אין אט דעם איז די טראגעדיע: מען קען זיך פשוט ניט אפרייסען...

איך האב פלוצלונג דערפילט, אז דאס, וואס האט זיך פאר מיר גענומען אויסלייטערען — וועט שוין קיין מאל קלארער ניט

ווערען. עס האט בלויז געגארט מיט קאלטקייט, האט פארפירט און פארפלאנטערט די געפונענע, אנטדעקטע וועגען. און גערעכט ביז איך ווען איך זאג, אז עס איז ניטא קיין איין אמת אויף דער וועלט, נאר פיל אמת'ען. עס איז ניטא קיין איין ליגען, נאר אסך ליגענס, און קיינער ווייס ניט וואו עס הויבט זיך אן דער אמת און וואו עס לאזט זיך אויס דער ליגען. און אפשר איז א ליגען דאס וואס מיר רופען אמת? ווער קען עס באשטימען? און גערעכט איז דער מאן מיט דער קוליע, וואס האט געזאגט, אז נאר ניט וועט שוין ניט ענדערען דעם פלאנטער פון דער וועלט, און דער אינדי־ווידועלער פראטעסט אודאי ניט. — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

III·

קלארע.

1.

עס איז געווען אזוי מאדנע דאס, וואס איך בין געווארען אזוי גוט צו קלארע'ן. זי האט געקוקט מיט פארטרערטע אויגען אויף מיר, און האט זיך מסתמא שטארק געוואונדערט אויף מיין פלוצלי־כער גוטסקייט. איך בין יעדע רגע צוגעגאנגען צו איר, געקושט זי, און געפילט דערביי אזא צער אין הארצען פאר איר, וועלכע איך האב די גאנצע צייט אזוי געפייניגט. עס איז פון דעם געווען אי טרויעריג אי גוט. עס האט זיך געוואלט פלאפלען עפעס נארישעס, ווי א קינד, און נאכדעם צופאלען צו אירע פיס, און וויינען. און נאך עפעס האט זיך זייער שטארק געוואלט טאן, עפעס, וואס האט נאך ניט געהאט קיין פארם און קיין אויסדרוק, וואס האט זיך גע־ריסען פון מיין הארצען, און דאך פארבליבען אן א פנים און אן אן אויסדרוק.

זי האט געזאגט:

— דו ביזט אזא מאדנער היינט... זאג מיר, פארוואס ביזטו אזא?

איך האב ניט געהאט וואס צו ענטפערען. אבער זי האט גע־נומען צושטיין, ארייננקוקען מיר אין די אויגען, לייענען דעם אויס־דרוק פון מיין פנים, טרעפען. פון אנהויב האב איך זיך געוואלט באהאלטען פון דעם בליק פון אירע אויגען, אזוי שולדיג האב איך זיך פאר איר געפילט. נאכדעם בין איך געווארען דרייסטער. איך האב זי אנגענומען מיט ביידע הענט פאר'ן קאפ, צוגעצויגען זי צו מיין פנים, און אליין טיף ארייננעקוקט אין אירע אויגען. דאס, וואס איך האב דארט דערזען איז געווען פאר מיר ניי, אזוי ווי איך וואלט צום ערשטען מאל ארייננעקוקט אין א פינסטערער פאר־בארגענער וועלט, און וואס האט מיך דערשראקען — איז דאס בייזע, וואס האט פון דארט א קוק געטאן אויף מיר. אזוי פיל פארבארגענעם, איינגעהאלטענעם בייזען שמערץ האב איך נאך קיין מאל ניט געזען אין א מענשענס אויגען. און דאס זיינען גע־ווען די אויגען פון דער שטילער, שווייגענדיגער, אונטערטעניגער קלארע, די יתומה קלארע, וואס האט אוועקגעגעבען מיר איר לעבען און קיין מאל ניט געמאנט פאר איהם קיין באלוינונג. און איצט איז זי געווען ניט קיין נאענטע און ניט קיין פרעמדע, נאר א געהיימ־ניספולע, א מענש, וואס האט יארען לאנג לעבען מיר ארומגעטרא־גען א סוד, און איך האב פון דעם קיין אנונג ניט געהאט. איך האב געזאגט:

— ניט איך בין א מאדנער. דו ביזט א מאדנע. דיינע אוי־גען זיינען מאדנע... זאג, וואס באהאלסטו פון מיר? איך האב אפשר טויזענטער מאל ארייננעקוקט אין דיינע אויגען, און ד א ס האב איך ביז איצט נאך ניט געזען.

איך האב עס געזאגט האלב ערנסט און האלב שפאסיג, דאך האט מיין קול געקלונגען מער ערנסט.

זי האט זיך פאנאנדערגעלאכט. זי האט קיין מאל אזוי ניט געלאכט. נאכדעם האט זי שוין ערנסט געזאגט:

— וואס עפעס אין מיטען דערינען: ד א ס ניט געזען? וואס — דאס? דו אליין באהאלסט פון מיר. דו באהאלסט שטענ־דיג עפעס פון מיר. דערפאר האב איך מורא פאר דיר. און דו זאגסט

גאר: איך באהאלט... אט קוק מיר אין די אויגען — וואס זעסטו? נא, קוק.

זי האט אונטערגעטראגען איר פנים הארט צו מיינעם און איז מיט אירע אויגען פארזונקען אין מיינע... עס האט געדויערט א שווערע רגע. ווי א בליץ האט אויפגעפלאמט מיין מארך: דאס זיינען געווען די אויגען פון מיין פארשטארבענעם קינד. איצט האב איך זיי דערקאנט: זיי האבן די גאנצע פיינליכע רגע גע־קוקט אויף מיר, ניט געפינטעלט, און אומבאוועגליך באהעפט זיך מיט מיין נשמה. איך בין אפגעטראטען פון איר, דורכגעגאנגען זיך עטליכע מאל איבער'ן צימער, נאך אלץ אן אויפגערעגטער. און זי האט נאכגעפאלגט מיין יעדע באוועגונג. און אז איך האב זיך נאך אמאל אוועקגעזעצט לעבן מיר, האט זי ארומגענומען מיין האלז מיט איר נאקעטער האנט, און האט זיך ליידענשאפטליך געדריקט צו מיר, געקושט, און די גאנצע, א פלאמענדיגע, געוואלט פארברענען מיך מיט אירע לאסקעס. א קליינע, איז זי אויסגע־וואקסען, געווארען דרייסט, און האט ניט אויפגעהערט צו טענה'ן און ריידען אזוינע רייד, וועלכע איך האב קיין מאל פון איר ניט געהערט. און נאכדעם איז איר שטימע געווארען שוואכער און שוואכער, דער אטעם קירצער און הייסער און די ברוסט — פיבער־האפט, ציטערענד. מיר האט זיך געדוכט: אירע ליפען וועלען אויסזויגען דאס לעבען פון מיין קערפער, פארגיפטען די בלוטען. דעם גאנצען האט זי מיך ארומגעוויקעלט מיט איר הייסען לייב און האט, ווי מיט שלאנגען, ארומגעפלאכטען מיין יעדען אבר. און קלארע, וואס פלעגט זיך מיר אוועקגעבען, ווי א שקלאפין, איז איצט געווען א קעניגין, וואס האט ניט געהאט קיין גרעניץ צו איר תאוה.

איך האב זי מיט כעס אפגעשליידערט פון זיך. זי איז גע־לעגען אין דער לייגג פון סאפע. איר קערפער האט זיך נאך גע־ווארפען פון קאנוואולסיווען ציטער. אירע אויגען זיינען געווען בלויז האלב אפען, און די ברוסט האט זיך שנעל געהויבען. אין א ווײַלע ארום האט זי געזאגט:

— דו האסט מיך פיינט. איך ווייס, אז דו האסט מיך פיינט. אבער פארוואס זאגסטו דאס מיר ניט? פארוואס זאגסטו ניט?...

און דאן איז געווען א מאמענט, ווען איך וואלט זי געקענט

לייכט דער׳הרג׳ענען. דאס איז שוין געווען דאס צווייטע מאל. און אויב איך וואלט דאס געטאן, האב איך געוואוסט, אז איך וואלט גלייכגילטיג געקענט זיצען לעבען טיש און טראכטען פון דעם, אז דא, אויף דער סאפע, ליגט קלארע׳ס טויטער קערפער. וואס האט ערשט ניט לאנג געשליידערט מיך אין גרעניצלאזען אפגרונט פון תאוה. אזא געפיל האב איך דאן געהאט. און דאס מאל איז עס אויך געווען ניט קיין רעזולטאט פון א באזונדער שלעכטען געפיל פון נקמה, האס, אדער פשוט׳ען כעס, נאר עפעס אז אויספירונג פון א געזעץ, וואס איך אליין בין געווען זיין טרעגער. אבער באלד האט מיך באהערשט א גוואלדיגער פארלאנג צו פייניגען זי. פייניגען און צוזען ווי זי ליידט, ווי זי מאטערט זיך. איך האב געזאגט:

— יע. איך האב דיך ניט ליב. איך וועל איצט פאר דיר גאר ניט לייקענען. איך האב שוין לאנג ליב אן אנדערע... ווען דו וואלסט נאר וויסען ווי איך האב זי ליב!... ווען דו וואלסט וויסען ווי איך צי זיך צו איר יעדע רגע פון מיין לעבען! מיין לעבען איז בלויז מיט איר פול. גארניט עקזיסטירט נים פאר מיר איצט אחוץ איר, אחוץ מיין געליבטער. אזוי האב איך זי ליב. ווען אימיצער וועט וואגען צו פארליבען זיך אין מיין געליבטער, וועל איך אים דערשטיקען מיט אט די צוויי פינגער מיינע, און אז איך וועל עס ניט קענען — וועל איך שטארבען פון אייפערזוכט, אויסגיין, ווי א ליכט... פארשטייסט?

איך האב אזוי גערעדט פאר קלארע׳ן, און אליין מיט יעדען ווארט אלץ מער באגייסטערט געווארען. ארייגעצווינגען געווארען אין דעם באשאפענעם ליגען — ביז עס איז שוין פאר מיר אליין ניט געווען קיין ליגען, נאר א גרויסער שיינער אמת.

— אך, קלארע, ווען דו וואלסט וויסען ווי איך האב זי ליב! גאט מיינער, ווען איך הער איר קול ווילט זיך מיר פארזינקען מיט דעם גאנצען וועזען אין דעם מעלאדישען נגון פון איר שפראך... קלארע, טייערע, ווייסטו, וואס דאס מיינט ליבען? ליבען ביז משוגעת, ליבען און יעדער רגע גרייט זיין צו פאלען צו דער ערד און קושען די ערד, וואס איר פוס האט באטראטען, און קושענדיג — ווייגען... ווייסטו וואס דאס איז?... אט זעסטו? — איך אר-

בייט ניט. איך וואָלט אפשר געקאָנט געפינען אַרבייט. איך וואָלט אפשר ניט געווען אַזוי פאַראַרימט, אויב ניט זי. איך האָב פאַרנאַכלעסיגט אַלץ. איך האָב דיך פאַרנאַכלעסיגט, איך האָב ביי דיר אָפּגענומען אַז איבעריגען שטיקעל ברויט, אַ קלייד, אַ באַקוועמ־ליכקייט, און אַלץ צוליב איר... גאָט מיינער, פאַרוואָס זיצסטו, און שווייגסט ? פאַרוואָס טוסטו מיט מיר גאָר ניט ? איך האָב דאָך דיך, מיין קלאַרע'ן, אַזוי אוממענשליך אָפּגענאַרט, אַזוי באַליידיגט — און דו שווייגסט ? !...

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף איר : זי זיצט מיט אַ בלייכען געזיכט, מיט אָפענע אויגען. זי קוקט און זעט גאָר ניט, און דער קערפּער אירער איז איינגעקאַרטשעט, צוזאַמענגעדרייט — און זי שווייגט. איך האָב זיך איינגעקוקט אין איר נאָך אַמאָל, און מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פון אירע אָפענע אויגען, פון אירע צו־נויפגעפּרעסטע ליפּען, פון איר בלאַסען געזיכט און פון דער גאַנ־צער פון איר רייסט זיך אַ געשריי. איך האָב ניט געהערט דעם געשריי, איך האָב אפילו ניט געהערט איר אָטעמען, אָבער דער גע־שריי איז געשטאַנען. ווי אַ פייערדיגער זייל, פון וועלכען עס האָ־בען זיך פאַנאַנדערגעלאָפען מיליאָנען שרייענדיגע קלאַנגען, אַנגע־פילט די וועלט און געשפּאָלטען די הימלען... און אַט האָבען זיך אירע אויגען ברייטער געעפענט, דער האַלז האָט זיך אויסגעצויגען. זי האָט זיך אַ ציי געטאָן צו מיר, און אַזוי מיט ברייט געעפענטע אויגען, מיט דעם אויסגעצויגענעם האַלז אויף אַ רגע פאַרגליווערט געוואָרען פאַר מיר.

נאָכדעם געזאָגט :

— און איך האָב דאָס קינד פאַר'סמ'ט... דו הערסט ? — איך האָב אים פאַר'סמ'ט. אין זיינע מילך האָב איך סם אַריינגעגאָ־סען... צוליב דיר האָב איך אים פאַר'סמ'ט... דו האָסט אים פיינט געהאַט — האָב איך אים פאַר'סמ'ט...

זי האָט אַזוי, פאַרגליווערטהייט, עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „פאַר'סמ'ט", און נאָכדעם אָפּגעפאַלען אַ פאַרגליווערטע, נאָך אַלץ מיט אָפענע אויגען און אַ לאַנגען פאַר־וואָרגענעם האַלז, און איז געבליבען זיצען מיט צונויפגעשלאָסענע פינגער צווישען די קני. ערשט דאַן האָב איך דערזען, אַז זי

אטעמט שווער, אז איר ברוסט הויבט זיך און די פּלייצעס ציטערען.

דאָס איז ניט געווען קלאַרע. קלאַרע איז געווען ווייט, אין יענעם קליינעם פאַרוואָרפענעם שטעטעל, אין דעם גרויסען וואַלד. זי איז דאָרטען געווען, אַ בלייכע, אַ שטילע, מיט בייַנקענדיגע אויגען. און איך האָב געזען: זי גייט אַרום איבער'ן וואַלד, אויפ'ן ברעג פון רוישענדיגען טייך, שטעלט זיך אָפּ, און ווענדט אירע אויגען צו די בוימער, און בעט זיך ביי זיי, אַז זיי זאָלען איר ווייזען דעם וועג צו מיר. און די בוימער ענטפערען ניט, סוד'ען זיך צווישען זיך, און שווייגען. און קלאַרע, מיין געליבטע קלאַרע, קערט זיך אום צוריק צו דער איינגעפאַלענער הויז פון איר קרובה, זעצט זיך אַן ווערטער אויפ'ן גאַניק און קוקט ווייט־ווייט אַריבער ים'ען און וועלטען צו מיר, וואָס האָט אָוועקגערויבט פון איר דעם מזל אירען, און געלאָזען זי, אַ בייַנקענדיגע, וואַרטען אויף מיין קומען...

איך בין צוגעגאַנגען צו איר. אָנגענומען זי פאַר דער האַנט. איר האַנט איז געווען קאַלט און האָט גאָר ניט געציטערט אין מיינע הענט. איך האָב נאָך אַמאָל אַריינגעקוקט איר אין די אויגען, און געזאָגט:

— דו האָסט געזאָגט דעם אמת? דו האָסט אים פאַר'סמ'ט?

זי האָט אויפגעהויבען צו מיר די אויגען. און איך האָב שוין געוואוסט אַלץ.

אַ גאַנצע נאַכט זיינען מיר געזעסען, שווייגענדיגע, און אַז דער טאָג איז אָנגעקומען האָב איך דערזען, אַז קלאַרע איז געווען אַזאַ ווי מיט יאָרען צוריק: אַ קליינע, אַ דאַרע, אַ בלאַסע, מיט בייַנקענדיגע לייַדענדיגע אויגען, ווי דער טאָג, וואָס האָט פון גרויע הערבסטיגע הימלען אויף דער ערד צו אונז אַראָפּגענידערט. ווי דער טאָג, וואָס האָט, אַ יונגער, שוין געטראָגען אין זיך דעם הערבסט פון אונטערגאַנג. האָב איך זיך באַרוהיגט.

2.

אין דער פרי איז זי אויפגעשטאַנען פון פּלאַץ. האָט זיך אָנגעטאָן, אָן ווערטער. און אַז זי איז געווען גרייט אַוועקצוגיין, איז זי

צוגעגאנגען צו מיר. בלויז איין ווײלע האט זי אין פארלעגנהייט געשוויגען. נאכדעם האט זי גאנץ רוהיג געזאגט:

— נו, זײ געזונט, ברוך.

איך האב א קוק געטאן אויף איר. זי איז געווען אנגעטאן אין דעם אלטען מאנטעל און אין דער הוט פון פאריגען יאר. דאס האט זי געמאכט אויסזען ארים. א ווייטאג האט צוזאמענגעדריקט מיין הארץ. עס האט איצט ניט פארדראסען וואס זי גייט אוועק. עס האט פארדראסען, וואס זי זעט אויס אזוי ארים, און אלץ דער־פאר, וואס איך האב זי פארנאכלעסיגט, ניט אכטונג געגעבען אויף איר, ניט געזארגט צו באקליידען זי. איך, א געזונטער מענש, וואס האט נאך געקענט ארבייטען, האב ניט געזארגט, אז קלארע זאל זיך קליידען מענשליך... און איצט איז זי געשטאנען אזא ארימע, ווי א גוטע ארימע מאמע, וואס האט פארלאזען איר שלעכ־טען זון... איך בין געפאלען צו אירע פיס.

— קלארע, טייערע, פארלאז מיך ניט... איך האב דאך געזאגט א ליגען... איך האב דיר דערציילט א זאך, וואס האט קיין מאל ניט פאסירט. דאס האב איך פון פארצווייפלונג אויסגעטראכט דעם ליגען. פון פארצווייפלונג... איך קאן דאך ניט פארבלייבען אליין... איך וועל דאך אן דיר פון זינען אראפ...

און ווי ערנסט איך האב געפילט דאס, וואס איך האב גע־זאגט, דאך האבען מיינע ווערטער געקלונגען פאלש פאר דעם פנים פון דער גוטער, געטליכער מוטער — קלארע'ן, וואס איז געשטאנען אין איר ארימער קליידונג, און געקוקט אויף מיר מיט אומעטיגע, פארגיבענדיגע אויגען.

— ניין, ברוך, איך וועל שוין גיין... איך מוז גיין. זײ געזונט...

און דאן ערשט האב איך דערזען, אז זי וויינט. און אז איך האב דערזען די טרערען, האב איך זיך, ווי א ווילדער איינגעקלא־מערט אין איר, אין אירע קליידער, און געבעטען זיך, אז זי זאל פארבלייבען.

זי איז אבער ארויס פון צימער. געלאזען מיך א ליגענדיגען ביים שוועל פון טיר, א וויינענדיגען. איך בין לאנג געלעגען אומ־באוועגליך, און געפילט איר אנוועזענהייט אין צימער, אזוי ווי זי וואלט נאך געזעסען אנטקעגען אויף דער סאפע און געשוויגען, אזוי

ווי די גאנצע נאכט, איך שווערען שווייגען. און ערשט שפעטער האט לאנגזאם גענומען פארשווינדען איר געשטאלט פון דעם גרויען צימער. און אז עס איז שוין אינגאנצען פארשוואונדען, איז מיר געווארען — ניט גרינגער און ניט שווערער, נאר מאדנע — אלץ־איינס. א גלייכגילטיגקייט האט זיך ארייגגערוקט אין צימער, און האט זיך, ווי א גלייכע אוועקגעשטעלט זיך אין אלע ווינקלען פון צימער און פארנומען דעם זעלביגען פלאץ. איך האב די גלייכ־גילטיגקייט גענומען פילען, ווי עס פילט א מענש די אנוועזענהייט פון א צווייטען מענשען. אבער איך האב מיט איר ניט געקעמפט: איך האב זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל פון דער סאפע און אזוי געזעסען דעם גאנצען טאג.

אין אווענט איז געקומען דער מאן מיט דער קוליע. ער איז געווען באזונדער אויפגעלייגט. געשפאסט, און זייער פיל גערעדט. עס איז מיר זייער שווער געווען פאסיג צו האלטען זיך אין זיין געגענווארט. איך האב עפעס גאר אומערווארטעט פאר זיך אליין געזאגט:

— קלארע איז פון מיר אוועק. אויף אלע מאל אוועק... אז זי איז דא געווען האט זי גאר קיין פלאץ ניט פארנומען... אזוי ווי זי וואלט דא קיין מאל ניט געווען. איך בין גלייכגילטיג. אז זי האט זיך אויפגעהויבען אוועקצוגיין האב איך געוויינט, געבעטען זיך זי זאל ניט אוועקגיין, און איצט בין איך גלייכגילטיג...

און אז ער איז שפעטער פון מיר אוועקגעגאנגען, און איך בין געבליבען אליין, בין איך נאך אלץ געזעסען אין דער זעלביגער פאזע ביז שפעט ביינאכט, און אזוי אויך איינגעשלאפען מיט א רואיגען שלאף.

3.

אויף מארגען איז געווען א שיינער הערבסטיגער טאג. די זון האט באגאסען מיט א קופערנעם שיין די שטאט. איך בין ארויס אין דרויסען, געשפרייזט צווישען די טויזענטער מענשען אויף דער רוישענדיגער גאס, אפגעשטעלט זיך לעבען די רייך־באפוצטע וויט־

רינעס, און לאנג געקוקט אויף די שיינע זאכען, וואס מען האט דארט ארויסגעשטעלט און געדרייצט דעם מענשענס געשמאק און פארלאנגען. איך האב געקוקט אויף די טייערע קליידער — און געטראכט וועגען קלארע'ן, וואס איז איצט ערגעץ געווען אין אירע ארימע קליידער, אז איינזאמע, און אלץ צוליב מיין נאכלעסיגקייט, צוליב מיין פוילקייט און צוליב מיין אומרואיגען געמיט. אזוי שטייענדיג האב איך דערזען אז אומבאקאנטע פרוי, וועלכע איז געווען פארטיפט אין א קלייד, וואס האט געדרייצט מיט רייכקייט פון דער קונציגער מאנעקען־מיידעל. פון אנהויב האב איך איר פנים ניט געזען. אבער אז איך האב דערזען, האט עס מיך דער־שראקען. אזוי מאדנע ענליך איז זי געווען צו קלארע'ן. אבער אז איך האב זיך אין איר גוט איינגעקוקט, זיינען די באקאנטע שטריכען אויף איר געזיכט צושוואומען אין א גאנצען איינדרוק — און זי איז געווארען ענליך צו אלע פרויען פון איר אויסזען. זי האט עטליכע מאל צופעליג געווארפען אירע בליקען אויף מיר — איך האב דאס באמערקט — נאר באלד איז זי אפגעטראטען און איז אוועקגעגאנגען, פארשווינדענדיג צווישען די טויזענטער פאר־בייגייער.

עטליכע מאל איז די אומבאקאנטע געקומען מיר אויף די גע־דאנקען יענעם טאג. ניט קלארע, נאר די אומבאקאנטע, וואס איז איין ביסעלע געווען ענליך צו קלארע'ן. עס האט מיך אליין גע־וואונדערט, וואס ניט קלארע אליין, נאר אימיצער אנדערש, וואס איז בלויז געווען א צושוואומענער סילועט פון איר האט מיך ניט געלאזען רוען. אויף מארגען, גלייך ווי איך האב זיך אויפגעכאפט פון שלאף — איז מיין ערשטער געדאנק געווען — די אומבאקאנטע וואס איך האב באגעגענט לעבען דער וויטרינע. איך ווייס ניט פארוואס, נאר איך האב זיך אזוי געאיילט. איך האב זיך אויף שנעל אנגעטאן און געלאזען זיך גיין צו יענער וויטרינע. איך בין אזוי געשטאנען עטליכע שעה נאכאנאנד אין א מאדנער אנגסטי־גער ערווארטונג אויף מיין פלאץ, געקוקט אויף די טויזענטער פאר־בייגייער, און געוואלט צווישען די פנימער דערזען, ניט קלארע'ן, נאר יענע אומבאקאנטע... עס איז געווען ווי קלארע אליין וואלט געשטארבען, און מיין גרעסטער פארלאנג וואלט געווען צו זען א

מענשען, וואס זאל זיין ענליך צו איר. און מיר האט זיך די גאנצע צייט געדוכט, אז זי וועט קומען. זי וועט דערהערען דעם רוף פון מיין נשמה — און וועט קומען. אזוי שטארק האב איך אין זיך געפילט די פארבונדענקייט פון מיין נשמה מיט דער נשמה, וואס איך האב געזוכט. איך האב גאר ניט געטראכט פון דעם, וואס עס וועט זיין ווען זי וועט קומען. איך וואלט זיך סיי ווי סיי ניט גע־קענט פארשטעלען, איך האב אפשר געטריבען פון זיך דעם גע־דאנק. מיר האט זיך בלויז געוואלט אז זי זאל קומען, קוקען אויף די טייערע זאכען אין דער וויטרינע און בגנבה שיינקען מיר א בליק... און אז איך האב זיך ניט דערוואַרט, איז מיר שווער געווען אויפ'ן הארצען. איך האב זיך געלאזט גיין אהיים מיט א ווייַ־טאגדיגען געפיל אין הארצען. דער נס איז ניט געשען. אבער אויף מארגען בין איך ווידער געגאנגען צו דער וויטרינע. און אזוי עטליכע וואכען נאכאנאנד האב איך ארומגעשפרייזט איבער די גאסען, געווען אין אלע ווינקלען פון שטאט, אין די טעאטערען, אין די פארקען און בולווארען, אומעטום וואו מענשען קלייבען זיך אין מאסען, געזוכט זי טאג און נאכט.

איין אָוונט בין איך פארבייגעגאנגען א קליין הייזעל אין א פארוואָרפענעם געסעל. לעבען פענסטער איז געשטאנען א יונגער־מאן און האט געשפילט פידעל. איך האב זיך אפגעשטעלט אן א זייט און זיך צוגעהערט. — ער האט געשפילט מעלאדיעס פון גריג און טשייקאווסקי. איך בין געשטאנען לאנג און ניט געקענט פאר־לאזען דעם פלאץ. און אז ער האט אויפגעהערט האב איך זיך נאך לאנג צוגעהערט צו די וואונדערליכע מעלאדיעס, וואס האבען נאך געוויבירירט אין דער לופט. עס איז געווען אָוונטליך. די געדאנ־קען האבען זיך געפלאכטען מיט דער אָוונטליכער שטימונג, מיט די מעלאדיעס און מיט דער שטילקייט פון דעם געגענט ארום. עס איז געווען טרויעריג, און עס איז ניט געווען וואוין צו גיין. אלע וועגען האבען זיך פאר מיר אויסגעלאזען. איך האב זיך ארומ־געקוקט. די גאס איז פוסט געווען.

אויף דער צווייטער זייט פון גאס איז אויף א טיר געהאנגען א צעטעלע: „א צימער צום פארדינגען“.

איך האב זיך דערמאנט, אז קיין געלט איז ניטא. די ציי־מערן וועל איך שוין ניט קענען אנהאלטען ווייטער, — און דאן איז מיר געקומען דער געדאנק אויסצופארקויפען אלץ. וואס איך האב געהאט און אריבערציען זיך אין דער פארוואָרפענער גאס. איך בין אנטשלאָסען אוועק אהיים. גייענדיג איבער די גאסען האב איך נאך אלץ געקוקט אויף די פנימ׳ער פון די פארבייגייער. און אז איך בין געקומען אהיים, האב איך גענומען זיך פאקען. דאס ביסעל ארימקייט האט נאך טרויעריגער אויסגעזען. אלץ איז גע־ווען פארשטויבט, אנגעוואָרפען אין אומאָרדענונג און שמוציג. די מערסטע זאכען זיינען געווען ווערטלאז. מען האט עס זאגאר ניט געקענט פארקויפען.

און נאכדעם — קלארע׳ס קליידער. אלטע, באקאנטע קליי־דער, וואס האבען אזוי דערמאנט אן קלארע׳ן. אין יעדען קנייטש זייערען האט זיך אפגעשטעמפעלט קלארע. איר אויסזען, איר כא־ראקטער און אירע באוועגונגען האבען שטום גערעדט פון די קליי־דער. און אז איך האב זיי גענומען צונויפלייגען אין דעם קליינעם וואליז — איז פון אנהויב געווען טרויעריג, — אבער שפעטער האב איך זיך צעוויינט. דאס הארץ האט זיך געריסען אין מיר. איך האב ארומגעכאפט אירע קליידער און ווי א וואנזיניגער ניט אויפגעהערט צו רופען איר נאמען:

— קלארע... קלארע... קלארע!...

אלץ אין מיר האט געשריען איר נאמען און גערופען צו איר. איך האב שוין אין צימער ניט געקענט פארבלייבען. איך בין ארויסגעלאפען אין גאס, און א גאנצע נאכט ארומגעשפאנט אי־בער די גאסען. יעדער נערוו אין מיר איז געווען געשפאנט, און האט מיך געיאגט און גערופען פאראויס — און איך בין געגאנגען, געלאפען. יעדע רגע האט זיך מיר געוואלט אפשטעלען און פרע־גען דעם אדער יענעם פון די פארבייגייער:

— האט ער ערגעץ ניט געזען, האט ער ערגעץ ניט באגעגענט קלארע׳ן?...

מיר האט זיך געדוכט, אז די גאנצע וועלט האט באדארפט וויסען, אז איך זוך קלארע׳ן, און די גאנצע וועלט האט באדארפט

מיט מיר אינאיינעם יאגן זיך איבער די גאסן מיט אן אימפעדרינגען געשריי:

— וואו איז קלארע? צי האט איר ניט געזען קלארע'ן?...

א מידער בין איך געקומען אהיים. דאס לעבן איז געווען פוסט. אויפ'ן דיל האבן זיך ארומגעוואלגערט די אומנויטיגע זאכן. און אין דעם אפענעם וואליס זיינען געלעגן קלארע'ס קליידער, אויסגעווייקטע מיט טרערן. איצט איז קלארע ניט געווען פאר מיר א מענטש וואס עקזיסטירט ערגעץ, וואס לעבט זיין איינען לעבן. זי איז געווען א האפנונג, וואס איך האב פארלארן. אזוי ווי עס וואלט געווען אין הארצן א לאסטשענדיגער טרוים — און איצט איז ער מיט אמאל אויסגעלאשען געווארן. עס איז געלעגן אויפ'ן הארצן עפעס שווערעס, אומ'ברחמנות'-דיגעס. דער קאפ האט שטארק וויי געטאן. דער שטערן האט געפלאמט. איך האב ניט געקענט פארטראגן די נאכטיגע שטילקייט. בין איך ארומגעגאנגען איבער'ן צימער היז־און־צוריק און געטראכט אז עס איז שוין איצט אלץ פארפאלן. און אויף מארגן גאנץ פרי בין איך ארויס אין דרויסן. געפונען עפעס א סוחר אויף די זאכן. אוועק אין דער פארווארפענער גאס און אפגעדונגען יענעם צימער, וואס איך האב אין אוועלנט געזען. מיט זיך האב איך אין יענעם צימער מיטגעבראכט בלויז דאס נויטיגסטע און קלארע'ס קליידער.

דאס צימער איז געווען קליין און ארים. לעבן פענסטער איז געשטאנען אן אלטער, צודראפעטער טישעל, איין איינציגער שטול, וואס פלעגט זיך ביי יעדער באוועגונג מיינער צושרייען און צוסקריפען, ווי א לעבעדיגער, מיט מאדנע עלטערליבע קלאנגען. לעבן וואנט, א קליין אייזערנע בעטעל מיט א צוריבענעם מאטראצעל. דאס אלץ איז געווען דאס מעבעל פון מיין צימער. אבער איבער אלץ איז נאך געווען עפעס, וואס איז געווען אין צימער און האט פארנומען דעם געהויבענסטען פלאץ. דאס איז געווען די איינזאמקייט. ווי א לעבעדיגע באשעפעניש האט זי זיך פארקליבען אין צימער און פארהילט אלץ און אוועקגעלייגט אויף אלץ איר שטעמפעל.

איך האב ליב איינזאמקייט. איך ווייס ניט פארוואס איך האב זי אזוי ליב. נאך פון מיינע קינדער יארען אן טרוים איך פון א פאנטאסטישען אינזעל, וואו איך זאל ארומגיין, ווי א נבי אין א מדבר, און בויען פאר זיך אליין א וועלט, א שטילע און אן איינזאמע. א דערוואקסענער, האב איך זיך אפטמאל פארנעשטעלט איין תפיסה, אין אן איינזאמער, האלב-פינסטערער צעל, צווישען קאלטע, נאסע, שטיינערנע ווענט, טראכטענדיג שווערע, אומברחמנות'דיגע געדאנקען. איך טראכט — און פון דעם קליינעם, באפלאכטענעם מיט אייזערנע גראטעס, פענסטערעל פאלען אויף מיר טויט-מאטע שטראלען פון א ווייטען, ווייטען טאג...

4.

די טעג זיינען געווארען קלענער און קלענער. דער הערבסט איז געווארען גרויער און גרויער. עס האט זיך גענומען אנרוקען דער ווינטער. רעגענס האבען געגאסען כמעט יעדען טאג. די קאלטע צפון'דיגע ווינטען האבען ניט אויפגעהערט צו בלאזען, ארייגרייסען זיך אין געסעל, קלאפען מיט די לאדען, רייסען די בלעכענע שילדען פון די נאסע ווענט. און אז עס פלעגט אנקומען די נאכט פלעגען די ווינטען אנהויבען צו זינגען זייער שווערען נגון, און ארויפווארפען אויף דער נשמה א מורא, א שרעק פאר עפעס אומפארשטענדליכעס. זיי פלעגען וואיען און יאמערען, אזוי ווי עס וואלט פון ערגעץ אנקומען א מחנה הונגעריגע וועלף און פארנומען יעדען ליידיגען ווינקעל צווישען די הייזער, און מיט פארדריסענע צום הימעל אפענע מיילער וואיען און פארגיין זיך אין אן אומענדליך ביטער-טרויעריגער סימפאניע. פון הימעל איז געפאלען אויף דער ערד א שיטערער קאלטער רעגען. דער ווינט פלעגט זאמלען די טראפענס אין דער לופטען, שליידערען זיי מיט כעס צו מיר אין פענסטער, שמייסען איבער די שויבען ווי מיט רימענע בייטשען... און אמאל פלעגט זיך דוכטען: טויזענטער אומזעבארע שונאים באלאגערען מיין צימער, רייסען זיך צו מיר,

דראַען און שרעקען... אָבער איך בין געווען עפּעס ווי צופרידען מיט די שטורעמס. איך פלעג אָנשטעלען די אויערען און איינהערען זיך אין יעדען שאָרך און קלאַנג — און אַלץ איינזאַפּען אין דער נשמה. גאָר ניט דורכלאָזען. אַזוי ווי אַלץ וואָלט מיר צונויף געקומען. אַלץ וואָלט נויטיג געווען פאַר מיין לעבען... די נשמה האָט זיך געקאָר־טשעט — און עס איז געווען גוט פון דעם וואָס עס האָט זיך אַזוי געקאָרטשעט. און האָט זיך געוואָלט טענה'ן צו זיך:

— גוט אַזוי! גוט!...

איך בין אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער און געטראַכט פון גאָט, אין וועלכען איך האָב קיין מאָל ניט געגלויבט. איך האָב ניט געגלויבט און דאָך באַשולדיגט אים, געוואָרפען אויף אים מיינע בייזע קללות, גע'טענה'ט צו אים מיט צונויפגעדריקטע, פויסטיגע הענט, מיט אויפגעפלאַמטע אויגען, מיט אַ קלאַפּענדיגען האַרצען: —

— זאָג, ענטפער! פאַרוואָס ענטפערסטו ניט?...

און איך פלעג זיך באַמיען אויפצוכאַפּען יעדען עטוואָס הער־באַרען קלאַנג, וואָס פלעגט זיך דערטראָגען צו מיינע אויערען. אַ שאָרך — און מיר פלעגט זיך דוכטען, אַז איך וועל דערזען דעם צו וועמען איך האָב גערופען פון מיין ענגשאַפט, און דערהערען זיין קול, און שטעלען זיך פּנים אל פּנים מיט זיין גרויס, אין וועלכער איך האָב פאַר'עקשנ'ט ניט געוואָלט גלויבען, און געגלויבט. איך האָב גע'טענה'ט:

— איך וויים, דו ביזט גרויס און שרעקליך, און איך בין קליין און נישטיג, שוואַך און פאַרצווייפעלט. אָבער ניט וועלענדיג גלוי־בען אין דיין גרויס גלויב איך. ניט אַ דערשראָקענער — טראָג איך זיך די מורא פאַר דיר, און אַ פאַרצווייפעלטער רוף איך צו דיר, און קען דיך ניט פאַרגעסען. דו האָסט מיך אַריינגעוואָרפען אין אַ פינסטערער גרוב, אַ פולער מיט עקדישען און שלאַנגען — און האָסט אַז מיר פאַרגעסען... און אפשר האָסטו גאָר ניט פאַרגעסען — און קוקסט צו פון דער זייט ווי איך קאָרטשע זיך אין מיינע ווייטאָגען, ווי די שלאַנגען פאַרגיפטען מיר מיין בלוט און זויגען אויס דאָס לעצטע ביסעל בלוט פון מיין האַרצען... ווי אַ וואונד, אויף וועלכער מען גיסט רעגעלמעסיג, יאָרטויזענטע נאָך יאָרטוי־

זענטע א טויטליכעז סם. טראג איך דיך אין זיך, אלטער, אלטער גאט. איך וויל אוועקגיין פון דיר, פארגעסעז דיך — און איך קען ניט, ווייל איך קען ניט אוועקגיין פון זיך אליין, אנטלויפעז פון די גרעניצען אין וועלכע איך אליין בין איינגעשלאסען...

מיין צונג איז געווען גיפטיגער פון א שלאנג. דער קאפ האט זיך געדרייט. און ווער ווייס ווי לאנג איך האב אט אזוי גערעדט ארומגייענדיג איבער'ן צימער. עס איז געווען שפעט אין דער נאכט. די גאז האט טונקעל באלויכטען דעם צימער. די ווענט פון צימער האבען געקראגען אין מיינע אויגען גאר אן אנדער אויסזען. מיר איז געווען איינג צווישען זיי. ווי מיט קיימען האבען זיי געשמידט מיין קאפ, מיין מארך. האב איך ניט געהאט פון זיי קיין אויסוועג. ווי וועכטער זיינען זיי געשטאנען איבער מיר, און איך האב זיך ניט געקענט באפרייען פון זייער וואך, פון דעם פארשאלטענעם קרייז פון מיינע ווענט. זיי האבען געקוקט אויף מיר מיט זייערע אויגען, ארייננעשפרונגען מיט זייער בליק אין מיר, און ניט געוואלט באפרייען מיך.

איך געדיינק ניט, ווי עס איז מיר געקומען אויף די געדאנקען, אז איך בין קראנק. איך האב זיך געכאפט פאר'ן קאפ און דערפילט, אז דער שטערען ברענט ביי מיר, אז דער קאפ דרייט זיך, און דער גאנצער קערפער איז אפגעשוואכט און קריינקליך, אזוי ווי אימיצער וואלט מיך מיט א מינוט צוריק טויטליך געשלאגען...

איך האב זיך צוגעלייגט אויפ'ן בעט, און דאן ערשט דערפילט, אז עס האט מיך געגומען ווארפען אין קעלט. אין קאפ זיינען אומגעשוואומען און פארלארען געגאנגען טויזענטער אפגעריסענע שטיקלעך געדאנקען. און דורך זיי, ווי א רויטער פאדים האט זיך געצויגען און אלץ פארבונדען — קלארע.

איך בין באלד אנשלאפען געווארען. דער שלאף איז געווען אן אומרואיגער. עס האבען זיך געגומען ציען חלומות, בילדער נאך בילדער, אומגעלומפערטע און שמערצליכע. עס האט זיך גע'חלומ'ט איך בלאנזשע ארום אין וואלד, בלאנזשע, און קען ניט ארויס פון אים. און דער וואלד רוישט און ברומט, ווי א לעבעדיגער, און עס ווערט פינסטער. און פון אלע זייטען כאפען מיך, יאגען מיך,

קליינינקע גראָב־בייכיגע קאַרליקעס, יאָגען מיך צום טייך, אין וואַסער אַריין... און פון טייך שווימען אַרויס מיר אַנטקעגען וואונדערשיינע וואַסער־יונגפרויען, רופען מיך, האַלובען מיך און זאָגען מיר צו אַ לאַנד פון וואונדער, וואו אין אַ גינגאַלדענעם פּראַכט־פּאַלאַץ וואַרט און בייגקט נאָך מיר די קעניגינע, וואָס מען רופט זי — קלאַרע.... און אָט הויבט אָן צו דונערן און בליצען, און די בליצען בויען זיך, פאַרמירען זיך אין שטריכען און קאַנטורען, פאַרוואַנדלען זיך אין הויכע, דעם הימעל־גרויכענדיגע פייערדיגע טורעמס... און די טורעמס זיינען באַלויכטען מיט אַלע קאָלירען פון רעגענבויגען. און אין טורעם זיצט פאַרשפאַרט אַ געשמידטע מיידעל. און דאָס מיידעל וויל אויפשטיין און גיין, לויפען — לאָזען ניט די קייטען. רייסט זיך דאָס מיידעל, וויינט דאָס מיידעל, ברעכט די הענט, און רופט... איך קוק זיך איין — קלאַרע !...

— קלאַרע !

איך שריי איר נאָמען, און וויל לויפען צו איר, העלפען איר — קען איך אָבער ניט... יעדער גליד איז איינגעטונקט אין שווערען בליי. און פלוצלונג געשעט אַ וואונדער. זי רייסט זיך לייכט אָפּ פון די קייטען, און ווערט אַליין פאַרוואַנדעלט אין אַ וואַסער־מיידעל, טאַנצט און שפּרינגט, און קריכט, ווי אַ ווילדע ציג איבער פעלזען, און וואַרפט זיך אין טייך מיט אַ ווילדען געלעכטער, און פאַרשווינדט...

און נאָכדעם צינדט זיך מיט אַמאָל דער וואַלד אָן. ער צינדט זיך אָן דער טייך, דער הימעל, די גאַנצע וועלט... עס ווערגט און שטיקט דער רויך. עס ווילט זיך ראַטעווען, אָבער עס איז שוין ניטאָ קיין כחות...

עפּעס אַ גערויש האָט מיך אויפגעוועקט. איך האָב זיך גלייך דערמאָנט פון אַלץ, און פאַרשטאַנען: איך בין קראַנק. אפשר געפערליך קראַנק. עס איז שוין געווען ליכטיג אין צימער. די נאַז האָט נאָך אַלץ געברענט, ניט אָן אויסגעלאָשענע. איך האָב זיך נעפּרואווט אויפהויבען פון געלעגער — און ניט געקענט. דער קאָפּ איז געווען שווער און ווייטאָגדיג, אין האַלז האָט געשטיקט און געוואָרגען. איך בין געבליבען ליגען אָן באַוועגונג און געקוקט אויף דעם נידעריגען באַלקען פון צימער. פאַר׳עקשנ׳ט האָט זיך

געפלאנטערט א געדאנק: וואס וועט עס זיין? וואס וועט עס זיין?...

און דאן האט פאסירט דאס אומערווארטעטע. עס האט זיך לאנגזאם געעפענט די טיר, און אויפ'ן שוועל האט זיך אויסגעמאלען דאס געשטאלט פון יענער פרוי, וואס איך האב באגעגענט לעבען דער וויטרינע. איך בין ניט איבעררראשט געווארען, ניט פארלארען זיך, נאר מיט אלע כחות געפרואווט זיך אויפהויבען אנטקעגען, אזוי ווי זי וואלט קומען צו מיר א גערופענע, אן ערווארטעטע, און ניט ווי קיין האפנונגסלאז־פארלארענע וואלט זי צו מיר געקומען, און געקוקט אויף מיר מיט אירע באקאנט־פרעמדע, אביסעל ארונטערגעלאזענע אויגען...

איך האב זיך ניט געקענט אויפהויבען, אזוי ווי א שווערע משה וואלט אויף מיר געלעגען און אונטערדריקט.

זי האט געזאגט:

— איך האב עטליכע מאל אנגעקלאפט. האסטו ניט געהערט... האב איך אליין געעפענט די טיר...

און דאן ערשט, נאכדעם ווי איך האב געהערט איר שטימע, איז א ווילדע איבעררראשונג פון א וואנזיניגען געבארען געווארען אין מיין ברוסט. דאס בלוט האט מיר א קלאפ געטאן אין קאפ אריין, און אלץ ארום, די גאנצע וועלט, האט זיך א שאקעל געטאן און געגומען פאלען, פאלען מיט א שרעקליכער, שמערצליכער שנעלקייט, עפעס ווי אין אן אפגרונט, און ערגעץ שוין טיף, מיט אן אפגעהאקטען אטעם האב איך ניט מיט מיין קול אויסגעשריען:

— קלארע!...

5.

צוויי טעג בין איך געלעגען אין פיבער — ביז דער קריזיס איז פאראיבער. אויפ'ן דריטען טאג אין דער פרי, האב איך אויפגעעפענט די אויגען. אין צימער איז געווען ליכטיג און שטיל. איך האב געפילט אז אימיצער איז דא מיט מיר אין צימער. איך

האב געוואלט אויפהויבען דעם קאפ, געוואלט זען ווער עס איז מיט מיר אין צימער. דער קאפ איז אבער געווען ווי א צונגע־שמידטער צום קישען. איך האב זיך געפרואווט דערמאנען וואס עס האט פאסירט מיט מיר. אין מיין מח זיינען געקראכען שטיקלער ערהאינערונגען פון אלץ, וואס איז געווען מיט יארען צוריק, נאך אין דער קינדהייט, אבער דאס, וואס עס איז גאר ניט לאנג געווען האב איך ניט געוואוסט...

ביסלעכווייז האב איך זיך דערמאנט, אז איך בין קראנק... געפערליך קראנק. איך האב זיך אנגעשטרענגט, עט־וואס אויסגע־דרייט דעם קאפ. לעבען בעט, ביים צוקאפענס איז געשטאנען דאס טישעל אויף וועלכען עס זיינען געווען אנגעשטעלט פארשי־דענע פלעשלער, לעפעלער, צונעדעקטע גלעזער מיט פליסיגקייטען... אנטקעגען לעבען פענסטער, אויפ׳ן פלאץ, וואו עס איז פריער גע־שטאנען דאס טישעל איז איצט געווען א סאפע. אימיצער, אן אנ־געטאנענער אין ווייסען, איז געשלאפען אויף דער סאפע. איך האב געוואלט זען דעם פנים: ווער האט עס געקאנט זיין?...

איך האב נאך אמאל אויסגעדרייט דעם קאפ. א פרויען פי־גור איז געלעגען אויסגעצויגען אין דער לייגג פון סאפע. אירע הענט צוזאמענגעלייגטע האט זי געהאלטען אונטער׳ן קאפ, אנ־שטאט א קישען, און האט ווארשיינליך געשלאפען.

איך האב געפרואווט גלייכגילטיג קוקען איר אין פנים: — ווער איז זי? פון אנהויב האט א בליץ געטאן א באקאנטער שטריך — און גלייך פארשוואונדען, און דאס, וואס איז פארבלי־בען איז געווען א שיינער בלאסליכער געזיכט פון אן אומבאקאנטער שלאפענדיגער פרוי. איך האב אויף א רגע נאך אמאל צוגעמאכט די אויגען, און ווידער אמאל אריינגעקוקט איר אין פנים, און ווידער האט א בליץ געטאן דער באקאנטער שטריך — און פארשוואונדען.

און נאכדעם, ווי א זיפץ:

— קלארע!...

עס האט זיך געדוכט, אז ניט איך, נאר אימיצער אנדערש אין מיר האט אויסגערופען דעם נאמען: קלארע. איך אליין האב שוין קיין כח ניט געהאט. אויף א רגע האב איך נאך אמאל פאר־לארען דאס באוואוסטזיין, און ווען איך האב געעפענט די אויגען

איז לעבען מיין בעט געשטאנען אריבערגעבויגען איבער מיין צו־קאפענס קלארע, און האט מיר שטיל, אן ווערטער געגלעט דעם שטערען מיט איר ווייכער ווארימער האנט...

— האסט מיך דערקאנט...

איך האב ניט געקאנט ריידען. טרערען האבען זיך מיר גע־שטעלט אין די אויגען. טרערען פון א גרויסען גליק, פון א גרויסער באפרידיגונג פאר אלץ וואס איז פאראיבער. זי האט אפגעווישט מיר די טרערען מיט א קליינעם טאשען־טיכעל, און אליין געווען א דערשראקענע און א בלייכע...

.6

עס זיינען פאראיבער עטליכע טעג. איך האב די גאנצע צייט מורא געהאט צו ריידען מיט איר ווענען איר אליין. איך האב אינסטינקטיוו געפילט, אז אין איר שווייגען, אונטער אירע שוואר־צע ברעמען און אין דעם צו רואיגען בליק, האט זי געהאלטען עפעס פון מיר פארבארגען. האב איך אויך געשוויגען. אבער ווייטער האב איך שוין אין זיך ניט געקענט באזיגען מיין אומרואיגע נייי־געריגקייט. איך האב געזאגט:

— פארוואס שווייגסטו? פארוואס זאגסטו מיר ניט וואו דו ביזט געווען די גאנצע צייט, וואס דו האסט געטאן? פארוואס דערציילסטו מיר גאר ניט?...

איך האב עס געזאגט בייז. דאס בלוט האט א קלאפ געטאן מיר אין קאפ פון א גוואלדיגער אינערליכער אנשטרענגונג. עס איז געווען אזוי ווי איך וואלט געפאלען אין אן אפגרונט, און פא־לענדיג דוקא געכאפט זיך פאר דאס געפערליכסטע.

זי האט מיך גענומען בארואיגען:

— אבער צו וואס דארפסטו זיך אויפרעגען?... אט הער: איך בין איצט סיי ווי סיי ניט יענע. איך בין גאר אן אנדערע. זינט איך האב דאס קינד דער׳הרג׳עט בין איך אן אנדערע... פאר־

שטייסט: עס איז געווען אזוי שרעקליך דאס צו טאן, און איך האב עס געטאן. דו וועסט פרעגען — פארוואס איך האב עס גע־טאן? — איצט ווייס איך ניט, אבער דאן האב איך געוואוסט. איך האב געוואוסט — איך מוז ווערען אן אנדערע. און איך בין עס איצט געווארען. איז מיר איצט גוט. דו וועסט ניט גלויבען, ווי מיר איז איצט גוט. איך מעג אלץ. יענע וואס איז געווען האט אפשר ניט געטארט, אבער איך מעג. איך מעג אלץ...

עס האט מיך גענומען ווערגען ביים האלז. איך האב קוים געקענט ארויסריידען:

— וואס האסטו מיט זיך געטאן?...

זי האט שטיל געזאגט:

— נו, אט ביזטו ווידער אויפגערעגט.

איך האב כמעט געשריען:

— וואס האסטו מיט זיך געטאן?!...

האט זי שוין אויך אביסעל בייז ארויסגערעדט:

— אז דו פארשטייסט מיך ניט. איך בין אן ארימע יתומה. נו, האט עס אנדערש מיט מיר ניט געקאנט זיין. אלע האבען אפגענארט די ארימע יתומה. אפילו דו האסט מיך אפגענארט. איך האב די גאנצע צייט דאס געוואוסט — און געשוויגען. איך האב גערדיינקט, אז דו וועסט מיר זיין ווי א פאטער. און דו ביזט גאר אליין געווען ווי א פרעמדער. פון אנהויב ניט. אבער, אז מיר זיינען געקומען אין אמעריקע ביזטו געווארען א פרעמדער... אז דו האסט מיר דערציילט פון דיין געליבטער, האב איך גע־וואוסט, אז דו זאגסט א ליגען. אבער עס איז געווען, ווי אן אמת. איך זאג דיר, דאס איז געווען ווי אן אמת... דו האסט מיך אויפ־געהערט צו ליבען. אמאל אין דערהיים, ווען מיר פלעגען זיך בא־האלטען פון מענשען אין וואלד — האסטו מיך געליבט... איך האב אזוי געוואלט, אז דו זאלסט מיך ליבען... איך האב אונזער קינד פאר'סמ'ט צוליב דיר. און דאס האט ניט געהאלפען. גאר ניט האט ניט געהאלפען...

מאדנע איז געווען, וואס איר פנים איז געווען רואיג, ווען זי האט עס מיר געזאגט. מיר האט זיך געוואלט שרייען, צוזאמענ־דריקען איך האלז מיט מיינע פינגער, בייסען, רייסען, טאן עפעס

אויסערגעוויינליכעם — און זי האט אזוי מאָדנע קאַלט ארויסגע־רעדט יעדען זאַץ.

זי האט נאך אמאל געזאגט:

— איך קען ניט זיין פרום און גוט, אז איך האב מיין קינד פאר'סמ'ט. איך קען ניט. איך מוז נעמען נקמה. פון וועמען זאל איך די נקמה נעמען, אז ניט פון זיך?... נארעלע, פון זיך דארף איך נעמען נקמה. אז איך בין א מערדעריןן, טא ווי קען איך זיין פרום און גוט? וואס מער זינד — איז דאך אלץ בעסער. וואס מער אומריינקייט — אלץ בעסער.

זי האט עס געזאגט — און אזוי ווי אן אייבינער טאָזעז וואלט דורך אירע רייד גערעדט. אזוי גרויס און וויכטיג זיינען געווען אירע ווערטער.

פריער וואלטען צו איר אזוינע רייד גאר ניט געפאסט — און איצט איז עס געווען אזוי נאטירליך. אזוי ווי אנדערש האט עס טאקע ניט געקאנט זיין. עס איז געווען אלץ פארפאלען. זי האט ווי פארשטאנען מיין געדאנק, און געזאגט:

— איצט איז אלץ פארפאלען. דו דארפסט מיך איצט פאר־האסען. דו מוזט. איך האב פאר דיר קיין האס ניט אין מיין הארצען, און ניט קיין נקמה. איך האס בלויז זיך, און וועל בלויז פון זיך נעמען נקמה... און דו — אויב דו קענסט ניט האסען — פארגעס.

זי איז צוגעגאנגען צום רענצעל, אין וועלכען עס זיינען געווען צוזאמענגעלייגט אירע קליידער פון אמאל.

— איך וועל דאס אלעס פון דיר אוועקנעמען צו זיך. איך וועל גאר ניט איבערלאזען פאר דיר פון דער אמאליגער קלארע'ן. יענע קלארע איז געשטארבען. און די — איז ניט ווערט נעדיינקסט צו ווערען. וועל איך עס צונעמען.

יענעם טאג, אין אווענט, איז זי פון מיר אוועקגעגאנגען. דאס מאל האב איך זי ניט איינגעהאלטען. עס איז געווען פאר־פאלען. אבער אין הארצען איז נאך איר אוועקגייען פארבליבען א וואונד, וואס האט זיך ניט געקאנט פארהיילען. אן אייבינע וואונד.

איין עטליכע טעג ארום בין איך שוין ארוים אין דרויסען. עס

זיינען געווען קאַלטע טעג פון שפּעטען הערבסט. גרויע שווערע, ווי די הימלען, וואָס זיינען געהאַנגען איבער דער ערד. דאָס לעבען איז געווען איצט אַזוי אומנויטיג. קיין געלט האָב איך ניט געהאַט. קיין נאָענטען מענש אויך ניט. אַ הוסט האָט געשטיקט אין האַלז. אַלע מענשען זיינען געווען ווייט־פרעמדע מיט אייגענע ווייטע וועלטען. און קלאַרע איז ערגעץ געווען צווישען זיי. און האָט גע־טאָן צווישען זיי עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען אי פאַרשטענדליך אי אומפאַרשטענדליך. שרעקליך ביז משוגעת און דאַך פשוט, ווי אַ געזעץ.

קלאַרע — אַ פּראָסטיטוטקע.

עס איז געווען אי אַ חלום, אי אַ ווירקליכקייט. עס איז בלויז שווער געווען צו באַגרייפען, וואו עס האָט זיך אויסגעלאָזען דער חלום און עס האָט זיך אָנגעהויבען די ווירקליכקייט. איך האָב פון איר ניט אויפגעהערט צו טראַכטען. עס איז געווען ווי זי וואָלט מיט מיר די גאַנצע צייט געגאַנגען איבער דער גאַס און נערעדט פון זיך.

און אַז איך האָב זי דערזען, האָב איך זיך ניט פאַרוואונדערט. עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט וויסען, אַז איך וועל זי דערזען. אַ כעס האָט אין מיר געברענט. מיר האָט זיך געוואָלט זאָגען:

— פּראָסטיטוטקע !...

זי האָט זיך שטאַרק פאַרלאָרען. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף איר. איר פּנים איז געווען שטאַרק אָנגעפּוידערט. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב זי דערזען אָנגעפּוידערט. עס האָט איר שטאַרק ניט געפּאַסט. עס האָט זי נאָך אָרימער געמאַכט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ צו לייכטען רעקעל. איר איז געווען קאַלט. עס איז געווען אַ רחמנות צו קוקען אויף איר.

מיר זיינען געווען ניט ווייט פון פּאַרק. זי האָט עפּעס גאָר אומערוואַרטעט געמאַכט דעם פאָרשלאָג:

— קום אין פּאַרק.

זי האָט אפשר ניט געפונען וואָס צו זאָגען. איך האָב צוגע־שטימט. מיר זיינען געגאַנגען און געשוויגען.

עס איז שוין געווען אָוועגטליך, ווען מיר זיינען אריין אין פּאַרק. שווערע וואָלקענס האָבען ווי שוואַרצע רוחות געפּויזט

איבער'ן הימעל: א בייזער ווינט האט מיט אימפעט געשאקעלט די נאקעטע ביימער, און האט געבארען אין די נאקעטע צווייגען א טרוקענעם, אומצופרידענעם גערויש. ער האט געטריבען איבער די גאַסן, איינגעטריקענטע גראזען גאנצע הויפענס האלב־צופוילטע בלעטער, געטריבען, און געדרייט זיי, און געבויט גאנצע סלופעס פון גראז, שטויב און בלעטער.

קלארע האט זיך באמיעט צו זיין פרייליך. זי האט גערעדט עפעס אין דער וועלט אריין, אומנאטירליך געלאכט, און אריינגע־קוקט מיר אין די אויגען. און דאס האט איר אזוי שרעקליך ניט געפאסט. די פאלשקייט פון אירע באוועגונגען, פון איר געמאכטער לוסטיגקייט און פון אירע רייד האט מיר וויי געטאן. אפשר האט זי עס געטאן כדי ווייכער צו מאכען מיין שווערע שטימונג, אדער געוויינען מיך אויף איר זייט. אבער איך האב עס ניט געקאנט פארטראגען.

איך האב פלוצלונג געזאגט:

— זאג, פארוואס מאכסטו חוזק פון זיך אליין? פארוואס שפייסטו זיך אין דער נשמה אריין? פארוואס לייגסטו אזוי באַ־וואוסטזיניג? פארוואס ביזטו אזוי ניט אויפריכטיג? איך ווייס דאך: עס איז דיר שווער. דו קענסט אפילו ניט זינדיגען. עס פאסט ניט פאר דיר, און דו ווייסט דאס אליין. דו האסט געזאגט — פון זיך אליין נעמסטו נקמה. איצט ווייס איך: דאס איז גע־ווען א ליגען. דאס ווילסטו נעמען פון מיר, א שווערע נקמה, און דאך בלייבען א הייליגע. זינדיגען — און דאך בלייבען אין מיינע אויגען א הייליגע און א ריינע...

זי האט זיך אפגעשטעלט, א קוק געטאן אויף מיר, און האט זיך הויך אויפ'ן קול פאנאנדערגעלאכט. אפילו איר געלעכטער האט עפעס מאדנע פאלש און ליננעריש אפגעקלונגען מיט זיין געמאכטקייט אין דער קאלטער נאסער לופט.

— וואס לאכסטו?!

איך האב כמעט געשריען. די פוסטע האבען פון זיך אליין זיך גענומען ביילען.

זי האט מיך אנגעקוקט.

— גאט, וואס פאר א נארישקייטען דו רעדסט...

זי האָט מער ניט געקענט ריידען. זי האָט געשוויגען.

איך האָב פּלוצלונג אָנגעהויבען פילען, ווי די ערד וואָלט אונ־טער מיינע פיס פאַרשוואונדען. איך האָב אויפגערעגט גע׳טענה׳ט:

— אַז איך בין שוין אַזוי מיד פון דעם ליגען, אַז די גאַנצע וועלט איז אַ פאַרשעמטער ליגען. וואו מען גיט זיך אַ קער — אַ ליגען. איך האָב דאָך דעם גאַנצען לעבען געקאַרטשעט זיך פון ליגענס. געזוכט אַ וועג פון די ליגענס, געוואָלט אַנטלויפען פון זיי — און דו, וואָס דו ביזט געווען מיין מאַמע — האָסט מיט אַמאָל גענומען נאָכמאַכען, קרימען, ווי אַן אַקראָבאַט מיט דער נשמה, ווילסט כלומרשט דערלייזען דיין נשמה דורך זינד און דורך ליידען... דאָס איז דאָך אַ ליגען. אַ שרעקליכער ליגען! פאַרוואָס זעסטו דאָס ניט?!... פאַרוואָס זאָגסטו איצט ניט: ברוך, איך ליוג, באַוואוסטזיניג און נידעריג. איך ליוג פאַר זיך און פאַר דיר. פאַרוואָס זאָגסטו דאָס ניט? עס רעדט דאָך פון יעדען גליד דיינעם אַרויס. עס שרייט דאָך — און דו מאַכסט זיך, אַז דו הערסט ניט...

זי האָט פאַר׳עקשנ׳ט געשוויגען. איך האָב געוואַרט, אַז זי זאָל מיר עפּעס זאָגען, וואָס זאָל מיך באַרואיגען. איך האָב גע־דיינקט — זי וועט געפינען אַ פאַרענטפערונג, וואָס וועט מיך גלייך באַרואיגען. אָבער זי האָט געשוויגען. האָב איך ווידער אָנגע־הויבען:

— דו הערסט וואָס איך זאָג דיר: דו קענסט אפילו ניט זינדיגען. עס איז ניטאָ קיין שאַנד און קיין פאַרברעכען אין דיין זינדיגען, ווייל עס איז פאַלש.

מיר זיינען געווען אין יענעם טייל פון פּאַרק, וואו אַ געדריי־טער, שמאָלער שטעג פירט אין דער לייננג פון אַ גרויסער טיפער עפּענונג, אַזוי ווי אַ דורכגאַנג צווישען צוויי בערג. די עפּענונג איז געווען באַוואַקסען מיט הויכע ווילדע גראָזען, מיט ווילדע בוימער און קוסטעס. ניט ווייט פון דאָנען האָבען זיך געשוואַרצט אַ קופּע בוימער, וואָס האָט אין דער פינסטערניש אויסגעזען, ווי אַ וואַלד.

אַ קאַלטער ווינט האָט זיך געטראָגען איבער דער עפּענונג. די פינסטערניש איז געוואָרען געדיכטער, די קעלט — שטאַרקער. מיר האָבען זיך צוגעזעצט אויף אַן אַלטער באַנק, וועלכע איז אַהין

מסתמא צופעליג פארשלעפט געווארען. קלארע האט געציטערט פון מורא און קעלט, און האט זיך ניט וועלענדיג געדריקט צו מיר אלץ שטארקער און שטארקער. איך האב געוואוסט: עס שרעקט זי די פינסטערניש, די ווייטקייט פון שטאט און פון מענשען, די קעלט און מיינע בייזע רייד. זי האט זיך אבער ניט געוואלט אונטערגעבען, און האט ניט אויפגעהערט צו שווייגען און שפילען די ראליע פון א ניט שרעקעדיגער. עס איז אויף איר געווען שרעקליך צו קוקען — אזוי אויס האט זי אויסגעזען אין דער קעלט און פינסטערניש.

איך האב געווארט: אפשר וועט זי זאגען, אז עס איז צייט צו גיין אהיים. אפשר וועט זי זאגען, אז עס איז קאלט און זי האט מורא. און דאן וואלטען מיר אפשר ארויס פון וואלד און צוריקגעקערט זיך בשלום אין שטאט. אבער זי איז געווען איינגעשפארט און האט מיט קיין ווארט ניט אויסגעדריקט איר אויפריכטיגען וואונש. מיר זיינען לאנג געזעסען. איך בין געווען ניט ווייניגער איינגעשפארט — און געווארט.

עס איז געווען שוין שפעטליך. איך האב געזאגט:

— דו ביזט אזוי פאלש, אזוי פאלש... דו ביזט איצט אינגאנצען ווי אויסגעוועבט פון פאלשקייט. פארוואס זאגסטו ניט: ברוך, עס איז מיר קאלט, עס איז פינסטער, עס איז שוין שפעט, און איך האב מורא — לאמיר פון דאנענט אוועקגייען. פארוואס זאגסטו דאס ניט? עס איז דאך אזוי פשוט: עס איז דאך קאלט, עס איז דאך פינסטער, און יעדער מענש האט דאך מורא צו זיין ערגעץ, וואו עס איז פינסטער און קאלט, און וואו מען קאן א לעבעדיגען מענשען ניט באגעגענען... פארוואס זאגסטו ניט, אז דו האסט מורא, אז עס קלאפט דיר א צאן אן א צאן?... זאג, פארוואס?

זי האט זיך שטיל אפגערוקט פון מיר, און האט געשוויגען. בלויז די אויגען אירע האבען געגלאנצט ווי פייערלעך אין דער פינסטער. זי האט אריינגערוקט די הענט אין די ארבעל פון איר מאנטעל און האט געשוויגען, א צונויפגעקארטשעטע.

נאכדעם האט זי זיך מיט אמאל א הויב געטאן און האט געזאגט:

— דו ביזט אן עגאאיסט. נו, זאג אליין, וואס ווילסטו נאך? איך האב אלץ צוליב דיר געטאן. וואס האב איך ניט געטאן? זאג, וואס האב איך ניט געטאן? אלץ האב איך געטאן.

זי איז געשטאנען קעגן מיר און היסטעריש געשטרעקט צו מיר אירע הענט און גע׳טענה׳ט:

— אלץ האב איך געטאן. וואס נאך זאל איך טאן? אט בין איך א קליינע, א שוואכע, מיין נשמה איז שוין צוריסן, איך האב שוין קיין הארץ ניט. איך האב ניט קיין נאמ און קיין מענ־שען. מיין וועלט איז פוסט... וואס ווילסטו?

זי האט גערעדט — און איך האב אלץ מער און מער געפילט, ווי די הימלען האבן אראפגענידערט און געבליבען הייגנען איבער מיין קאפ, שווערע, אומ׳ברחמנות׳דיגע. דער אטעם האט געשטיקט און דעם האלז געווארגען עפעס. עס איז געווען מאדנע, וואס קלא־רע האט אזוי גערעדט, מיט אזוי פיל איינגעהאלטענער שנאה. זי האט גערעדט און אלץ געשטאנען מיט די אויגען קעגן מיר, גע־קראכען מיט די הענט מיר אין פנים — און די גאנצע געציטערט פון קעלט.

און דאן, גאר אומערווארטעט האט זי מיר א פאטש געטאן אין פנים.

אויף א רגע האט זיך עפעס ווי די גאנצע וועלט א שאקעל געטאן. איך האב זיך אינסטינקטיוו אווארף געטאן צו איר. זי האט זיך דערשראקען פאר מיין באוועגונג און האט זיך געלאזען לויפען אין דער לייננ פון דער עפענונג, אין דער ריכטונג, וואו עס האבען זיך געשווארצט די ביימער. און אין דעם זעלביגען מאמענט.

— איך האב עס נאך דאן ניט באגריפען — האבען זיך אין מיר די בלוטען אנגעצונדען, און איך בין, ווי א ווילדער, געלאפען נאך איר, און אין מיר האט נאך יעדען טראט מיינעם אלץ שטארקער אויפגעפלאקערט דאס געפיל פון א חיה, וואס יאגט זיך נאך רויב:

— דעריאגען, אומווארפען, דערשטיקען און פארצוקען... און ווען איך האב זי אנגעכאפט פאר די קליידער האט זי זיך, צום לעצטען מאל, א ריס געטאן און האט אפשר ניט וועלענדיג א געשריי גע־טאן, פארשטיקט און פאלש, און גאר אומערווארטעט, א פאל גע־טאן צו דער ערד.

איך געדיינק, זי איז געפאלען מיט'ן פנים צו דער ערד, און האט זיך באלד אומגעקערט אויפ'ן רוקען, מיט'ן פנים ארויף. אין מיין קאפ איז אין דעם זעלביגען מאמענט דורכגעלאפען א געדאנק, אז דאס איז א ביטערער איינפאל, דורך אונטערטעניקייט אפשוואכען מיין צארען, אזוי ווי דאס טוען קליינע, שוואכע הינטלער, ווען עס באפאלט זיי א שטארקערער הונט אדער חיה. איך האב זיך שוין אבער ניט געקענט אפשטעלען, באהערשען זיך, און מיינע טרוקענע און קאלטע פינגער האבען זיך איינגעגראבען אין דעם ווייכען,ווארימען האלז, ווי מיט אייזערנע צוואנגען צוזאמענגעדריקט דעם גארגעל, און געדריקט, געדריקט...

און דריקענדיג אזוי דעם לאנגען און דין געווארענעם האלז, האב איך מיט דעם פולען באוואוסטזיין באגריפען, אז איך טו עפעס שרעקליכעס, און אז ניט אימיצען אנדערש ווערגען דאס מיינע פינגער, ניט אימיצענס לעבען רייסט זיך אונטער זיי, נאר אז איך שטיי איבער זיך אליין און טו עפעס שוידערליכעס איבער מיין אייגען לעבען...

איך האב געטראכט:

— גאט מיינער, וואס טו איך דאס מיט זיך? וואס טו איך דאס מיט זיך?!...

און מיר האט זיך געדוכט: די פינסטערניש קוקט אויף מיר מיט אפענע אויגען, מיט דערשראקענע אויגען, און די אויגען אירע עפענען זיך נאך ברייטער און ברייטער מיט יעדער קאנוואולסיע פון קלארע'ס קערפער, און די גאנצע וועלט שרייט און ליארעמט מיט א פארשטיקטע, הייזעריגע, שרעקליכען קול:

— וואס טוסטו?!... וואס טוסטו?!... וואס טוסטו?!...

אזוי ווי איך וואלט אונטערגעגראבען די זיילען, אויף וועלכע עס האלט זיך נאך דער אראפגעגידערטער הימעל, אזוי ווי איך וואלט פארניכטעט די יסודות, אויף וועלכע עס האט זיך נאך געהאלטען דאס לעצטע ביסעל לעבען אויף דער וועלט. אזוי ווי טויזענטער, מיליאנען שרעקליכע גלעקער וואלטען געריסען די לופט און די הימלען און אויפגעשראקען אלעס לעבעדיגעס:

— וואס טוסטו?!... וואס טוסטו?!...

פאר מיר איז שוין אבער איצט געווען אלץ איינס:

זאָל זיין איך טו עפּעס מורא׳דיגעס, זאָל זיין, אָבער איך וועל אָט דאָס שרעקליכע פאַרענדיגען. און וואָס שוידערליכער, גרויזאַמער און וואַנזיניגער די טאַט — אַלץ בעסער. אַלץ בעסער... זאָל פאַרזינקען מיין נשמה אין דעם אומבאַגרייפליכען און אומענדליכען גרויל פון אויביג־נאַגענדיגען ווייטאָג. זאָל, זאָל, זאָל...

— —

איך ווייס ניט פאַרוואָס עס איז אין מיין מח געבאָרען געוואָרען אַ צווייפעל: אפשר לעבט זי נאָר און פאַרשטעלט זיך נאָר, אַז זי איז טויט?...

איך האָב זיך איבערגעבויגען איבער איר, און שטיל גערופען עטליכע מאָל:

— קלאַרע!... קלאַרע!... קלאַרע!...

פאַלש האָט געקלונגען מיין שטימע. און איך האָב זיך פאַר זיך אַליין דערשראָקען. עס האָט מיך ארומגעכאַפּט אַ געפיל פון פאַרלאָרענקייט, איינזאַמקייט און אימא, און איך האָב שטאַרק אַן אויפגערעגטער, געטרייסעלט דעם קערפּער, דעם באַוועגלאָזען קערפּער פון קאַלרע׳ן, אָנגעכאַפּט זיך מיט ציטערענדיגע הענט פאַר אירע פּלייצעס און ניט אויפגעהערט צו רופען און בעטען זיך:

— נו, קלאַרע, טייערע, ענטפער!... קלאַרע. איך האָב דאָך דיך אַזוי ליב... פאַרוואָס מוטשעסטו מיך אַזוי?... נו, ענטפער: דו לעבסט דאָך?... זאָג: יע. זאָג, אַז דו לעבסט... זעסט: איך וועל משוגע ווערען. איך וועל זיכער משוגע ווערען...

איך האָב כמעט געוויינט. און די באַוועגלאָזע מאַסע, וואָס האָט זיך אַמאָל גערופען קלאַרע האָט שווער און אומערבאַרעמדיג געשוויגען. האָב איך זיך גענומען בעטען מיט טרערען, געוויינט און געיאָמערט, און ווי אַ וואַנזיניגער, צוגעפאַלען צום קערפּער, געקושט דעם פּנים, די האָר, די פיס, די קליידער אירע, און ניט אויפגעהערט צו גלויבען, אַז עס וועט געשען אַ נס, אַז זי וועט צוריק לעבעדיג ווערען, און איך וועל, אַ באַפרייטער, גיין מיט איר געאָרעמט, ווי מיט עטליכע שעה צוריק. און עס וועט פאַרשווינדען דער גרויל פון מאָמענט, און עס וועט פאַרשווינדען דער טויט, וואָס האָט זיך פאַרקליבען אין דער טיפעניש פון מיין נשמה — און געהערשט...

דערנאך האט מיך באהערשט א מאדנע גלייכגילטיגקייט. עס איז געווען געענדיגט. איך האב זיך אויפגעהויבען, זיך ארומגעקוקט: עס איז געווען אזוי פינסטער, אז עטליכע טריט ווייטער פון זיך האב איך גאר ניט געקענט זען. דער ווינט האט זיך נאך אלץ ניט איינגעשטילט, און האט פון ערגעץ ווייט געבראכט צו־טראגען גרויסע טראפענס רעגען און געשמיסען מיט זיי מיר אין פנים אריין.

לעבען מיינע פיס, אויף דער ערד, האט זיך געשווארצט קלארע׳ס קערפער. איך בין נאך א ווילע געשטאנען — און גע־לאזען זיך גיין פון פארק. איך האב כמעט ניט געטראכט פון דעם מארד, וואס איך האב ערשט באגאנגען. עס איז בלויז געווען טרויעריג און אומפארשטענדליך: אט גאר ניט לאנג צוריק בין איך געגאנגען מיט קלארען, און איצט גיי איך אליין... איינער אליין. און קלארע ליגט דארט אליין, און איז ניט מיט מיר... און אפשר איז דאס א חלום, אז קלארע איז דא אמאל געווען מיט מיר, אפשר איז דאס בלויז א חלום?...

IV

אין נעבעל.

1.

מיין לעבען איז געקומען און אפגעשטעלט זיך ביים ברעג פון אן אפגרונט: איין טראט — און אלץ וועט פארשווינדען, דאס גרויסע און דאס קליינע. און דאס וואס איז געווען וויכטיג און הייליג האט מיט אמאל פארלארען די באדייטונג און געווארען נישטיג און נאריש.

איך האב אלע מאל געטראכט: דאס לעבען איז לאנגווייליג, מאנאטאן, און שווער דערפאר, וואס קיין גרויסע פאסירונגען קומען

ניט פאר אין לעבען. זאל עפעס פאסירען — און איך וועל באַ־
פרייט ווערען, אנהויבען צו לעבען א נייעו לעבען.

און אט האט פאסירט דאס גרויסע. קלארע איז ניטא. איך
האב זי מיט מיינע הענט דערשטיקט אין א פינסטערען פארק —
און קיין באפרייאונג איז ניט געווען. איך בין געשטאנען ביים
לעצטען ראנד. די נעצען זיינען פון מיר ניט אראפגעפאלען, נאר
נאך שווערער ארומגעפלאכטען פון אלע זייטען מיין לעבען און
צוגעדריקט מיין גייסט מיט אייזערנע צוואנגען. איך האב עס
פארשטאנען באלד, ווי איך בין ארוים פון פארק.

איך בין ארוים פון פארק. פאר מיינע אויגען האט זיך אנט־
פלעקט די שטאט מיט אירע מיליאנען פייערען, וואס האבען גע־
קוקט צו מיר אנטקעגען פון די געביידעס, פון די לאמטערנעס,
פון די שילדען און וויטרינען. איך האב זיך אינסטינקטיוו א קער
געטאן צום פארק און אריינגעקוקט אין זיין געהיימניספולער פינ־
סטערניש, און מיר האט זיך אויסגעדוכט, אז איך זע דארט קלארע'ן,
ווי זי ליגט ביים ברעג פון דער ערעפענונג, און ארום איר — דער
גרויל און דער חושך...

— גאט מיינער, איז דאס טאקע אמת, האב איך ווירקליך
קלארע'ן דער'הרג'עט אט מיט א די הענט?... — האט אימיצער
אין מיר, א דערשראקענער און אן אומגליקליכער געשריען
און דעם טויזענטען מאל געפרעגט, נעיאמערט. און געענטפערט
האט בלויז דאס בילד פאר די אויגען: עס ליגט קלארע אויף דער
הוילער קאלטער ערד, און איבער איר, ווי א חיה איבער איר רויב,
טוט אימיצער א נאענטער, א באקאנטער ביז משוגעת עפעס שרעק־
ליכעס.

— דאס ביזטו!...

אימיצער האט אין מיר א דערשראקענער ניט אויפגעהערט
אויף מיר צו טייטלען מיט זיינע פינגער.

און אז איך בין געקומען אהיים, בין איך עטליכע שעה נאכ־
אנאנד ארומגעגאנגען היז־און־צוריק איבער'ן צימער, און גערוי־
כערט איין סיגארעטעל נאכ'ן צווייטען. איך האב זיך געוואלט
איינשמועסען, אז איך בין גלייכגילטיג. אז דאס, וואס עס האט
ניט לאנג פאסירט אין פארק איז געווען א נויטווענדיגקייט, און

דערפֿאַר בין איך צופֿרידען, און עס אַרט מיך ניט, וואָס איך האָב עס געטאָן. איך האָב זאָגאָר געפּרוּאווט שמייכלען, אָבער איך האָב געוואוסט, אַז דער שמייכעל איז פֿאַלש און נאַריש.

שפּעטער ווען איך האָב זיך צוגעזעצט צום טישעל און צו־פֿעליג דערזען מיין פּנים אין שפּיגעל, וואָס איז דאָ געשטאַנען, האָב איך זיך כּמעט ניט דערקענט. מיין פּנים איז געווען טויטליך בלייך, די אויגען — מיד און טיפֿער ווי געוויינליך איינגעפֿאַלען, די האָר צושויבערט. און דאָס אַלץ האָט עפּעס גאָר ניט דערמאָנט אָן מיר, נאָר עפּעס אָן אַ העלד פֿון אַ דראַמע, וואָס איך האָב ערגעץ אַמאָל געזען. דאָס איז געווען ניט איך. דאָס איז געווען מיין סילועט, מיין שאָטן, אָדער אַ בילד פֿון מיר געמאָלען מיט מאַטע, קוים זעבאַרע פֿאַרבען.

איך בין צוגעגאַנגען צום פֿענסטער. אין דרויסען איז געווען ווי פֿריער — קאַלט און פֿינסטער. איך האָב געטראַכט: וואָס איז עס אַזוינס — פֿינסטערניש? פֿאַרוואָס האָבען מיר אַזוי מורא פֿאַר פֿינסטערניש? אפֿשר האָבען מיר מורא דערפֿאַר, וואָס מיר קענען ניט דורכדרינגען מיט אונזער אויג דורך אירע פֿאַרבאָרגענע טיפֿענישען און זען וואָס זי באַהאַלט פֿון אונז? און אפֿשר איז עס דערפֿאַר וואָס אונז דאַכט זיך, אַז זי באַהאַלט פֿון אונז אונזערע שונאים, וואָס לויערען איבער אונז, באַנוצען זיך מיט דעם גאַטיר־ליכען צודעק און גרייטען אין דער באַהעלטעניש דאָס שרעקליכע פֿאַר אונז?.. און אפֿשר דערפֿאַר וואָס אַ מענש איז בכלל געוווינט אין דער פֿינסטערניש, ווען ער אַליין איז אָפּגעזונדערט אין זיין אייגענער וועלט אַן אומזעבאַרער — צו פֿאַרברעכענס?... און פֿאַרוואָס האָבען קליינע קינדער, גאָר אומשולדיגע נשמה׳לעך, מורא פֿאַר פֿינסטערניש? און אַט האָבען דאָך אמת׳ע פֿאַרברעכער גאָר קיין מורא ניט פֿאַר פֿינסטערניש, נאָך מער — זייער וועלט איז פֿינסטערניש, און בלויז שוואַכע ניט פֿאַרברעכערישע מענשען האָ־בען דווקא מורא...

עס איז געווען מאָדנע וואָס מיין מאַרך האָט אויפֿגענומען דעם געדאַנק וועגען פֿינסטערניש. עס איז ניט געווען דערביי קיין באַ־וואוסטזיניגער ציל צו לייזען אַ געדאַנקען פּראָבלעם. ער איז גע־קומען צופֿעליג. און אפֿשר טאַקע דערפֿאַר, וואָס די פֿינסטערניש

איז געווען דער איינציגער עדות פון דעם מארד אין פארק, און איך האב געפילט איר אנוועזנהייט די גאנצע צייט, און איצט שטייענדיג לעבען פענסטער האב איך זי נאך אמאל דערפילט.

איך האב נאך אמאל ארויסגעקוקט אין דרויסען, און נאך אמאל דערזען דאס בילד אין פארק: עס האט זיך מיט א טויטער אומבאוועגליכקייט אוועקגעשטעלט אנטקעגען די אויגען. איך האב געוואוסט, אז דאס האבען מיינע אויפגערודערטע נערוועז מיך ניט געלאזען רוען, דאך האב איך זיך, א דערשראקענער, אוועקגעזעצט אויפ'ן שטול, און געציטערט מיט אלע אברים, און געפילט דערביי א מאדנע ענגקייט, וואס האט מיך געדריקט פון אלע זייטען.

און נאך אמאל האב איך א טראכט געטאן: פארוואס האב איך מורא פאר פינסטערניש? און די געדאנקען האבען געארבייט אין דער זעלביגער ריכטונג. יע. מיר זיינען געוויינט צו באגיין פארברעכענס, ווען מיר זיינען אין דער פינסטערניש — דערפאר איז די מורא.

און נאכדעם: ניין, דער געדאנק איז פאלש. אויב עס איז אזוי, טא פארוואס לעבט אין אונז די אומבאגרייפליכע מורא פאר פינסטערניש, ווען מיר זיינען קליינע קינדער? זיינען דען קינדער געוויינט צו פארברעכענס, צו מארד? עס איז דאך א פאקט, אז דוקא מענשען, וואס קענען באגיין א פארברעכען, האבען ווייניגער פון אלץ מורא פאר פינסטערניש. נאר אין דער פינסטער זעען זיי דאס, וואס זיי קענען ניט זען בייטאג.

איך האב זיך שטארק דערפרייט, וואס איך האב ענדליך אינגאנצען באזיגט די פראבלעם... אזוי ווי א פאקעל וואלט מען אנגעצונדען, און צוטריבען די שווארצע שאטענס, וואס האבען ארומגערינגעלט. עס איז מיר געווארען אויף א מאמענט לייכטער אויף דער נשמה, און עס האט זיך מיר געוואלט גלויבען, אז אט וועט די נאכט פארשווינדען באלד, און אז עס וועט אנקומען דער טאג, וועט ווערען ארום ליכטיג, און אלץ וועט זיין פארשטענדליך. דאס לעבען וועט אוועקגיין אויף א נייען, גלייכען וועג...

איך ווייס ניט גענוי ווי איך האב איינגעשלאפען יענע נאכט, נאר ווען איך האב זיך אויפגעהויבען פון פלאץ איז שוין געווען טאג, איך האב ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער. אין דרויסען איז

געוועז שטיל און גרוי, ווי אין אלע הערבסטיגע פרימארגענס. דער קאפ האט מיר ווייגעטאן. דעם קערפער האט געווארפען א שמערצ־ליכע קעלט, און דאס הארץ האט גענאגט, גענאגט...

איך האב אנגעטאן דעם מאנטעל, און עפעס מאדנע איילענ־דיג ארויס פון הויז. נאך גייענדיג פון די טרעפ, האט מיך א שרעק־קענדיגער געדאנק באהערשט: אפשר וועלען מיך מענשען אנכאפען אויף דער גאס און מיך ווילד באפאלען, ווי א מערדער? אפשר שטייען זיי שוין דארטען? איך וועל נאר ארויסגיין פון דער לעצטער טיר — און זיי וועלען זיך צונויפקלייבען פון אלע זייטען, וועלען מיט מיר טאן עפעס שרעקליכעס, וועלען א ווילדע נקמה פון מיר נעמען. און מיר איז ווידער ענג געווארען, מיר האט זיך געדוכט: איך וועל דערשטיקט ווערען אין דער ענגקייט פון דער וועלט, אזוי ווי די הימלען וואלטען אלץ נידעריגער געדריקט איבער דער ערד. און נאך האב איך געטראכט; ווי וועל איך איצט קאנען לעבען, טאן אלץ וואס מיט א טאג צוריק, אז דאס לעבען פון דאן האט זיך איבערגעריסען, און דאס לעבען פון היינט איז גאר אן אנדערער?

איך בין אומגעגאנגען איבער די גאסען און געטראכט: אפשר וועל איך זיך דערוויסען פון מענשען, פון צייטונגען וועגען דעם מארד אין פארק. אלעס איז אבער געוועזן ווי שטענדיג: דאס לעבען ארום האט זיך גאר ניט געענדערט, אזוי ווי עס וואלט גאר ניט פאסירט. אזוי ווי נעכטען שפעט אין אוונט וואלט ניט דער־שטיקט געווארען א מענשענס לעבען אין דעם געהיימניספולען און פינסטערען פארק. ערשט נאך מיטאג זיינען ארויס די צייטונגען מיט גרויסע קעפלעך: „א געהיימניספולער מארד אין פארק." „דער מערדער ניט געכאפט". „דאס גאנצע פאליציי פון שטאט אויף די פיס צו זוכען דעם מערדער"... „זיינע פינגער־צייכענס זיינען דייטליך אפגעדריקט אויפ'ן האלז פון קרבן"... און א ו. די צייטונגען האבען אויף אלערליי אופנים געזוכט צו טרעפען ווי אזוי דאס האט פאסירט... און זיי האבען גאר ניט געוואוסט, אז איך בין ארומגעגאנגען איבער די גאסען, געלייענט זייער טאפען אין דער פינסטערניש און געטראכט, אז אט שטיי איך דא און

לייען, און אליין ווייס איך אלץ. קיינער ווייס ניט, און איך ווייס אלץ, אלץ, ביז דעם לעצטען שרעקליכען, מעגליכען באגריף...

2.

די גאנצע נאכט האבען מיך שווערע קאשמארען ניט געלאזט רוען. פאנטאסטישע זעאונגען, אומגעלומפערטע און ווילדע האבען אומגעשוועבט אין מיין קאפ, געפלאנטערט זיך אין פארשידענע פארמען פון פאנטאסטישע ברואים, וואס האבען געלויערט און געדראט פון אלע זייטען. איך האב זיך עטליכע מאל אויפגעזעצט אויפ'ן געלעגער, שווער אפזיפצענדיג, און ווידער געווארפען זיך מיט'ן קאפ אין קישען. אונטערגעבענדיג זיך דעם אומבאזיגבא־רען אנפאל פון שלאף. ערשט שפעט נאך האלבע נאכט האבען מיך די חלומות אפגעלאזען, און ווען איך האב זיך צום לעצטען מאל אויפגעכאפט איז שוין געווען ליכטיג.

דאס ערשטע וואס איז מיר געקומען אויף די געדאנקען איז געווען: — באנייען זעלבסטמארד. עס איז געווען אזוי פשוט און פארשטענדליך: עס איז ניט געווען צוליב וואס צו לעבען, ניט כדאי... אין הארצען איז נאך געווען דער זעלבינער נאגענדיגער ווייטאג. איך האב זיך א צי געטאן, און געוואלט זיך איבערקע־רען אויף דער צווייטער זייט, און אין דעם זעלבינגען מאמענט האב איך דערפילט א מאדנע שווערקייט אין גאנצען קערפער. א קריינק־ליכע אפגעשוואכקייט האט געצווינגען יעדער גליד. און פלוצלונג האב איך זיך פארהוסט. דער הוסט האט ארויסגערופען א שאר־פען פיינליכען ווייטאג אין זייט, אין רוקען, אין ברוסט. איך האב אויסגעשפיען — און דערזען — ב ל ו ט, א געדיכטען, שווארצ־ליך־רויטען טראפען בלוט...

איך קען אט יענעם מאמענט ניט פארגעסען. איך, וואס האב שוין איבערגעלעבט עטליכע בלוט־שטורצען, וועלכע האבען מיך יעדעס מאל אזוי דערנעענטערט צום טויט — ווער איצט א פאר־ציטערטער ווען איך דערמאן זיך אן דעם מאמענט ווען איך האב

צום ערשטען מאל ארויסגעהוסט בלוט. די גאנצע וועלט, דאס גאנצע לעבען, די פארגאנגענהייט און די צוקונפט — אלץ האט זיך מיט איין מאל קאנצענטרירט אט אויף דעם שווארצליך־רויטען טראפען. אזוי ווי די באגריפען פון צייט און רוים וואלטען מיך מיט אמאל פארלאזען, און עס וואלט ניט געווען קיין זאך אויף דער וועלט, וואס זאל פאר מיר עקזיסטירען אויף דער וועלט אויסער אט דעם טיקעל רויטער מאטעריע...

א קאלטער שוויים האט באדעקט מיין שטערען, דעם גאנצען קערפער האט אנגעהויבען ווארפען א קאלטער ציטער. און ערגעץ טיף אין מיין מארך איז געבארען געווארען א שארפער, בייזער געדאנק: — פארפאלען!... אזוי ווי לעבעדיג האט זיך דאס ווארט איבער מיר אוועקגעשטעלט.

איך האב זיך אויסגעצויגען אויפ'ן רוקען, געוואלט טראכטען וואס איך זאל אנהויבען צו טאן, וואס זאל זיין מיין ערשטער שריט — און האב ניט געקענט. אין מיין קאפ זיינען מיט אן אומגע־הייער שנעלקייט געבארען געווארען און אויסגעלאשען געווארען טויזענטער נייע און אלטע מחשבות. ווי אפגעריסענע וואלקענד־לעך אויף א פארצארענטען הימעל האבען זיי אומגעשוועבט אין מיין מארך.

מיר האט זיך געדוכט — איך האב עס כמעט געפילט, אז א גרויסע שלאנג האט ארומגעוויקעלט, ארומגעפלאכטען מיין קערפער, און מיט איר קאפ זיך איינגעטרונקען, ווי א פיאווקע אין מיין ברוסט, און צופט און זויגט, און פארניפטעט מיין בלוט. צום האלז זיינען צוגעלאפען טרערען, האבען געשטיקט און געווארגען, און ניט געלאזען אטעמען. דער גאנצער בין איך געווען איינגע־טונקט אין שוויים און די פיס האבען געציטערט ווי אין שרעק־ליכע קאנוואולסיעס.

און מיט אמאל האב איך זיך דערמאנט: מיין מוטער איז געשטארבען פון דער „טשאכאטקע!" — און עס איז מיט אמאל אלץ געווארען פארשטענדליך און איינפאך, אזוי ווי מען וואלט אין א פינסטערען צימער פלוצלונג אנגעצונדען א ליכט, און מען וואלט מיט איין מאל דערזען אלץ: דעם טיש, די שטולען און די

ווענט מיט אלע בילדער אויף זיי, און מיט אלע קליינינקייטען וואס זיינען פאראן אין צימער.

און ערשט נאכדעם איז מיר געקומען אויף די געדאנקען קלא־רע: איך האב זיך געוואונדערט: ווי האב איך זי געקענט פאר־געסען? אלע מאל איז געווען אזוי, אז וואס איך זאל ניט טאן, פון וואס איך זאל ניט טראכטען, וואס עס זאל מיט מיר ניט זיין — פלעג איך עס אלע מאל פארבינדען מיט קלארע'ן, אזוי ווי א צווייטע נשמה וואלט זי פאר מיר געווען, אזוי ווי א געוויסען האט זי מיך נאכגעפאלגט אויף יעדען שריט און טראט.

קלארע... איר בילד איז אויפגעשטאנען פאר מיר לעבעדיג. מיר האט זיך געדוכט: זי זיצט נאך דארטען אויף דער סאפע, ווי אנומעלט, ווען איך בין קראנק געווען, זיצט אין דער זעלביגער פאזע, אזא נאענטע, אזא ליבע, און קוקט אויף מיר מיט אירע טיפע שווארצע אויגען.

— קלארע, קלארע!... — האט זיך מיר געוואלט רופען, און שרייען, און עס האט זיך אזוי געוואלט, אז עס זאל געשען א נס, אז קלארע זאל זיך מיט אמאל אפטיילען פון דער סאפע, צוגייען צו מיר, צודריקען מיין קאפ צו איר ברוסט, ווי א מאמע, און רייד־דען און טרייסטען, און פון אירע אויגען זאל פאלען אויף מיין קאפ א טרער, אן אויפריכטיגע טרער. און נאך אמאל האט זיך געוואלט וויינען....

דעם גאנצען טאג בין איך געלעגען אין בעט. אלץ געוואלט זיך טרייסטען, געוואלט זיך איינשמועסען, אז דער טראפען בלוט איז ניט ד א ס. און אז עס פלעגט מיך אנהויבען שטיקען דער הוסט, פלעג איך זיך מיט אלע כחות איינהאלטען, אנשטרענגען זיך, איינהערען זיך אין דער ווירקונג וואס דאס מאכט אויף מיין ארגאניזם.... קיין בלוט האט זיך ניט באוויזען דעם גאנצען טאג. אין אוונט האב איך זיך ווידער שטארק פארהוסט — און עס האט זיך ווידער באוויזען — בלוט. האב איך שוין פארשטאנען. אז דאס איז עס טאקע.

ערשט אין אוונט בין איך אראפ פון בעט. איך בין גע־שטאנען לעבען פענסטער און געקוקט ווי איבער דער גאס האבען ארומגעשפאנט אומעטיגע פיגורען פון מענשען, באוואפענט מיט

שווארצע נאסע שירעמס, פרעמדע, אלע פארוויקעלטע אין א שלייער פון געהיימנים, מיט אייגענע געדאנקען און פארלאנגען. ווייסען זיי עפעס פון מיר? פארוואס גייען זיי ניט ארויף צו מיר אין צימער און זאגען ניט: קום, מיר וועלען דיך באפרייען?!..

מיט שטילע טריט האט זיך אנגערוקט די נאכט. און מיט איר איז אנגעקומען עפעס שווערעס, אומגעהייער גרויסעס, ווי א וואלקען. האט אנגעפילט יעדען ווינקעל, יעדען ליידיגען פלאץ. פון אלע זייטען האבען זיך געצויגען שאטענס, און די שאטענס זיינען עפעס ווי געקראכען אין מיין נשמה אריין און פארפינסטערט אלץ ארום.

אין טיר האט מען אנגעקלאפט. איך האב זיך דערשראקען. קיינעם האב איך ניט ערווארטעט צו זיך. אפשר איז דאס פאליציי? אין דער ברוסט האט א נאג געטאן א שארפער ווייטאג, אזוי ווי עפעס וואלט צוזאמענגעדריקט מיין הארץ און וואלט עס א שליידער געטאן אין א טיפען ווייטען אפגרונט. נאכדעם בין איך שנעל געקומען צו זיך. און הייסענדיג אריינקומען, בין איך געווען גלייכגילטיג און קאלט.

אין צימער איז אריין מיין באקאנטער מיט דער קוליע. ער האט זיך שווער אריינגערוקט אין צימער.

— פארוואס צינדט איר ניט אן די גאז. עס איז דא ביי אייך אזוי פינסטער...

איך האב עפעס גאר ניט געפונען וואס צו זאגען. ער האט זיך צוגעזעצט אויף דעם שטול לעבען טיש, האט געקוקט אויף די זאכען און געשוויגען. מאדנע געשוויגען. מיר האבעןביידע עטליכע מינוט געשוויגען. נאכדעם האט ער זיך אפגערופען:

— צוויי מאנאטען, אז איך זוך אייך, און קוים געפונען... וואוינט איר, הייסט עס, אט אין דעם קליינעם צימער. נו, און וואו איז קלארע?

— קלארע?

איך האב זיך אפגעשטעלט און גלייך ארויסגעפלאצט:

— קלארע? המ... זי איז א פראסטיטוטקע, קלארע. איר ווייסט דען ניט? זי איז פון מיר אוועק, געלאזען אייגעם אליין... און איצט איז זי א פראסטיטוטקע...

ער האט געקוקט אויף מיר, און עפעס ווי ניט געגלויבט מיינע רייד.

— וואס קוקט איר אויף מיר? איר גלויבט ניט? איך זאג דאך אייך: זי איז א פראסטיטוטקע, אפשר א גאסען פרוי, און זי האט פאר׳סמ׳ט דאס קינד. איר געדיינקט דאך דאס קראנקע קינד, נו, האט זי עס גענומען און פאר׳סמ׳ט!

ער האט געשוויגען. איצט האט זיך מיר אזוי געוואלט ריידען. איך האב געזאגט:

— יע. אט אזא איז זי קלארע. א קליינע, אן אונטערטע־ניגע, א שטילע, האט זי די גאנצע צייט ארומגעטראגען א שלאנג אין הארצען. אזא איז זי. און ווער האט עס אויף איר געקאנט גלייבען? אזא קליינע, אזא שטילע און רואיגע, האט זי געהאט כח פאר׳סמ׳ען דאס קינד און אוועקגייען פון מיר, און נאכדעם ווערען א פראסטיטוטקע... און איר מיינט — זי איז ניט געקו־מען צו מיר? איך שווער אייך, אז זי איז דא געווען. געווען און ווידער אוועקגעגאנגען. איך בין קראנק געווען. אז איך בין געזונט געווארען האט זי זיך אויפגעהויבען און אוועקגעגאנגען.

ער האט זיך צוגעהערט צו מיינע רייד, און אלץ געקוקט ארום אויף די ווענט, באטראכט דעם צימער, און געווען מאדנע פאר־וואונדערט, פון אלץ און נאך מער, ווארשיינליך, פון מיר אליין. איך האב עס געזען. ער האט ענדליך געזאגט:

— הערט: איך האב אייך צוויי חודשים געזוכט, און אט האב איך אייך געפונען... עס איז ווירקליך... נו, ווי זאל איך אייך זאגען... ניט דאס. איר זיינט אזוי אלט געווארען — און דאס איז דאך פאר צוויי חודשים! איז עס טאקע אמת וואס איר האט ערשט געזאגט?

איך האב זיך שרעקליך צולאכט. איך אליין האב זיך דער־שראקען פאר דעם פלוצלינגען געלעכטער:

— כא־כא!.. איר פרעגט צי עס איז אמת? איר פרעגט נאך? וואס ווערט איר זאגען, אז איך וועל אייך דערציילען אלץ? איר הערט, איך האב אייך דערציילט א טויזענט־חלק, בלויז איין טויזענטעל פון אלץ, וואס עס האט פאסירט — און איר קענט שוין ניט גלויבען...

און דאן האט עס מיך ארומגעכאפט אט דער שרעקליכער צווינגענדינער פארלאנג אויסצוזאגן אלץ. א תאוה'דיג, האט אט דאס געפיל אויפגעפלאמט אין מיר די בלוטען, האט א קלאפ געטאן אין קאפ מיט אן אומגעהייערער קראפט — און האט פארטומעלט אלע מעגליכע פארזיכטיגקייטען, פארטונקעלט די געהירען און פאר־שטעלט, א צאפלענדיגען, מיך ארויסרייסען פון ברוסט דאס הארץ און אוועקגעבען אט דעם פרעמדען מענשען. עס איז שוין ניט געווען קיין כח וואס זאל אפשטעלען אט דאס גרויסע געפיל פון מורא'דיגער, אלץ פארשלינגענדיגער און אונטערטעניגענדער תאוה. איך האב זיך איינגעבויגען הארט צו אים און מיט א פארשטיקטען אטעם געזאגט:

— איך האב זי דער'הרג'עט. איך הערט: איך האב זי מיט צוויי טעג צוריק. שפעט אין דער נאכט דערשטיקט אין פארק... איר האט עס דאך זיכער געלייענט אין די צייטונגען. די שטאט איז דאך פול מיט דעם מארד... איר הערט: דאס האב איך קלא־רע'ן דערשטיקט...

און אז איך האב דאס שוין ארויסגעזאגט, האב איך זיך אויף איין רגע בארואיגט, און נאכדעם גלייך געווארען אומרואיג. צום ערשטען מאל האב איך זיך דערפילט דערשראקען, אין דער אנ־וועזענהייט פון א מענשען. איך האב פאר אים מורא געהאט.

ער האט געשוויגען. איך בין געווען אונמגעדולדיג:

— וואס שווייגט איר?! איך האב אייך ד א ס געזאגט — און איר פינטעלט מיט די אויגען, און שווייגט?!... ווייסט איר, אז נאר איך, און איר, און גאט — און מער ווייס ד א ס קיינער ניט? פארוואס, שווייגט איר? איך בעט אייך, רעדט!...

און עס איז געווען אזא מאמענט, אז ער וואלט נאך ניט גערעדט וואלט איך זיך אויף אים געווארפען מיט די פויסטען, אזוי אויפגעציטערט בין איך געווארען פון זיין שווייגען. ער האט גע־זאגט:

— איר... איר זיינט משוגע! איז עס טאקע אט דאס טאקע אמת?... עס קען ניט זיין! איר האט עס געטאן?!..

ער האט אזוי מאדנע נאריש און פארלארען גערעדט דאן, אט דער קלוגער מאן מיט דער קוליע.

— יע. איך האב עס געטאן. און איצט בין איך־קראנק. איר הערט: היינט אין דער פרי בין איך אויפגעשטאנען, פאר־הוסט זיך — און דערזען — בלוט. יע. בלוט. איר ווייסט דאך מסתמא וואס דאס מיינט — בלוט?

און איך האב אים דערציילט אלץ — פון יענעם טאג אז זינט קלארע האט מיך פארלאזען מיט אלע איינצעלהייטען, ווי עס דער־ציילט א קראנקער זיין דאקטאר די סימפטאמען פון זיין קראנק־הייט.

— וואס זאל איך איצט טאן? איר זעט: אט וועל איך אפשר גאר באלד שטארבען. איך שטיי שוין ביים לעצטען ראנד!

איצט איז ער געווען קאלט און גלייכגילטיג. ער האט אזוי פשוט געזאגט:

— בארואיגט זיך. איצט איז דאך אלץ סיי ווי סיי פאר־פאלען.

איך האב געקוקט אין זיינע אויגען און געהאפט, אז אט וועט ער עפעס זאגען, און עס וועט געשען א נס, א גרויסער, א דער־לייזענדיגער, און דאן וועט אלץ פארשווינדען ווי א שווערער חלום...

— מען וועט דארפען עפעס טאן... אך, נאט. אפשר זאלט איר גאר באגייען זעלבסטמארד?... מען וועט דאך אייך סיי ווי סיי נעפינען, און, א קראנקער, וועט איר אפשר ביז'ן משפט ניט קענען דערציען.

— נעמען זיך דאס לעבען? וואס רעדט איר?!..

— נו, יע. איר וועט דאך סיי ווי שטארבען. און דערצו וועט איר דארפען שטענדיג אנפירען א נארישען, אומזיסטיגען קאמף מיט אייער קראנקהייט, וועלכע וועט אייך זיכער סוף כל סוף באקעמפען. איר וועט זיך בלויז פאראורטיילען צו שווערע ליידען צוליב א לעבען פון ליידען. בלייבען לעבען אין אייער לאגע מיינט נאר א פאראורטיילונג צו א לאנגזאמען פייגליכען און שרעק־ליכען טויט. וואס קען זיין שרעקליכער ווי די דערווארטונג פון א לאנגזאמען סוף?

איך האב זיך געמוזט דורכגיין איבער'ן צימער. אזוי האב

איך ניט געקענט פארטראגען זיינע ווערטער. איך האב כמעט גע־שריען:

— אבער איך וויל לעבען. איר הערט, וואס איך זאג אייך: איך וויל לעבען!...

ער האט עפעס ווי ניט געהערט מיין פראטעסט, און האט פארטגעזעצט ווי פריער:

— און בכלל טארט איר ניט לעבען, ווי גרויס עס זאל ניט זיין אייער ווילען צו לעבען, ווי פאר'עקשנט איר זאלט ניט זיין — איר קענט מיט'ן לעבען ניט אויסקומען. איר האט דאך ביז איצט אויך געקעמפט מיט'ן לעבען. — און פארוואס? דערפאר וואס איר זיינט געווען אן איבעריגער, א פרעמדער אויף דער וועלט, ווי זאגט איר: א יתום.... איך פארשטייט: אן איבעריגער. אט, למשל, האב איך דא ניט לאנג געלייענט וועגען דעם „אפענדיקס" — גאר אן איבעריגער גליד אין דעם מענשענס ארגאניזם, נאך מער, אפטמאל — א שעדליכער... אט האט איר דערמארדעט קלא־רע'ן... און זי האט צוליב אייך דערמארדעט דאס קינד, און געטאן נאך שלעכטע זאכען, איר וועט דאך עס ניט לייקענען...

איך בין געווארען אויסער זיך פון כעס:

— הערט אויף! איך וויל ניט שטארבען. איך קען ניט. איך מוז ליידען פאר אלץ, וואס איך האב געטאן. און איך האב ניט קיין מאראלישע רעכט צו טויטען זיך, קיין מאראלישע רעכט...

איך האב זיך אין דער לעצטער פארצווייפלונג אנגעכאפט פאר אט דעם ארגומענט, ווי איינער וואס טרינקט זיך — פאר א שטרייעלע. ער האט בייז א שמייכעל געטאן:

— איך וועל אייך פרעגען: האט איר, איידער איר האט דערמארדעט קלארע'ן, געפרעגט ביי זיך: האב איך א מאראלישע רעכט צו איבעררייסען א מענשענס לעבען? איר האט ניט גע־פרעגט. איר האט גענומען און דערמארדעט, כאטש דאס איז גע־ווען א פרעמד לעבען, ניט אייער לעבען. אייער לעבען איז אבער אייער. איר פארשטייט: אייער און קיינעמס ניט... און דאס וואס מען זאגט, אז דאס לעבען איז ניט אייערס, אז איר זיינט א אטריבוט פון דעם גאנצען ארגאניזם פון לעבען, א טייל פון דער מענשהייט, פון דער געזעלשאפט, פון דער נאטור און פון וואס ניט?

— דאס איז דאך ניט אמת. דאס איז א ליגען. עס איז ניט אמת. וואס זיי זאגען דארט. אז ווען איר נעמט זיך די פרייהייט אוועק־צוגיין אלס גליך ברייננט איר שאדען דעם גאנצען קערפער. ווי זיי רופען דאס. און אז איר וועט שטארבען וועט איר מיט דעם קיינעם קיין שאדען ניט ברייננען, פארקערט, אייער אוועק־גיין וועט אלעמען ברייננען נוצען: איר וועט זיך אויפהערען צו פלאנטערען אונטער די פיס, און וועט ניט „אנשטעקען" מיט אייער קראנקהייט די געזונטע „גלידער"...

ער האט עס אזוי מאדנע גערעדט. די גאנצע צייט האט זיך מיר געדוכט, אז ער האלט דעם שיקזאל פון מיין לעבען אין זיינע הענט, און וואס ער וועט באשטימען — וועט שוין מוזען זיין. איך אליין בין מיט אמאל געווארען אויסער מיין לעבען, און ווי א זייטיגער צוגעקוקט זיך, אז אויפגערעגטער, ווי א פרעמדער מענש האלט מיין לעבען אין זיינע הענט, זאגט ארויס עפעס גרוי־סעס און פארוואנדעלט דאס מורא'דיגסטע אין עפעס פשוט'עס... איך האב נים אויסגעהאלטען. איך בין געפאלען אויפ'ן בעט, און געוויינט ווי א קליין קינד. און אז איך האב זיך גוט אויסגעוויינט האב איך פארשטאנען: דער מאן מיט דער קוליע איז גערעכט. איך בין א פייגלינג. איך האב נאך דאן, גליך נאכדעם ווי איך האב זי דערשטיקט. האב איך באדארפט באגייען זעלבסטמארד. אבער איצט בין איך א פשוט'ער פארברעכער, א מערדער, וואס זוכט זיך צו באהאלטען פון דעם געזעץ.

ער האט זיך אויפגעהויבען און האט זיך געלאזט צו דער טיר.

— א גוטע נאכט. גלויבט מיר, אז מיך פארדריסט וואס איך האב מיט אייך פארפירט דעם געשפרעך. איך האב עס ניט באַ־דארפט טאן.

ער איז ארויס פון צימער. איך האב איצט געוואוסט: אלץ איז ווירקליכקייט. עס איז ניטא קיין חלום.

3.

עס זיינען פאריבער נאך עטליכע טעג. גארניט האט פאסירט אין די טעג. איך האב געוואוסט: די צייטונגען זיינען נאך אלץ פול געווען מיט דעם געהיימניספולען מארד אין פארק. די פאלי־

צייַ זוכט און נישטערט נאָך דעם מערדער, די גאַנצע שטאָט וואָרט אומגעדולדיג אויף רעזולטאַטען. עס זיינען שוין אפשר געפאַלען פאַרדאַכטען אויף אומשולדיגע מענשען. אָבער איך האָב קיין צייַ־טונגען ניט געלייענט און געווען גלייכגילטיג צו אַלעס. איך פלעג זיך אַנטאָן אין מיינע אַלטע אויסגעטראָגענע קליידער, ארומשפּאַ־נען איבער די גאַסען צווישען פאַרפּוצטע און גליקליכע מענשען, און איך בין זיי ניט מקנא געווען. ביז עס איז מיר נמאס געוואָ־רען.

אין איין אינדערפרי האָב איך אויספאַרקויפט דאָס לעצטע ביסעל זאַכען וואָס איך האָב געהאַט, געבליבען בלויז אין דעם אַנ־צוג און אין דעם מאַנטעל, וואָס איך האָב אויף זיך געטראָגען, און אין אָוועגט האָב איך זיך אריינגעזעצט אין אַ צוג, וואָס איז גע־גאַנגען קיין באַלטימאָר.

יענעם טאָג איז ארויסגעפאַלען אַ שניי. איך בין געזעסען לעבען פענסטער און אריינגעקוקט אין דער פינסטערער נאַכט. פאַרביי דעם פענסטער זיינען געפלויגען פונקען פון דעם לאָקאָמאָ־טיוו, געפלויגען און געפאַלען אויפ'ן ווייסען, אין דער פינסטערניש גרויען שניי, געפאַלען און פאַרלאָשען געגאַנגען כדי קיין מאָל שוין ניט אויפגליען און אויפפלאַקערען, גלייך ווי מענשליכע לעבענס...

לעבען מיר איז געזעסען אַ הייבער מענש אין ברילען און האָט געלייענט אַ צייטונג. איך האָב זיך פּלוצלונג צו אים געווענדט:

— איר ווייסט, איך בין איצט אַזוי געשטימט, אַז איך וועל ניט ריידען, וועל איך זיכער פון זינען אראָפּ. קען איך מיט אייך ריידען? אָדער אפשר שטער איך אייך?...

ער האָט פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אויף מיר, אַביסעל צו־מישט זיך, דאָך העפליך געענטפערט:

— אָך, זיכער... איך בין צופרידען...

— איר פאַרשטייט, ערשט מיט אַ וואָך צוריק האָב איך דער־מאָרדעט מיין געליבטע... ניין, מיין ווייב. שרעקליך דערמאָרדעט, אין אַ פינסטערען פּאַרק... איר האָט דאָך זיכער געלייענט אין די צייטונגען. די גאַנצע שטאָט רעדט דאָך פון דעם... נו, האָב איך דאָס דערמאָרדעט די פרוי, מיין אייגענע פרוי הייסט עס... די פּאָליציי זוכט און ברעכט דאָרט די גאַנצע צייט דעם קאָפּ, און איך

בין זיך א גאנצינקע וואך ארומגעגאנגען איבער די גאסען פראנק און פריי, אזוי ווי ניט מיך מיינט מען... און איצט זיץ איך דא מיט אייך, און פאר קיין באלטימאר... איר פארשטייט?...

— יע — יע!.. האט דער מענש א צי געטאן מיט די דארע פלייצעס, און האט עפעס פארלארען, מיט א האלבען שמייכעל, ווי ניט פארשטייענדיג וואס איך האב גערעדט, געקוקט אין איין פונקט.

איך האב ווידער געזאגט:

— איר גלויבט מיר ניט? איך זע נאך אייך, אז איר גלויבט ניט. מאדנע! איך קום און דערקלער אייך, און איר ווילט נאר ניט גלויבען... אפשר דיינקט איר, אז איך בין שכור, אדער משוגע? גיט אויף מיר א קוק — און איר וועט זיך איבערצייגען אז איך בין ניט שכור און ניט משוגע. אפילו קיין קאפ ניט. אבער איך בין קראנק.. איר זעט: אט הוסט איך...

איך האב זיך שטארק פארהוסט. געהוסט עטליכע מינוטען. דער מענש האט זיך געפילט אין א פארלעגענהייט. ער האט ניט געוואוסט וואס צו טאן: איבערזעצען זיך אויף אן אנדער פלאץ, אדער פארבלייבען אין מיין זייער ניט אנגענעמער געזעלשאפט. איך האב פארטגעזעצט:

— און איצט האב איך באשלאסען: איך וועל זיך אומקערען צוריק און זאגען דער פאליציי, אז דאס בין איך עס, דער מערדער, אז איך האב דאס אין יענער פינסטערער נאכט אלץ אפגעטאן, זאלען זיי אויפהערען צו מיען זיך. מענשען דרייען זיך די קעפ... וואס, איר גלויבט נאך אלץ ניט? גאט מיינער, ווי זאל איך אייך איבערצייגען? ווייסט איר גאר וואס? אויף דער ערשטער סטאנציע וועל איך ארויס פון צוג, אפווארטען א צוג, וואס גייט צוריק און אין אים אריינזעצען זיך. אט איז מיין בילעט — ביז באלטימאר, און איר וועט זען: איך וועל אויף דער ערשטער סטאנציע פארלאזען דעם צוג, און פארען צוריק... אנטשולדיגט. וויפיל איז איצט אויף אייער זייגער?... צען? גוט. אזייגער צוועלף וועל איך שוין זיין ביי דער פאליציי, און איך וועל זיי אלץ דערקלערען... איך זע נאך אייערע אויגען, אז איר צווייפעלט נאך אלץ... איר זיינט א מאדנער מענש. איך זאג דאך אייך: איך

האב זי מיט אט די הענט מיינע, מיט אט די צען פינגער דער־שטיקט, קלארע'ן...

ער האט מער ניט אויסגעהאלטען. ער איז אן אויפגערעגטער אויפגעשטאנען:

— אנטשולדיגט, איך דארף דארט זען א פריינט... אין דעם צווייטען וואגאן... יע, אין דעם צווייטען וואגאן...

און ער איז אוועקגעגאנגען, ווארשיינליך שטארק מורא האבענדיג אז איך וועל אים נאכיאגען, און מיך האט געשטיקט א געלעכטער מיט א הוסט אינאיינעם... איך האב אבער געהאלטען ווארט: אויף דער ערשטער סטאנציע בין איך ארוים פון צוג און געקויפט א בילעט צוריק. אבער צו דער פאליציי בין איך דאך ניט געגאנגען. אויף מארגען בין איך שוין געווען אין דעם שטאטישען „באארד אוו העלטה" צו אונטערזוכען די לונגען.

— ביי אייך איז ד א ס. יע, עס איז ד א ס. נו, לופט און סאנאטאריאום. נאר לופט, לופט און סאנאטאריאום...

דאס איז געווען דער ענטפער...

V

טויט.

1.

דער עקספערס האט ניט אויפגעהערט צו דונערען און אויס־קלאפען זיין מאנאטאניג־רעש'דיגען טי־טא־טא! ווי א צעוויל־דעטע חיה האט ער זיך געטראגען פאראויס, מיט אימפעט פאר־ביי־געלאפען די פילע קליינע סטאנציעס פון צייט צו צייט ארויס־לאזענדיג פון זיינע שטאלענע לונגען א קורצען ברום. פארביי פענסטער האבען ניט אויפגעהערט צו פליען און פארלאשען ווערען

טויזענטער פונקען, וואס דער לאקאמאטיוו האט אין זיין אימפעט פון זיינע לונגען ארויסגעאטעמט.

און עס האט זיך געדוכט, אז עס וועט זיך קיין מאל ניט אפ־שטעלן אט דאס מורא׳דיגע געשפענס, וועט ניט אויפהערן צו טראגן אונז ערגעץ אין די בלינדע אומענדליכע ווייטקייטן. עס וועט ניט זיין קיין סוף צו דער לאנגער ווינטער־נאכט און עס וועט שוין קיין מאל ניט אויפהערן דער גרויזאם־קלאפענדיגער: „טי־טא־טא!...“

אין וואגאן זיינען געזעסן איינגעקארטשעטע שלאפענדיגע פיגורען, וואס פלעגן פון צייט צו צייט אומרואיג זיך באוועגן און ארויסלאזן פון זייערע שווער אטעמענדיגע ברוסטן א טיפן זיפץ אדער קרעכץ.

איך האב געטראכט: דאס האט זיך די נאכט מיט א שווע־רער פינסטערניש אין די נשמות פון די מענשען אריינגעריסן און האט דעם מענשנעם הארץ איז א קריינקליכען שלייער איינגעווי־קעלט, און עס קען דער מענש ניט געפינען קיין רו און פארגעסונג. און אפשר זיינען זיי אזוי, ווי איך, און פארען ערגעץ, אנטלויפענ־דיג פון זייער עלענדקייט. זיי פארען, און די עלענדקייט פאלגט זיי נאך ווי א שאטען, פלאנטערט זיך אונטער זייערע פיס, און לאזט ניט רוען.

אט האט זיך דער צוג אפגעשטעלט, און שוין שטייענדיג, זיך ניט געקענט בארואיגען, האט געפאכעט מיט די נאזלעכער, ווי א צעהיצטער אקסט, און איבער זיין גאנצען שטאלענעם קערפער איז ארומגעלאפען און געוויברירט א שטאלענער נערוועז־ציטער. עס האט זיך געדוכט — ער וועט ניט איינשטיין, ער וועט זיך מיט אמאל א ריס טאן פון פלאץ, און טראגענדיג זיך אין זיין שרעק־ליכען געלאף וועט ער זיך ארויסרייסען פון די גרעניצען, אין וועל־כע מען האט זיין פרייען לויף איינגעשמידט און וועט אין זיין גרעניצלאזען עקסטאז אראפ פון בארג זיין שטאלענעם נאקען צוברעכען...

אין וואגאן איז קיינער ניט אריין און קיינער איז פון אים ניט ארויס. איך האב געטראכט: וואלט אימיצער א וואכענדיגער

אריינגעקומען, וואלט איך דאך געקענט צו דעם אומבאקאנטען, ווי צו א נאענטען זאגען:

— אנטשולדיגט, האט איר אפשר ביי זיך אן אווענט־צייטונג? איך בין אליין צווישען שלאפענדיגע מענשען — און עס איז מיר אומעטיג. איך וועל אריינקוקען אין דער צייטונג — וועל איך זיך אפשר פארגעסען...

אבער קיינער איז ניט אריינגעקומען. דער צוג האט זיך לאנג־זאם גענומען רירען. און ווידער האבען מיר זיך געטראגען איבער שטרעקעס, וואס זיינען אנטקעגען געלאפען און פארשוואונדען אהינטער, כדי שוין קיינמאל מער אנטקעגען ניט צו קומען.

א הויכער דארער מענש, וואס איז ניט ווייט פון מיר געזעסען, האט זיך גענומען שלעפעריג באוועגען אויף זיין ארט, האט ארויס־געלאזען א שווערען זיפץ, און האט זיך פרעמד און נערוועז ארומ־געקוקט. זיינע אויגען האבען זיך באגעגענט מיט מיינע. עפעס א שרעק איז געבארען געווארען אין מיין הארצען אונטער זיין בליק. אזוי ווי אן אלטע לאנג פארגעסענע וואונד וואלט זיך דארט גע־עפענט, וואלט אנטפלעקט א שטיק פארגאנגענהייט און דערמאנט אן עפעס טרויעריגס.

ער האט זיך אפגעקערט צום פענסטער. און איך האב גע־טראכט: נאט מיינער, ווער איז אט דער מענש? ער שליסט איין אין זיך אזא וועלט — און איך זע נאר מאדנע אומרואיגע אויגען. ווער ווייס, אפשר איז ער אויך ווי איך, עלענד און אליין. אפשר זוכט ער אימיצען אויף דער וועלט, בייינקט נאך עפעס — און קען עס ניט געפינען? זיינען דערפאר זיינע אויגען אזוינע מאדנע, און זיין פיגור אזוי טרויעריג.

מיר האט זיך שטארק פארוועלט צוגיין צו דעם אומבאקאנטען, זעצען זיך לעבען אים און ריידען צו אים, דערציילען אים פון מיין לעבען, ווי מען דערציילט אן אלטען באקאנטען, א גוטען פריינט, וועלכען מען האט שוין לאנגע יארען ניט געזען. איך האב זיך ניט געקענט באהערשען. איך בין טאקע צוגעגאנגען. איך האב גע־זאגט:

— איך בין צופרידען וואס איר שלאפט ניט. עס איז אזוי שווער צו זיין אליין א וואכענדיגער צווישען אזוי פיל שלאפענ־

דינע... עס כאפט ארום א שווערער געפיל, אז אימה, אזוי ווי איך וואלט נעוועזן צווישען מתים. און וואס עס שרעקט מיך — איז זייער קרעכצען, די מאדנע קלאנגען, וואס רייסען זיך ארויס פון זייערע ברוסטען, אזוינע שווערע, אזוינע קרייגקליכע... דאס אלעם דערמאנט אזוי דעם טויט — און עס שרעקט...

ער האט געזאגט קאלט:

— זעצט זיך.

איך האב זיך געזעצט און ניט געוואוסט וואס צו זאגען. ער האט א ווײלע נאכגעטראכט, און געזאגט לעבעדיג:

— יע, ווען מיר האבען מורא פאר עפעס, האבען מיר עס מורא נאר פאר'ן טויט אדער פאר דעם, וואס דערמאנט נאר אן דעם טויט. טויט — דאס איז די איינציגע טראגעדיע פון אלץ, וואס לעבט, וואס שטרעבט, רייסט זיך צום לעבען, צו ליכט — און קומט צום טויט, צו פינסטערניש און פארגעסונג.

ער האט א ווײלע געשוויגען, און אזוי מאדנע שפילענדיג זיך מיט די ווערטער אונטערגעברומט:

— דערפאר וואס מיר האבען מורא פאר'ן טויט — שטרעבען מיר אזוי צום לעבען. מיר האבען מורא פאר פינסטערניש — זוכען מיר ליכט... ווער ווייס?

ער האט זיך ווידער פארטראכט.

— איך האט באמערקט? — אפילו זעלבסטמערדער — זיי ווילען אויך, שטארבענדיג, דערוויַיטערען דעם טויט. טויט איז דאך אלע מאל טויט, אלץ איינער און דער זעלביגער, דאך איז פאר זיי עפעס ווי פאראן פיל טויטען, ווייל ניט אלע טויטען ווארפען אויף דעם זעלבסטמערדער דעם זעלבען שרעק פאר דעם פיזישען און גייסטיגען אונטערגאנג. באטראכט נאר, ווי זעלבסטמערדער שטארבען: איינער פאר'סמ'ט זיך, דער צווייטער דערשיסט זיך, דער דריטער דערטרינקט זיך, דער פערטער הענגט זיך, דער פינפ־טער — ווארפט זיך אונטער א לויפענדיגען צוג, און אזוי וויי־טער. די מיטלען זיינען א רעזולטאט פון זייער אייגענעם אינדי־ווידועלען אויסוואל, וואס פארשפרעכט א טויט, וואס איז נאך דעם זעלבסטמערדערס פארשטאנד — וויניגער שרעקליך, און ווייני־גער שרעקליך — מיינט — ווייטער פון טויט. אפילו זעלבסט־

מערדער. ווייל זיי באגרייפען ניט — ניט דעם לעבען און ניט דעם טויט. זיי איז פרעמד דער באגריף פון גרויסער מענשליכער ווירדיגקייט, וועמעס אומקומען דארף אויפציטערען די וועלט. דער מענש איז דאך דער טרעגער פון דעם זין פון לעבען און וועלטען, און וועמען די גאנצע וועלט מיט אירע באגריפענע און אומבאגריפענע אמת'ן וואלטען געווען נאריש און ציללאז.

ער האט ארויסגענומען פון זיין טאש א סיגארעטעל און האט פארראויכערט. און נאך דעם, ווי זיין פנים האט זיך געקנייטשט מיט ליידענדיגע גרימאסען, און נאך דעם, ווי דער רויך האט אים געשטיקט און האט ביי אים ארויסגערופען א נערוועזען הוסט, האב איך פארשטאנען, אז דאס רויכערען איז ביי אים א קרענקליכע ליידענשאפט, וואס גראבט אונטער זיינע כחות, און אז ער ווייס עס, און קען זיך ניט העלפען. ער האט עפעס ווי פארשטאנען מיינע געדאנקען:

— איך בין קראנק. דאס פאר איך אין א ספעציעלען סאנאטאריאום, כלומרשט קעמפען מיט מיין קראנקהייט, וואס פארבאט מיר צו טרינקען שטארקע געטראנקען, עסען שארפע שפייז און רויכערען טאבאק. און איך האב דערווייל קיינע פון די פארבאטען נאך ניט אויסגעפאלגט. איך בין א שטארקער אנהייגער פון לעבען, אבער איך וועל ביי אייך פרעגען: וואס איז דאס לעבען אז אט די אלע קליינינקע ליידענשאפטען? דאס איז דאך אמאל ערגער פון טויט. און אין סאנאטאריאום וועל איך טאקע מוזען דאס אלעס אויפגעבען, „שטארבען“...

איך האב באמערקט ווי די ווינקלען פון זיינע ליפען האבען עט־וואס גענומען ציטערען. און די אויגען האבען גענומען פארזארגט ארומלויפען אין זייערע לעבער.

— יע. איך וועל באלד שטארבען.

ער האט זיך פלוצלונג א הויב געטאן פון פלאץ, זיך צוגעבויגען צום פענסטער, האט זיך שטארק איינגעקוקט, אזוי ווי ער וואלט געוואלט עפעס דארט דערזען. נאכדעם האט ער זיך אוועקגעזעצט:

— איינענטליך, דער טויט, דער נאטירליכער טויט, שרעקט נים. ווען איר טראכט פון דעם, אז איר וועט באלד שטארבען,

ווערט איר ניט דערשראקען, נאר עס ווערט אין אייך געבארען א
טרויער פון עפעס אומפארמיידליכעס, וואס איז שרעקליך פרעמד
און אפשטויסענדיג, און אומפארמיידליך. איר פארשטייט — אומ־
פארמיידליך. עס איז אייך שווער פון דעם אויף דער
נשמה, עס איז אייך אומעטיג, איר ווערט באהערשט פון א מיס־
טישען צער, פון עפעס א גרעניצלאזען טרויער. די גאנצע וועלט
ווערט ענג, און איר ווערט כמעט דערשטיקט אן לופט און אט דער
ענגקייט. דערפאר, וואס איז ניטא קיין אויסגאנג און קיין אויס־
וועג. ווייל דאס איז שרעקליך אומפארמיידליך.

ער האט זיך שטארק פארהוסט. ער האט געהוסט, און לאנג־
זאם ארויסגענומען פון זיין טאש א בלעכענע פושקעלע, האט אין
איר פארזיכטיג אויסגעשפיגען.

— אבער שרעקען שרעקט אייך נאר אן אנדער טויט. דאס
איז אויך ווען איר לעבט נאך. אייערע חושים זיינען אקטיוו, אלע
אין אייך שטרעבט צום לעבען. איר קוקט זיך ארום — און ווערט
דערשראקען, דערשראקען ביז משוגעת פאר דעם מורא'דיגען ווי־
דערשפרוך, וואס האט באהערשט אייער וועזען. איר פילט, ווי
עפעס האט זיך אין אייך איינגעביסען, אריינגעזויגען זיך אין אייך,
זיך דורכגעוועבט דורך אלע געוועבען פון אייער קערפער, פאר'סמ'ט
אייערע בלוטען מיט עפעס גליטשיגעס, אפשייליכעס, קלעפיגעס,
פון וואס איר וועט זיך שוין קיין מאל ניט קענען באפרייען, ווייל עס
האט זיך אין אייך אויף אייביג איינגעווארצעלט... און איר ווייסט,
אז דאס האט פארפלייצט אייער קערפער, האט זיך פאר־
צווייגט, צוטיילט און פארמערט אין טויזענטער, אין מיליאנען
קלייניקע שמוציגע אפשייליכע ווערימלעך. און אט די ווערימלעך
גראבען אונטער מיט א שרעקליכער סיסטעמאטישקייט אייער לע־
בען. אט אזא טויט טראגט איר אין זיך, און ער איז מורא'דיג!...

ער האט זיך ווידער פארהוסט, האט א דערשראקענעם בליק
געווארפען אויף דעם פענסטער, און מיר האט זיך אויסגעדוכט, אז
ער האט א ציטער געטאן. ער האט גענומען ריידען מיט א גע־
ביטענער שטימע:

— איך בין קראנק. געפערליך קראנק. און אויב איך לעב
נאך — איז עס נאר דערפאר, וואס איך בין פאר'עקשנ'ט. איך

זעט : אַט זיינען מיינע האָר גרוי, דאָס פּנים צוקנייטשט, און אינ־
גאַנצען זע איך אויס ווי אַ פאַרשלייערטער סקעלעט. דאָס איז צו
דרייסיג יאָר. צו דרייסיג יאָר... און איצט ווייס איך : דער טויט
האָט מיך באַזיגט. איך האָב דאָס ערשט נעכטען פאַרשטאַנען.
ניין, ניט פאַרשטאַנען, ניט באַגריפען, נאָר דערפילט. אַט וועל
איך אייך דערציילען : איך האָב אַ קליין מיידעלע : איר איז גע־
וואָרען פיר יאָר. האָבען מיר געמאַכט אַ יום טוב צוליב איר גע־
בורטס־טאָג. קיין געסט האָבען מיר ניט איינגעלאַדען, נאָר צוליב
זיך, איר פאַרשטייט. איך וועל אייך דערקלערען : דאָס קינד איז פון
געבורט אָן אַ טויב־שטומעס און אין אַלגעמיין איז זי אַ שוואַכע.
זי איז פאַר אונז אַן אומגליק. אָבער מיר האָבען זיך ביסלעכווייז
צוגעוואוינט... נעכטען האָט מיר מיין פרוי געזאָגט, אַז לילי איז
געוואָרען פיר יאָר... איך בין ניט אַלע מאָל סענטימענטאַל, אָבער
עפּעס האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ באַזונדערע ליבע צום אומ־
גליקליכען קינד, עס האָט מיין האַרץ אַ נאַג געטאָן, ווען איך האָב
זיך דערמאָנט, אַז מיר האָבען נאָך קיינמאָל ניט געפייערט דעם
געבורטס־טאָג פון אונזער מיידעלע. נו, בין איך אַרויסגעגאַנגען,
געקויפט פאַרשידענע שפּילצייג, שאָקאָלאַד, און דאָס אַלץ איר
אוועקגעגעבען. עס איז געווען אין דעם אַ פרייד... זי האָט עס
אַלץ צוגענומען מיט אַן אויפּריכטיגער קינדערשער פרייד. מיר האָ־
בען דאָס געזען נאָך אירע אויגען. אָבער אויסדריקען דורך ווער־
טער האָט זי ניט געקענט... זי איז אַזוי טויב, אַז מען שרייט איר
אין אויער אַריין הערט זי גאָר ניט, און שמייכעלט נאָר געהיימנים־
פול, דיינקענדיג וואַרשיינליך, אַז מען טוט מיט איר עפּעס זייער
לעבערליכעס. דאָס וואונדערליכסטע איז דאָס, וואָס דאָס קינד
פאַרשטייט ניט אפנים איר טויבקייט, עפּעס אַזוי ווי זי ווייס ניט
אַז זי הערט ניט. און אפשר — ווער ווייס... אָבער ווען מיר
שרייען איר אין אויער — לאַכט זי, אָדער זי לייגט צו אירע ליפּען
צו אונזער אויער און בלאָזט אַהין אַריין, וואַרשיינליך אימיטי־
רענדיג נאָך איר באַגריף, דאָס וואָס מיר טוען איר. ווען מיר
שרייען איר אין אויער — און זי לאַכט פון דעם, לאַכט פון גרוי־
סער קינדערשער צופרידענקייט, פון דער שפּיל וואָס געפעלט איר...
און לאַכען לאַכט זי ניט אויפ'ן קול, פאַרשטייט זיך, נאָר אַזוי

מאַדנע, ווי אַ צוויי־חדשים׳דיק קינד, וועלכעס מען וואַלט שרעק־ליך געקיצעלט. זי לאַכט, און לאַכט ניט... אָבער מיר ווייסען אַז זי לאַכט... אָבער נעכטען טאַקע האָט פּאַסירט עפּעס אומגעוויינ־ליכעס. מיר איז איינגעפאַלען צו לאָזען שפּילען די „וויקטראַלאַ" צוליב איר. געוואָלט מאַכען יום־טוב׳דיגער... איך האָב זאַגאַר פאַר־געסען אין יענעם מאָמענט, אַז דאָס קינד איז טויב, אַז זי וועט זיכער ניט קענען הערען די מוזיק, נאָך מער, אַז דאָס קינד קען אַפילו ניט באַגרייפען דעם ציל פון אַ קעסטעל־טישעל, וואָס שטייט אין ווינקעל און דרייט אויף זיך אַ רעקאָרד, און הערען די קלאַנ־גען — אוּדאי ניט. איך האָב אַוועקגעשטעלט עפּעס זייער אַ שריי־ענדיגע אַריע פון „פּאַגליאַטשי", געזונגען פון קאַרוזאָ׳ן. נאָכדעם האָב איך דאָס קינד צוגעטראָגען צו דער „וויקטאַראַלאַ". דאָס קינד האָט זיך מיט אַמאָל גענומען אַרומקוקען, אַזוי ווי זי וואָלט אין גרויס פאַרוואונדערונג זוכען עפּעס. אָבער גאַרנישט געפינענדיג, האָט זי אין אַ מיסטישען שרעק אַרומגעכאַפּט מיין האַלז, האָט זיך שטאַרק צוגעדריקט צו מיר מיט איר ציטערענדיגען קערפּערעל, און האָט ווי געוואָלט פאַרטרויען מיר דעם גרויסען וואונדער, וואָס האָט אויפגעציטערט איר נשמה. זי האָט מיר טיף אַריינגעקוקט אין די אויגען, און פון איר האַלז האָט זיך אַרויסגע־ריסען, ניט אַ קלאַנג, נאָר, גאָט, איך ווייס אַליין ניט וואָס דאָס איז געווען! עפּעס אַזוי אַ:

— אוּ־רוּ!...

איך פאַרשטייט, דאָס האָט די שטומע געוואָלט איבערגעבען אַט דעם וואונדערליכען קלאַנג, וואָס האָט זיך פּלוצלונג אין איר נשמה אַריינגעריסען! און איך האָב דאָס פאַרשטאַנען. מיר האָ־בען עס ביידע פאַרשטאַנען, איך און מיין פרוי. און עס איז גע־וואָרען געוואָרען אין מיר אַ מורא, אַזוי ווי מיינע געדאַנקען וואָלט אַנגערירט עפּעס, וואָס איז קאַלט, ווי אייז. דאָס האַרץ האָט זיך צוזאַמענגעדריקט אין אַ ביטערען פּיין, און האָט געוויינט... אין יענעם „אוּ־אוּ־רוּ!..." איז געווען אַזוי פיל געהיימניספולקייט. אין אַליין דער קלאַנג האָט קיין ענליכקייט ניט געהאַט צו אַ מענשלי־כען קלאַנג. דאָס איז געווען אַ קלאַנג פון אַן אַנדער, אונז אומבאַ־קאַנטער וועלט. פאַר וועלכער מיר האָבען אַזוי מורא, ווען מיר דער־

מאנען זיך אן דעם טויט... עס איז אין דעם ניט געווען קיין שרעק אדער קיין מורא. נאר עפּעס אן אימה, א גרויסע, א שווערע האט זיך אנגערוקט, און דערנעענטערט דעם טויט. מיין פרוי האט זיך פאנאנדערגעוויינט, און שפּעטער האב איך געזען. ווי אירע פּליי־צעס האבן זיך געווארפן, ווי אין קאנוואלסיעס, ווען זי איז גע־פאלען אויף דער סאפע א קלאגענדיגע... איך אליין בין געבליבן שטיין אן באוועגונג. מיט אמאל האבן זיך מיינע אויגן באגע־געגנט מיט לילי׳ס אויגן, וואס האבן געקוקט אויף מיר, — ניין, ניט אויף מיר, נאר אין מיר, — און איך האב זיך דערשראקען פאר אירע אויגן... איך האב דערזען מיין טויט, דעם טויט, וואס האט אנגענומען קאנקרעטע פארמען, געווארען עפּעס...

ער האט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבן פון פּלאץ און האט זיך איינגעבויגן צום פענסטער, און ווי פריער, אריינגעקוקט אין דער פינסטערניש. און דערביי האט זיך מיר אויסגעדוכט, אז ניט נאר מיט זיין בליק וויל ער דורכדרינגען די פינסטערניש, נאר אויך מיט דעם גאנצען וועזען זיינעם. זיין דארער קערפּער האט זיך שרעק־ליך אנגעשטרענגט. ער האט צונויפגעזאמעלט די גאנצע ענערגיע, דעם גאנצען ווילען צו זען וואס עס טוט זיך אין דרויסען. אז ער האט זיך צוריק אוועקגעזעצט, האט ער געזאגט:

— איך פאר א גאנצע נאכט, און ווארט, אז דאס וועטער אין דרויסען וועט זיך פארבעסערן, און דארטען הערט ניט אויף צו רעגענען. עס איז מיר אזוי שווער אויף דער נשמה ווען עס רע־גענט... איר פארשטייט: עס איז פארדריסליך ביז ווייטאג, ווען עס רעגענט, און רעגענט א גאנצע נאכט, און הערט גאר ניט אויף... צייטענווייז דוכט זיך, אז דאס רעגענען וועט גאר קיין מאל ניט אויפהערען, און די ארימע פּלאנעטע אונזערע וועט זיך פארוואנד־לען אין א בלאטע... כא־כא!... האט איר ווען ניט איז געטראכט פון דעם?

ער האט זיך נאריש צולאכט.

— כא־כא...! זיי זאגען אלע, אז דער מענש איז דער שמיד פון זיין אייגענעם גורל, אז דאס לעבען איז פּשוט. און אלץ אויף דער וועלט איז פארשטענדליך. אז עס איז ניטא קיין אומבאוואוס־טעס, און אלץ איז אין די גרעניצען פון דעם מענשענס פארשטאנד

און אלץ איז א רעזולטאט פון אונזער ווילען. און אז דעם טויט פאר־געסט מען, אזוי ווי עס וואלט ניט געווען קיין טויט. אזוי ווי ער וואלט ניט געשטאנען ביי יעדען איינציגען לעבען צוקאפּענס און ניט געהיט יעדע איינציגע באוועגונג. איר הערט, איך באוואונדער דעם מענשענס גלויבינקייט. איך בין אמאל זייער קראַנק געווען. אין די מינוטען פון גרויסער גייסטיגער און פיזישער פארצוייפ־לונג פלעגט זיך מיר דוכטען: ניט איך אליין בין קראנק, נאר די גאנצע וועלט איז קראנק, און קארטשעט זיך מיט מיר אינאיינעם אין אט די גרויזאמע ליידען... און דאס איז דאך אזא ליגען!...

איך האב געקוקט אויף דעם אומבאקאנטען, אויף זיין איינגע־בויגענער פיגור, אויף זיינע לאנגע דארע פינגער, אויף זיין באוועג־ליכען פנים מיט די איינגעפאלענע באקען, און איך האב געטראכט: וואו זיינען די גרעניצען, וואס טיילען אפּ מיין וועלט פון זיינער? ווער בין איך און ווער איז ער? אפשר זיינען שוין די ערטער אונ־זערע פארביטען — און מיר ווייסען פון דעם ניט? ווער איז ער? ער רעדט פון א וועלט, וואס איז מיין וועלט, און ער איז נאר אוי־סער מיר. ער רעדט מיט א שפראך, וואס איז מיין שפראך — און ער איז ניט איך... ער האט אויף מיר א קוק געטאן מיט דעם בליק פון זיינע אויגען — און איך זיץ לעבען אים. און אפשר איז דא קיינער ניטא. אפשר זיץ איך עס אויף זיין פלאץ. איך זיץ דא, און איך זיץ דארט, און ביידע רעדען מיר פון טויט, און ביידע טראכ־טען מיר פון טויט... גאט מיינער, וואס איז דאס?

ער האט פלוצלונג אנגענומען מיט זיינע ציטערענדיגע פינגער מיין האנט, און האט זי שוואך צוזאמענגעדריקט. א קעלט האט אנגערירט מיין נשמה, אזוי ווי א טויטער וואלט געדריקט מיין האנט.

איך האב ארויסגעריסען מיין האנט פון זיינער און א דערשראקענער געזאגט:

— אייער האנט איז קאלט...

ער האט ארונטערגעלאזען זיינע אויגען, ווי פארשעמט.

— איך זאג: מיין האנט איז קאלט?... יע, זי איז קאלט. מיין האנט איז טויטליך קאלט... איך בעט אייך אנטשולדיגט מיר. איך בין די לעצטע צייט אזוי סענטימענטאל... איך ווייס, סענ־

טימענטאליטעט — איז שוואכקייט, נאר מער — נארישקייט. אבער עס זיינען פאראן מינוטען אין א מענשענס לעבען, ווען דער ווילען ווערט שוואך. דער קאפ הערט אויף צו זאגען דעות, און דאס הארץ ווערט דער באלעבאס... ווילט זיך דאן פאלען אימיצען אויפ'ן האלז, וויינען און דערציילען פון אלץ. וואס ביז דאן האט מען טיף אין הארצען געהאלטען אונטער אייזערנע שלעסער. און גלויבען אז עס וועט געשען א נס. אז אט די גאנצע שווערע משא וועט פון דער נשמה אראפפאלען, און עס וועט ווערען גרינג צו לעבען אויף דער וועלט... איך האב ערגעץ געלייענט, אז די מער־סטע פאראורטיילטע צום טויט הערען ניט אויף צו גלויבען ביז דעם לעצטען אטעם, אז עס וועט געשען א נס, און דער אורטייל וועט ניט דורכגעפירט ווערען. דיינקט איר ניט אז דאס איז א רעזול־טאט פון סענטימענטאלער שטימונג ? איך פערזענליך בין געניינט צו גלויבען, אז יעדער מענש ווערט סענטימענטאל פאר'ן טויט. — דאס איז אבער אן אומגליק. שטעלט זיך נאר פאר : ווען דער מענש, וואס איז פאראורטיילט צום טויט וואלט ניט געווארען סענ־טימענטאל — ער וואלט דאך געשאפען וואונדער. ער וואלט דאך אליין באשאפען דעם גרויסען נס פון זיין דערלייזונג. ער וואלט דאן אליין זיין אייגענער גאט געווען ! ווייל זיין גרויסער מענש־ליכער ווילען וואלט אין אים געלעבט, ווייל זיין שכל, וואס איז אייביג — וואלט נאך אין אים געברענט און וואלט באלויכטען ווי מיט פאקעלען דעם וועג צו זיין לעבען — און ער וואלט באקעמפט דעם טויט, וואס אנטלויפט פון לעבען... און זיי — די, וואס ווערען קרבנות פון זייער אייגענער שוואכקייט גייען, ווי שעפע־לעך, מיט געבויגענע קעפ צו זייערע עשאפאטען, און שטארבען מיט דעם גרויסען ליגען אין הארצען, אז אט וועט אימיצער אפשטעלען דעם תליונ'ס האנט, וואס איז אויפגעהויבען איבער זיין קאפ — און עס וועט געשען א נס !... אבער ניין, נסים געשען ניט. זיי געשען ניט ווען דער טויט איז צו נאענט, ווען דער טויט האט, ווי א טויזענט־פיסיגער שפין ארומגעפלאנטערט דאס לעבען, און ווערגט און שטיקט... ווייסט איר וואס מען דארף דאן טאן ? אט וועל איך אייך שוין זאגען...

ער האט וואנזיניג געווענדט זיינע אויגען קעגען זיך, און מיט

יעדער רגע זיינען זיי געווארען גרעסער, און גרעסער, און מיר האט זיך געדוכט, אז נאך איין אנשטרענגונג, און זיינע אויגען וועלען ארויסקריכען פון די לעבער, און דאן וועט פאסירען עפעס שרעקליכעס. אפשר איז ער פון זינען אראפ?

— איך זעט: אט אזוי דארף מען קוקען דעם טויט אין די אויגען, אט אזוי א... אט אזוי — און שטארבען. און שטארבען ניט ווי א מארטירער, ניט ווי א קרבן, און אויך ניט ווי א שוואַכערער אין קאמף מיט א שטארקערען, נאר פאלען מיט'ן טויט צו גלייך, אין א גלייכען קאמף מיט אים... איר פארשטייט, אין א גלייכען קאמף מיט'ן טויט. שטארבען — און ניט גלויבען אין דער אלמעכטיגקייט פון טויט, שטארבען און לאכען פון זיין גרויזאמקייט, אלמעכטיגקייט און אומפארמיידליכקייט, שטארבען, און ניט גלויבען אין טויט, ניט גלויבען, ניט גלויבען, ניט גלויבען!...

איך האב מער ניט אויסגעהאלטען:

— הערט אויף! איר הערט! איך בעט אייך! הערט אויף צו ריידען פון טויט. איר האט זיך אוועקגעזעצט לעבען מיר — און רעדט פון טויט...

איך האב עס געזאגט, און מיין קול האט מאדנע געציטערט. מיינע הענט האבען פון זיך אליין געביילט אין א פויסט, און נאך איין רגע — וואלט איך זיך איינגעקלאמערט אין זיין גארגעל. אבער ער האט א ווילע געטראכט, און האט מיט א רואיגער שטימע געזאגט:

— איך האב אייך פארגעסען צו זאגען: — עס איז ניט אמת, וואס איך האב געזאגט, אז איך פאר אין א סאנאטאריום... איך פארזיכער אייך: דאס איז ניט אמת... דאס האט מיין פרוי די גאנצע צייט ניט אויפגעהערט מיך צו טרייבען אין א סאנאטאריום, ווייל איך בין קראנק. זי איז גערעכט: איך בין קראנק, זאגאר געפערליך קראנק. אבער איך פאר ניט אין קיין סאנאטאריום. איר פארשטייט: דאס וויל איך פון זיך אנטלויפען... בלויז פון זיך. און אז איך האב אייך דערציילט, אז איך פאר אין א סאנאטאריום — האב איך דאס אויך געוואלט פון זיך אנטלויפען. אט הערט: דאס איז ערשט נעכטען געווען, באלד נאכדעם, ווי ד א ס האט פאסירט מיט לילי'ן. מיין פרוי איז נאך

געלעגן אויפ'ן סאפע מיט'ן פנים אראפ, און האט געוויינט: איך בין א לאנגע צייט געשטאנען א פארלארענער, געקוקט אויף דער פרוי'ס ציטערענדיגע פלייצעס, און אין מיר האט ניט אויפגעהערט צו וואקסען א געפיל פון א מענשען, וואס האט ערשט א שרעקליכען פארברעכען באגאנגען, און מען האט אים נעכאפט אויפ'ן פלאץ... נאכדעם איז די פרוי אויפגעשטאנען, איז צוגעגאנגען צו מיר און האט געזאגט, אז איך מוז פארען אין א סאנאטאריאום... האב איך עס ניט געקאנט פארשטיין: ווי קום א י ך עס איר אויף די געדאנקען איצט, ווען ד א ס האט ערשט פאסירט מיט לילי'ן!?... האב איך געפרואווט אויספרעגען — אפשר מיינט זי טאקע לילי'ן — האט זי ווידערהאלט: אז א י ך בין קראנק, אז א י ך האב אוממענשליך פארנאכלעסיגט מיין קראנקהייט און אז איך מוז שנעלער פארען היילען זיך אין א סאנאטאריאום... איך הערט: און נאכדעם, אז זי האט עס געזאגט האט עפעס מיט אמאל צוזאמענגעדריקט מיין הארץ, און איך האב זיך פלוצלונג פארהוסט... איך האב געהוסט עטליכע מינוטען נאכאנאנד — ביז עס האט זיך באוויזען בלוט... איך פארשטייט: — ב ל ו ט! מיין פרוי האט זיך ווידער פאנאנדערגעוויינט, און איך האב געטראכט: אט דאס איז דער סוף! און מיר האט זיך געדוכט, אז אימיצער שטייט הינטער מיין רוקען, שטייט, און וויל ניט אוועקגייען. שטייט, און וויל ניט אוועקגייען... און דאן האב איך אלץ פארשטאנען — אי דאס וואס עס האט מיך אזוי אויפגעציטערט, אי דער קלאנג פון לילי'ס האלז, אי דאס קלאגען פון מיין פרוי, אי דאס, וואס זי שיקט מיך אין א סאנאטאריאום. האב איך גלייך באשלאסען: איך וועל פארען! איך וועל אייך זאגען — איך ווייס, איר וועט מיר ניט גלויבען — מיר האט זיך דאן אויסגעדוכט אז אימיצער האט הינטער מיין רוקען, שטרענג און פארעקשנ'ט געזאגט: — דו וועסט ניט פארען! און איך האב פארשטאנען: דאס איז געוועזן דער טויט!... האט זיך מיר אזוי געוואלט קעמפען מיט אים, אנפירען א פיזישען קאמף מיט אים, איינגראבען מיינע פינגער אין זיין האלז, און שטיקען, און בייסען מיט די ציין, פארניכטען אים, און ניט האבען הינטער מיין רוקען... איך וועל מיט אים קעמפען, איך וועל מיט אים קעמפען...

ער האט ווידער אנגעכאפט מיין האנט מיט זיינע קאלטע פינ־גער.

— אנטשולדיגט, טייערער, הויבט זיך אויף, און קוקט ארוים דורכ'ן פענסטער: אפשר וועט איר עפעס קענען זען... איר פאר־שטייט, איך קוק ארוים — און יעדעס מאל דוכט זיך מיר, אז אי־מיצער רייסט זיך צו מיר דורכ'ן פענסטער... אמת, איך באהערש זיך, איך קוק אין פענסטער, איך קוק אים גלייך אין די אויגען אריין, אבער איך בין נאך ניט זיכער — אפשר דוכט זיך מיר נאר אוים...

איך האב שוין גאר קיין צווייפעל ניט געהאט: ער איז גע־ווען משוגע. איך האב אבער אים געפאלגט: אויפגעהויבען זיך, אריבערגעבויגען זיך אריבער אים און ארויסגעקוקט דורכ'ן נאסען פענסטער. עס איז נאך אלץ געווען פינסטער, און מען האט גאר ניט געקענט זען. דער צוג האט שטארקער ווי געוויינליך אוים־געקלאפט: טי־טא־טא!...

— נו? !...

ער האט אזוי מאדנע געקוקט אויף מיר, אזוי ווי אין מיין ענטפער וואלט געווען זיין רעטונג.

— עס איז פינסטער, און מען קאן גאר ניט זען, אחוץ דער פינסטערניש. דאס לאזען אייך אייערע נערוועז ניט רוען...

— איר זאגט — מיינע נערוועז? כא־כא־כא!... איר זיינט גערעכט: מיינע נערוועז לאזען מיך ניט רוען...

מיר איז געווארען אומהיימליך מיט אים. און מאדנע איז געווען, וואס די מורא איז עפעס ארויסגעוואקסען ניט פון אים צו מיר, נאר פארקערט — פון מיר צו אים. איך האב מורא געהאט — און דער שרעק איז געווען אין מיר, פאר מיר און צוליב מיר. אזוי ווי ער וואלט געווען נאר דער שפיגעל, וואס האט אפגעשפי־געלט מיין פנים... איך האב געטראכט: אפשר איז ער אויך א מערדער? אפשר איז ער אנטלאפען פון א משוגעים הויז, און אים דוכט זיך אלץ, אז מען יאגט זיך נאך אים?

אין וואגאן האבען נאך אלע געשלאפען. איך האב מיט פאר־דראס געטראכט: וואלט כאטש איינער אויפהויבען דעם קאפ, וואלטען דאך די געשטאלטען פון טויט און משוגעת פארשוואונ־

דען, און איך וואלט רואיג געקענט פרעגען דעם אומבאקאנטען: ווער ביזטו? פון וואנען קומסטו? און וואס זיינען דיינע ציילען? אפשר וואלט ער מיר אלץ דערציילט דאן מיט פשוט'ע מענשליכע ווערטער?...

ער האט פלוצלונג איבערגעריסען מיינע געדאנקען:

— הערט! איך האב אמאל געזען א מענשען, וועמען א לאקאמאטיוו האט צושניטען אויף צוויי. דאס איז געוועזען מיט עטליכע חודשים צוריק. איך בין געוועזען ניט ווייט פון פלאץ, וואו דאס האט געטראפען. בין איך געגאנגען זען. דער לאקאמאטיוו איז געשטאנען אויף די רעלסען, האט רואיג געאטעמט מיט דאמף און רויך, און דער טויטער קערפער איז געלעגען גאר נאענט צו אים, אן א זייט. אז איך בין צוגעגאנגען נאך נעענטער, האט זיך מיר פון אנהויב אויסגעדוכט, אז דאס ליגען צוויי קערפערס. איר פארשטייט? אימיצער האט צוגעשלעפט דאס צווייטע העלפט פון דעם קערפער און האט עס אוועקגעליינט ביים זייט פון דעם אויבערשטען טייל. עטליכע פערזאנען זיינען ארומגעלאפען מיט שוויינענדיקע פנים'ער, זיינען געקראכען אויף די טרעפלעך פונ'ם לאקאמאטיוו, ארויף און אראפ, און קיינער פון זיי האט אפילו קיין איינציגען בליק ניט געווארפען אויף דעם דער'הרג'טען. א צענדליג מענשען, וואס האבען זיך צוזאמענגעקליבען האבען ארומגערינגעלט דעם טויטען מיט א לעבעדיגען רינג, געקוקט מיט א קאלטען ציטער און מיט עקעל, אבער שטום. איך האב זיך צוגעקוקט אויף דעם אויסדרוק פון דעם טויטענ'ס געזיכט. א מידע רואיגקייט איז געוועזען צוגאסען אויף זיין געל געווארענעם פנים — און ניט מער. איר פארשטייט: א מידע רואיגקייט — און ניט מער... אזוי ווי דער שרעק פון טויט וואלט גאר ניט אנגערירט זיין נשמה, אזוי ווי ער וואלט גאר ניט אריינגעקוקט אין דער שרעקליכער צורה פון טויט. איר פארשטייט: דא איז קיין טויט ניט געוועזן, פשוט: עס איז נעגאנגען א מענש און האט געטראכט פון עפעס, אפשר פון עפעס, וואס איז זייער אנגענאם געוועזן. און אפשר איז עס געוועזן א טויבער, אפשר א בלינדער, אפשר א שיכור: געגאנגען, און האט ניט געוואוסט, אז אין א מינוט ארום, אין א רגע ארום, אין אן אויגענבליק ארום וועט ער צעריסען ווערען, און

אויפהערען צו זיין... דער מענש איז ניט געשטארבען. דער מענש האט אויפגעהערט צו זיין...

ער איז ווידער געווארען אומרואיג. איך האב געזאגט:

— איך בעט אייך רעדט ניט פון טויט. רעדט ניט פון טויט...

מיין שטימע האט א ציטער געטאן, איך האב זיך שטארק פארהוסט, דעם ערשטען מאל פאר דער גאנצער לאנגער נאכט, געהוסט, געהוסט... און פלוצלונג האב איך דערזען, ווי ער קוקט אויף מיר מיט אזוינע מאדנע אויגען, פארוואונדערט און דער־שראקען אינאיינעם. און אז איך האב זיך בארואיגט, האט ער נאך לאנג געשוויגען און געקוקט אויף מיר מיט די זעלביגע אוי־גען. איך בין בייז געווארען. איך האב כמעט געשריען:

— הערט אויף! נעמט אראפ פון מיר אייערע אויגען, משוגע'נער, אדער איך וועל אייך...

איך בין אויפגעשטאנען, אפגעטראטען פון אים און צוגע־גאנגען צו דעם פלאץ, וואו איך בין פריער געזעסען. באלד איז אריינגעלאפען דער קאנדוקטאר, און פארבייגייענדיג מיט שנעלע טריט האט ער אויסגעשריען:

— דענוועך, דענווע־ער!...

איך האב פון ווייטען באמערקט ווי דער אומבאקאנטער האט זיך אומרואיג א הויב געטאן פון זיין פלאץ, און האט זיך ווידער געזעצט. זיינע אויגען האבען געגומען עפעס ארומזוכען אין דעם וואגאן. ער האט מיך דערזען, צוגעלאפען צו מיר, און האט אומ־רואיג געשריען:

— עס איז שוין דענוועך? ער האט עס טאקע אויסגע־שריען: דענוועך? עס איז דאך נאך נאכט — און מיר זיינען שוין געקומען קיין דענוועך... קענט איר מיר ניט זאגען וויפיל איז איצט דער זייגער?

איך האב קיין זייגער ניט געהאט. אימיצער פון די שלא־פענדיגע האט זיך אויפגעהויבען פון פלאץ, און האט אויף'ן קול אויסגעשריען:

— דער זייגער איז פינף. פונקט פינף. אין פופצען מינוט ארום וועלען מיר אנקומען...

ער האט זיך א ווארף געטאן צו יענעם, וואס האט גערעדט, און האט אויסגערופען:

— פינף? פינף, האט איר גזעאגט?

— פינף.

— פינף אזייגער?

— יע. עס איז פינף אזייגער. וויפיל דען?...

אלע האבען זיך גענומען ביסלעכווייז באוועגען, רייבענדיג די פארשלאפענע אויגען. דער אומבאקאנטער האט זיך ארומגעקוקט און איז שנעל אוועקגעלאפען צום ארויסגאנג פון וואגאן, און באלד האב איך דערהערט דעם שאס. א קורצער טעמפער קלאנג פון א רעוואלווער שאס — און איך האב אלץ פארשטאנען. מיר האבען זיך אלע א לאז געטאן אין דער ריכטונג, פון וואנען מיר האבען געהערט דעם שאס. פוןביידע וואגאנען זיינען שוין געלאפען מענשען, האלב פארשלאפענע, האבען הויך גערעדט און פאנאנדער־געפרעגט. און נאכדעם האבען מיר אלע דערזען, ווי אין דער האלב־פינסטערניש, דארט וואו די וואגאנען ווערען צוזאמענגע־שלאסען אין די לעדערנע שירמע, וואס פארשטעלט דעם בריקעל, געווען אפגעשלאסען, און דער אומבאקאנטער, שוין ליגענדיג אויפ'ן בויך זוכט מיט אלע כחות דורכצוקריכען און ארויפצוגליטשען זיך אין דער עפענונג צווישען... און איידער מיר האבען צייט געהאט צוצולויפען צו אים, איז שוין זיין קערפער ארייגעזונקט געווארען אין דעם פינסטערען, רוישענדיגען אפגרונט...

ערשט אין עטליכע מינוטען ארום איז אימיצער אן אויפגע־רעגטער צוגעלאפען צום טארמאז, און אפגעשטעלט דעם צוג. און ווען דער צוג האט זיך לאנגזאם אפגעשטעלט, האבען די פאסא־זשירען פון די איבעריגע וואגאנען ניט געוואוסט די אורזאך פון דער פלוצלונגער אפשטעלונג, און האבען פארזארגט צוזאמענגע־פאקט און צוזאמענגענומען די רייזע־זאכען. און ערגעץ ווייט, אויפ'ן נאסען וועג, אויף די שפאלען האט זיך געוואלגערט אין אומארדנונג דער פארבלוטיגטער קערפער פון דעם אומבאקאנטען...

.2

אז איך בין אראָפּ פון צוג האָב איך געטראַכט: איצט איז שוין אַלץ געענדיגט מיט דער פאַרגאַנגענהייט. איך האָב זיך גע־שטייסען צווישען אַלעמען געוואָלט אַרויסרייסען זיך פון דעם גע־דרענג אין באַן־הויף, און אַרויסגייענדיג אין גאַס דערפילען זיך נאָך פרייער. אָבער עס איז מיר ניט געלונגען. שוין גייענדיג אי־בער די פרעמדע, שטילע גאַסען, ניט האָבענדיג מיט זיך גאָר ניט, וואָס זאָל דערמאָנען אַן דעם, וואָס איז געווען, האָב איך דאָך גע־פילט, אַז גאָר ניט האָב איך הינטער זיך ניט איבערגעלאָזען. אַלץ איז דאָ. אַלץ איז מיט מיר. אַלץ פאָלגט מיך נאָך ווי אַ שאָטען, און איך קען פון דעם ניט אַנטלויפען. אַ שווערע עלענד האָט זיך נאָך אַלץ געפּלאָנטערט אונטער די פיס — און שווער געמאַכט מיינע טריט.

נאָך וואָס בין איך אַהער געקומען? שטאַרבען. בלויז איין ענטפער: שטאַרבען! און וואָס איז אַזוינס שטאַרבען?

עס איז געווען מאָדנע: ער, דער אומבאַקאַנטער איז שוין טויט — און איך לעב נאָך. דער וואָס איז געווען אין שפּיגעל איז שוין טויט, און איך לעב נאָך...

— ווייל איך וויל לעבען!

איך האָב טאַקע דאָן געזאָגט. דערפאַר קען איך זיך ניט באַפרייען פון אָט די גאַרניט־זאָגענדיגע פּאָר ווערטער. דער טויט, וואָס איז אַזוי נאָענט דוכט זיך שטענדיג צו זיין ווייט. ער איז שוין אין מיר און איבער מיר. ער שטייט ביינאַכט לעבען מיין צוקאָפּענס און וואַכט איבער מיר. בייטאָג באַגלייט ער מיך אויף יעדען טראָט, פּלאָנטערט זיך אַמאָל אונטער די פיס, און איך זאָג:

— איך וויל לעבען!...

ניט פאַר'עקשנ'ט, נאָר איבערצייגט זאָג איך עס.

אָט זיינען שוין פאַראיבער דריי וואָכען — און איך לעב נאָך. און ווער ווייס, אפשר וועל איך נאָך לעבען אַ וואָך, אָדער צוויי... אפשר וועל איך נאָך לעבען, און לעבען? אַלע ווייסען שוין, אַז איך וועל באַלד שטאַרבען, אַז איך בין שוין כמעט טויט. אַמאָל דוכט זיך מיר אַליין, אַז איך אַליין בין שוין טאַקע טויט, נאָר אין

דעם כח פון דעם נס פון לעבען, פון עפּעס אַן אינערציע לעב איך נאָך, און באַוועג זיך נאָך, און טראַכט, און טראַכט... און אַז אַ מענש טראַכט — איז דער טויט דאַן ווייט. אַז מען טראַכט, האָט דער טויט קיין שליטה ניט. _ אַז מען זאָגט: איך וויל לעבען — באַזיגט מען דעם טויט.

— איך וויל לעבען!

מיך אַרט בלויז, וואָס זיי קוקען שטענדיג אויף מיר ווי אויף אַ טויטען. אַפילו די, וואָס ווילען אַליין נאָך מיר באַלד שטאַרבען. זיי קוקען אויף מיר שטענדיג אַט מיט אַזוינע אויגען. איך געדיינק יענעם אין דער פרי אפילו, ווען איך בין געקומען אין שפּיטאַל, האָט מיך דער דאָקטאָר אויסגעפרעגט, און די גאַנצע צייט איז ער געווען אַזוי גוט צו מיר, ווי אַ ברודער... און נאָכדעם האָב איך מסתמא אויס פשוט'ער סענטימענטאַליטעט, געזאָגט:

— איר ווייסט, ביינאַכט האָט זיך אונטער אונזער צוג אַן אומבאַקאַנטער אונטערגעוואָרפען... ער איז אויך געווען שווינד־זיכטיג. ער איז געפאָרען צו אייך אין סאַנאַטאָריאום... ער האָט עס מיר אַלץ דערציילט — און נאָכדעם האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אונטער'ן צוג...

און באַלד האָב איך דערזען די אויגען, וואָס האָבען אַ קוק געטאָן אויף מיר:

— און דו וועסט אויך שטאַרבען... ווי דען? וועסט זיכער שטאַרבען...

אַזוי ריידען זייערע אויגען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער כירורג

דאקטאר יאקאבזאן, א זיבעציג יאריגער זקן, איז געווען א באַ־רימטער כירורג און דער הויפּט דאקטאר פון א גרויסען שפּיטאל.

אין די מעדיצינישע קרייזען און צווישען פאלק זיינען פאר־שפּרייט געווען וואונדערליכע לעגענדעס וועגען זיינע כירורגישע פע־איגקייטען וועלכע האבען באשאפען ביי אלעמען אן אומבאגרענעצ־טען גלויבען אין די וואונדער, וואס ער האט געטאן אין די פערציג יאר פון זיין טעטיגקייט. אבער פלוצלונג, ווען דער אלטער יאקאב־זאן איז נאך געווען פול מיט מוט און אומערמידליך געקעמפט קע־גען קראנקהייטען און טויט, האט פּאסירט עפּעס אומגעוועהנליכעס. און פּאסירט האט דאס אזוי:

זייט עטליכע מאנאטען האט דר. יאקאבזאן גענומען פארציי־כענען אלץ מער און מער טויטענפאלען אין זיין שפּיטאל. כמעט אלע, וואס פלעגען שטארבען זיינען געווען די, וועלכע ער אליין האט אפּערירט און וועלכע זיינען געווען אונטער זיין אויפזיכט. ער האט, דאכט זיך, געטאן אלץ, וואס זיין לאנג יאריגע פּראקטיק און די וויסענשאפט האט אים געלערנט, און דאך פלעגט ער, זיי־ענדיג ביי זיך אין דערהיים, מיט שרעק אין הארצען, דערווארטען, אז אט־אט וועט דער טעלעפאן א קלונג טאן, און זיין אסיסטענט וועט אים נאך אמאל און נאך אמאל אנזאגען וועגען די, וואס זיי־נען דארטען, אין זיין שפּיטאל אין זיין אפּוועזענהייט געשטארבען...

ער פלעגט ארומגיין איבער זיין קאבינעט און אין די גערא־קען פארשטעלען פאר זיך דעם גראד פון געפערליכקייט פון דעם אדער יענעם פון זיינע פּאציענטען, און פלעגט טראכטען, אז גאר נים לאנג צוריק האט ער דאך געהאט א פּאציענט מיט די זעלביגע סימפּטאמען פון דער זעלביגער קראנקהייט, און ער איז געזונט גע־ווארען, נאכדעם, ווי ער האט אים אפּערירט. — און אט דער היינ־

טיגער איז געשטאָרבען... און ווער ווייסט — אפשר וועט די פרוי, וועלכע ער האָט ערשט מיט עטליכע שעה צוריק אָפּערירט, אויך שטאַרבען. און דער יונגער מאַן מיט די בלאָנדע וואָנצעס. און דער אינגעל מיט דעם קראַנקען מאָגען. און אַלע קראַנקע וועלען אויס־שטאַרבען?...

און ווען דער טעלעפאָן פלעגט אים איבערשרעקען אין מיטען פון זיינע געדאַנקען, פלעגט ער צולויפען מיט זיינע פלאַנטערענ־דיגע פיס, אָננעמען מיט ציטערענדיגע הענט דעם „רעסיווער" און מיט אַ פאַרקלעמטען האַרצען פרעגען:

— נו?...

— נו?...

— פּאַציענט בערמאַן איז געשטאָרבען...

דער דאָקטאָר פלעגט בלייבען אַ דערשלאָגענער, פלעגט זיצען גאַנצע אָווענטען אין זיין ווייכען שטול, רויכערען שטאַרקע ציגאַרען און וואַרטען מיט אַ געדריקטען געמיט אויף אַ בשורה פון שפּיטאָל.

איינמאָל האָט מען אין שפּיטאָל געבראַכט אַ מיידעלע פון אַ יאָר דרייצען, אַ ליידענדיגע אויף אַפּענדיסיטיס. די קראַנקהייט איז געווען אין דער ערשטער סטאַדיע פון אַנטוויקלונג — און איז נאָך ניט געווען געפערליך. נאָך אַ קורצער בעראַטונג מיט דעם אַסיס־טענט האָט דר. יאַקאָבזאָן באַשלאָסען צו מאַכען אַן אָפּעראַציע, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מען האָט געקאָנט אַנווענדען אַנדערע מיטלען. די אָפּעראַציע איז צוגעגאַנגען גוט — און דר. יאַקאָבזאָן איז געווען צופרידען. אין אָווענט, אָבער, האָט דער אַסיסטענט מיטגעטיילט, אַז ביי דער פּאַציענטין פאַרגרעסערט זיך די טעמ־פּעראַטור. דער דאָקטאָר האָט געגעבען די נויטיגע אינסטרוקציעס און אַליין באַשלאָסען יענעם אָווענט ניט צו באַזוכען דעם שפּיטאָל.

אין זיין האַרצען איז ווידער געבאָרען געוואָרען אַ צווייפעל, וועלכער האָט אים די גאַנצע נאַכט ניט געלאָזען שלאָפען. וועט זי אויך שטאַרבען? איז אים צום טויזענדען מאָל די פראַגע אַרויפגע־קומען אויף די געדאַנקען — און ער, דער גרויסער כירורג, וואָס האָט אין זיין לעבען באַקעמפט אַזוי פיל קראַנקהייטען, האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט שוואַך און הילפלאָז אַנטקעגען דער קליינ־קער קראַנקהייט, וועלכע איז פלוצלונג אויסגעוואַקסען און האָט זיך

פארוואנדעלט אין עפּעס מורא׳דיגעס, ענליך צו א מאנסטער, וואס איז געשטאנען איבער אים און געשראקען.

אויף מארגען, ווען ער איז אריינגעגאנגען אין שפּיטאל, איז דער אסיסטענט געקומען אים אנטקעגען א פארזארגטער.

— אנטשולדיגט, דאקטאר... איך וואלט אייך געבעטען צו באזוכען דאס מיידעלע פריער פון אלעמען... איר צושטאנד איז אזא, אז איך האב מורא צו שטעלען אויף זיך...

דער דאקטאר האט כמעט א ציטער געטאן און איז מיט שטילע טריט אריין אין דעם צימער, וואו די קראנקע איז געלעגען און ער האט זיך איבערגעבויגען איבער איר, איינגעהערט זיך אין איר אטעמען און האט געניט און זיכער אנגענומען איר פּולס.

— זי וועט באלד שטארבען... — האט ער געזאגט טויב, אפּ־ווענדענדיג זיין בליק אן א זייט.

דער אסיסטענט האט געשוויגען. אין צימער איז געווען אזוי שטיל, אז מען האט דייטליך געהערט דעם פארשטיקטען, אפּגע־ריסענעם און האלב־כארכלענדיגען אטעמען פון דער קראנקער.

דער אסיסטענט האט געזאגט:

— איך ווייס ניט. איך בין ניט זיכער, אבער... מיר דוכט, אז די אפּעראטיווע מיטלען אין אזא פאל... ווי זאל איך זא־גען.. עס איז א ריזיקע...

דאקטאר יאקאבסאן האט דערשראקען א קוק געטאן אויף דעם אסיסטענט. ער האט גלייך דערפילט, אז דאס, פארוואס ער האט אזוי מורא געהאט איז שוין א פאקט — און ווי א פאלענדיגע וואנט וועט דאס אויף אים איינפאלען, — און קיין רעטונג וועט שוין פון ערגעץ ניט קומען... ער האט, אבער, בייז געזאגט:

— מיט אנדערע ווערטער — אויב זי וועט שטארבען — איז עס מיין שולד... הא? איר האט דאך דאס טאקע געוואלט זאגען? ניט אמת?...

— ניין, ניט די שולד, נאר דער ט ע ו ת. איך מיין — עס פּאסירט א פארדראסליכער טעות...

דר. יאקאבזאן האט ניט געענטפערט. ער האט דורכגעשפּאנט דאס צימער, איז צוגעגאנגען צום פענסטער, א ווייל געשוויגען און נאכדעם געזאגט:

— איר זײַנט גערעכט. דאָס איז געװען מײַן טעות... און אפשר מײַן שולד...

דעם אַסיסטענט האָט אימיצער אָפּגערופן. יאַקאָבזאָן איז פֿאַרבליבן. ער איז נערװעז צוגעגאַנגען צו דער קראַנקער, אײַנגעבויגן זיך איבער איר און נאָך אַמאָל צוגעהערט זיך צו איר אָטעמען. און פּלוצלונג האָט ער אַנגעכאַפּט אירע דאַרע לאַנגגעװאַקסענע הענט, װאָס זײַנען הילפֿלאָז געלעגן אויפֿ'ן װײַסן לײַלעך:

— לעב!... דו הערסט: לעב!... — האָט ער האַלב־משוגע אַרויסגעשריען און אָנגעשטרענגט געקוקט אין די אויסגעלאָשענע, האַלב־צוגעמאַכטע אויגן פֿון דער קראַנקער. אויף אַ רגע האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז אירע ברעמען האָבן זיך װי אַ ריר געטאָן, און אַז די אויגן אירע קוקן אויף אים מיט דעם זעלביקן לעבעדיקן בליק, מיט װעלכן זי האָט אים באַגעגנט נעכטן נאָך דער אָפּעראַציע, װען דער כלאָראָפֿאָרם האָט אויפֿגעהערט צו װירקן. עפּעס האָט מיט פֿרייד אַ ציטער געטאָן אין זײַן ברוסט. און דער אַלטער כירורג, װאָס האָט דעם גאַנצן לעבן שטאַרק געגלויבט אין דער אומפֿאַרענדערלעכקייט פֿון זײַן װיסנשאַפֿט און אין דער אומדערבאַרימקייט פֿון טויט, האָט זיך מיט אַמאָל אָנגעכאַפּט פֿאַר אָט דעם לעבעדיקן בליק, װי פֿאַר זײַן רעטונג און האָט גענומען גלויבן, אַז איצט װעלן די געזעצן פֿון װיסנשאַפֿט און טויט ניט אויסהאַלטן און עס װעט געשען אַ נס, װײַל עס מוז געשען...

און ער איז געפֿאַלן אויף זײַנע עלטערלעכע, ציטערנדיקע קני לעבן דער קראַנקערס געלעגער און האָט מיט אַ װײנענדיקער שטימע נע'טענה'ט און געבעטן:

— נו, טײַערינקע, — דו לעבסט דאָך... דו לעבסט דאָך... דו װעסט דאָך לעבן, האַ?... דו װעסט דאָך לעבן?...

דער גוסס'דיקער קערפּער פֿון דער מײדעלע האָט זיך ניט באַװעגט. אין צימער איז געװאָרן נאָך שטילער און עס האָט זיך דײַטלעכער געהערט װי זי האָט מיט די לעצטע כחות דורך דער באַרכלענדיקער ברוסט שװאַך געאָטעמט.

דער דאָקטאָר איז אויפֿגעשטאַנען, אַן אַלטער, אַ צובראָכענער. ער איז אינגאַנצן געװען אַזוי קלײן און הילפֿלאָז, װי אַ קינד, און

האט מיט אמאל פארשטאנען — אז עס איז שוין אלעם פארפא־לען, און אז די זאך, וועלכער ער האט געווידמעט זיין גאנצען לעבען איז געווארען קליין און צוויפעלהאפט, און אז ער, וואס איז אזוי בארעט געווארען מיט כבוד און קראנצען פאר דעם קאמף, וואס ער האט אומערמידליך אנגעפירט מיט'ן טויט און האט אזוי שטארק געגלויבט אין זיינע כחות, איז איצט, נאך אלעמען, ניט בכח צו באקעמפען די קליינינקע קראנקהייט און ארויסרייסען פון די ארעמס פון טויט דאס קינד, וועמעס וועזען עס רייסט זיך אזוי צום לעבען... און דאס, וואס איז געווען איז געווארען א טעות, א טעות...

און ער האט דערפילט, ווי אין זיין ברוסט איז מים אמאל ענג געווארען. אזוי, ווי אימיצער האט אויסגעפאמפעט די גאנצע לופט פון צימער, און ער וואלט ניט געהאט מיט וואס צו אטעמען... און אים האט זיך אזוי געוואלט ערגעץ אנטלויפען... לויפען, לויפען — אן אן אפשטעל... און אין דער לעצטער אנשטרענגונג צו בארואיגען זיך איז ער נאך אמאל צוגעגאנגען צו דער קראנקער, איינגעבויגען זיך איבער איר און האט מיט גיפט און הילפלאזען כעס אנגעהויבען:

— דו הערסט: איך האב געטאן אלץ... אלץ... דו פארשטייסט: אלץ, וואס אין מיינע כחות... פארוואס ווילסטו דוקא שטארבען? הא?... זאג — פארוואס? הא... איך האב שוין פינף מאל אין מיין לעבען אפערירט מענשליכע הערצער — און געווען ערפאלגרייך. ווייסטו, וואס דאס מיינט אפערירען — צושניידען און צוזאמענ־נייען א הארץ?... הא?... א לעבעדיגע הארץ... און די לונגען, און דעם מארך — אלץ האב איך אפערירט, אלץ געהיילט, און דו ביזט אהער געקומען מיט דיין אפענדיקס — און ווילסט דוקא שטאר־בען... ווייסטו וויפיל איך האב אויסגעהיילט אזעלכע, ווי דו?... — צענדליגע טויזענדע, — דו פארשטייסט? — צענדליגע טויזענדע גייען ארום אויף גאט'ס וועלט לעבעדיגע און געזונטע — און דו שטארבסט... און דו ווילסט דוקא שטארבען... הא?...

ער איז דורכגעגאנגען דעם צימער, האט זיך אומגעקערט צו־ריק און בייז געזאגט:

— דו מוזט לעבען, דו הערסט?...

ער האט א ווילע געשוויגען און האט שוין ווייכער געזאגט:

— דו וועסט דאך לעבען?... הא?... דו וועסט דאך מוזען געזונט ווערען, ווייל דיין קראנקהייט איז דאך גאר – גאר ניט — א קלייניגקייט... וועסט געזונט ווערען — און דאן וועט קומען דיין ארימע מאמע צו מיר, און וועט דאנקען, און וועט קושען מיינע הענט און טענה'ן, אז איך האב דיך פון טויט ארויסגעראטעוועט... כא־כא־כא!... פון טויט ארויסגעראטעוועט...

ער האט גערעדט און האט די גאנצע צייט געפילט, אז אלץ, וואס ער זאגט איז ניט נאטירליך און פאלש, אז דאס רעדט ניט ער, דר. יאקאבזאן, נאר אימיצער אן אנדערער וואס איז אין אים און איז אזוי דערשלאגען, הילפלאז און פארלארען. זיין שטימע האט געקלונגען פאלש, און ציטעריג אין דער שטילקייט פון צימער, און האט גערופען פון ערגעץ שרעקענדיגע געשטאלטען פון די אלע, וואס זיינען געשטארבען אין שפיטאל נאך די אפעראציעס.

עס איז אריינגעקומען דער אסיסטענט און האט געפרעגט:

— נו?... לעבט זי נאך? — און ניט דערווארטענדיג קיין ענטפער, איבערגעבויגען זיך אריבער דער קראנקער, — אך, זי איז שוין טויט... — האט ער קאלט געזאגט, אויפהויבענדיג זיך.

דר. יאקאבזאן האט א ציטער געטאן, האט געמאכט צוויי טריט צום אסיסטענט און האט, א בלייכער געזאגט: טייערינקער... הער זיך צו צום הארצען... אפשר... אפשר... אפשר האט איר א טעות... אפשר לעבט זי?...

דער אסיסטענט האט אן ווערטער צוגעהערט זיך צום הארצען, אנגעדריקט די ברוסט, וועלענדיג ארויסרופען דעם אטעם. עטליכע מאל נעטאפט דעם פולס — און צולעצט געזאגט:

— ניין, זי וועט שוין לעבעדיג ניט ווערען...

ביידע האבען א ווײלע געשוויגען. דער אסיסטענט האט געמאכט א באוועגונג ארויסצוגיין. דר. יאקאבזאן האט אים אפגעשטעלט:

— גייט ניט אוועק, איך בעט אייך...

זיין שטימע האט געציטערט.

— אט איז זי געשטארבען... און עס איז געשטארבען נעכטען דער יונגערמאן, און עס איז געשטארבען די פרוי מיט עטליכע טעג צוריק, און דער מאן, אט יענער געזונטער מאן, וואס איז גע־

שטאַרבען פון פלעווריט — און די אַלע, וואָס שטאַרבען דאָ אַזוי, ווי פליגען — פאַרוואָס שטאַרבען זיי?... אַלע שטאַרבען זיי... אַלע... זיי זיינען דאָך יונג און רייסען זיך צום לעבען — און דאָ שטאַרבען זיי פון דער קראַנקהייט, און אפשר גאָר פון דער אָפּעראַציע. וואָס איז ניט געלונגען... איר פאַרשטייט?...

דער אַסיסטענט האָט געשוויגען.

— אַט האָט איר דאָך געזאָגט, אַז אין דעם פאַל איז עס מיין טעות... איר האָט דאָך עס געזאָגט?

— עס וואָלט דאָך געקענט זיין, אַז די אַנדערע מיטלען, וואָלטען אויך ניט געהאָלפען...

— אַט דאָס איז דאָך אַזוי שרעקליך!... עס האַנדעלט זיך וועגען אַ מענשליך לעבען און דער דאָקטאָר, וועמען מען געטרויט אַט דעם לעבען, בלאָנזשעט אין דער פינסטער און טאַפּט און זוכט מיטלען...

ער האָט עטליכע מאָל דורכגעשפּאַנט דעם צימער. אימיצער האָט אָפּגערופען דעם אַסיסטענט. און אַז יענער איז אַרויס איז דר. יאַקאָבזאָן פאַרבליבען אַ קליינע ווײַלע אין צימער, און נאָכדעם מיט וואַקלענדיגע טריט אַרויסגעגאַנגען, ניט קוקענדיג אַהין, וואו עס איז געלעגען די ערשט פאַרשטאָרבענע מיידעלע. ער האָט אויסגעפונען דעם אַסיסטענט, האָט געגעבען אַ פּאָר אינסטרוקציעס, און, ווי אַנטלויפענדיג פון אַ געפאַר, מיט שנעלע טריט אַרויס פון שפּיטאָל.

ער איז געגאַנגען און דעם גאַנצען וועג געטראַכט פון דעם, אַז עפּעס פּאַסירט אין זיין לעבען אַזוינס, וואָס ער קען גאָר ניט פאַרשטייען און פאַרוואָס ער האָט גאָר קיין נאָמען ניט. וואָלט עס געהאַט אַ נאָמען, וואָלט ער עס געקאָנט שטודירען, אויסגעפינען דעם וואָרצעל פון אַט דער פּאַסירונג — וואָלט אים אפשר ניט געאַרט וואָס מענשען שטאַרבען אונטער זיינע הענט, ווי פליגען. און דאָ איז אַלץ געווען אַזוי פאַרשטעלט. אַזוי ווי אַ נעבעל וואָלט אַלץ אַרומגעהילט.

אין דערהיים, זיצענדיג אין קאַבינעט האָט ער געטראַכט, אַז מער וועט ער שוין ניט אָפּערירען, און וועט זיך אינגאַנצען אָפּזאָגען פון פּראַקטיצירען מעדיצין. פון דעם געדאַנק איז אים אַבי־

מעל גרינגער געווארן. ער האט זיך געזוכט צו באַרואיגן, און האט אויפ'ן קול גערעדט צו זיך אליין:

— עס איז דאך אזא נידערטרעכטיגער ליגן — דאס אלץ. וואס איז עס אזוינס די מעדיצינישע וויסענשאפט? עס איז דאך א געמיינער ליגן!... עס איז אפילו ניט קיין דורכפאל, ווי אונזערע געגנער דיינקען, נאר א געמיינער ליגן... די גאנצע מעדיצינישע וויסענשאפט, ווען מען קומט צו איר פראקטישער אנווענדונג איז ניט זיכער, פארפלאנטערט אין די וויכטיגסטע פאלען — אינגאנ־צען אומפארשטענדליך... וואס וויים א דאקטאר? גאט מיינער, וואס וויים איך? אט בין איך א דאקטאר כמעט פופציג יאר — און וואס בין איך? — אן אלטער ליגנער, בין איך...

ער האט שוין מער ניט געקענט איינזיצען. ער האט זיך גע־מוזט דורכגייען איבער'ן צימער.

— וואס וויים איך, דר. יאקאבזאן, וועגן שווינדזוכט, וועגן קאנסער, וועגן סיפילים, וועגן טויזענטער אנדערע קראנקהיי־טען? איך וויים דאך גאר ניט!... לאזט מיך צו רו — איך וויים גאר־גאר ניט!...

ער האט כמעט געשריען. נאכדעם האט ער אנגעקלונגען און געבעטען ביי דער דינסטמיידעל א גלאז קאלט וואסער. אז זי איז צוריק ארוים, האט ער עפעס, ווי צו איר גערעדט:

— הער מיך אוים, דו ביזט נאך יונג און דיך איז לייכט צו נארען. דו ווייסט ניט וואס פאר א ליגען דאס איז די מעדיצישע וויסענשאפט. דו ווייסט ניט — אבער דאס איז א ליגען!... פאר־שטייסט, קיין דאקטאר איז ניט זיכער, אז זיינע מיטלען האבען געהאלפען דעם קראנקען אפילו דאן, ווען דער קראנקער איז געזונט געווארען... ער קען ניט קומען און זאגען: דאס האב איך געטאן. און אויב ער זאגט — איז ער א ליגנער!... פארשטייסט? אמאל העלפט אפשר א דאקטאר, אבער אמאל העלפט אויך א צופאל. און וויפיל מענשען האבען פארלארען די לעבענס איז דעם נאמען פון אט דער מעדיצינישער וויסענשאפט? וויפיל זיינען געקוילעט געווארען, ווי שאף און פאר'סמ'ט געווארען, ווי פליגען?!... מען נעמט א מענשען, מען לערענט אים אוים שרייבען רעצעפטען; מא־

כען וויוויסעקציעס איבער א לעבעדיגען קערפער און אפערירען א מענשענס ארגאניזם, און מען גיט אים דערביי די פולע מאכט צו טאן מיט יענעמס לעבען אלעס, וואס עס דיקטירט אים זיין גע־וויסען און פארשטאנד. און דער דאקטאר איז נים מער ווי א מענש, וואס ווייס גאר ניט אויף זיכער. ער טאפט בלויז אין דער פינסטערניש, ער עקספערימענטירט און זוכט אליין די גאנצע צייט דעם אמת. דער דאקטאר איז בלויז א מענש — און א מענש מאכט טעות'ן, און דער טעות איז שוין דא ניט קיין טעות, נאר א מארד... א מארד... און איך זאג: איך, דר. יאקאבזאן, האב אומגעבראכט א סך לעבענס!...

פלוצלונג האט דער טעלעפאן געגומען קלינגען. דר. יאקאב־זאן האט זיך דערשראקען, האט זיך א נערוועזער, א פארלארענער גענומען באוועגען, ווי א גנב, וועלכען מען האט געכאפט ביי דער גנבה. ער האט זיך גענומען ווארפען — דאס צום טיש, דאס צום טיר, און עס האט גענומען א היבשע ווייל ביז ער האט זיך גע־פונען און אריינגענומען אין האנט דעם רעסיווער.

דאס האט מען פון שפיטאל גערופען אים צו קומען אפערירען א געפערליך קראנקען, וועלכען מען האט ערשט געבראכט. ער האט באדארפט גלייך קומען, ניט זאמענדיג זיך. ער האט זיך אבער גע־וואקעלט. א קאלטער שווייס האט באדעקט זיין פנים. ער האט ניט געוואוסט וואס צו טאן. ערשט מיט עטליכע מינוטען צוריק איז געווען אזוי קלאר: ער וועט ניט אפערירען, און עס וועט זיין גוט! און דא קומען זיי און זאגען: ער מוז קומען... פארוואס ווילען זיי דוקא ער זאל זיין א מערדער? פארוואס צווינגען זיי אים צו קומען?... ניין, ער וועט ניט גייען. זאל אימיצער אנדערש אפערירען. זאל עס טאן דער אסיסטענט, זאל עס טאן אן אנדער דאקטאר. ער וועט זיך ניט רירען פון ארט!...

ער איז געפאלען אין זיין ווייכען שטול, און איז געבליבען זי־צען אומבאוועגליך. בלויז די עלטערליכע דארע קני׳ האבען געצי־טערט און די ברוסט האט זיך שטארק געהויבען פון אויפרעגונג.

אין עטליכע מינוטען ארום האט ער זיך א כאפ געטאן. ער מוז איילען. די לאנג־יעריגע געוואוינהייט צו איילען אין שפיטאל

ביי דעם ערשטען רוף האט אים באזינט. ער האט שנעל אנגעטאן זיין מאנטעל, אריינגעגומען אין האנט דעם שטעקעל, און זיך גע־לאזט גייען. זיינע ביינערדיגע קני האבען נאך אלץ געציטערט און האבען זיך אונטערגעבראכען, און אים האט זיך גערוכט, אז ער וועט שוין ניט האבען קיין כחות צו קומען אין שפיטאל. ער וועט פלוצלונג פאלען אין מיטען גאס, און אז דאס וואלט פאסירט וואלט געווען אזוי גוט... ער האט שווער געשטעלט די פיס אויף דעם טראַ־טואר און אלץ געווארט אויף א נס. און האט גע׳טענה׳ט:

— נאט מיינער, נאט מיינער — וואס איז דאס?... וואס וועט עס זיין?...

אבער אריינקומענדיג אין דער סביבה פון האספיטאל, וואו עס זיינען אים אנטקעגען געקומען מיט אמאל אזוי פיל באקאנטע גוטע פנים׳ער פון די „שוועסטער" און דאקטוירים, אזוי פיל באקאנטע זאכען, האט ער זיך דערפילט זיכערער. ער האט דערפילט אין זיך גענוג כחות צו מאכען די אפעראציע. ער האט זיך זאגאר דער־פרייט, דערזענדיג זיך אין שפיגעל אין דעם ווייסען קיטעל. אים האט זיך אויסגערוכט, אז ער איז גרעסער, ברייטער, אינגער — און ער וועט נאך באווייזען ווער דר. יאקאבזאן איז. ער האט עס טאקע צו זיך געזאגט:

— מיר וועלען באווייזען... מיר וועלען נאך באווייזען.

די אפעראציע איז דורכגעגאנגען גלענצענד. אזוי האבען פאר־זיכערט דר. יאקאבזאן׳ען אלע דריי אסיסטענטען, וואס זיינען מיט אים געווען אין דעם אפעראציאנס־צימער. דר. יאקאבזאן האט געקוקט אין זייערע אויגען און געוואלט טרעפען די אויפריכטיג־קייט פון זייערע ווערטער, און איז צום סוף א בארואיגטער גע־גאנגען אהיים, און געטראכט, אז עס איז נאך ניט אזוי שרעקליך. אלץ קען זיך נאך א קער טאן און אוועקגייען אויף א גלייכען וועג.

אין דערהיים האט אים באגעגענט זיין פרוי, און אים האט זיך אויסגעוויזען, אז זיין פרוי, וועלכע איז געווען אינגער פאר׳ן דאקטאר מיט גאנצע צוואנציג יאר און האט די לעצטע צייט שטענ־דיג געקוקט אויף אים מיט מאדנע פארשענדיגע אויגען — האט

איצט אויף אים געקוקט גאר אנדערש, ווי אויף א זינער. ער האט זי פריידיג אנגעקוקט, און געזאגט:

— דו ווייסט — דו זעסט היינט אוים אזוי יונג... גאר ווי א יונגע מיידעלע...

און ער האט זי א קוש געטאן אין באק. א קוש געטאן, און פארשעמט זיך, וויל ער האט זיך דערמאנט, אז דאס איז געווען דער ערשטער קוש זינט לאנגע וואכען. זי האט פארוואונדערט געזאגט:

— און דו זעסט היינט אוים ווי א פארליבטער אינגעל. וואס איז געשען?

דער דאקטאר האט זיך פריילין צולאכט:

— פרעג ניט. דאס איז געווען א וואונדערליכע שטיקעל ארבייט. איך זאג דיר: דאקטאר יאקאבזאן קען נאך אפערירען. כא־כא־כא!... ער קען זיך נאך פארמעסטען מיט די נייע און די נייעסטע, מיט די יונגע און די יונגסטע, דיין דר. יאקאבזאן... כא־כא!...

די פרוי האט א ווײַלע געשוויגען, און האט פלוצלונג געזאגט:

— אט דאס האב איך טאקע מיט דיר געוואלט ריידען... פארשטייסט, עס איז שוין איצט קיין סוד ניט. דײַנע שונאים הערען נאר ניט אויף צו ריידען. איך האב אזוי פיל נעכט ניט געשלאפען איבער דעם... שטעל זיך פאר, אז איך האב באשלאסען דורכצוריידען זיך מיט דיר וועגען דעם. שטעל זיך פאר וויפיל געזונט עס קאסט מיך... גאט מײַנער...

זי האט מער ניט געקענט ריידען.

דעם דאקטאר האט פארכאפט דער אטעם. ער האט פון די ערשטע ווערטער אירע פארשטאנען, פון וואס זי וויל מיט אים ריידען, אבער מיט א גוואלדיגער אנשטרענגונג האט ער זיך באהערשט און האט, ווי פארוואונדערט, געזאגט:

— וואס איז געשען? איך פארשטיי ניט, טייערע, וואס איז געשען?

זי האט איבערגעכאפט דעם אטעם.

— אלע ווילען זיי, אז דו זאלסט רעזיגנירען... מען רעדט דאך

שוין איבער דער גאנצער שטאט. מען הערט דאך ניט אויף צו ריידען. אונזערע דינסטען ווייסען שוין דאך...

זי האט זיך שטיל צוואויינט, און שוין דורך טרערען געזאגט:

— און דערצו האבען זיך נאך פארמערט די טויט־פאלען אין שפיטאל... די צייטונגען ריידען שוין.. אלע ריידען...

און ווידער האבען ביי דעם אלטען דאקטאר גענומען אונטער־ברעכען זיך די פיס, און די קני האבען געציטערט. פונקט אזוי ווי מיט עטליכע שעה צוריק, ווען ער איז נעגאנגען אין שפיטאל. ער האט אראפגעלאזען די אויגען צום דיל, און עפעס ווי א שולדינער איננעל געשוויגען.

די פרוי איז געזעסען, און שוין א באפרייטע פון די ספאז־מען, דערציילט פאר אים די צאלרייכע אינטריגעס, וואס זיינען הינטער זיינע פלייצעס ארום אים געשאפען געווארען. ער האט אלץ אויסגעהערט געדולדיג, א שטילער, און האט אלץ געפילט, ווי עפעס וואקסט זיך אין אים פאנאנדער, ווערט גרעסער און ברייטער, און אים אליין ווערט אייננ אין דעם. דער אטעם ווערט אלץ שוואכער צום דערשטיקט ווערען. ער האט זיך מיט אמאל אויפגעהויבען פון פלאץ און איז מיט וואקלענדיגע טריט, ניט זאגענדיג קיין איינציגווארט, אוועקגעגאנגען צו זיך אין קאבינעט.

די פרוי האט זיך אינסטינקטיוו אויך אויפגעהויבען, געמאכט עטליכע טריט נאך אים, און מיט א מאדנער פאר׳עקשנ׳טקייט גע־זאגט:

— וואס אנטלויפסטו, אט רייד איך צו דיר די גאנצע צייט, און דו ווילסט גאר נים הערען. איך רייד, און דו אנטלויפסט...

דער דאקטאר האט שוין ניט געהערט, וואס זי האט געזאגט, האט בייז א קלאפ געטאן מיט דער טיר, און די פרוי איז געבלי־בען א ווייענדיגע. דער דאקטאר האט א היבשע ווײלע געהערט איר כליפען פון אהינטער׳ן טיר, אבער ער איז צו איר ניט ארויס־געגאנגען. ער איז א בייזער ארומגעגאנגען איבער׳ן צימער און געטראכט, אז איצט איז שוין טאקע אלץ פארפאלען. ער וועט מוזען רעזיגנירען. ער טאר מער קיין דאקטאר ניט זיין. אלע איבעריגע מעגען — און ער, דר. יאקאבזאן, טאר ניט.

מיט אמאל האט ער זיך אפגעשטעלט, א טראכט געטאן פון עפעס און האט זיך מיט אימפעט א לאז געטאן צום ביכער שראנק, וואס איז געווען איבערגעפאקט מיט די שווערע בענד פון אלץ וואס האט געהאט א שייכות מיט דער מעדיצינישער וויסנשאפט. ער האט מיט נערוועזע באוועגונגען ארויסגעשלעפט פון דארטען איין בוך נאכ'ן צווייטען, האט מיט ציטערענדיגע פינגער געבלעטערט די פארעלטערטע, אביסעל געל געווארענע פון צייט בלעטער, גע־זוכט מיט די אויגען, און ניט געפינענדיג דאס, וואס ער האט באַ־דארפט, מיט כעס געשליידערט איין באנד נאכ'ן צווייטען אויפ'ן טיש, אויף די שטולען, אויפ'ן דיל, און די גאנצע צייט געווען אין דער נערוועזער אנשטרענגונג פון א מענשען, וואס יאגט זיך נאך עפעס אין א לעצטער שמערצליכער פארצווייפלונג, יאגט זיך און קען עס ניט כאפען... עס האט זיך פון אים אפגעריסען עפעס, אנט־לאפען, און וועט שוין קיין מאל צוריק ניט קומען. וואס דאס איז ווייס ער ניט, אבער דאס איז זיכער געווען פריער אט דא, אין די שווערע בענד, וואס זיינען שטענדיג געשטאנען ווי געטרייע וועכ־טער אויף דער וואך פון דעם, וואס איז אוועק. און איצט זיינען זיי געווען אזוי פוסט, בלויז טערמינען, אלטע אויסגעדראשענע טערמינען... אין די טויזענטער זייטען זיינען זיי אנגעפיקעוועט אין די ביכער, אויסגעלייגטע מיט לאטיינישע בוכשטאבען, געדרוקטע מיט אזא גרויסען וויכטיגען קורסיוו זיינען זיי געווען ווי עדות פון עפעס גרויסעס, וואס איז אוועק, און וועט צוריק ניט קומען.

און, אז דאס, וואס ער האט געזוכט איז טאקע אין אלע ביכער ניט געווען, האט ער זיך עפעס ווי בארואיגט. די ביכער, וואס זיינען געלעגען אין גרויסע הרודעס, אין אומארדנונג צוואווארפענע איבער'ן קאבינעט זיינען איצט גארניט ווערט געווען. זיי זיינען געווען א ליגען, און אז זיי זיינען א ליגען — דארף ער זיין רואיג.

און ער האט זיך דערמאנט אן דער פרוי, וואס איז ערגעץ דארטען, הינטער'ן טיר געווען און האט נאך אפשר געוויינט. עס האט אים פארדריקט דאס הארץ. האט ער אביסעל אויפגעעפענט די טיר און דערזען זי ליגענדיג אויף דער סאפע אן באוועגונג. זי האט געשלאפען. ער איז צוגעגאנגען צו איר, געקוקט א ווײַלע

אויף איר בלייכע איידעלע פנים, און פאר זיך שטיל געזאגט:

— אז מען קען עס שוין ניט צוריקקערען... מען קען ניט...

און געפילט האט ער דערביי אזוי, ווי ער וואלט גערעדט פון א מענשען, וואס איז געשטארבען, און וואס וועט שוין קיין מאל ניט לעבעדיג ווערען.

ער האט זיך צוגעזעצט לעבען איר, געגלעט אירע איידעלע הענט, וואס זיינען דורכגעוועבט מיט בלויע אדערען. עס האט זיך אים געוואלט טרייסטען, בארואיגען זי, און בארואיגענדיג זי אליין בארואיגט ווערען, אבער אזוינע ווערטער זיינען ניט געווען. אלע ווערטער זיינען אויסגעשטארבען. אלץ האט זיך, ווי אפגעשטעלט. פריער איז עס געגאנגען, באוועגט זיך אלץ פאראוים, און איצט האט זיך עס אפגעשטעלט, און פארוואס דאס האט זיך אפגעשטעלט וויים ער ניט. און ווער קען עס וויסען?

עס איז געווען שפעטליך. אין קאבינעט האט געקלונגען דער טעלעפאן. דער דאקטאר האט מיט שטילע טריט אוועקגעשפאנט צום קאבינעט. מען האט טעלעפאנירט פון שפיטאל. מען האט זיך אנגעפרעגט וואס צו טאן מיט דעם אפערירטען. זיין טעמפע־ראטור האט געשטיגען. דער דאקטאר האט גאר ניט טראכטענדיג געזאגט:

— איך וויים ניט. איך וויים גאר־ניט. טוט וואס איר פאר־שטייט. איך וויים ניט...

און האט אויפגעהאנגען דעם „רעסיווער“.

דער ים

עס איז געווען א שטילער אווענט. דער ים איז אבער געווען אומרואיג. ער האט געברומט און געשריען, און געווארפען זיך אין זיינע ברעגען — און עס איז עפעס מאדנע אומפארשטענדליך גע־ווען, וואס ער, אזא גרויסער, אזא מעכטיגער, קען פון זיינע ברעגען ניט ארויס.

צו אונזערע פיס זיינען געלאפען און געקייקעלט זיך איינע נאך דער אנדערער, די וועלען, ווי געטריבענע, פון אימיצען, וואס שטייט דארטען, ווייטער אין ים, און רוישט מיט דעם אייביגען, קיין מאל ניט אויפהערענדיגען גערויש.

מיר האבען ביידע — איך און מיין פריינט — שטיל ארומ־געשפאצירט ביים ברעג פון ים. איך האב באמערקט, אז מיין פריינטס אויגען זיינען עפעס געווארען טונקעלער, דער פנים — בלאסער. ער האט אומרואיג געקוקט אין דער ריכטונג פון ים. אין א ווייל׳ע ארום האט ער געזאגט:

— דו זעסט דעם ים? — איצט האב איך מורא פאר׳ן ים.

נאכדעם האט ער א ווייל׳ע געשוויגען און האט נאך אמאל גע־זאגט:

— בייטאג — ניט. קומט אבער די נאכט — האב איך מורא.

איך האב גאר ניט געענטפערט, און א קוק געטאן אויף זיין פנים, וואס איז געווארען מאדנע ענליך צום ים — פינסטער און אויפגערעגט.

ער האט אנגעהויבען:

— בייטאג איז דער ים ווי א נייגעבארענער ריז. בייטאג בין איך מיט אים, ווי מיט א גוטען חבר. איך גיב זיך אפ דער גאנצער אין דעם רשות פון זיינע שטארקע ארעמס. איך וויים: מיין יונגער, מיין שטארקער חבר וועט מיך ניט פארראטען. ער וועט זיך מיט

מיר א שפיל טאָן, וועט מיך שליידערן און אומוואַרפן, וועט מיך אויפהויבן און באַשפּריצן מיט דעם שוים פון זיינע כוואַליעס. אָבער אַנשפּילענדיג זיך מיט מיר וועט ער מיך, א מידן, גוטברודערליך אַרויסוואַרפן אויפ׳ן זאַמד און קוקן אויף מיר מיט גוטע אויגן, און לאַכן צו מיר מיט זיינע געזונטע ציין. און איך וועל לאַכן צו אים אַנטקעגן, א גליקליכער, מיט דער פריינטשאַפט פון א ריז... קומט אָבער די נאַכט — ווער איך דערשראָקן פאַר זיין ריזיגקייט. ער ווערט אַלט אין מיינע אויגן, ווי אַליין די אייביגקייט, וואָס האָט אים געבאָרן — אַלט און פרעמד. שרעקליך פרעמד און פינסטער. איך קען אין זיין פינסטערקייט ניט אַריינקוקן, איך ציטער פאַר זיין אומפאַרשטענדליכקייט. עס שרעקט מיך זיין גערויש און זיינע כוואַליעס, וואָס זילבערן זיך אין דער פינסטערניש ווי ווייסע שאַרבענס, וואָס ווערן אַרויסגעשפּיגן פון זיין ריזיג שוואַרצן מויל. איך ווייס: וועל איך זיך לאָזן אין זיינע וואַסערן וועט דער שוואַרצער מויל מיך איינשלינגען און אַרויסשפּייען, א טויטן, מיט די טויטע שאַרבענס. ביינאַכט וועל איך דעם ים זיך ניט פאַרטרויען. פּרוביר זיין ביים ים אַליין ביינאַכט, פּרוביר אַריינקוקן אין זיין פינסטערן פּנים וועסטו מיט אַלע חושים דערפילן, אַז דו ביזט ניט זיכער מיט זיך אַליין. פאַרשטייסט? דו קענסט זיך אַליין זיך ניט אָפּגלויבן. עס באַהערשט דיך א מיסטישע קראַפט — און דו דערפילסט זיך ווי א פאַר׳כישופ׳טער. איך זאָג דיר: אין אַזא מאָמענט קענסטו גאָר אומערוואַרטעט דערזען אַזעלכע וואונדער, עפּעס אַזוינס וואָס האָט זיך דיר אַפילו ניט געקענט חלומ׳ען.

אַט וועל איך דיר דערציילן:

איך בין נאָך געווען יונג, אפשר געווען אינגאַנצן צוואַנציג יאָר אַלט, ווען דאָס האָט מיט מיר פּאַסירט. איך האָב דאַן ליב געהאַט אַלץ וואָס די יוגענט האָט ליב — די טעג, די נעכט, די פעלדער און דעם ים. אַלץ האָב איך ליב געהאַט מיט יענער גרויסער ליבע מיט וועלכער מען ליבט, ווען מען איז גליקליך.

איך האָב יענעם זומער פאַרבראַכט ביים ים און געהאַט א געליבטע. די גרעסטע טייל פון מיין צייט פלעג איך מיט מיין געליבטער פאַרברייגנען לעבן ים. געבאָדן זיך, געוואַלגערט זיך אויף

די ברעגינגע זאמדען און געשמייכעלט צו דער הייסער, בריענדיגער זון, וועלכע איז לעבען ים גאר אן אנדערע. עס איז גאר ניט יענע זון וואס אויף די פעלדער אדער אין שטאט. דא קענסטו אנטאפען די זון, עטעמענדיג, שלינגסטו אריין אין דיינע לונגען אינאיינעם מיט דער לופט גאנצע שטראמען זון...

מיר האבען ביידע גוט געקענט שווימען. מיר פלעגען אפט ארויסשווימען טיף אין ים און צוריקקומען פרייליכע, ווי זיגער. איינמאל האט זי מיר פארגעליינט:

— וויסטו גאר וואס — לאמיר היינט ביינאכט, ווען קיינער וועט ניט זיין אויפ'ן ברעג — ארויסשווימען אין ים... שטעל זיך פאר: קיינער איז ביים ברעג ניטא. נאר איך און דו... און מיר גיין אריין אין די שווארצע וואסערן, און מיר לאזען זיך שווימען, און קיינער זעט אונז ניט. נאר מיר אליין ווייסען איינער פון דעם צווייטען. נאר מיר אליין וועלען זיך ראנגלען מיט די גרויסע, גרויסע כוואליעס...

איך האב א קוק געטאן אין אירע אויגען. אין זיי האט פון אנהויב געברענט א מאדנער פייערל. נאכדעם האט ער זיך אויסגעלאשען און עס איז געבליבען די ענטציקונג פון דעם נאכטיגען ים מיט אלע מיסטעריען, וואס זיינען פארבונדען מיט זיין מורא'דיגען נאכט-לעבען. דאס אלעס האט עפעס מאדנע געשפילט אין די אביסעל פארנעבעלטע טיפקייטען פון אירע אויגען. איך גערדיינק דעם מאמענט אזוי דייטליך, אז נאך איצט לעב איך איבער דעם קליינעם קורץ-דויערענדיגען שרעק, וואס האט אויף איין רגע אויפגעציטערט מיין הארץ. איך גערדיינק עס קלאר. איך האב טאקע מיט אן אינסטינקטיווען שרעק א קוק געטאן אויף איר און מאדנע ערנסט א זאג געטאן:

— און דו וועסט גאר ניט מורא האבען?

זי האט געענטפערט:

— מורא האבען? — אפשר יע... אבער מיר וועלען שווימען... מיר וועלען שווימען.

איך האב צוגעשטימט. מיר האבען באשטימט פונקט צוועלף אזייגער צו טרעפען זיך אויפ'ן ברעג אין אונזערע באד-קליידער.

איך גערדיינק, איך בין צום ברעג געקומען פריער פון צוועלף. אפשר איז דאן געווען האלב נאך עלף, אפשר אביסעלע שפעטער. זי איז נאך ניט געווען. איך האב זיך צוגעלייגט אויפ'ן זאמד. וועל־כער איז געווען קיל, אזוי ווי פייכטליך פון דער פייכטער נאכט־לופט. און אפשר גאר פון דעם ים, וועלכער האט דורכגעקייקעלט זיינע כוואליעס איבער אים. איך האב א קוק געטאן אויף דעם ים. א לייכטער שרעק האט אויף א מאמענט א ריר געטאן מיין הארץ. ווען איך האב אפגעווענדט מיין בליק, האב איך עטליכע מינוטען ניט געהאט קיין מוט א קוק צו טאן נאך אמאל אויף אים. איך בין געווארען אומרואיג. איך האב ניט געקענט קאנצענטרירען מיינע געדאנקען. איך האב דעם ים ניט דערקאנט. ער איז מיר געווען פרעמד. איך האב פאר אים מורא געהאט. איך האב אבער געוואוסט — איך וועל שווימען. אז זי וועט קומען, וועל איך זיך מוזען מיט איר א לאז טאן אין ים און שווימען אין זיינע שווארצע וועלען, אזוי ווי אין מיטען טאג... א שווערער אומעט איז מיך באפאלען. אזוי אומעטיג איז מיר קיין מאל ניט געווען. די מינוטען האבען זיך גע־צויגען. די אומרואיגקייט איז געוואקסען. איך האב זיך ארומגע־קוקט אויף אלע זייטען דערווארטענדיג מיין געליבטע. קיינער איז ביים ברעג ניט געווען. אין שטעטל איז געווען מאדנע שטיל. אזוי ווי אלע וואלטען דארטען אויסגעשטארבען. און נאר דא, לעבען מיר, האט געברויזט און געשריען דער ים זיין אייביגען געשריי.

און מיט אמאל האב איך זי דערזען. זי איז צו מיר געגאנגען פון ים, פון וואסער. איך בין איר אנטקעגען אויפגעשטאנען. זי האט מיך באגעגענט מיט א שמייכעל. אין דער פינסטער האב איך באמערקט דעם שמייכעל און איך געדיינק נאך, אז דאס פנים איז געווען לאנג און טרויעריג, אזוי ווי איך בין געוואוינט געווען צו זען זי אין די אווענטען.

איך האב זיך געוואונדערט:

— דו האסט שוין געשוואומען?

זי האט גאר ניט געענטפערט און האט א שווייגענדיגע אויס־געשטרעקט צו מיר אירע ביידע הענט, וועלכע זיינען געווען קאלט און האבען אזוי געציטערט. מאדנע, איך האב עס דאן באמערקט און דאס האט מיך אויך, אזוי ווי ביי טאג, אביסעל דערשראקען. מיר

האבען ביידע געשוויגען און שווייגענדיגע, געלאזען זיך גיין צום וואסער אנטקעגען די לויפענדיגע כוואליעס.

דער אווענט איז געווען א שטילער, ווי היינט, אבער דער ים איז געווען אויפגערעגט. די כוואליעס פלעגען זיך אויפשטעלען ווי מעכטיגע לויפענדיגע ווענט אנטקעגען אונז קליינע און שוואכע מענשען־קינדער. די כוואליעס האבען אונז אויף א רגע אומגע־ווארפען. אבער באלד האבען מיר זיך אויפגעהויבען און גענומען שווימען. איך האב אויף איר ניט געקוקט און נאר באמיט זיך ניט אפצושווימען פון איר אויף א ווייטער שטרעקע. איך האב זי די גאנצע צייט געפילט לעבען זיך ביז א שטארקע כוואליע האט אונז אפגעטראגען ווייט צוריק, און מיר האבען זיך אויף א קליינער ווײלע פארלארען איינער פון דעם צווייטען. נאכדעם האב איך באמערקט איר קאפ אויף א שטרעקע פון א פאר קלאפטער פון מיר. זי האט מיט א באוועגונג פון איר קאפ און האנט מיר געמאכט צייכענס איך זאל צו איר שווימען. איך בין געשוואומען, אבער אין דעם זעלבינגען מאמענט האט א צווייטע כוואליע מיך א הויב געטאן און פארשלונגען. ווען איך האב אויפגעעפענט מיינע אויגען, האב איך זי שוין ניט געזען, נאר עפעס א שוואכער, ווי א פארשטיקטער אויס־געשריי איז געהאנגען איבער'ן ים און געקלונגען אין מיינע אויערען. איך האב גלייך פארשטאנען: זי טרינקט זיך. די בלוטען האבען מיר א קלאפ געטאן אין קאפ, אבער איך האב זיך ניט פארלארען. איך האב זי גענומען זוכען. איך האב זיך געווארפען צווישען די וועלען, געשניטען זיי מיט מיינע ארעמס און געשריען און גערופען זי. מיין שטימע האט מאדנע שוואך און פאלש געקלונגען אויף דעם ברויזענדיגען ים, אבער איך האב ניט אויפגעהערט צו שרייען צו איר. און פלוצלונג האב איך דערהערט איר שטימע. זי האט עפעס געשריען, וואס — האב איך ניט געקענט פארשטיין, נאר דאס געשריי איז געווען א פארשטיקטער, אזוי ווי אימיצער וואלט אין דעם מאמענט ווען זי האט אנגעהויבען שרייען, צוזאמענגעדריקט איר גארגעל מיט א שטארקער האנט און האט געווארגען. האב איך זיך ווי א ווילדער, אין דער לעצטער פארצווייפלונג, געווארפען אין אלע זייטען, געזוכט זי מיט די אויגען אויף דעם שווארצען פאן פון ים — און ניט געקענט געפינען. נאר שווארצע וואסער־בערג הא־

בען זיך דערהויבען און געפאלען, פלעגען אויף א ווײַלע ניט ווערען און פלעגען ווידער געבארען ווערען, ווי ריזיגע וועזענס. ארום איז געווען נאר דער ים, און נאר אים האב איך געזען מיט טויזענט אויגען. און זי איז ניט געווען. מײַנע כחות האבען שוין מיך אנ־געהויבען פארלאזען, ווען איך האב דערהערט איר פארשטיקטען קול פון גאר אן אנדער ריכטונג, פון ערגעץ הינטער מיר. איך האב געהערט: זי האט זיך ביי מיר געבעטען, זי האט צו מיר גערופען מיט דעם לעצטען אגאנישען רוף, וועלכער האט מײַן הארץ געריסען:

— איך טרינק זיך!... און ווידער האט דער ים פארשטיקט איר קול און איך האב ווידער ניט געקאנט זי הערען. קיין כחות זײַנען ניט געווען, אבער איך האב זיך דאך געלאזען אין יענער ריכטונג פון וואנען עס האט זיך געהערט איר קול. און ווען איך בין שוין געווען גאנץ ווײַט — האב איך נאך אמאל דערהערט איר קול — און ווידער ערגעץ ווײַט אהינטער מיר — און ווידער איז דאס גע־ווען א שרעקליכער, א פארטויטליכער געשריי. און אין א ווײַלע ארום האט עפעס פאסירט אויסערגעוויינליכעס: פון אלע זײַטען האב איך געהערט איר רופענדיגען קול. עס האט זיך געדוכט, דער גאנצער ים האט געשריען מיט איר קול און גערופען אין דער לעצ־טער מענשליכער פארצווייפלונג: — איך טרינק זיך, ראטעוועט!... דאן האב איך פארשטאנען: דאס האט דער ים גענומען אויספירען איבער מיר זײַן שווערען אורטייל. א גרויסער, איז ער פאר מיר נאך גרעסער אויפגעשטאנען און אויפגעעפענט זײַן גרויסען מויל מיך אײַנצושלינגען. איבערגעבענדיג זיך דעם ווילדען אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאלטונג האב איך גענומען שרײַען. איך ווייס ניט, איך געדיינק ניט, וואס איך האב געשריען, אבער מײַן געשריי איז גע־ווען שרעקליך. מײַן אייגענער געשריי האט געגליווערט די בלוטען אין די אדערן, איך האב שוין גאר ניט געהערט און גאר ניט געזען פאר זיך, ניט דעם ים און ניט די כוואליעס, און נאר מײַן אייגענער געשריי האט זיך אוועקגעשטעלט ווי א גאנצע וועלט פאר מײַנע אויפגעפלאמטע אויגען.

מער געדיינק איך ניט. איך ווייס נאר, אז מען האט מיך, א דערטרונקענעם, געפונען וויגענדיג זיך אין די כוואליעס. מען האט מיך קוים געבראכט צום לעבען. און ווען איך האב אויפגעעפענט

מיינע אויגען האָב איך דערזען מיין געליבטע אַ פאַרוויינטע און אַלע מיינע נאָנטע אַרום מיר. דאָס האָט זי דערהערט מיין געשריי ווען איך האָב זיך דערטרונקען, צוקומענדיג צום ברעג פונקט צוועלף אַזייגער. זי האָט מיך געראַטעוועט. זי האָט אויפגעהויבען די גאַנ־צע שטעטעל אויף די פיס — און מיך געראַטעוועט.

עס זיינען פאַריבער די ערשטע עטליכע טעג. איך בין ניט געגאַנגען צום ים. איך בין נאָך געווען שוואַך. איך האָב נאָך מורא געהאַט פאַר'ן ים. די גאַנצע צייט האָב איך פאַרבראַכט מיט מיין געליבטער, וועלכע האָט מיך ניט געוואָלט פאַרלאָזען, ניט אָפּטרע־טענדיג פון מיר. זי האָט צוליב מיר זיך ניט געבאָדען אין ים. זי האָט זאָגאַר אויסגעמידען צו ריידען וועגען דעם ים. שפּעטער האָט זי אָבער ביסלעכווייז גענומען מיך פאַנאַנדערפרעגען וועגען יענער נאַכט ווען איך האָב זיך געטרונקען — און דערביי איז זי געווען אַ מאָדנע, אַזוי ווי זי וואָלט אייפערזיכטיג געווען אויף אימיצען. זי פלעגט מיך האַלזען און קושען, און טענה'ן אַז אַן אויפהער פון איר ליבע — און דאָך זיין, ווי אַ פרעמדע. זי פלעגט זאָגען:

— אַט ביזטו אומעטיג. איך וויים — דו טראַכסט פון י ע נ ע ר... דו ליבסט י ע נ ע... זאָג, האָט זי ווירקליך אויס־געזען אַזוי ווי איך? —

פלעג איך זיך ביי איר בעטען זי זאָל ניט ריידען פון יענער נאַכט. זי פלעגט אַנשווייגען ווערען, אָבער דאָס שווייגען אירס פלעגט מיך נאָך מער דערמאָנען אַן דעם ים און אַן יענעם נאַכטי־גען געשטאַלט, וואָס האָט זיך אַזוי געהיימניספול אַ שפּיל געטאָן מיט מיין לעבען — און פאַרשוואונדען. איך האָב פאַר דעם שוויי־גען מורא געהאַט. עס פלעגט ווידער נעבאָרען ווערען דאָס בילד: איך ליג אויפ'ן ברעג און אַנטקעגען פון די וואַסער גייט אַרויס אַ שווייגענדיגע מיין געליבטע, שטרעקט אויס צו מיר אירע קאַלטע הענט און פירט מיך אין ים אַריין...

עס זיינען פאַריבער נאָך אַ פּאָר טעג. איך פלעג שוין גיין צום ים. איך פלעג זיך שוין ביסלעכווייז באָדען. די זון האָט געשאָפען דעם אייביגען וואונדער. אונטער אירע שטראַלען בין איך געווען זיכער און פרייליך. ווי עס פלעגט אָבער אַנקומען די

נאכט. פלעג איך אריינפאלען אין א שווערען אומעט. איינמאל האט מיין געליבטע נאך אמאל ווידערהאלט איר פראגע:

— פארוואס זאגסטו מיר ניט, פארוואס ביזטו אזוי אומעטיג?

איך האב עס ניט געקענט דערקלערען. איך האב אליין ניט גע־וואוסט — פארוואס. האב איך געענטפערט:

— איך ווייס ניט, עס איז מיר אומעטיג...

האט זי גענומען מיין האנט אין אירער און האט שטיל גע־זאגט:

— דו ווייסט, איך וואלט אזוי געוואלט שווימען מיט דיר ביי־נאכט, ווען ביים ברעג וועט קיינער ניט זיין...

איך געדיינק איך האב אויסגעשריען:

— משוגענע!...

זי האט אבער ווי א פאר'עקשנ'ט קינד גענומען טענה'ן:

— אבער אז איך וויל אזוי שווימען!... האב ניט מורא. איצט וועל איך מיט דיר זיין. מיר וועלען ווייט ניט שווימען. מיר וועלען אויסקלייבען א שטילע נאכט... "יע?

איך געדיינק ניט, אז איך זאל צושטימען. אויף מארגען איז זי אבער געקומען א פרייליכע און האט מיר באוויזען א נייען באד־אנצוג, וואס זי האט ספעציעל געקויפט פאר אונזער ביינאכטיגען שווימען און, וואס איז געווען לייכטער און באקוועמער, איידער איר אלטער אנצוג. זי האט געשטראלט פון גליק.

איך האב זי אזוי ליב געהאט. אבער אין יענעם מאמענט האב איך צו איר געפילט נאר א שטארקע שנאה. איך ווייס ניט וואס עס האט מיט מיר פאסירט, נאר איך בין צוגעגאנגען צו איר און עפעס מאדנע קאלט געזאגט:

— יע, מיר וועלען שווימען, אומבאדינגט, היינט פונקט צוועלף.

זי האט פון פרייד מיך גענומען קושען.

ביינאכט בין איך געקומען אין דער באשטימטער צייט. נאך פון ווייטען האב איך באמערקט איר געשטאלט אויפ'ן ברעג. דער־זעענדיג מיך איז זי אויפגעשפרונגען און איז צוגעלאפען צו מיר. איך בין געווען קאלט. דער ים האט גערוישט און איז געווען אומ־רואיג, ניט קוקענדיג אויף דעם שטילען וועטער. מיין מורא האט

זיך ביסלעכווייז צו מיר צוריקגעקערט. זי האט עס באמערקט און האט געזאגט:

— דו ווילסט ניט שווימען?

אז איך האב ניט געענטפערט, האט זי נאך אמאל געפרעגט:

— זאג, דו ווילסט ניט שווימען?

— ניין, — האב איך געזאגט.

און דאן איז מיר צום ערשטען מאל געקומען דער געדאנק אין קאפ, אז זי האט עס מיך פאראטען. איך ווייס גאר ניט ווי עס האט צו מיר געקענט קומען אזא נידעריגער, פארברעכערישער געדאנק. איך פארשטיי נאך איצט ניט ווי איך האב עס געקענט א טראכט טאן, אבער איך האב גלייך, קוקענדיג קאלט אין אירע אויגען א זאג געטאן:

— דאס ביסטו געווען.

איך האב זיך דערשראקען פאר די אייגענע ווערטער און זי האט געקוקט אויף מיר און האט ניט פארשטאנען. זי האט איבערגעפרעגט:

— וואס מיינסטו — דאס בין איך געווען?

מיין הארץ האט אין מיר געקלאפט און די ברוסט האט זיך אויפגערעגט געהויבען. איך האב געזאגט:

— דו ביסט דאן ארויס פון וואסער מיר אנטקעגען. דאס ביסטו געווען. ניט לייקען, דו האסט מיט מיר געשוואומען, און נאכדעם באהאלטען זיך — ביז דו האסט דערהערט מיינע געשרייען.

זי האט געמאכט א באוועגונג צו מיר, און נאכדעם זיך גלייך צוריק געצויגען, גאר אינסטינקטיוו, ניט וועלענדיג מאכען קיין איינדרוק.

איך האב נאך אמאל אריינגעקוקט איר אין די אויגען מיט מיין קאלטען בליק און ווידער געזאגט די זעלביגע דריי ווערטער:

— דאס ביסטו געווען!..

אפשר גאר ניט ווילענדיג האב איך אריינגעלעגט אין מיינע ווערטער אזוי פיל גיפט, אז איך האב דערפילט אין זיך א געוואלדיגע באפרידיגונג, ווי פון א גרויסער אלץ דערשעפענדיגער נקמה.

— דו ליוגסט!

זי האט עס א געשריי געטאן — און עס איז געווען אזוי, ווי זי וואלט א שפיי געטאן מיר אין פנים אריין — און איך האב דערזען אירע צוויי גרויסע אויגען וואס האבען אין דער פינסטערניש געקוקט טיף אין מיין נשמה און ניט געפינטעלט. עס איז אנגעקומען דער גרעסטער מאמענט פון מיין לעבען. מיין לעבען האט זיך אפגעשטעלט אויף אט דער רגע אין א גוואלדיגער אנשטרענגונג.

איך ווייס ניט ווי לאנג די אנשטרענגונג האט געדויערט. ווען איך בין געקומען צו זיך האב איך דייטליך געזען, ווי זי האט זיך מיט שנעלע טריט דערווייטערט פון מיר אין דער ריכטונג פון ים — און איז באלד פארשוואונדען. איך האב מיט שרעק א טראכט געטאן: גאט, זי וועט זיך אליין לאזען שווימען!... דאך בין איך פארבליבען אויף דעם זעלביגען פלאץ. מיין הארץ האט שטארק געקלאפט פון אויפרעגונג און פארדראס. איך האב זיך אוועקגעלעגט אויפ'ן זאמד און געקוקט אויף די כוואליעס, וואס זיינען ווי שווארצע מאנסטערס מיט ווייסע קעפ, געלאפען אייַלענדיג צום ברעג. אבער זי האב איך שוין ניט געקענט זען. עס איז מיר פערדראסיג געווארען אויף זיך פאר וואס איך האב זי אזוי אומגעלומפערט באליידיגט מיט מיין טאן, פארוואס איך האב זיך גלייך ניט אנטשולדיגט און פארוואס איך האב זי געלאזען גיין אליין אין ים... איך האב געהאט א גוואלדיגען פארלאנג צו זען זי, צו פאלען צו אירע פיס... איך בין צוגעגאנגען נעענטער צום ברעג און א קוק געטאן אויפ'ן ים. זיין מורא'דיגע שווארצע מאסע האט זיך באוועגט און געראשט מיט א מורא'דיגען רוישען. קיין זאך איז ניט געווען צו באמערקען אויף זיין אויפגערעגטער פלאך. נאר די כוואליעס פלעגען אין זייער לויף צום ברעג פלוצלונג אויף א רגע אפשטעלען זיך און פארמירען א באוועגענדיגע בערגעל. אט די וואסערדיגע בערגלעך זיינען דאס ערגסטע פאר דעם שווימער, זיי פאדרייען דעם שווימער און שלאגען אים אויס פון די כחות. איך האב גלייך באגריפען די געפאר. עס האט זיך עפעס אין מיין הארצען איבערגעריסען, אין קאפ זיינען די געדאנקען ווי פארנעבעלט געווארען, און אינגאנצען האט מיך ארומגעכאפט אט יענער באקאנטער שרעק, וועלכען איך האב דורכגעלעבט מיט עט־

ליבע וואָבען צוריק, ווען איך האָב זיך געטרונקען... איך האָב שוין ניט מיט מיין שטימע גענומען שרייען און רופען זי. מיין געשריי איז געווען מאָדנע שרעקענדיג און אויסערגעוויינליך. איך האָב עס געפילט, דאָך האָב איך ניט אויפגעהערט זי רופען. און ווידער האָט מיך אַרומגעכאַפּט דער זעלביגער שרעק, ווי דאָן, ווען איך האָב געשריען און גערופען זי... די בלוטען האָבען זיך אָפּגעשטעלט אין די אָדערען. איך בין געשטאַנען אַ קליינער, אַ דערשראָקענער פאַר דעם גרויסען און געהיימניספולען פּנים פון דעם ים, געשטאַ־נען און געשריען אין זיין מורא'דיגקייט אַריין, אַ ציטערענדיגער. וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? איך בין געווען זיכער — זי איז אין ים. זי איז אין ים, און וויל ניט ענטפערען, אפשר ווייל זי איז ברוגז און אפשר דערפאַר, וואָס זי האָט ניט געקענט הערען מיין שטימע. ווי האָב איך עס דאָן געקענט וויסען? בין איך, אפשר גאָר אומ־באַוואוסטזיניג, אַריינגעלאָפען אין ים און געוואָלט שווימען פאַר־אויס. איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די כוואַליעס, איינמאָל, און אַ צווייטען מאָל — און ניט געקענט זיך האַלטען אויפ'ן וואַסער. עפּעס האָט מיך געצויגען צום אָפּגרונט, אַזוי ווי איך וואָלט קיינמאָל ניט געוואוסט די קונסט פון שווימען, אַזוי ווי איך וואָלט צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען געלאָזען זיך אין ים. עס איז נאָך געווען ניט טיף, איך האָב נאָך געקענט דערלאַנגען דעם גרונט מיט די פיס. איך האָב זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט. — און אין דעם זעלביגען מאָמענט האָב איך דערזען מיין געליבטע וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן ברעג און געמאַכט צו מיר מיט די הענט, אַזוי ווי זי וואָלט מיך גערופען. אין דער פינסטער האָב איך ניט געקענט זען איר פּנים, דערפאַר האָט זיך אָבער דער סילועט פון איר געשטאַלט אַזוי מאָדנע בולט אַרויסגעוויזען, אַז איך האָב זאָגאָר אַ טראַכט געטאָן וועגען איר נייען באַד־אַנצוג, וואָס האָט איר זייער געפּאַסט. איך האָב זיך אַזוי דערפרייט מיט איר, איך האָב עפּעס גענומען שרייען צו איר... איז דער זעלביגער רגע האָט אַ שטאַרקע כוואַליע מיך אַ שטויס געטאָן פון הינטען, און גענומען מיך דרייען און וואַרפען צום גרונט. איך בין געפאַלען און גע־דרייט זיך אַ צוטומעלטער און אַ פאַרטויבטער אונטער די שוי־מענדיגע וואַסערען. ווען איך האָב זיך נאָכאַמאָל געשטעלט אויף

מיינע פיס — האָב איך שוין זי ביים ברעג ניט געזען. איך האָב צו איר עפּעס אַרויסגעשריען. איך האָב מיט שרעק אַ טראַכט געטאָן: גאָט, וואָזשע איז זי אַהינגעקומען? איך האָב געוואָרפען מיינע דערשראָקענע בליקען אַרום: זי איז אָבער ניט געווען... האָב איך גענומען לויפען צום ברעג. איך בין געלאָפען פון ים, ווי איינער וואָס רייסט זיך אַרויס פון די הענט פון אַ פאַרפאַלגער. מיר האָט זיך געדוכט: דער ים לויפט מיר נאָך, און אָט וועט ער מיך אַריינכאַפּען אין זיינע אויסגעשטרעקטע, פלינקע אָרעמס — און וועט מיך פאַרדרייען און פאַרשלעפּען אין זיין רוישענדיגער געהיימניספולער וועלט — און ווען איך בין שוין אַרויס אויפ׳ן ברעג, האָב איך אין זיך דערפילט, אַזאַ מאָדנע מידקייט, דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט און די שוואַכע פיס האָבען זיך אָפּגעזאָגט צו האַלטען מיך אויף זיך. איך האָב זיך אַן אויסגעמאַטערטער געלייגט אויפ׳ן זאַמד. יעדער אָבער האָט אין מיר געציטערט. אין קאָפּ זיינען אַרומגעפלויגען צורים ענגע געדאַנקען. שרעקענדיגע אילוזיעס זיינען געשוואומען פאַרביי די פאַנעבעלטע אויגען. אַלץ איז געווען מאָדנע אומפאַרשטענדליך: דער ים, און דער פינסטערער הימעל, מיט די עטוואָס זעבאַרע שטערען, און דער ברעג... און איך אַליין — אַ שרעקענדיגע געהיימניס. נאָר זי אַליין איז געווען פאַרשטענדליך, מיין געליבטע. זי איז דאָ געווען, זי האָט אָנגעפילט אַלעס מיט איר אַנוועזענהייט. איך האָב זי ניט געזען — און דאָך געוואוסט: זי איז דאָ, זי וועט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקען אַזאַ, ווי איך האָב זי ערשט געזען ביים ברעג.

אַרום איז געווען שטיל און אַן באַוועגונג. נאָר דער ים איז געלאָפען מיט אַ ווילדען, דראָענדיגען יאָמער צום ברעג, געשראָקען די דרעמלענדיגע שטילקייט אַרום און דאָך ניט געקענט באַקעמפען איר אָנגעשטרענגטע אומבאַוועגליכקייט.

און פּלוצלונג, אַביסעל פריער איידער מיין אינערליכער גלויבען האָט מיר פאַראויסגעזאָגט, האָב איך זי דערזען: זי איז געגאַנגען צו מיר פון ים. דער ים האָט אויפגעהערט צו באַוועגען זיך און האָט איינגעשטילט זיין רוישען. זי איז געגאַנגען מיט שטילע טריט צו מיר, אַ שטילע און אַ שווייגענדיגע... איך בין צו איר צוגעלאָפען, מיין האַרץ איז געוואָרען איבערפילט מיט אַ גרויסער

פרייד, מיט דער פרייד פון א דערלייזטע... איך בין געפאלן צו אירע פיס, איך האב וואנזיניג געקושט אירע קאלטע נאסע הענט און גע'טענה'ט:

— זיי מיר מוחל, זיי מיר מוחל!...

און זי איז געשטאנען און געקוקט א שווייגנדיגע אויף מיר. איך האב זיך ביי איר געבעטען:

— דו מוזט מיר מוחל זיין... איך האב געשפאסט, איך האב נאר נאריש א שפאס געטאן.. פארגיב מיר מיין נארישקייט...

זי האט ניט געענטפערט. זי האט קיין ווארט ניט אויסגערעדט. א קאלטע, א פערוויקעלטע איז א נעפעל פון געהיימנים איז זי געשטאנען און צוגעהערט זיך צו מיין אויפגערעגטער שפראך. און אז איך בין אויפגעשטאנען אויף די פיס און געוואלט ארומנעמען אירע פלייצעס, און קושען איר קאלטען שטערן, האט זי גענומען מיינע הענט אין אירע, און האט אן ווערטער, אנגעהויבן פירען מיך צום ים. עס האט פאסירט דאס זעלביגע, וואס האט פאסירט ד א ן, אין יענער אומפארגעסליכער נאכט. איך האב עס דערפילט מיט מיין גאנצען וועזען. א דערשראקענער האב איך אויסגעשריען:

— איך וועל ניט גיין!... דו הערסט: אין ים וועל איך ניט גיין!...

האט זי ארומגענומען מיינע פלייצעס מיט אירע קאלטע ארעמס, און עס איז געווען אזוי ווי א קאלטע כוואליע וואלט מיך ארומגענומען און פארוויקעלט אין אירע קאלטע, לאשטשענדיגע פאלדען. איבער'ן רוקען איז דורכגעלאפען א פארדעטערישער ציטער, אין קאפ האט גענומען שווינדלען פון דער קאלטער, אנגענעמענער באַרירונג... איין רגע — און מיר האבען שוין געטראטען איבער די שנעל־לויפענדיגע, ברעגיגע וואסערען...

— איך וועל ניט גיין!...

איך האב עפעס ווי דערהערט. מיר האט זיך אויסגעדאכט — ניט איך אליין האב עס געזאגט, נאר איימיצער אן אנדערער האט אין שרעק און יאוש זיך געבעטען:

— איך וועל ניט גיין!... דו הערסט: — איך וועל ניט גיין!...

עס קען זיין, אַז איך האָב שוין דאַן באַגריפֿן, אַז דאָס איז ניט געווען מיין געליבטע, ווייל איך האָב זיך אַרויסגעריסן פֿון איר און בין געלאָפֿן, געלאָפֿן מיט דעם לעצטן ביסל כח, וואָס איז נאָך אין מיר פֿאַרבליבן, מיט דעם כח פֿון אינסטינקט פֿון זעלבסט־דערטונג. איך האָב שוין ניט געקענט טראַכטן אָדער באַגרייפֿן עפּעס, ווייל איך האָב פֿאַרלאָרן מיין פֿאַרשטאַנד. אַלץ האָט זיך צומישט אין אַ כאַאָטישן אומפֿאַרשטענדליכן טאַנץ. און הינטן, הינטער מיר, איז נאָכגעלאָפֿן דער ים מיט זיין מוראַדיגן רוישן, מיט אויסגעשטרעקטע פֿלינקע אָרעמס געוואָלט אַריינכאַפּן מיך און פֿאַרשלעפּן אין זיין סודות׳דיגער וועלט...

איך ווייס ניט פֿאַרוואָס איך בין דווקא געקומען צו דער הויז פֿון מיין געליבטער, אָבער ווען איך בין געקומען צו זיך, בין איך געלעגן אין איר הויז. לעבן מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט מענטשן, און זי, די געליבטע, איז געווען לעבן מיר אין אַ לייכטן נאַכט־קלייד און שטיל געגלעט מיט אירע צאַרטע, וואַרעמע הענט מיין אויפֿגעפֿלאַמטן שטערן.

מען האָט מיר דערציילט, אַז פֿון דער זייט פֿון גאַניק האָט מען דערהערט אַ שטאַרקן קלאַפּ. מען איז אַרויסגעלאָפֿן און געפֿונען מיך אין חלשות, ליגנדיג ביי דער טיר. מיין געליבטע איז שוין געווען אין דערהיים און געהאַט צייט איבערצובייטן אירע קליידער.

איך בין אָבגעלעגן עטליכע וואָכן אַ קראַנקער אונטער דער אויפֿזיכט פֿון אַ נערוון ספּעציאַליסט. ביי־טאָג בין איך געווען רואיגער, פֿלעגט אָבער אָנקומען די נאַכט. פֿלעגט זיך דער ים צורוקן צו אונזער הויז. פֿלעגט זיך וואַרפֿן מיט אַ ווילדן רוישן אויף מיין צימער. גאַנצע נעכט פֿלעגט מען מיט מיר אָפּזיצן, די געליבטע פֿלעגט זיצן איבער מיר און וויינען. אין אירע אויגן האָב איך געלייענט אַ אומפֿאַרשטענדליכן געפֿיל פֿון מורא, וואָס האָט געלעבט אין איר האַרצן, פֿון וועלכן זי האָט ניט גערעדט, וועלכן זי האָט אָבער ניט געקענט באַהאַלטן. דאָס לעבן איז שוין ניט געווען פֿאַרשטענדליך און פּשוט — דאָס לעבן איז געווען אַ שרעקענדיגע מיסטעריע, אַ געהיימניס, אַ סוד, וואָס וועט קיינמאָל ניט אַנטפּלעקט ווערן...

אלע האבען ערוואַרטעט אַז איך וועל זיך רירען פון זינען. אין הויז האָט מען אויפגעהערט צו רעדען אויפ׳ן קול, מען האָט זיך באַמיט ניט צו קלאַפּען, ניט צו רעש׳ן, אַזוי ווי אין הויז וואַלט אַ טויטער געלעגען... קיינער האָט ניט געוואַגט צו דערמאַנען דעם ים, אַזוי ווי דאַ נאָענט, וואַלט ניט געלעגען דער ים אין זיין גאַנ־צער גרויס און זיינע כוואַליעס וואַלטען ניט געלאָפען צו זיינע ברעגען מיט דעם זעלביגען, אייביגען, רעש׳דיגען געלאַף...

איך האָב געוואָלט שטאַרבען. איך האָב ניט געקענט בלייבען לעבען אין דער זעלביגער וועלט, וואו דער ים האָט נאָך געמוזט לעבען זיין אייביגען לעבען. איך האָב איינמאָל געזאָגט מיין געליב־טער:

— איך מוז שטאַרבען... דער ים פאַרפאָלגט מיך.

זי האָט מיט דערשראָקענע אויגען געקוקט אויף מיר און גע־זאָגט:

— רעד ניט פון דעם ים.

איך האָב ווידער געזאָגט:

— איך וועל מוזען שטאַרבען סיי ווי סיי. דו זעסט דאָך: דער ים וויל מיך... ווי וועל איך דעם ים באַקעמפען?

זי האָט זיך איבערגעבויגען איבער מיר און האָט געוויינט. נאָכדעם האָט זי מיר פאַרטרויט:

— דו ווייסט, איך האָב אויך מורא פאַר׳ן ים...

איך האָב אַ קוק געטאָן אין אירע אויגען. זיי זיינען פול געווען מיט טרויער, אַ מיסטישער טרעק האָט שטום געקוקט פון אירע שוואַרצאַפּלען. פון דאַן אָן איז זי מיר נעענטער געוואָרען. אונזערע נשמות האָבען זיך באַהעפט און אָנגעהויבען שוועבען אין אַן אַנדער וועלט, אין אונזער, נאָך קיינעם ניט באַקאַנטער וועלט. אירע אויגען זיינען געוואָרען טיפער, איר פּנים אויסגעצויגענער, און שטענדיג איז אויף איר געלעגען דער שאָטען פון דער נאַכט. איר שמייכעל איז שוין ניט געווען איר שמייכעל. מיר פלעגען זיצען אין די אָוונ־טען אַליין, און קיינער פון אונז האָט ניט געוואַגט צו ריידען. אויף אונזערע הערצער איז געלעגען דער שווערער טרויער פון דעם גרויסען, מעכטיגען און גרעניצלאָזען ים, וואָס איז איינגעשלאָסען אין

שטאַרקע ברעגן און קען פון זיי קיינמאָל ניט אַרויס. אין די אויגן האָט געברענט דער שרעק פאַר זיין נקמה.

און אַמאָל פלעגט זי זאָגן:

— און אפשר בין איך עס טאַקע דאָן געווען?

זי פלעגט עס זאָגן, און די גאַנצע ווערן אַ ניטראַ'איגע, די אויגן האָבן דאַן געקוקט אין דער ווייטקייט אַריין, און מען האָט געקענט זען נאָך זייער אויסדרוק, אַז נייע זעאונגען באַהעפטען זיך מיט איר בליק, נייע וועלטן אַנטפּלעקן זיך.

אירע אויגן זיינען געוואָרן אַלץ טיפער, דער פּנים — בלאַס־סער, זי איז געווען אַ מענש פון אַן אַנדער, אומבאַקאַנטער וועלט.

נאָכדעם איז זי געשטאָרבן. קיינער האָט ניט געקענט באַ־שטימען פון וואָס זי איז געשטאָרבן. דאָקטוירים האָבן פאַר איר קראַנקייט אויסגעפונען לאַטיינישע נעמען, אָבער קיינער איז נאָך ביז היינט ניט זיכער, אַז זי איז געשטאָרבן פון אַ מענשליכער קראַנקייט. זי איז עפּעס אויסגעגאַנגען, ניט געוואָרן ביסלעכ־ווייס, נאָך ביים לעבן געטראָגן אין זיך אַ טייל פון דער אַנדער וועלט.

פון דאַן אַן בין איך אַליין, און האָב מורא פאַר'ן ים. איך האָב באַמערקט אַז יעדעס מאָל ווען איך גיי צו צו אים, ווערט דער ים אויפגערעגטער, אומרואיגער. בייטאָג ניט, נאָר ביינאַכט במעט אַלע מאָל. און דאַן דוכט זיך מיר — זי וועט אַרויס פון די כוואַליעס, מיין פאַרשטאָרבענע געליבטע, וועט מיך אַנגעמען מיט אירע נאַסע קאַלטע הענט, וועט אַריינקוקן אין מיר מיט דעם מיסטישען ים־בליק, און דאַן וועט פּאַסירן דאָס, וואָס האָט פּאַסירט אין יענע נעכט פון שרעק"...

ער איז אַנשוויגן געוואָרן. ער האָט שוין ניט געקענט מער ריידען מיט איינצעלהייטן, ווי פריער. ער האָט אויף שנעל געאיילט זיך צו פאַרענדיגן. און אַז ער איז אַנשוויגן געוואָרן — האָט ער ניט אויסגערעדט קיין איינציג וואָרט.

איך האָב אויך ניט געפונען וואָס צו זאָגן.

מיר זיינען אַוועק צום שטאָט. דער ים האָט הינטער אונז געברומט מיט זיין אייביגן ברומען, און אַ בייזער, געוואָרפן זיך

מיט כעם אויף די ברעגעז. און די ברעגעז זיינען נאך אלץ שטום געבליבען צו זיין רוישען, און שווייגענדיגע געצאמט זיין אויפ־גערעגטע ברוסט, אזוי ווי אלע מאל, ווי אייביג.

און אז מיר זיינען שוין געווען אין שטאט, האט ער מיר געזאגט:

— דו ווייסט, אמאל דוכט זיך מיר, דער ים גייט אריין אין הויז... איך זע אים ניט, אבער איך פיל אימיצער איז דא, און טוט מיט מיר דאס זעלביגע, וואס מיט איר, ווערגט מיך מיט אומזעבארע פינגער ביים גארגעל. אבער איך בין שטארקער, איך וועל נאך קעמפען...

אַ געוויינליכע געשיכטע

דאָס, וואָס האָט געבונדען די וואַלדמאַנ׳ס — מאַן און פרוי — איז שוין מער ניט געווען קיין ליבע. דאָס האָבען זיי ביידע געוואוסט. זיי האָבען אויך געוואוסט, אַז נאָך די זעקס יאָר, וואָס זיי האָבען אָפּגעלעבט אינאיינעם, האָבען זיי פאַרבונדען מיט טויזענטער אַלגעמיינע אינטערעסען, און דאָך, האָט עפּעס קיינער פון זיי ניט געטראַכט פון דעם ווי פון עפּעס אומגעוויינליכעס. ווייל געהייראַט האָבען זיי ווי טויזענטער אַנדערע, פון אַנהויב איז עפּעס געווען אין זייערע באַציאונגען, — אפשר איז דאָס געווען ליבע, — שפּעטער אָבער, האָבען זיך די באַציאונגען פאַרוואַנדעלט אין אַ נויטווענדיגקייט. מען האָט געמוזט וועקען אין האַרצען עפּעס באַזונדערע געפילען, ווייל יעדער האָט אינסטינקטיוו געזוכט אַ באַרעכטיגונג צום צוזאַמענלעבען.

אזוי איז געגאַנגען די צייט און מיט איר דאָס לעבען, און קיינער פון זיי האָט זיך ניט פאַרטיפט אין דער אויפריכטיגקייט פון זייערע געפילען און ניט גערופען קיין פּראָטעסט אין האַרצען קעגען דער אומגערעכטיגקייט, וועלכע איז אַליין פון זיך געבאָרען געוואָרען, און ווי אַ בייזע שלאַנג, געפונען אַ נעסט אין זייער לעבען, און אפשר אומבאַמערקט, אָרומגעפלאָכטען אַלץ מער און מער זייערע הערצער און אַלץ מער און מער געדריקט פון דאָרטען אַ ווייטאָג, אַן אומהיילבאָרען און שווערען.

צווישען מאַן און פרוי פלעגען פאָרקומען פון צייט צו צייט קליינע קריגערייען. מען פלעגט זיך צו־ווערטלען איבער עפּעס ניט וויכטיגעס, אַמאָל טאַקע אין כעס אָריינברייגנגען איינער דעם צווייטען, באַלד, אָבער, פלעגט מען אַן דעם פאַרגעסען, — אזוי פלעגט עס שטענדיג זיין די ערשטע עטליכע יאָר פון זייער פאַרהייראַטען לעבען. איצט איז שוין יעדע קריגערייי געווען אַ טראַגעדיע.

אמאל פלעגט דער נחת פון די צוויי קינדערלעך מאכען צו פאר־געסען די קריוודעס פון איינעם צום צווייטען, איצט זיינען אליין די קינדער געווארען איינע פון די לאסטען, וואס האבען שווער גע־מאכט דאס לעבען.

פארוואס דאס איז אזוי געווארען האבען זיי זיך לייכט גע־קענט פארשטעלען, ווען זיי וואלטען פון דעם געטראכט. האבען זיי אליין פאר זיך ניט געוואלט מודה זיין און האבען מורא געהאט אפילו צו טראכטען, ווייל יעדער האט געפילט, אז נאכדעם ווי אלעס וועט קלאר ווערען וועט מוזען פאסירען עפעס אויסערגעוויינליכעס, וואס וועט זיין שרעקליך מיט זיינע פאלגען, וואס וועט מאכען אן איבערקערעניש אין אלץ דאס, מיט וואס זיי האבען ביז איצט גע־לעבט. און דאס האט געשראקען.

איינמאל זיצענדיג ביים אווענד־ברויט האט מען זיך פאנאנ־

דערגערעדט פון ליבע.ביידע זיינען זיי נאך געווען יונג, און ביידע האבען טאקע איבער אט דער טעמע גערעדט מיט א יוגענדליכען פייער אין זייערע נשמות, מיט א באזונדער אויסדרוק אין די אויגען און אין דעם גאנצען האלטען זיך. יעדער האט דאס באמערקט אויף דעם צווייטען, און ביידע האבען מיט אמאל פארשטאנען, גי־כער — דערפילט, אז דאס אלץ, וואס עס איז געווען אין זייערע באציאונגען ביז איצט איז געווען א שרעקליכע אומגערעכטיגקייט, א ליגען, וואס האט צו זיך קיין גלייכען. און פון דעם איז גע־ווארען שווער אויפ'ן הארצען. מען איז עפעס ביידע מיט אמאל אנשווינען געווארען, יעדער מיט די זעלביגע קאלטע גדאנקען, אזעלכע פרעמדע, כמעט פיינדליכע...

באלד האט אבער אליין וואלדמאן פון דעם פארגעסען. די טאג־טעגליכע זארגען האבען פארטעמפט דעם שארפען געפיל. די פרוי האט דאס אבער שוין ניט געקענט פארגעסען. דער שווערער געפיל, וואס איז געווען פון אנהויב נאר שווער איבער זיין אונ־באשטימטקייט האט גענומען וואקסען אין איר הארצען, איז גע־ווארען קלערער און באשטימטער, און האט זיך אוועקגעשטעלט ווי א הויכע וואנט צווישען איר און איר מאן. אירע גדאנקען הא־בען זי ניט געלאזען רוען.

און ניט נאר די געדאנקען, אויך פיזיש האט זי עפעם דערפילט זיך פיינדליך צו אים. עס האט זיך שטענדיג געוואלט אים וויי טאן. עס האט זיך שטענדיג געוואלט אים זאגען עפעס אזוינס, וואס זאל פייניגען ביז משוגעת, און וואס וויכטיגער — עס זאל ברענגען צו רעזולטאטען, זאל זיין אפילו צו די שרעקליכסטע, אבער לעבען אזוי ווייטער, ווי מען האט געלעבט ביז איצט, אוים א פשוט'ער גויט, אוים עפעם א געזעצליכער, אדער פיזישער פארבינדונג האט זיך ניט געוואלט, נאך מער: זי האט שוין ניט געקענט. די זעקס־יאריגע צוגעבונדקייט מיט אלע געוואוינהייטען און פארקניפלונגען האבען איצט געמוזט צוריסען ווערען... עס האט געמוזט עפעם פאסירען. עפעם האט געמוזט פארקומען. וואס? — דאס האט זי נאך אליין ניט געוואוסט. און פון דער אומבאוואוסטקייט און געהיימניספולער ערווארטונג האט געקלעמט דאס הארץ און האט זיך געשראקען...

דאס לעבען איז עפעם געווען ווי פערצייגען מיט א לייכטען שלייער פון שרעק און פארצווייפלונג, און עס האט זיך געוואלט אראפרייסען דעם שלייער און זען אלץ אין דעם קלארען שיין פון דער ווירקליכקייט. און וואס שנעלער, אלץ בעסער. יעדער טאג האט זיך געצויגען ווי אן אויבינקייט.

ווען וואלדמאן האט איינגעזען, אז די ענדערונג, וועלכע עס איז פארגעקומען אין דער פרוים באציאונגען צו אים נעמט אן אלץ מער א דראענדיגען כאראקטער, האט ער זיך גענומען שרעקען. נאר די זעקס יאריגע זיכערקייט, די געוויינהייט צו קוקען זיכער דער צוקונפט אין די אויגען האט אים בארואיגט און האט אפגעשוואכט די געפאר פאר עפעם אן איבערקערעניש אין זיין לעבען: עס האט זיך אים נאך אלץ געדוכט, אז דאס לעבען וועט זיך ווידער אויסגלייכען און וועט ווידער אוועקגיין מיט א גלייכען, באקאנטען וועג, און דאס, וואס האט אזוי געשראקען, וועט פארבייגיין ווי א שווערער וואלקען, און וועט שוין מער ניט צוריקקומען.

צייטענווייז האט זיך אים געוואלט צוגיין צו דער פרוי, אננעמען זי פאר א האנט, און ריידען צו איר — ניט ווי צו א פרוי, נאר ווי צו א גוטען פריינט, וואס וויים אלעס און פארשטייט אלעס. און וועלכער וועט מיטפילען און ברענגען צו עפעם א פערשטענ־

דינונג. טאָן דאָס האָט ער, אָבער, מורא געהאַט, פאַראויסזעענדיג, אַז אַזאַ שריט וועט אפשר זיין דער אָנהויב פון דאָס, וואָס האָט אים אַזוי געשראָקען.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

אין אָוונט האָט די פרוי געלייגט די קינדער שלאָפען, אַזוי ווי שטענדיג, האָט אויסגעבעט די בעטלעך מיט דער זעלבער מו־טערליכער איבערגעבענקייט, עפּעס געדערט צו די קינדער מיט אַ מילדער שטימע. און פון דעם איז געבאָרען געוואָרען אין וואַלד־מאַן'ס האַרצען דער בעקאַנטער, גוטער געפיל פון די אַלע אָוונטען, ווען ער פלעגט מיט אַן אינערליכער פרייד און צופרידענקייט צו־זעען ווי די פרוי שלעפערט איין זיינע קינדער...

עפּעס אַ באַזונדער וואַרימער געפיל האָט אים גענומען ציען צו דער פרוי, וועלכע איז איצט מער ווי שטענדיג געווען נאָענט און ליב...

ער האָט ניט אויסגעהאַלטען. ער איז צוגעגאַנגען צו איר און האָט געוואָלט מיט אַ געמאַכטער רואיגקייט ריידען צו איר, ריידען פון אַלעס, וואָס האָט געדריקט זיין נשמה, און שוין אין דעם לעצ־טען מאָמענט האָט ער זיך פאַרלאָרען און שטאַמלענדיג אַרויסגע־רעדט:

— נו, זאָג אַליין, וואָס ווילסטו?... וואָס ווילסטו פון מיר האָבען?...

אין זיין שטימע האָבען זיך געהערט טרערען. מער האָט ער ניט געקענט ריידען. אַזוי ווי די עטליכע ווערטער, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט וואָלטען אויסגעשעפּט דעם גאַנצען צער פון זיין האַר־צען.

די פרוי איז אין דעם ערשטען מאָמענט ווי איבערראַשט גע־וואָרען, האָט עפּעס ווי ניט פערשטאַנען וואָס דער מאַן האָט גע־מיינט מיט זיינע ווערטער און האָט טעמפּ געקוקט אים אין די אויגען.ביידע האָבען אַ ווײַלע געשוויגען. יעדענס ברוסט האָט זיך אויפגערעגט געהויבען און יעדען איז שווער געווען צו אָטע־מען.

זי האָט די ערשטע אָנגעהויבען צו ריידען:

—דו ווייסט דאך, אז איך וויל פון דיר גאר ניט האבען. איך מאן דאך גאר ניט. איך בין אומגליקליך, ליידע איך...

וואלדמאן האט מיט געבעט געזאגט:

— וואס זאל איך טאן? וואס זאל איך פאר דיר טאן?

— אז איך מאן ביי דיר גארנישט! אט הער: איך האב מיט דיר אפגעלעבט זעקס יאר — ווי האבען מיר געלעבט? וואס בין איך דיר, און וואס ביסטו מיר? מיר זיינען דאך פרעמדע... שווערט דיך ניט אויף דער געדאנק, אז דו האסט געלעבט די גאנצע צייט מיט א פרוי, וואס האט דיך ניט געליבט, וועלכע איז געוועזן פרעמד צו דיר? אזוי פרעמד ווי יעדע אנדערע פרוי, וואס וואלט מיט דיר אפגעלעבט זעקס יאר און האבען צוויי קינדער פשוט אויס עפעס א צופאל, א טעות אדער א ליגען, אדער אויס עפעס געזעצען, וואס צווינגען אנהאלטען דעם טעות און דעם ליגען... דו ווייסט דאך, אז קיין ליבע איז צווישען אונז ניט געווען.

וואלדמאן איז געשטאנען קעגען איר א דערשלאגענער, און בלייכער און האט ניט אויפגעהערט צו טענה'ן:

— אבער וואס זאל איך טאן?..

— מיר מוזען זיך שיידען. לאז מיך פריי — דאס איז וואס דו באדארפסט טאן. צווינג מיך ניט צו לעבען מיט דיר. איך וועל שוין קיין געטרייע פרוי פאר דיר ניט קאנען זיין, און לעבען אזוי ווי פריער וועל איך שוין אויך ניט קענען. אוועקגייענדיג וויל איך פארבלייבען א גוטער פריינט צו דיר. איך וויל דו זאלסט מיך פערשטיין. איך גיי ניט אוועק, מיט קיין אבזיכט צו געפינען זיך א געליבטען, אדער א מאן, וועמען איך וואלט געקאנט ליב האבען. איך גיי ניט זוכען קיין ליבע... איך זאג דאך דיר... אזוי ווי מיר האבען ביז איצט געלעבט וועל איך שוין מער ניט קענען. איך וועל ניט קענען זיין קיין גוטע פרוי, קיין איבערגעגעבענע פרוי. איך וועל אויף דיר קוקען ווי אויף מיין הערשער, אויף מיין באצווינגער. איך וועל אפשר ווערען דיין שונא, און דערפאר — א שווערע לאסט. דאס וועט דיך קרענקען, דו וועסט נאר ליידען איבער מיר, און וועסט זיין אומגליקליך...

זי האט גערעדט אויפריכטיג, מיט א געבעט אין איר שטימע.

און עס האט זיך געדוכט נאר איין רגע — און זי וועט ניט אויס־האלטען, וועט אויסברעכען אין א שווערען געוויין...

2.

דער מאן האט זיך צוגעהערט צו אלץ, וואס זי האט געזאגט א בלייכער, א שווייגענדיגער. אירע ווערטער, וואס האבען אין דער אמת'ען פאר אים געקלונגען גאנץ לאגיש, האבען אים ווי מיט שווערע האמערען געשלאגען אין הארצען. די ערשטע אויפרעגונג איז פאראיבער, און עפעס א קאלטע, טעמפע גלייכגילטיגקייט צו זיין אינערליכען וויטאג, צו זיין אומגליק, וואס האט זיך ענדליך ארויסגערוקט פון דער אומבעשטימטקייט און האט זיך אוועקגע־שטעלט איבער זיין נשמה, האט אים באהערשט. איצט איז שוין קיין האפענונג ניט געווען. דאס, פאר וואס ער האט אזוי מורא געהאט די לעצטע צייט איז איצט געווען א פאקט.

פלוצלונג האט ווי א בליץ דורכגעשניטען זיין מארך א גע־דאנק, און ווי איינער וואס טרינקט זיך, האט ער זיך אנגעכאפט פאר דעם געדאנק און קוים באהערשענדיג זיך פון דער אויפרעגונג, וואס האט ווידער מיט א מעכטינען שטראם א קלאפ געטאן אין ברוסט, האט ער אויסגעשריען:

— און די קינדער?! וואס וועט זיין מיט די קינדער?... הא? וואס זיינען די קינדער שולדיג?...

און ווען ער האט דאס ארויסגעזאגט האט זיך אים אויף א מאמענט אויסגעדוכט, אז די לאגע איז איצט גערעטעט.

זי האט געזאגט:

— די קינדער?!.. די קינדער וועל איך מיטנעמען...

— דו וועסט נעמען די קינדער?! וואס הייסט דו וועסט נעמען מיינע קינדער? און דו דיינקסט טאקע אויפריכטיג, אז איך וועל דיר אוועקגעבען די קינדער?!

ער האט טיף געקוקט איר אין די אויגען אריין מיט די שווארץ־אפלען פון זיינע אויגען, וואס זיינען מיט אמאל פול געווארען מיט

ווילדען צארן. זי האט זיך דערשראקען פאר זיין בליק. עפעס א נייער ווייטאג האט גענומען דריקען איר דאס הארץ. זי האט צו־זאמענגעדריקט אירע ליפען און האט געשוויגען.

שוין דעם טויזענטען מאל בארירט זי די פראגע — וואס זאל זיין מיט די קינדער. דעם טויזענטען מאל פרובירט זי געפינען אן אנטשיידונג — און די אנטשיידונג איז שטענדיג אן איינזייטיגע: זי מוז די קינדער נעמען מיט זיך... דאס איז געווען פאר איר אזוי פארשטענדליך: דעם מאן ליבט זי ניט, מיט דעם מאן לעבען קאן זי ניט, אבער די קינדער, אירע קינדער האט זי דאך אזוי ליב! אז די קינדער וועט דאס לעבען זיין אזוי שווער. ווער ווייסט, אפשר וועט זי אן זיי איין טאג ניט קאנען איבערלעבען...

וואלדמאן האט דורכגעשפאנט דעם צימער עטליכע מאל, האט זיך אפגעשטעלט לעבען איר און האט געזאגט:

— דו ווילסט אוועקגיין, צוברעכען מיין לעבען, ווי אן אומ־גוטיגע שפילצייג, — גיי!... איך קען דיך מיט געוואלד ניט איינ־האלטען. איך בין אבער זיכער, דאס וועט זיין אונזער ביידענס אומגליק. דו וועסט ליידען אפשר מער פון מיר... פארוואס זאלען אבער די קינדער ליידען? פארוואס ווילסטו צונעמען ביי די קינ־דער זייער היים, זייער פאטער, און אוועקלאזען זיי וואגלען אויף די אומבאקאנטע וועגען, אויף וועלכע דו וועסט דארפען וואנדע־רען... ניין, די קינדער וועל איך דיר ניט געבען!

די פרוי האט א ציטער געטאן פון זיינע ווערטער, אזוי ווי אין זיינע ווערטער וואלט זי דערהערט פאר זיך א שווערען אור־טייל. זי האט זיך צוגויפגעקארטשעט, געווארען קליין און הילפ־לאז, און האט מיט א מאל פארשטאנען, אז לעבען פריי און אזוי, ווי זי וואלט וועלען, טריי צו די געפילען און צו דער נשמה וועט זי אויך ניט קענען. די זעקס יאר, וואס זי האט אפגעלעבט מיט איר מאן האבען זי פארשמידט אין אזוינע קייטען, פון וועלכע עס איז שווער צו בעפרייען זיך, און נאך שווערער זיי צו צורייסען...

וואלדמאן איז אן אויפגערעגטער ארויס פון צימער. די פרוי האט געהערט ווי ער האט ארומגעשפאנט אין דעם צווייטען צימער מיט נערוועזע טריט. זי איז אריין צו אים אין צימער, האט זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל — און איז געווען איינגאנצען אזא

דערשלאגענע אין איר ווייטאג, אז וואלדמאן האט דערפילט צו איהר א סימפאטיע. ער איז צוגעגאנגען צו איר, האט זי גענומען גלעטען איבער די האר און ריידען:

— נו, זאג אליין: ווי זאל איך דיר אוועקגעבען די קינדער? זיינען מיר די קינדער ניט אזוי טייער ווי דיר? האבען מיר דען ביידע ניט געליטען צו גלייך צוליב זיי, ניט געפרייט זיך אין איי־נעם איבער זיי?... און איצט, ווען די קינדער זיינען געווארען גרע־סער, און זיינען געווארען א טייל פון מיין לעבען, זאגסטו, אז די קינדער וועסטו פון מיר אוועקנעמען. פאר וואס?...

זי האט געשוויגען. צום האלז זיינען איר אונטערלאפען טרע־רען און האבען געשטיקט. אויפ'ן הארצען איז עפעס געלעגען שווערעס און האט געדריקט, ווי א שטיין. ער האט ווידער אנ־געהויבען:

— דו ווילסט מיך פארלאזען. איך בין ניט קיין ריכטער. אפשר ביזטו גערעכט. אבער מיט דיין אוועקגיין צוברעכסטו מיין לעבען, פערניכטעסט אלעס, אויף וואס איך האב מיינע בעסטע יארען אוועקגעגעבען, בויענדיג און זארגענדיג פאר דיר, פאר די קינדער, און דו זאגסט: איך וועל די קינדער מיטנעמען: פאר־וואס ווילסטו ביי מיר אלץ צונעמען?

אירע פלייצעס האבען זיך גענומען ווארפען פון א קלאג, וואס האט זיך ארויסגעריסען פון איר ברוסט. זי איז מיט אמאל געפא־לען אויף די קני קעגען דעם מאן און האט מיט פארבראכענע הענט געטענה'ט:

— איך בעט דיך, הער מיך אוים! דו זעסט ווי מיר איז שווער... דו ווייסט דאך, אז אן די קינדער וועל איך ניט קענען לעבען...

זי האט שוין מער ניט געקענט ריידען. ער האט זיך פארלא־רען. האט זי אוועקגעזעצט, און האט זי בערואיגט מיט צארטע ווערטער, איינגאנצען פארגעסענדיג פון דער ערנסטקייט פון מא־מענט. איצט איז זי שוין פאר אים געווארען די זעלבינע פרוי פון אמאל, א נאענטע און טייערע.

זי איז געזעסען און שטיל געוויינט.

וואלדמאן האט שוין געוואוסט, — אלץ איז פאראיבער... ער

איז געווען זיכער, זי וועט איצט ניט אוועקגיין. ער האט געפילט אזוי גוט פון אט דער זיכערקייט, אזוי ווי טויזענטער שטראמען פון פרייד וואלטען אין אים אריינגעשטראמט.

מיט אמאל האט זי געזאגט:

— איז דאס א פארברעכען צו זיין ערליך צו זיך, צו זיין ערליך צום מאן, ערקלערענדיג אים די אמת'ע געפילען? פארוואס דיינקסטו, אז איך באגיי אן אומרעכט קעגען דיר?

— אבער וואס זיינען דיינע אמת'ע געפילען? האסטו מיך געהאסט אדער פאראכטעט די זעקס יאר, וואס מיר האבען אפגע־לעבט אין איינעם? פארוואס ביזטו ערשט איצט געווארען אויפ־ריכטיג צו זיך?

זי האט געשוויגען. אין א ווייל ארום האט זי געזאגט:

— איך ווייס: דו ביזט א גוטער. איך האב דיר ניט באַ־דארפט ווי טאן. אבער אנדערש קען איך ניט. דו פארשטייסט... לאז מיך אוועקגיין... אפשר בין איך קראנק, וועל איך זיך אויס־היילען... לאז מיך ליידען און ענטוישט ווערען. גיב מיר א מעג־ליכקייט חרטה צו האבען... איך וועל אפשר באגעגענען א מענ־שען, וואס וועט זיין ערגער פון דיר, אפשר וועל איך לערנען עפעס פון מיין נייער ערפארונג, און איך וועל קומען צוריק צו דיר, און פאלען צו דיינע פיס, בעטען זיך ביי דיר. גיב מיר א מעגליכקייט אויסגעהיילט ווערען פון מיין ווייטאג... איך בין אזוי ערליך צו דיר... פארוואס ווילסטו ניט פארשטייען?...

וואלדמאן איז ווידער אומרואיג געווארען. איר שטימע האט געקלונגען צו אויפריכטיג ער זאל אירע ווערטער ניט נעמען ערנסט.

— דו וועסט אוועקגיין און די קינדער וועלען נאך דיר בענקען. וואס וועל איך זיי זאגען ווענען זייער מאמע'ן, ווען זיי וועלען מיך פרעגען? וועל איך האבען גענוג מוט צו זאגען זיי, אז דו ביזט געווען ערליך און גוט אוועקגייענדיג פון זיי, און ליבען דיין טאט? ווער ווייסט, אפשר וועל איך דיך פארדאמען און שיקען דיר א פלוך אין נאמען פון דיינע קינדער, אפשר וועל איך אויס נקמה צו דיר דער'הרג'ענען אין זיי דעם אנדענקען פון דיר... ווער ווייסט?.. און ליבע... ווער ווייס, וואס אזוינס איז ליבע? אפשר וועסטו זוכען דאס, וואס עס איז אין דער ווירקליכקייט א רעטעניש. האסטו

זיך שוין דערקלערט וואס אזוינס איז ליבע?... אפשר האבען מיר געלעבט גאר אזוי ווי עס באדארף צו זיין, דאן וועט דאך עס זיין אן אומגליק, צו וועלכען עס וועט ניט זיין קיין גלייכען... באגרייף עס...

די פרוי האט שטיל געבליפעט.

וואלדמאן האט געווארט: אפשר וועט זי עפעס זאגען. זי איז געזעסען מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ און האט ניט אויפגע־הערט צו בליפען. עס איז שוין געווען שפעט. דער שווערער אוועטד האט אזוי אנגעצויגען זיינע נערוועז, אז ער האט געפילט: נאך איין מאמענט — און ער וועט זיך פאנאנדערוויינען. זיין הארץ איז געווארען ווייך. ער האט שוין מער ניט געקענט צוזעען דעם צער פון זיין פרוי, וואס האט אזוי ביטער געקלאגט. ער איז צוגעגאנגען צו איר און האט מיט א ווייכער שטימע געזאגט:

— דו וועסט דאך פארבלייבען — הא? וועסט דאך אונז ניט פארלאזען? וואוהין וועסטו גיין? זאג אליין, וואוהין וועסטו גיין? און אז דו וועסט פארבלייבען, וועלען מיר לעבען מיט אונ־זערע קינדערלאך. און אויב עס וועט צווישען אונז ניט זיין קיין ליבע, וועט דאך אבער צווישען אונז זיין עפעס גוטעס. און ווער ווייסט: אפשר איז דאס ליבע... דו וועסט דאך אונז ניט פארלא־זען, — הא?

זי האט געווישט די טרערען און געשוויגען. ער האט ווידער אנגעהויבען:

— וועסטו פארבלייבען? פארוואס ענטפערסטו ניט. דו וועסט דאך פארבלייבען?

ער האט זי אנגענומען פאר א האנד און האט געווארט. זי האט ניט געענטפערט, האט אוועקגעלייגט איר קאפ צו אים אויפ'ן ברוסט און האט אויסגעבראכען אין א נייעם קלאג. נאר די טרע־רען זיינען שוין געווען גאר אנדערע. דאס זיינען געווען טרערען פון דערלייכטערונג און גליק און האבען אראפגעוואשען די שווער־קייט פון הארצען, און אפשר דעם ערשטען מאל נאך זייער היירא־ט האבען זיי זיך ווירקליך געפילט גליקליך.

דערציילונגען.

שווייג

דער אנגעקלאגטער איז געווען א שטילער, בלייכער מענש, מיט גוטע, אביסעל דערשראקענע אויגען. ער איז באשולדיגט געווארען אין ערשטען גראד מארד פאר דערמארדען זיין אייגענע פרוי, די מוטער פון זיינע פינף קינדער. לויט דעם באשולדיגונגס אקט, איז דער מארד פארגעקומען אין אוונט, ווען דער אנגעקלאג־טער, א שאפ ארבייטער, איז ערשט פון דער ארבייט אהיים געקו־מען, און נאך א קריגעריי וואס איז באלד צווישען מאן און ווייב פארגעקומען, האט זיך דער ערשטער ארויפגעווארפען אויף זיין אומבאהאלפענער פרוי און האט זי מיט זיינע אייגענע הענט דער־שטיקט.

דער אנגעקלאגטער האט פון אנהויב אן ניט געלייקענט די אלע באווייזען, וואס מען האט געגען אים ארויסגעשטעלט. ער האט זאגאר אליין, מיט אלע איינצעלהייטען געהאלפען פעסטשטעלען פאר די ריכטער, פאר דער דזשורי און פאר דעם פובליקום, דעם קלארען באגריף ווי דער מארד האט פאסירט און וואס עס האט געפירט דערצו. ער האט דערציילט:

— צוועלף יאר האב איך געארבייט אין איין שאפ און ביי דער זעלביגער ארבייט, זאגאר ביי דער זעלביגער מאשין. איך בין גע־ווען פון די בעסטע הענט אין שאפ, מיך האבען אלע געליבט—דער באלעבאס, דער פארמאן, די ארבייטער. און דאס איז ווייל איך בין פון דער נאטור א גוטער. עס פלעגען אוועקגיין מענשען, עס פלעגען אנקומען נייע און פארנעמען זייערע פלעצער, און איך האב גאנצע צוועלף יאר אפגעארבייט... איך פארשטייט: די מאשין האט זיך עטליכע מאל צובראכען, מען האט זי באדארפט פאריכטען, ארייננשטעלען גאנצע, נייע טיילען, און איך — נאר גיט!.. איך

האב טאג איין, טאג אויס ניט אויפגעהערט צו ארבייטען... איך האב געמוזט ארבייטען — פאר דער פאמיליע, פאר דער פרוי און קינדער — בין איך געווען שטארקער פון מיין מאשין... אמת מיינע האר זיינען גרוי געווארען פאר דער צייט, מיינע הענט ציטערען, און איין גאנצען בין איך, איך זעט דאך, — א סקעלעט... דאס האט די שווערע ארבייט אויף מיר איך שטעמפעל ארויפגעלייגט... איך האב געוואוסט — איך טאר ניט ארבייטען שווער, איך האב געוואוסט — די ארבייט וועט מיך רואינירען... איך האב אבער געמוזט ארבייטען, ווארום ווער וואלט דען געזארגט פאר מיין פאמיליע?... און מיט דער פרוי... אך, נאט!... מיט דער פרוי האב איך געלעבט ווי טויזענטער אנדערע מענשען לעבען: אמאל געליבט און געווען גליקליך, אמאל אנגעפירט קריגערייען, יעדע קלייניגקייט פלעגט אויפרעגען און אנפילען דאס הארץ מיט כעס צו דער פרוי... אבער אין אלגעמיין האט מען זיך צוגעוואוינט איינער צום צווייטען. דערצו איז מען דאך געווען פארבונדען מיט אלערליי בונדען: געהאט קינדער און געטראגען די פריידען און ליידען איבער זיי; געהאט א היים מיט אלע פריידען און זארגען, וואס זיינען מיט איר פארבונדען, און יעדע קלייניגקייט האט געפאדערטביידענס אויפמערקזאמקייט און פאראנטווארטליכקייט... אבער מאדנע: איבער אלץ האט זיך אראפגעלאזען אימיצענס א מעכטיגע אויג און האט נאכגעשפירט מיין יעדע באוועגונג און שטענדיג דערמאנט: דו ביסט א פאמיליען פארזארגער... א פאמיליען פארזארגער... קליינע קינדער... ארבייט, ארבייט, ארבייט!... האב איך געארבייט, און וויפיל איך האב פארדינט איז שטענדיג ניט גענוג געווען — און אזוי צוועלף יאר... איהר פארשטייט: צוועלף יאר... אמאל פלעג איך טראכטען: אט אזוי וועל איך שוין אפארבייטען דעם לעבען, ביז'ן טויט — און דאן פלעגט ווערען אזוי שווער אויפ'ן הארצען... אין מיין ברוסט פלעגט פון פארצווייפלונג געבארען ווערען און אנהויבען וואקסען א רעוואלט... פלעג איך זיך פאר דעם אליין דערשרעקען, פלעג איך דאס אונטערדריקען און שווייגען, שווייגען, שווייגען... אבער דאס שווייגען איז געווען שרעקליך, פיינליך ביז משוגעת... איך האב געשוויגען יארען, אבער אייביג... אייביג, האב איך געוואוסט, וועל איך ניט קענען אויסהאלטען... און דא איז די

פאמיליע געווארען גרעסער, די זארגען האבען זיך פארמערט, און אויסזיכטען אויף בעסערעס זיינען ניט געווען. די כוחות האבען מיך גענומען פארלאזען. איך האב געפילט: אט וועט קומען א טאג — און איך וועל פאלען... די פרוי איז ניט געווען שלעכט צו מיר. זי איז געווען ערליך איבערגעגעבען פאר מיר און פאר די קינדער, — און דאך פלעג איך אין די מאמענטען פון פארצווייפלונג מיין גאנצען כעס צו איר אויסלאזען... אמת, ווען איך פלעג זיך בארואיגען, פלעגט מיין הארץ ווייך ווערען און איך בין גרייט געווען צו פאלען צו דער פרויס פיס, וויינען און בעטען ענטשולדיגונג... אזא מענש בין איך. — איך זאג דאך אייך: איך בין פון דער נאטור ניט קיין פארדארבענער... דאן איז געקומען יענער טאג. איך ווייס ניט פארוואס דאס האט אזוי פאסירט. קומענדיג אהיים פון דער ארבייט האב איך אפשר בלייכער ווי געוויינליך אויסגעזען, אדער דער גלאנץ פון מיינע אויגען איז געווען מער אויסגעלאשען ווי שטענדיג, אדער מיין געזיכט האט נערווען געציטערט און געצוקט — איך ווייס ניט פארוואס דאס האט אזוי פאסירט, נאך ווען איך בין, א שוויגענדיגער אריינגעקומען, האט מיין פרוי אריינגעקוקט מיר אין די אויגען און האט פלוצלונג געזאגט:

— דו ביסט קראנק... דו הערסט: דו ביסט קראנק...

האב איך בייז און קאלט געפרואווט פארשווייגען אירע ווערטער, אבער באלד האט עפעס זודיגס ווי א ברי געטאן מיין הארץ — און איך האב שוין דייטליך געפילט ווי עס האט זיך גענומען אויפגערעגט הויבען מיין ברוסט — הויבען און ארונטערלאזען זיך, אזוי ווי איך וואלט ערשט אויפגעהויבען אן אומגעהייער שווערע משא. די פרוי האט געקוקט אויף מיר מיט עפעס אזעלכע אויגען, מיט אזעלכע מאדנע אויגען, וועלכע איך האב אין יענעם מאמענט געהאסט מיט אן אוממענשליכען האס, און האט ווידער געזאגט:

— דו הערסט: דו ביסט קראנק... דו הערסט, וואס מען זאגט דיר?...

און איך האב באמערקט ווי די ווינקלען פון אירע ליפען האבען געציטערט פון אויפרעגונג, און די גאנצע איז זי געווען מאדנע אנגעשטרענגט און דערשראקען, אזוי ווי זי וואלט מיך ערשט געכאפט ביי עפעס א מורא'דיגען פארברעכען, פון וועלכען זי האט ביז

איצט ניט געהאט קיין אנונג... בין איך באוואוסטזיניג געווארען וויכער, צום האלז זיינען אונטערגעלאפען טרערען און האבען גע־ווארגען. און איך האב געפּרואווט זאגען:

— נארעלע, וואס איז עפעס דיר אין מיטען דערינען איינגע־פאלען — קראנק? וואס עפעס — קראנק?...

דאס האב איך זי כלומרשט בארואיגט, אין דער אמת'ען האב איך דאס זיך אליין פון די לעצטע כוחות באמיט זיך בארואיגען, און געכאפּט זיך פאר אט דעם געפיל, ווי א מענש וואס טרינקט זיך פאר א שטרויעלע...

די פרוי איז געפאלען אויף דער סאפע, מיט'ן פנים אראפּ, און איך האב געזען ווי אירע פּלייצעס האבען זיך געטרייסעלט פון דעם היסטערישען געוויין וואס האט זיך פון איר ברוסט געריסען, און דער געוויין האט זיך מיט אמאל פארוואנדעלט אין א שווערען קלא־גען, און געווען איז דאס עפּעס אזוי ווי זי וואלט מיך באקלאגט מיט יענעם פרויען־קלאג, וואס דערגענטערט אזוי דעם טויט און שרעקט... איך בין אומגעגאנגען איבער'ן צימער, א בייזער, אן אויפגערעגטער, און אין מיין ברוסט האט זיך עפּעס געשטורעמט און געריסען, אזוי ווי א ים וואלט דארט געווען איינגעשלאסען... נאכדעם האט די פרוי נאך אלץ מיט א קלאנעדיגער שטימע ווידער אנגעהויבען:

— אז איך האב דיר געזאגט: גיי ניט ארבייטען, די ארבייט וועט דיך א יונגען אין דער ערד ארייגלייגען... האסטו מיך ניט געפאלגט... טו א קוק אויף זיך: א שענערען ליינט מען דאך אין קבר אריין... א גזלן ביזטו!... א גזלן ביזטו...

האב איך אירע ווערטער שוין ניט געקענט אויסהאלטען און מיט אן איינגעהאלטענעם און שווערען אטעם איינגעהערט זיך אין אירע ווערטער, וואס האבען מיך געשניטען ווי מיט מעסער און געווארט: אט וועט זי זאגען עפּעס, וואס וועט מיך טרעפען ווי א קויל... איך האב געוואלט זאגען צו איר: גאט מיינער, וואס רעדסטו דאס?... איך האב דאך געמוזט, איך האב דאך באדארפט ערנערען דיך, די קינדערלעך אונזערע... ווער דען, אז ניט איך?... איך האב דאך געמוזט... איך האב דאך דאס צוליב דיר געארבייט, צוליב אונזערע קינדערלעך... איך האב דאך געלייגט מיינע כחות

אויף דער פאמיליע — און דו באשולדיגסט... גאט מיינער, גאט מיינער!... אבער איך האב ניט געקענט ריידען, און אין מיין שווע־רען שווייגען געווארט טאמער וועט עפעס פאסירען אזוינס, וואס וועט צוטרייבען דעם שווערען וואלקען וואס האט זיך אראפגעלאזען אויף אונזערע נשמות און עס וועט ווערען ליכטיג און גרינגג... זי איז אבער געוועזען פאר׳עקשנ׳ט און האט ניט אויפגעהערט צו טענה׳ן:

— דו ביזט א גזלן!... וואס ווילסטו מיט אונז טאן? די קינ־דערלעך זיינען נאקעט און בארפיס... עס פעלען אוים קליידער... די מעבעל איז אלט און צובראכען, — און דא ועסטו זיך נאך אוועק־לייגען, א קראנקער... וואס וועט זיין מיט אונזערע קליינע קינ־דערלעך?...

און זי האט נאך אמאל אויסגעבראכען אין א ביטערען געוויין... די קינדער זיינען אלע געווען אין הויז. זיי זיינען געווען פארדרוקט אין א ווינקעל אלע דערשראקענע, האבען מיט מורא געקוקט אויף אונז און האבען געשוויגען... גאט, איך וועל זייערע אויגען קיין מאל ניט פארגעסען...

איך האב געוואוסט, אז זי איז אומגערעכט. דאך האב איך זי אין הארצען גערעכט געמאכט. איך האב זיך אין דער אמת׳ען דערפילט אזוי קראנק, צובראכען און נישטיג, אז עס האט זיך מיר אויסגעדוכט, אז אלץ איז שוין געענדיגט, און דאס פון וואס די פרוי האט ערשט גערעדט איז אן אמת, א שרעקליכער אמת... און דאן האב איך אלץ פארשטאנען: פארוואס די פרוי איז די לעצטע צייט, און אפשר די לעצטע פאר יאר געווען גאר ניט אזא ווי אלע יארען פון פריער, פארוואס זי האט אויף מיר שטענדיג געקוקט מיט אזעלכע טרויעריגע אויגען און האט רעמזעלהאפט גע־שוויגען, ווען איך פלעג, א מידער, קומען פון דער ארבייט... מיין האלז האט צוזאמענגעווארגען עפעס הארטעס און האט געווארגען. דער גאנצער האב איך געציטערט פון אויפרעגונג און א מאדנע קעלט האט געשמידט מיין קערפער. איך בין צוגעגאנגען צו דער פרוי און געזאגט:

— וויין ניט... איך בעט דיך, וויין ניט...

זי האט ניט אויפגעהערט צו וויינען. איך האב אנגערירט איר

הייסע ציטערענדיגע פּלייצעס, און אין דעם זעלביגען מאָמענט האָב איך דערפילט ווי זי האָט אַ ציטער געטאָן, אַזוי ווי זי וואָלט זיך דערשראָקען... האָב איך זיך ביי איר גענומען בעטען:

— נו, וויין ניט... איך בעט דיך, טייערע, וויין ניט... וויין ניט...

זי האָט נאָך מער געוויינט. איצט האָבען די קינדער שוין מער ניט אויסגעהאַלטען און זיינען אַלע, ווי איינער, צוגעלאָפען צו דער מוטער, האָבען זיך געטוליעט צו איר און האָבען מיט אַמאָל אָנגע־הויבען צו יאָמערען איבער איר... דאָס איז שוין געווען איבער מיינע כוחות, — און אויסער זיך פון כעס האָב איך געשריען:

— אַנשווייגען ווערט!... אַנשווייגען ווערט... איר הערט: אַנשווייגען ווערט!

איך האָב מיין שטימע ניט דערקאַנט, אַזוי שרעקליך האָט זי דאָן געקלונגען. זיי האָבען אָבער אַלע ניט אויפגעהערט צו יאָמערען און זייערע שטימען האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין מורא'די־גער סימפאָניע, וואָס איז געווען פיינליך ביז משוגעת, דאָן האָב איך ווידער אָנגעהויבען שרייען גיפטיג און בייז:

— אַנשווייגען ווערט! אַנשווייגען ווערט!... פאַרלירענדיג דאָס גלייכגעוויכט, האָב איך אָנגעכאַפּט דאָס עלטערע מיידעלע פאַר אַ האַנט און אָפּגעשלעפּט זי אַן אַ זייט פון דער מוטער, דאָן די איבעריגע קינדער. יעדערען באַזונדער... נאָכדעם בין איך צו־געלאָפען צו איר, צו דער פרוי, אָנגעכאַפּט זי פאַר די פּלייצעס און גענומען אַליין ניט באַגרייפענדיג וואָס איך טו, הויבען זי פון דער סאָפע, זיינען זיך די קינדער צוזאַמענגעלאָפען, אַרומגעכאַפּט די מוטער, מיינענדיג אַז איך וויל זי שלאָגען, און האָבען געשריען און געיאָמערט. — האָב איך זיי נאָך אַמאָל מיט געוואַלד אָפּגעשלייר־דערט פון דער מוטער און ברוטאַל, מערדעריש צוגעטראָטען צו דער נאָך אַלץ קלאָגענדיגער פרוי, אָנגעכאַפּט זי פאַר'ן האַלז מיטביידע הענט און משונה'דיג געשריען:

— שווייג!... שווייג!... שווייג!...

און דאָן האָב איך אַ וואָרף געטאָן מיין בליק צו די קינדער... אַך, גאָט, איך קען ניט פאַרגעסען זייערע אויגען!... מיט די פאַר־

גרעסערטע, אנגעפילטע מיט אימה אויגען, האבען זיי דאך צו מיר געשריען מיין אורטייל: מערדער!... מערדער!...

דאן איז געקומען דער מאמענט, די רגע... אלץ איז פארביי־געלאפען פאר מיינע אויגען, אלץ האט אנגערירט און אויפגעטריי־סעלט מיין מארך, געריסען דאס הארץ מיט אנגעגליטע צוואנגען. און האט צו מיר געשריען מיט טויזענטער קולות: פארפאלען... פארפאלען... פארפאלען... און זיי, די קינדערלעך... אך, גאט, זיי זיינען אלע פינף, אפילו דער קלענסטער צוויי־יאריגער אינגעלע, געשטאנען אין מיטען צימער און ווי הונגעריגע וועלף געיאמערט מיט פארריסענע צום הימעל, וואנזיניגע אויגען און האבען אויס־געקלאגט מיין סוף, מיין שרעקליכען סוף... בין איך געווארען ווילד, צוטומעלט... געווארפען זיך ווי א פארוואונדעטע חיה אין אלע זייטען צו דער פרוי און צו די קינדער. איך האב געברומט, געשריען ווילד, געשאלטען מיט משונה׳דיגע קללות... און דא האב איך דער־זען ווי די פרוי קייכט פון געלעכטער... איר פנים איז רויט, צו־קרימט מיט מורא׳דיגע גרימאסען, און זי טרייסעלט זיך די גאנצע פון געלעכטער... דאס איז זי אריינגעפאלען אין היסטעריע. אבער דאן האב איך עס ניט פארשטאנען, ניט באגריפען... איך בין גע־שטאנען איבער איר מיט דראענדיגע פויסטען, געקריצט מיט די ציינער און ניט אויפגעהערט צו שרייען:

— שוויג!... שוויג!... שוויג!...

און זי האט ניט אויפגעהערט צו ווארפען זיך פון געלעכ־טער... האב איך ווידער געשריען איבער איר, אז זי זאל אנשווי־גען ווערען, אז זי זאל אויפהערען. און אליין געשריען משונה׳דיג און ווילד:

— שוויג!... שוויג!... שוויג!...

און זי איז ניט אנטשוויגען געווארען.

האב איך זי אנגעכאפט פאר׳ן האלז, געוואלט איינשטילען מיט געוואלד, פארווערגען אט די קלאנגען, וואס האבען זיך געריסען פון איר האלז... און מיינע הענט, מיינע פינגער האבען זיך אלץ טיפער איינגעגראבען אין איר האלז און געדריקט דעם גארגעל... געדריקט... געדריקט און געשריען:

— שוויג!... שוויג!... שוויג!... — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— שווייג !...

אין א שעה ארום האָט מען דעם אנגעקלאָגטען, א געבונדע־נעם, געפירט אין אן אמבולאנס פון געריכט־זאל צום שפיטאל פאר גייסטיג קראנקע...

דער נס

אנגעהויבען האט זיך עס נאך פריער. עס זיינען ארומגעגאנגען מורא'דיגע קלאנגען, געהיימניספולע און ווילדע. ווי לעבעדיגע, אומגעלומפערטע באשעפענישען, בייזע און שרעקליכע, האבען זיי געפויזעט פון מענש צו מענש, פאר'סמ'ט און אנגעפילט יעדענס הארץ מיט שרעק. פון יעדענס ברוסט האט זיך א קרעכץ געריסען: גאט! וואס וועט עס זיין מיט אונז?... וואס וועט עס זיין?...

מען האט דערציילט, אז די גוים גרייטען זיך צו פאגראמען, און אז די פאגראמען וועלען אויסברעכען אומעטום אין דער נאכט פון פסח, ווען די אידען וועלען זיצען ביים סדר. מען האט אויך דערציילט, אז ערגעץ וואו, אין א דארף, איז פארלארען געגאנגען ביי א גוי, א פינף יאריגער שייגעצ'ל און די גוים באשולדיגען די אידען...

און עס איז געבארען געווארען און עס האט גענומען וואקסען א פחד, א מורא פאר עפעס וואס איז נאך ניטא, נאר וואס וועט אנקומען, ווי א מורא'דיגע חיה, וועט פארשפרייטען אירע בלו־טיגע נעגעל איבער אלעמענ'ס נשמות — און וועט הערשען. די צייט איז געגאנגען, און מיט יעדען אוועקגייענדיגען טאג האט זיך דערנעענטערט דער פסח.

מיר האבען דאן געוואוינט אויף א ישוב. מיר זיינען געווען די איינציגע אידישע פאמיליע אין דארף, און כאטש מיר האבען מיט די שכנים געלעבט אין גוטע באציאונגען, דאך איז עפעס מיט אמאל געווארען אומזיכער אונזער לאגע צווישען זיי, אזוי ווי צום ערשטען מאל וואלטען מיר פארשטאנען, אז מיר זיינען דא פרעמ־דע, אומגעוואונשטע און פארדעכטיגטע.

אויסערליך איז אלץ געווען ווי אין די אלטע גוטע צייטען.

די פאר פסח'דיגע זון האט געשאטען אירע וואונדער, באגאסען מיט מילדע און לאשטשענדיגע שטראלען די רויע, נאך אפגעלאזענע ערד, און גערופען צום לעבען אלץ. וואס איז געווען טויט און פארגעסען דורך דעם לאנגען, קאלטען ווינטער. אינדרלופטען זיי־נען אומגעפלויגען נייע קלאנגען, און אנגעפילט די וועלט מיט א נייער פרייד, און אלץ האט ניט אויפגעהערט צו דערמאנען: דער פרילינג קומט!... דער פרילינג קומט!... נאר ביי אונז אין הויז האט זיך באזעצט א טרויער.

אונזער הויז איז געשטאנען אפגעזונדערט פון שכנ'ישע הייזער. אין די אווענטען ווען מיר פלעגען אלע זיין אין דער היים, פלעגט מען ריידען פון די קלאנגען, וואס האבען זיך ניט אויפגעהערט עקשנות'דיג צו פארשפרייטען, און מען האט געטראכט פון דעם. ווי עס לויערט שטענדיג דער טויט איבער אונזערע קעפ, און עס האט זיך צייטענווייז גערוכט, אז אט קען זיך פלוצלונג אז עפען טאן די טיר — און אויף דער שוועל וועלען זיך באווייזען אונזערע אייביגע רדפים. — דער פאטער איז אומגעגאנגען א שוויינענדי־קער, אז איינגעשלאסענער אין זיינע געדאנקען. די מוטער פלעגט זיצען מיט פארבראכענע הענט און טענה'ן:

— גאט, באהיט און באשיץ דעם שונא'ס קינדער!.... באהיט זיי און באשיץ...

אזוי יעדען אווענט. און דאן איז געקומען די נאכט פון פסח. אין די נעכט פון פסח פלעגט מען ביי אונז אין הויז די פריערדיגע יארען אנצינדען לאמפען אין אלע צימערען, און צושטעלען ברע־נענדיגע ליכט. און אלץ אין הויז — די אויפגעראמטע ציכטיגע צימערען, די ווייס געדעקטע טישען און די נייע פסח'דיגע חפצים און קליידער פלעגען מאכען דעם גרויסען יום טוב נאך שענער. נאך היילינער, אליין די צערעמאניע פון סדר פלעגט עפעס דער־הויבען די נשמה, ארייננווארפען אין א לייכטען, ניט געצוואונגע־נעם רעליגיעזען עקסטאז, ווי יעדע שיינע טראדיציע. — אבער יענע נאכט פון פסח האבען מיר פארשפארט און צוגעשלאסען טירען און לאדען, און נאר די „אבגעבענשטע" ליכט אליין האבען באלויכטען דעם גרויסען עס צימער, וואו מיר האבען זיך געגרייט אפצוריכטען דעם סדר. זייער טונקעלער, באוועגענדיגער שיין

האט פארשפרייט ארום זיך אן אטמאספערע פון אומרו און אומעט. מיט שווערע געמיטער האבן מיר זיך ארומגעזעצט ארום טיש שווייגענדיג, און נאכדעם, מיט געבראכענע שטימען אנגעהויבן זאגען די הגדה. יעדער איז עפעס געווען ווי א וועלט פאר זיך. יעדער איז געווען ווי איינגעשלאסען אין זיך אליין, אין דעם קרייז פון דער אייגענער מורא. דאס האט זיך דער שרעק אריינגעריסען אין אונזערע נשמות און האט אונז דערווייטערט איינעם פון דעם צווייטען, אזוי ווי יעדער וואלט געוואנדערט איינזאם און פארלאזען אין א גרויסען ווייטען מדבר, ארומגערינגעלט מיט בלוט־דורשטיגע שאקאלען און עס וואלט ניט געווען קיין אויסוועג און קיין רעטונג...

עס האט זיך געדוכט: אז אימיצער וועט הויך, אויפ'ן קול, עפעס זאגען, אדער וועט מיט אמאל א שמייכעל טאן, וועט ער אלעמען איבערשרעקען און פארוואונדערען מיט א בייזען וואונדער. — יעדער שארך, האט געשראקען און געקלעמט דאס הארץ, און נערוּפען פון ערגעץ בייזע און אומגעלומפערטע פארשטעלונגען, און האט אומדערבארעמדיג דערמאנט, פון דעם גרויסען, שווערען אומגליק, וואס האט געלויערט מיט טויט פון הינטער די פערמאכטע טיר און לאדען און פון דער מונקעלער פרילינג נאכט. מיר האבען געטראכט: אפשר קריכען שוין פון ערגעץ ארויס די פינסטערע געשטאלטען פון די שונאים, און דערנעענטערען זיך, און טראגען מיט זיך דעם צייכען פון טויט און פארוויסטונג?... ווער ווייס: אפשר זיינען זיי שוין נאענט, און רוקע זיך פון דער פינסטערניש ווי א בייזע, שווארצע מחנה, באלאגערען די הויז פון אלע זייטען, ווי א שווארצער וואלקען און וועלען זיך אריינרייסען מיט א געפייף און א געליארעם, אנפאלען אויף אונז, באשמוצען אלעס וואס איז אונז הייליג און טייער, און אויף די חורבות פון אונזער הייליגען יום טוב — אויפבויען פאר זיך א ווילדע ארגיע פון בלוט און טרערען, פון טויט און פארוויסטונג.

און דא איז דער אלטער, גרויער זקן — מיין פאטער, און דא איז מיין אלטע, שוואכע מוטער, און דא מיינע ברידער, מיין שוועסטער, — מיין שיינע, מיין יונגע שוועסטער. — וואס וועט מיט זיי אלעמען זיין?... ווער וועט זיי באשיצען? ווער וועט זיי באהי־

טען ?... איך קוק זיך צו צו מיין מוטער: זי איז בלייך, און אירע הענט זיינען ווי אין א געבעט צוזאמענגעלייגט, און איך ווייס: ניט פאר זיך, ניט פאר אירע קינדער טוט זי אין איר הארצען תפילה, נאר פאר זייערע קינדער, פאר דעם שונא׳ס קינדער:

— גאט, באהיט און באשיץ אונזער שונא׳ס קינדער אין דער נאכט פון דיין הייליגען פסח... — אזוי שעפטשען אירע ליפען. — און מיר, שוואכע און אומבאהאלפענע, דערשראקענע און פאר־פאלגטע, האבען אין דער טיפעניש פון אונזער הארצען אפשר אויך געבעטען מיט איר אינאיינעם:

— גאט, באהיט זיי און באשיץ...

ווייל די מורא הינטער פארמאכטע טיר און לאדען איז געווען נאך גרעסער, נאך שרעקליכער... די טירען זיינען געווע פארשלאסען און פארריגעלט און די לאדען פעסט פארמאכט. — און דאן האט זיך הינטער׳ן וואנט, פון דרויסען, דערהערט א שארך, אזוי ווי אימיצער, א פארדעכטיגער וואלט זיך אין דער פינסטערער נאכט געשארט, פאר׳גנב׳ט, ארום די ווענט פון אונזער הויז. אלע זיינען מיר מיט אמאל ווי שטום געבליבען זיצען אויף די פלעצער עס האט געדויערט א רגע — א שווערע אייביגקייט... דאן נאך א שארך — און א צווייטער טעמפער בילען פון א הונט — און ווידער טויטליך שטיל און אימה׳דיג... דעמאלט האט זיך מיין ברו־דער, א בלייכער, א געהיימניספולער אין זיין שווייגען, מיט אן אנטשיידענעם בליק אויפגעהויבען, און מיט פעסטע טריט צוגע־גאנגען צו דער טיר, וואס האט געפירט אין דרויסען — און מיר האבען באמערקט, ווי עפעס האט א גלאנ געטאן אין זיין האנט, און אלע האבען מיר מיט אמאל פערשטאנען: — דאס איז געווען א רעוואלווער... און די מורא, וואס האט אונז די גאנצע צייט באהערשט האט אנגענומען קאנקרעטע פארמען, אזוי ווי מיר וואל־טען שוין געשטאנען פנים צו פנים מיט׳ן שונא... דאס הארץ האט געקלאפט, דער אטעם איז געווארען קורץ און שנעל און אלע גלידער זיינען מיט אמאל געווארען ווי געליימט, און שווער, ווי אנגעגאסע־נע מיט בליי... אין קאפ האט געקלאפט ווי מיט שווערע האמערען:

— זיי קומען!... זיי קומען!... זיי קומען!...

דער ברודער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טיר, האָט זיך צוגע־הערט — און אַלע האָבען מיר אויפגעהערט צו אָטעמען און מיט אים אינאיינעם געוואָלט דורכדרינגען די שטילקייט פון דער נאַכט. עס איז געווען שטיל און אימה׳דיג. איעדער האָט געוואוסט: נאָך אייך שאָרך, נאָך איין עטוואָס הערבאַרער קלאַנג — און אַלע וועט ווערען פאַרשטענדליך ביז משוגעת — און עס וועט שוין ניט זיין, ניט קיין האָפנונג און ניט קיין רעטונג... קיין קלאַנגען האָבען זיך אָבער צו אונז ניט דערטראָגען, נאָר ערגעץ וויים האָט זיך נאָך אַליץ געריסען און געבולען פאַר׳עקשנ׳ט דער הונט.

דער ברודער האָט זיך צוריקגעקערט, האָט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ. מיר האָבען שווער געשוויגען... די מוטער איז אונז צו הילף געקומען. זי האָט געזאָגט:

— קינדערלאַך, אפשר האָט זיך עס נאָר אויסגעדוכט?... האַ?... אפשר איז עס געווען דער ווינט?...

און פון אירע ווערטער איז גלייך געוואָרען גרינגער אויף דער נשמה, און פון דערלייכטערונג האָט זיך געוואָלט וויינען... און די מוטער האָט געקוקט אויף אונז מיט אירע גוטע אויגען.— זי די שוואַכערע פון אונז, די שטענדיג לייכטע אויף טרערען, זי האָט ווי אַ גוטער מלאך געוואַכט איבער אונז און געטרייסט... אין אַ ווײַלע אַרום האָבען מיר ווידער אָנגעהויבען פאָרטזעצען דעם סדר. מען האָט גערדאַרפט אָנגיסען מיט וויין אליהו הנביא׳ס כוס. אַלע האָבען מיר פאַרשעמט געגומען איבערקוקען זיך: אליהו הנביא — אין אַזאַ נאַכט... אימיצער האָט אַ קוק געטאָן אויפ׳ן פאָטער און האָט ניט דרייסט געזאָגט:

— און די טיר?... ווער וועט פאַר אים די טיר עפענען?

— קינדערלאַך, איך וועל גיין... איך... — האָט זיך די מוטער גענומען אויפהויבען. — און גלייך איז די פראַגע פון עפענען די טיר געוואָרען ביי אַלעמען אַ וויכטיגע און הייליגע אויפגאַבע, אַזוי ווי מיט אליהו הנביא׳ס קומען וועט קומען די דערלייזונג, די איינ־ציגע און לעצטע רעטונג... און אַלע האָבען מיר זיך אויפגעהויבען פון די פּלעצער. — דאַן האָט די מוטער געזאָגט:

— קומט, קינדערלאך, אלע... אלע... מיר וועלן באַגעגענען אליהו הנביא׳ן...

עפּעס אַן אינערליכער עקסטאַז האָט אונז אויפגעהויבן און געטראָגן צו דער טיר. מיר זיינען שוין ניט מער געווען דערוואַקסענע, אומגליקליכע מענשן, נאָר פרייליכע, גליקליכע קינדער. זאָגאָר דער פאָטער איז אונז נאָכגעגאַנגען... עס איז שוין ניט געווען אונזער לאַנגע אַזוי אוממענשליך גרויזאַם, אַזוי משונה׳דיג און שרעקליך, נאָר עס איז געווען עפּעס אַ געפערליכע אָבער זייער אַנגענעמע שפּיל. — אימיצער האָט שוין אָנגעהויבן אַפּצושליסן די טיר. אַפּרוקען דעם פאַררוקער: גאָט! מיר ברענען!... די טיר איז נאָך ניט געווען אין גאַנצען אָפּען, מיר האָבען אפשר נאָך ניט גע־האָט קיין צייט צו באַמערקען די פלאַמען, אָבער מיר האָבען שוין אַלע געוואוסט: מיר ברענען!... מיר ברענען!... מיר ברענען!... די הויז איז געווען אונטערגעצונדען פון אַלע זייטען: דער שונא האָט אונטערגעצונדען אַלע אַרויסגאַנגען, צוליינגט פייערן אַרום די פענסטער און האָט פאַר אונז אַלעמען געגרייט אַ שרעקליכען און מורא׳דיגען סוף... — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר האָבען זיך אַלע געראַטעוועט. קיינער איז ניט באַשעדיגט געוואָרען. אין דער שוואַרצער נאַכט, האָבען מיר זיך ווי נאַכט שאַטענס דורכגעקליבען דורך דעם וועלדעל און געווענדט אונזער וועג צו דעם נעגסטען שטעטעל. און הינטער זיך האָבען מיר פאַרלאָזען אונזער היים, אונזער האָב און גוטס אַרומגענומענע מיט פלאַמען, און אַ בילען און אַ רייסען זיך פון הינט... מיר זיינען שוין ווייט געווען, אָבער דעם רויטען, פייערדיגען פלעק אויף דעם פינסטערען הימעל, האָבען מיר נאָך לאַנג געזען...

דער פרעמדער

א קאלטער אווענט. אין דרויסען גיסט נאך אלץ דער זעלביגער קליינער רעגען, וואס האט א גאנצען טאג, פון גאנץ פרי אן, גענאסען — און וויל גאר ניט אויפהערען. א קאלטער ווינט רייסט די שילדען פון די ווענט, קלאפט מיט די לאדען, וואיעט און פייפט צווישען די דעכער. און אין צימער איז שטיל און אומעטיג. אזוי ווי אלע שארכען וואלטען אויסגעשטארבען.

ער ליגט אין זיין קליינעם בעטעל און טראכט פון דעם, אז אט איז שוין דער הערבסט געקומען, עס וועט אויך דער ווינטער קומען און אפשר דער פרילינג. און ער איז אלץ נאך קראנק, און הוסט. און הוסט... און אז היינט וועט אויך, אזוי ווי אלע אווענט, קומען קלארא, וועט זיצען מיט אים ביז צען א זייגער, א שטילע, א בלייכע, מיט אומעטיגע אויגען קוקען אים אין די אויגען, און ריידען די זעלביגע רייד, וואס נעכטען און מיט א וואך צוריק, און עס וועט זיין דאס זעלביגע, דאס זעלביגע... אין אנדערש קען עס גאר ניט זיין.

ער גיט זיך א ריר — און גלייך הויבט אן צו שטיקען דער הוסט. הוסט ער — און זיין הוסט שרעקט די שטילקייט פון דעם צימער, און עס ווערט אומרואיגער, אזוי ווי די קלאנגען פון דרויסען וואלטען זיך מיט אמאל אריינגעריסען און אויפגעטרייסעלט די לופט... ער שפייט אראפ אין דער קליינער פושקעלע, דעקט עס צו מיט דער דעקעלע און פאררוקט עס אונטער'ן קישען. נאכדעם לייגט ער זיך אנידער, א מידער, און ווארט ביז קלארא וועט קומען.

נאכדעם הערט ער טריט אין קארידאר. ער קען די טריט. עס עפענט זיך די טיר און עס באווייזט זיך קלארע מיט א נאסען שירעם אין האנט. זי פרעגט:

— נו... ווי פילסטו עפעס?...

— איך ליג... אט אזוי ליג איך נאך...

זי וויל זאגען: — אפשר דעם דאקטאר... — און ווייסט פאראויס, אז עס איז גאר איבעריג, אחוץ דעם ווייסט זי; ער וועט מאכען א ביטערע גרימאסע, וועט אומרואיג אנהויבען באוועגען זיך אויפ'ן בעטעל, און וועט פראטעסטירען. אזוי איז געווען נעכטען און אזוי וועט עס זיין מארגען. יעדען טאג אזוי...

עס איז עפעס אומבאקוועם. עס דוכט זיך: אימיצער שטייט דא אין צימער, א פרעמדער, ווי א שטומער עדות, און לאזט ניט זיין אפען. און דערפאר איז מאדנע ענג אין צימער.

ער זאגט:

— דו ביזט בלייך. דו האסט שווער געארבייט? —

— שווער געארבייט, — זיפצט זי, און זעצט זיך.

— און אין דרויסען רעגענט נאך...

— רעגענט...

— א גאנצען טאג רעגענט עס. א גאנצען טאג...

— א גאנצען טאג...

זי ענטפערט ווי אן עכא. אין איר שטימע הערען זיך פאר־שטיקטע טרערען. עס ווייטאגט דאס הארץ. פאר אלץ, פאר אים, פאר זיך און פאר אלע די, וואס גייען דארט ארום אין דרוי־סען איבער די בלאטיגע נאסען אונטער שווארצע נאסע שירעמס, — פאר אלעמען ווייטאגט אין הארצען...

ער זעצט זיך אין בעט. פון אונטער זיין צושפילעטער העמד זעט זיך ארויס די ביינערדיגע ברוסט. ער שווייגט א ווייל. נאכ־דעם זאגט ער:

— איך האב פיינט הערבסט... אלץ וויינט אין הערבסט. קלאנט און קלאנט... איך קאן אט דעם קלאנגען ניט אריבערטראגען... איך קאן ניט...

זי שווייגט. ער הויבט ווידער אן:

— פארשטייסט: אמאל ליג איך אין בעט און טראכט: אפשר וויינט עס דער פעלד ארויס דעם צער פון די שטארבענדיגע גרא־זען. אפשר וויינט ארויס דער בוים דעם טויט פון זיינע בלעטער.

און דער ווינט — דעם טרויער פון דער ערד ?... אפילו די שווארצע נעכט וויינען... אלץ וויינט.

זי ווערט אומרואיג. זי הויבט זיך אויף, און גייט צו צום פענסטער. דאס פענסטער קוקט ארויס צום טויבען ווינקעל פון הויף, אזוי, אז מען זעט נאר די וואנט פון א פאבריק־געביידע און דעם אלטען, האלב־צופאלענעם פלאנקען, וואס פירט צום הויז. ער זאגט :

— אין די לאנגע נעכט קען איך ניט איינשלאפען. דו זעסט דארט דעם פלאנקען ? יעדע נאכט קריכען איבער אים ארום קעץ און יאמערען... אמאל דוכט זיך מיר — דאס זיינען ניט קעץ, נאר קליינינקע קינדערלאך, וואס מען האט געבראכט אונטער מיין פענס־טער — און מען פייניגט, און פייניגט...

זי שווייגט. נאכדעם קערט זי זיך אום צו אים — און זעט : די באקען זיינען איינגעפאלען. דער שטערען איז געלבליך בלאס. די אויגען קוקען דערשראקען. אונטער די אויגען בלויע רינגען. און דער גאנצער איז ער אזוי אויסגעדארט — הויט און ביינער. ווערט איר ענג אין ברוסט, און עס ווילט זיך וויינען... און ער דערציילט :

— און שוין אין דער פרי, אפשר א שעה פאר באגינען, ווען איך הויב אן, אז אויסגעמאטערטער, איינדרימלען, קומט אימיצער אריין צו מיר אין צימער, גייט צו צו מיין געלעגער, שטעלט זיך אוועק אויף די קני, און וויינט איבער מיר מיט פארבראכענע הענט. וויינט... וויינט אזוי שטיל און ציטערינ, ווי א מאמע לעבען ווינעל פון איר קראנקען קינד... איך הער זיך איין אין דעם געוויין — און עפען ניט די אויגען. איך האב מורא, אז איך וועל אימיצען דער־זען. אזוי אלע אינדערפרי...

ער כאפט איבער דעם אטעם. עס שטיקט דער הוסט. ער הויבט ווידער אן :

— אבער היינט אין דער פרי האב איך זיך ניט איינגעהאל־טען. איך האב אביסעל אויפגעעפענט מיינע אויגען. האב איך דערזען, ווי עס שלייכט ארויס פון צימער א געשטאלט און ווערט פארפאלען הינטער'ן טיר. ווערט פארפאלען, ווי א שאטען... און נאכדעם האב איך נאך אלץ געהערט די לעצטע שטארבענדיגע

קלאנגען פון דעם געוויין. זיי זיינען געהאנגען אין דער לופטען און ביסלעכווייז געפאלען צום דיל, אזוי ווי עס פאלן בלעטער פון א בוים, געשטארבענע, צו דער קאלטער ערד...

ביידע שווייגן. עס איז שווער און אומבאקוועם, אזוי ווי אימיצער, א דריטער, וואלט דא געשטאנען, און א פרעמדער, צוגע־הערט זיך צו אלעם, וואס ער האט דערציילט. זי ווענדט אפ איר בליק פון אים. זי קען אים אין די אויגן ניט אריינקוקן. דאס ברייננט אים אויף. דאס הארץ הויבט אן צו קלאפן. ער זאגט שוין בייז:

— זעסט: דו פארשטייסט מיך ניט. דו ווילסט מיך ניט פארשטיין. איך אלע זיינט אזוי: איר קוקט אויף מיר מיט אומע־טיגע אויגן, און איר שווייגט... און אין הארצן טראכט איר: ער וועט שטארבן... ער וועט באלד שטארבן...

זי הויבט זיך אן מיט אימפעט פארטיידיגן:

דו וועסט לעבן. דו וועסט זיכער לעבן... מיר האט דער דאקטאר געזאגט, — דו וועסט געזונט ווערן... אבער דו טארסט זיך ניט אויפרעגן... דאס אויפרעגן זיך איבער יעדער נארישקייט פארערגערט דיין קראנקהייט... דו באדארפסט זיין רואיג. פול־שטענדיג רואיג...

זי באמיט זיך צוצוגעבן איר שטימע אן אויפריכטיגע אינ־טאנאציע. די ווערטער אבער קלינגען פאלש — און פילן אן דעם צימער מיט אן אומאנגענעמער אטמאספערע. עס איז עפעס אזוי, ווי עס וואלט ערשט געבארן געווארן א ליגן, וואלט פארנומען יעדען ווינקעל אין דעם קליינעם צימער. וואלט געקוקט אין די אוי־גען מיט זיין שפיציגען, חוצפה'דיגען בליק... און דער פרעמדער, וואס איז נאך אלץ דא, שטייט און קארטשעט זיך פון א ווילדען קייכען...

ער אטעמט שווער. איננאנצען איז ער קליין, דאר און שוואך — און די אויגן ברענען מיט אזוי פיל גיפט און גאל, אז עס דוכט זיך: ער וועט א קוק טאן רעכטס, א קוק טאן לינקס — און עס וועלן פאלן די אייביגע געזעצן פון באהאלטענער אויפ־ריכטיגקייט און ליגען, ער זאגט:

— אלע ווייסט איר: איך וועל שטארבן: איך וועל זיכער

שטארבען... איך רוף זאגאר ביי אייך ארויס אן עקעל, וואס איז פארבונדען מיט טויט און צעפאלונג — און קיינער זאגט דאס מיר ניט. קיינער וויל עס מיר ניט זאגען... פארוואס זאגט איר דאס מיר ניט? פארוואס זאגט איר ניט: דו וועסט שטארבען. דיינע לונגען ווערען אויפגעפרעסען פון מיליאנען קלייניקע מיקראבען־לאך. דו 'שפייסט מיט בלוט און שטיקער לונגען, — וועסטו זיכער שטארבען... אנשטאט דעם קומט איר און טרייסט מיך, און זאגט ליגען, און וויינט איבער מיר מיט רחמנות און עקעל...

זי ווערט בלאס. די ווינקלען פון אירע ליפען ציטערן. זי גייט אפ אן א זייט, אזוי, אז ער זאל זי ניט קענען זען, און אירע פלייצעס הויבען אן צו טרייסלען זיך פון אן איינגעהאלטענעם יא־מער... ער באמערקט זי ניט און רעדט:

— איך טראכט אמאל: עס וועט זיך עפענען די טיר, און אימיצער וועט אריינקומען, און וועט דרייסט און אפען זאגען דעם אמת: דו וועסט שטארבען, עס איז ניטא מער קיין האפנונג. — וואלט איך געוואוסט: עס איז ניטא קיין אויסוועג. איך וואלט פון דאנקבארקייט געקושט זיינע הענט. ווייל דער טויט וואלט זיך דאך פון מיר דערווייטערט — און יעדער רגע וואלט געווען אן איי־בינקייט אן ליידען. און אין אייערע אויגען, אין אייער האלטען זיך זע איך, ווי איר קלאגט איבער מיר, ווי איר באוויינט מיין פריציי־טיגען טויט, ווי עס עקעלט אייך פון מיין טויטען קערפער... כ'האב אייך אלע פיינט.

ער פארהוסט זיך שטארק — הוסט און הוסט, און שפייט אראפ אין דער פושקעלע — און הוסט ווידער. און פלוצלונג גי־סען זיך אן די אדערען אויף זיינע שלייפען, און אויפ'ן שטערען מיט בלוט, די מוסקולען אויפ'ן האלז ציען זיך אן, און דער גאנ־צער קערפער הויבט זיך אן צו ווארפען. ווארפען, ווי אן איינגע־קלאמערטער און ס'דוכט זיך אז קאלטע פינגער דריקען אים אומ־דערבארעמדיג, און ווילען גאר ניט אפלאזען... ער ווערט באנאסען מיט שוויים... אין צימער איז אומהיימליך. די לופט האט זיך א שאקעל געטאן — און אלץ איז געווארען אומרואיג און אנגע־שטרענגט. אלץ צאפעלט זיך אין א מאדנער שמערצליכער ער־ווארטונג. אלץ באוועגט זיך, באוועגט זיך... און פלוצלונג ניט א

שטראם פון מויל א שטרימעל בלוט און גיסט זיך אראפ איבער די אפענע ווינקלען פון די ליפען צום קין... בלוט...

און זי, א בלייכע, א דערשראקענע ביז טויט, שטייט מיט אויגען פארלאפענע מיט טרערען, מיט אויסגעשטרעקטע, ציטערענדיגע הענט, ציט זי זיך צו אים און רופט משונה'דיג זיין נאמען, און איז אין פארצווייפלונג אינגאנצען אזא קליינע, אזא שוואכע און הילפלאזע, ווי א קינד, וואס האט זיך אין א וואלד פארבלאנדזשעט, און צאפעלט זיך פון א גרויסען אומבאוואוסטען שרעק...

און עס דוכט זיך: עס האט דער פרעמדער, וואס איז דא די גאנצע צייט געווען אין צימער, האט זיך אויף זיין קרבן ארויפגעווארפען און ווערגט... און זי, א שוואכע, שטייט און בעט זיך: לאז אים אפ... לאז אים אפ... לאז אים אפ...

בלוט

ווען גאלדין האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף איז נאך געווען כמעט פינסטער. דער ערשטער געדאנק איז געווען: לאה איז קראנק... דער געדאנק האט ווי מיט א שווערען האמער א קלאפ געטאן אין הארצען, און עפעס אן אומבאקאנטער כח האט אים פארשטעלט זיך טיף איינגורען אונטער'ן קאלדרע, אזוי ווי דארטען וואלט געווען א זיכערע באהעלטניש פון אט דעם גרויסען צער, וואס לאה איז קראנק געווארען.

א גרויע ליכט האט זיך לאנגזאם אנגערוקט פון ערגעץ, איז מיט אומזעבארע טריט נעקראכען דורכ'ן פענסטער און ביסלעכווייז געטריבען די פינסטערניש פון צימער, ביז די לעצטע שאטענס, וואס האבען זיך פארקליבען איבער־א־נאכט אין די ווינקלען און אונטער'ן בעט זיינען אינגאנצען פארשוואונדען. און עס איז אנגעקומען דער פרימארגען.

גאלדין איז אויפגעשטאנען און האט זיך מיט א נאגענדיגען הארצען אוועקגעזעצט ווארטען ביז הינטער'ן טיר וועלען זיך דערהערען וועלכע עס איז קלאנגען. ער האט לאנגזאם גערויכערט איין סיגארעטל נאכ'ן צווייטען און יעדער רגע געווארפען אן אומרו־איגען בליק אויפ'ן זייגער, וואס איז געשטאנען אויפ'ן טיש. עס איז שוין געווען זעקס. אכט האט געזאלט קומען אן אמבולאנס און צונעמען לאה'ן אין האספיטאל. אים האט זיך געדוכט, אז זיין לעבען איז געקומען און האט זיך אפגעשטעלט לעבען א הויכער וואנט, וועלכע ער וועט ניט קענען אריבער קריכען. און שפעטער, ווען מען האט לאה'ן ארייגעטראגען אין אמבולאנס און מיט אן אינפעטיגען קלינגען אוועקגעפירט זי, האט ער עפעס מיט אמאל אויפגעהערט צו באדויערען איר שיקזאל און עס האט זיך אים גע־

נומען דוכטען, אז דאס האט מיט אים אליין פאסירט עפעס אוי־סערגעוויינליכעס, אז נים לאה'ס לעבען שטייט דאס אין געפאר, נאר אים אליין דראט עפעס א גרויסע און שרעקליכע געפאר...

— זי וועט שטארבען... זי וועט זיכער שטארבען... — האט ער מיט אנגסט צו זיך אליין געזאגט, און אלץ האט עפעס דאס הארץ זיי געטאן נים פאר לאה'ן, וועלכע וועט אפשר שטארבען, נאר פאר זיך אליין, פאר זיין אייגענעם לעבען, וועלכער גייט אוועק פריצייר־טיג,ביים רעכטען אנהויב פון עפעס גרויסעס און וויכטיגעס...

און שפעטער איז אלעס געווארען פארשטענדליך: לאה'ן האט מען צוגענומען אין האספיטאל, און זי וועט דארטען שטארבען, און אז זי וועט שטארבען וועט זי אוועקנעמען מיט זיך אין קבר אלץ, מיט וואס דאס לעבען איז פול געווען. און ער האט זיך דערמאנט ווי ער האט מיט א צייט צוריק אפגעדונגען ביי דער ארימער אלמנה אט דעם צימער, ווי ער האט זיך באקענט מיט איר טאכטער, מיט לאה'ן, און ווי לאה איז שפעטער געווארען עפעס ווי א טייל פון זיין לעבען. יעדען פרימארגען פלעגט ער זיך אויפכאפען מיט דעם גע־דאנק פון לאה'ן, וואס איז געווען דא, הינטער'ן וואנט, און וואס איז געווען אזוי נאענט און טייער. און איצט איז לאה מיט אמאל קראנק געווארען. יעדער טאג פלעגט ברענגען נייע שרעקען. און קיין האפנונג איז נים געווען. ביסלעכווייז זיינען אויסגעלאשען געווארען די שיינע און ליכטיגע האפנונגען פון זיין הארצען און אנשטאט דעם איז געבארען געווארען א נאגענדיגער ווייטאג, א גרויסער, אומערשעפבארער צער.

אין אוונט איז געקומען די מוטער, האט אנגעקלאפט אין טיר און האט זיך אפגעשטעלט אויפ'ן שוועל. די נים דערשלאפענע נעכט האבען זיך אפגעשטעמפעלט אין אירע פארוויינטע און אויפ־געפלאמטע אויגען און עס האט זיך געדוכט, אז זי וועט זאגען איין ווארט וועגען לאה'ן וועט זי נים אויסהאלטען און וועט אויסברעכען אין א ביטערען מוטערליכען געוויין. זי איז געשטאנען און געקוקט אויף אים מיט אירע פייכטע אויגען — און איז אינגאנצען געווען אזא דערשלאגענע און הילפלאזע אין איר גרויסען מוטערליכען צער, אז גאלדינ'ען האט זיך געוואלט ארומנעמען אט די פרעמדע פרוי, וועלכע איז אים מיט אמאל געווארען נאענט, ווי א מוטער, און

טרויסטעט זי אין איר צער, וואס איז געווען אויך זיין צער, און זאַגען איר, אַז איר וויטאַג איז זיין ווייטאַג, און אַז ער האָט אויך געטיילט מיט איר צוגלייך די שרעקען פון אַלע טעג און נעכט... נאָכדעם האָט זי היסטעריש געזאָגט:

— טייערינקער, טייערינקער... בלוט... בלוט, זאָגען זיי, דאַרף מען... מענשליך בלוט... ווער וועט זיך אָפּרופען, ווער וועט דאָס טאָן, גאָט!... און זי האָט זיך צעוויינט.

און אין דעם זעלבינען מאָמענט האָט זיך גאָלדינען אויסגעדוכט, אַז ניט זי אַליין טענה'ט דאָס, נאָר די גאַנצע וועלט יאָמערט און שרייט אין דער לעצטער פאַרצווייפלונג:

— בלוט! מענשליך בלוט!...

און אַלץ, וואָס איז ביז איצט געווען פּשוט און פאַרשטענדליך, איז מיט אַמאָל געוואָרען אומגעהייער גרויס און האָט זיך איינגעוויקעלט אין אַ שווערען שלייער פון געהיימניס, און האָט מיט טויזענטער שטימען געשרייען: גיי און שאַף וואונדער!... און פּלוצלונג איז אין האַרצען געבאָרען געוואָרען אַ באַשלוס, און דאָס, וואָס איז ערשט געווען געהיימניספול איז געוואָרען פאַרשטענדליך, און דאָס וואָס איז ערשט געווען האָפנונגסלאָז — איז געוואָרען נאָענט און מעגליך...

ווען גאָלדין איז אין אַ שעה אַרום געשטאַנען אין קאַבינעט פון דעם באַרימטען דאָקטאָר, האָט זיין האַרץ געקלאַפּט זיכער און רואיג. אַלץ אַרום האָט זיך אים אויסגעוויזען צו זיין פייערליך, אַזוי ווי עס וואָלט אויף דער וועלט אַ גרויסער יום־טוב געווען. נאָר ווען דער דאָקטאָר האָט אים גענומען עקזאַמינירען האָט זיך צום האַרצען אונטערגעגנב'עט אַ צווייפעל: אפשר איז ער גאָר קראַנק און זיין בלוט וועט ניט טויגען, — און דאַן איז דאָך ווידער אַלץ פאַרפאַלען... אָבער דער דאָקטאָר האָט אים צופרידען אָנגענומען פאַר'ן האַנט און האָט, ווי אַן אַלטען גוטען פריינד, געפירט אין דעם אָפּעראַציאָנס צימער.

אין עטליכע מינוטען אַרום האָט מען אריינגעטראָגען לאָה'ן.

ווען גאָלדין האָט זי דערזען, האָט ער מיט אַמאָל פאַרלאָרען די זיכערקייט און די רואיגקייט, וועלכע ער האָט אין זיך געפילט פריער. ער האָט זיך פאַרלאָרען און האָט ניט געוואוסט וואָס צו

טאַן. ער האָט אינסטינקטיוו געמאַכט צוויי טריט אין דער ריכ־טונג, וואו לאה איז געלעגן, און האָט באַגעגנט אירע אויגן. וואָס האָבן געקוקט מיט די גרויסע שוואַרץ־אַפּלען קאַלט און אויסדרוק־לאָז, אַזוי ווי עס וואָלט נאָר ניט געווען קיין אויסערגעוויינליכעס אין דעם, וואָס ער איז דאָ מיט איר אין אָפּעראַציאָנס־צימער. אויף אירע ליפּען איז געלעגן עפּעס אַ מאָדנער אויסדרוק פון גלייכגיל־טיגקייט און איינגאַנצען איז זי געווען ענליך צו אַ טויטער, וואָס איז געשטאָרבען מיט אָפענע אויגען און מיט דעם אויסדרוק פון לעצטען צער. וואָס איז פאַרקילט געוואָרען אויפ׳ן פּנים און איז פאַרבליבען אומפאַרענדערט נאָכ׳ן טויט...

דער דאָקטאָר האָט מיט שנעלע באַוועגונגען צוגעגרייט די מע־דיקאַמענטען און האָט מיט אַ שמייכעל גערעדט צו לאה׳ן :

— נו, ניט געזאָרגט... ניט געזאָרגט... אָט וועלען מיר באַלד געזונט ווערען... יע. מיר וועלען שוין געזונט ווערען...

און פון דעם איז עפּעס געווען אַזוי גוט אויפ׳ן האַרצען, און עס האָט זיך געוואָלט קושען דעם אַלטען גוטען דאָקטאָר און וויינען מיט טרערען פון דערגרינגערונג... און נאָך האָט זיך געוואָלט פאַלען אויף די קני לעבען דער קראַנקער, איינגראָבען דעם פּנים אין איר צופוסענס און טענה׳ן :

— לאה׳לע, טייערע... דו זעסט : אָט בין איך געקומען... און איך וועל דיר אַוועקגעבען מיין לעבען, אויב דו וועסט דאַרפען... ווייל איך האָב דיך ליב, ליב, ליב...

און גלייך זיינען צוגעלאָפען טרערען צו די אויגען, און גאָלדין האָט בעדאַרפט מאַכען אַן אָנשטרענגונג ניט צו פאַנאַנדערצוּוויי־נען זיך...

די אָפּעראַציע איז געווען אַ שמערצליכע, דער ווייטאָג בשעת דער דאָקטאָר האָט געעפענט די אַרטעריע איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז די שווערע גייסטיגע איבערלעבונגען פון טאָג און די נאָענטקייט פון לאה׳ן, וועלכע איז געווען אונטער „איטער״, זיינען אויף אַ וויי־לע פאַרשוואונדען און גאָלדין האָט זיך אין גאַנצען קאָנצענטרירט אויף זיינע אייגענע שמערצען. אָבער אין אַ מינוט אַרום, ווען דער קליינער רער האָט אים פאַרבונדען מיט לאה׳ן און ער האָט דערפילט דעם רעגעלמעסיגען שטראָמען פון זיינע בלוטען אין

לאה'ס קערפער אריין, און האט פלוצלונג, דעם ערשטען מאל, מיט אלע חושים דערפילט די פיזישע נאענטקייט צו איר, האט זיך אים אויסגעדוכט, אז מען טוט מיט אים עפעס מיסטעריעזעס, אזוינס, וואס ער קען ניט באגרייפען, נאך וואס עס איז אזוי שמערצליך אנגענעם און גוט...

אין קאפ האט געשווינדעלט. די געדאנקען האבען זיך אנגעצונדען און פערלאשען געגאנגען מיט א אומגעהייערער שנעלקייט, — און אלע זיינען זיי אזוי אדער אנדערש געווען פערבונדען מיט לאה'ן.

באלד האט ער אלע דייטליכער גענומען פילען ווי דאס בלוט זיינס גיסט זיך איבער אין לאה'ס קערפער. האט זיך אים גענומען דוכטען, אז ניט דאס בלוט גיסט זיך עס אריבער פון אים צו איר, אט דורך דעם קליינעם רער, נאר זיין לעבען גיסט זיך עס, גיסט זיך רעגעלמעסיג, אן אן אויפהער... און פון אט דעם גע־דאנק איז עפעס מאדנע געווארען אויפ'ן הארצען, ניט שווער און ניט לייכט, נאר עפעס טרויעריג און אומפערשטענדליך...

נאכדעם האט זיך אים גענומען דוכטען, אז אט וועט דאס גאנצע בלוט זיינס איבערלויפען צו לאה'ן, און דאן וועט זי זיך מיט אמאל אויפהויבען א פרישע, א געזונטע, און ער אליין, וועט ביסלעכווייז אויסגייען און ווען דאס לעצטע ביסעל בלוט וועט ארויס לויפען, וועט ער פאלען, וועט ער שטארבען... ווייל אט ליגט זי און זויגט און זויגט פון אים דאס לעצטע ביסעל בלוט...

ער האט געווארפען א פארדעכטיגען בליק אויף לאה'ן און אים האט זיך ווירקליך אויסגעוויזען, אז זי איז איצט גאר אן אנדערע געווארען, אז איר פנים שיינט מיט לעבען, און נאך איין רגע — און זי וועט זיך אויפהויבען און אוועקגיין א פרישע, א געזונטע...

יעדע רגע האט זיך געצויגען ווי אן אייביגקייט. אין הארצען איז געבארען געווארען א פארדאכט אויפ'ן דאקטאר, אויף די אסיסטענטען פאר וואס זיי האבען זיך אוועקגעשטעלט, ווי בעלי בתים איבער זיין לעבען און גיבען דאס אוועק מיט א שרעקליכער גלייכגילטיגקייט צו אימיצען, וואס איז זיי פרעמד אזוי ווי ער...
ער האט גענען עפעס מערדערליכעס אין אלע זייערע באוועגונגען.

אין דעם שמערץ וועלכען זיי האבען אים פארשאפט, און אין דעם פרייען, פאר'עקשנ'טען ציען פון אים די בלוטען... ביסלעכווייז, האט זיך דער פארדראס אויפ'ן דאקטאר פארוואנדעלט אין א שנאה, וואס האט ניט געהאט קיין גרעניץ. עס האט זיך געוואלט צו־נויפנעמען די פינגער אין א הארטען פויסט און שרייען צו אים אין פנים:

— מערדע ... וואס טוסטו דאס מיט מיר? ! הא?!...

דער דאקטאר האט ווי פריער, געארבייט. א שווייגענדיגער האט יעדע רגע געמאסטען די שנעלקייט, מיט וועלכער עס הא־בען געארבייט די בלוטען, געקוקט אויפ'ן זייגער — און האט עפעס ווי אין גאנצען פארגעסען אז גאלדינ'ען אליין.

די ערנסקייט פון מאמענט, די שווערע געפילען און אויפרעד־גענדיגע געדאנקען, וואס האבען ווי בינען ארומגערינגעלט זיין מארך, און אויך דער פארלוסט פון בלוט — דאס אלץ האט געווירקט האט דעם טויזענטען מאל אין א רגע זיך פארגעשטעלט אז ער נייט אויס, און אז ער וועט באלד שטארבען... ער האט אין זיין פאר־נעבעלטען מארד געזוכט די וויכטיגע אורזאכען וואס האבען אים אהער געבראכט — און האט זיי ניט געקענט געפינען. עס איז עפעס געווען א פלאנטער, אין צענטער פון וועלכען עס איז געווען לאה. ווייטער זיינען די געדאנקען ניט געגאנגען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די בלוט איינשפריצונג האט ניט געהאלפען. אויף מארגען איז לאה געשטארבען.

ווען גאלדין האט זיך פון דעם דערוואוסט, איז אין זיין נשמה פארגעקומען עפעס אזוינס, וואס איז געווען ניט קיין שרעק און ניט קיין טיפער צער. עפעס א מעלאנכאליע האט פארנומען דעם אויבען אז פון זיין לעבען — און האט געהערשט. עס איז ניט גע־ווען פארדריסליך, וואס די הייליגסטע האפענונגען זיינען ענדליך אוועק מיט לאה'ן אין קבר און וועלען זיך שוין קיינמאל ניט אומ־קערען. און עס איז עפעס ניט געווען באדויערענדיג דאס גאנצע לעבען, נאר עס איז געווען מאדנע אומפארשטענדליך און געהיימ־אפשוואכענדיג אויף זיין קערפער און אויף זיינע נערוועו, און ער

ניספּול דאָס, וואָס לאה האָט שטאַרבענדיג אויך געטויט אַ טייל פון זיין קערפּער. און ווען אַ דעם טייל צונעמען מיט זיך אין קבר אריין. ווען אָט דער געדאַנק איז אים געקומען אין זינען, האָט ער זיך אויפגעהויבען פון פּלאַץ, אויף וועלכען ער איז שעה'ן לאַנג געזעסען אָן באַוועגונג און האָט גענומען אַרומשפּאַנען איבער'ן צימער. ער האָט כמעט אויפ'ן קול געזאָגט:

— זי איז געשטאָרבען... און מיין בלוט?... וואָס איז געוואָרען מיט מיין בלוט? ווי וועל איך איצט לעבען? ווי וועל איך גוייטער לעבען?...

נאָכדעם זיינען אָנגעקומען שווערע טעג פאַר גאָלדין'ען. די מעלאַנכאָליע וואָס האָט זיך באַזעצט אין זיין נשמה האָט געפונען אַ גינסטיגען באָדען, איז געוואַקסען, געוואָרען גרעסער און האָט ווי מיט אַ שוואַרצען קרעפּ פערוויקעלט אַלע זיינע טעג און האָט אויסגעלאָשען יעדען פרייד פון זיין האַרצען. ער אַליין איז געוואָרען בלייכער און אָפּגעלאָזענער פון די שלאָפלאָזע נעכט און שווערע געדאַנקען. שטענדיג האָט ער זיך אַרומגעטראָגען מיט די שווערע עראינערונגען פון יענעם טאָג, ווען מען האָט פון אים געצאַפּט דאָס בלוט פאַר לאה'ן. און אים פלעגט זיך דוכטען, אַז ער איז שוין ניט גאָלדין פון אַמאָל, נאָר אַ שאָטען פון יענעם גאָלדין'ען וועלכער איז ערגעץ אוועק און וועט שוין מער צוריק ניט קומען... און דאָס אַלעס איז עפּעס ענליך געווען צו אַ שווערען און אומבאַגרייפליכען חלום, וואָס האָט פאַרוואַנדעלט דאָס לעבען אין אַ קאַלטען, זינלאָזען און גרויען הערבסט, אָן פרייד און אָן אַ שטראַל פון האָפנונג.

און איין מאָל, נאָר אומערוואַרטעט, איז אים אין קאָפּ געקומען אַ געדאַנק: ער וועט גיין אויף לאה'ס קבר. צוגייענדיג צו דעם נאָך כמעט פרישען בערגעל זאַמד, אונטער וועלכען לאה איז געלעגען, האָט עפּעס טיף אין זיין נשמה אַ ציטער געטאָן, אַזוי ווי די שווערע געהיימנים פון זיין לעבען האָט דאָס געוואָלט אַנטפּלעקען. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגען, נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— אָט ביסטו געשטאָרבען... פאַרוואָס האָסטו צוגענומען מיין לעבען?.. איך האָב ניט געוואָלט שטאַרבען... דו הערסט: איך

האב נאך געוואלט לעבען און דו האסט פארדעטעריש פארנארט מיך אין דיינע נעצען פון טויט... איך האס דיך! איך האס דיך!...

און פלוצלינג זיינען אים צוגעלאפען טרערען צום האלז — און ער האט אויסגעבראכען אין א געוויין. און ווייגענדיג האט ער געפילט, אז ער באוויינט ניט לאה'ן נאר זיין איינען לעבען, וואס איז אזוי פריצייטיג אוועק פון דער וועלט און ליגט א פארשאטעטער אונטער אט דעם ביסעל געהיימניספולען, זאמדיגען בערגעל.

און שפעטער איז גאלדין געווארען אן אפטער באזוכער אויף לאה'ס קבר. און יעדען מאל ווען ער פלעגט אט דעם קבר פארלאזען פלעגט אים באגלייטען א מאדנער טרויער. ער האט געפילט אזוי, ווי ער וואלט ערשט געמאכט א באזוך אויף זיין אייגענעם קבר...

דער שטומער עדות

(אַן אידיליע)

אויף דער פֿאַרם האָט שוין אַלץ געשלאָפֿען. פֿון דרויסען האָט דורך די פֿענסטער אַריינגעקוקט אַ געדיכטע פֿינסטערניש, אַ טויטליכע שטילקייט האָט זיך געשפּרייט אויף מיילען ווייט אַרום און האָט אַריינגעדרונגען אין הויז. דער זייגער האָט ערשט געשלאָגען צוועלף.

ברוך איז אַליין געבליבען אויף דער וואַך. גלייך קעגען איהם, אויפֿ'ן דיל, איז געלעגען דער פֿאַרשטאָרבענער אויף אַן אויסגעשפּרייטער קאָלדרע, אַן איבערגעדעקטער מיט אַ ווייסען ליילעך. די צוויי גרויסע ליכט, וואָס זיינען אין מעשענע לייכטער געשטאַנען ביי זיין צוקאָפּענס, האָבען געוואָרפֿען אַ טונקעלען,אומרואיג באַוועגענדיגען שיין פֿון איין עק צימער צום צווייטען. געוויבּרירט און געשאָקעלט זיך מיט זייערע רויט העלע פֿלעמעלעך, וואָס זיינען געווען ענליך צו קליינינקע, צושראָקענע און פֿלאַטערענדיגע שמעטערלינגען.

די איבעריגע פֿון דער גרויסער פֿאַמיליע זיינען שוין אַוועק שלאָפֿען. זיי זיינען אַלע צופֿאַלען, וואו עס האָט זיך נאָר געמאַכט, אין די קליידער, ווי מען איז דעם גאַנצען טאָג אַרומגעגאַנגען. אין גאַנצען הויז האָט געהערשט אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט, און נאָר די פּלוצליכע זיפֿצען אָדער קרעכצען וואָס פֿלעגען זיך דערטראָגען פֿון די אַנדערע צימערן, האָבען דערמאָנט ברוך'ן אַז ער איז ניט אַליין אין הויז. די שטילקייט איז אָבער געווען אַ מאָדנע. די יאָמערען וואָס האָבען דעם גאַנצען טאָג אָנגעפֿילט דאָס הויז, זיינען עפּעס ווי פֿאַרבליבען, און האָבען פֿון דער שטילקייט נאָך מורא'דיגער אַרויסגעהילכט. עס האָט נאָך געציטערט אין די ווינקלען און

אונטער'ן באַלקען לאה'ס געשריי, ווען זי האָט דערזען, אַז איר מאַן איז אויף אַן אמת טויט... און אויך די בילדער פון דעם גאַנצען טאָג זיינען נאָך ניט אין גאַנצען פאַרשוואונדען, און דערהויפּט דאָס בילד, ווי לאה איז געפאַלען אויף דעם טויטען מאַנ'ס ברוסט, האָט זיך איינגעגראָבען אין דעם טויטען קערפּער און אַ פאַר'חלש'טע, אַ ציטערנדיגע, געוואָרפען זיך אין קאָנוואולסיעס...

אַ שוידער איז דורכגעלאָפען דורך ברוך'ס אַלע אברים. איז הארצען האָט געדריקט, און עס האָט זיך שטאַרק געוואָלט וויינען... עס איז ניט געווען פאַרדראָסיג וואָס דער ברודער איז געשטאָרבען, אַזאַ יונגער, אַזאַ געזונטער, און מען וועט שוין אים קיין מאָל ניט זען, נאָר פאַר לאה'ן האָט געווייטאָגט דאָס האַרץ. וואָס וועט זיין מיט איר?... אָט איז זי פאַרבליבען אַן אלמנה מיט צוויי קינדער... אַ רחמנות... וועט פאַרפרעמדט ווערען אין הויז, ניט האָבען מיט וועמען צו טיילען איר איינזאַמקייט...

און נאָך אַמאָל איז פון דער האַלב־טונקעלקייט אַרויסגעשוואומען דאָס בילד: לאה איז צונעפאַלען אַ פאַר'חלש'טע, צו דעם מאַנ'ס קערפּער, איינגעגראָבען זיך אין אים מיט'ן קאָפּ און מיט די הענט, טרייסעלט זיך און וואַרפט זיך אין קאָנוואולסיעס... מענשען רייסען זי פון דעם טויטען קערפּער — און קענען ניט אָפּרייסען...

און מיט אַמאָל איז אין קאָפּ געבאָרען געוואָרען אַ געדאַנק. אַ פאַרבאָטענער, האָט ער צורודערט ברוך'ס בלוטען און געצוואונגען דאָס האַרץ קלאַפּען שטאַרקער, אָבער עס איז דערפון עפּעס אַזוי מאָדנע גוט געווען.. ער וועט לאה'ן ניט פאַרלאָזען... לאה וועט זיין זיינע... עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ פרייד. ער האָט שוין מער ניט געקענט איינזיצען רואיג אויף זיין פּלאַץ. ער האָט זיך אויפגעהויבען, און אַז אויפגערעגטער, זיך דורכגעגאַנגען אייבער'ן צימער, און האָט ניט וועלענדיג געוואָרפען דערשראָקענע בליקען אויף דעם טויטען ברודער.

ערשט איצט האָט ער דערפילט אַ שרעק, אַזוי ווי צום ערשטען מאָל וואָלט אין זיין קאָפּ געקומען דער געדאַנק, אַז ער איז אליין מיט אַ טויטען... אַלץ איז מיט אַמאָל פאַרשוואונדען פון צימער, און נאָר דער געדאַנק, אַז ער איז דאָ אַליין מיט אַ טויטען — איז

פארבליבען. אפילו די, וואס האבען אומרואיג געשלאפען הינ־טער'ן וואנט און האבען פון צייט צו צייט דערמאנט ברוך'ן פון זיך מיט א זיפץ, זיינען עפעס מיט איין מאל אלע אנשוויגען גע־ווארען און נאך שארפער דערמאנט ברוך'ן וועגען דער אויסערגע־וויינליכקייט פון זיין לאגע... און דער שרעק, וואס איז פון אנהויב געווען אומבאדייטענד, האט זיך איצט ווי א לעבעדיגע באשעפע־ניש, ארייגערוקט אין צימער, פארנומען יעדען ווינקעל, און איז שוין פון צימער מער ניט ארויס...

דער זייגער הינטער דער וואנט האט געשלאגען איינס. ברוך האט געטראכט: דאס איז דאך זיין ברודער, משה, ער האט דאך מיט אים אין איין בעט געשלאפען, אין איינעם געוואקסען, גע־גאנגען אין חדר און געווען אזוי נאענט... ער קען דאך צוגיין צו אים, אויפהויבען דעם ברעג פון דעם ליילעך וואס דעקט צו זיין פנים און זאגען:

— משה, ברודער מיינער, פארוואס ביזטו געשטארבען? פאר־וואס האסטו איבערגעלאזען דיין פרוי, לאה'ן, מיט צוויי פיצעלעך קינדערלעך? פארוואס?... און משה, זיין ברודער משה, וועט אים פארשטיין. פארוואס זאל ער זיך דא שרעקען?

אבער דער שרעק איז געשטאנען איבער אים און האט אים עפעס ווי צוגעשמידט צום פלאץ אזוי, אז ער האט מורא געהאט א ריר צו טאן זיך. עס האט זיך געדוכט: איין ריר — און עפעס וועט פאסירען... ער האט ניט געוואוסט וואס, נאר ער איז שוין געווען זיכער: עפעס שרעקליכעס וועט מוזען פאסירען...

און מאדנע: דער פארשטארבענער איז שוין מער ניט געווען זיין ברודער, נאר עפעס א פרעמדער, וואס האט זיך דא אוועק־געלייגט אויפ'ן דיל און אריינגעבראכט אין הויז דעם אומגליק, דעם יאמער און דעם שרעק...

און הינטער דער וואנט זיינען אלע עפעס ווי אויסגעשטארבען. עס האבען זיך שוין מער ניט געהערט די זיפצען און די קרעכצען, און עס איז געווען אזוי ווי ער, ברוך, וואלט איינער אליין געזעסען און געוואכט און געוואכט איבער א הויז מיט מענשען, וואס זיינען אלע אין מיטען פון א שווארצער נאכט אויסגעשטארבען...

וואס וועט עס זיין? — האט די פארצווייפלונג אין אים געשריען. און זיינע אויגען האבען, ברייט געעפענטע געקוקט, גע־קוקט אנטקעגען אופ'ן טויטען און האבען זיך ניט געקענט אפריי־סען... און דער ליילעך, וואס איז די גאנצע צייט געלעגען פאר־שפרייט איבער דעם טויטען איז שוין ניט געלעגען אומבאוועגליך. נאר ביסלעכווייז זיך געקנייטשט און ערטערווייז עטוואס באמערק־באר זיך גערירט, געביטען זיין אויסזען און מיט איין ברעג עפעס ווי געוואלט אראפרוקען זיך פון דעם טויטענס פנים...

ברוך האט אין דער לעצטער פארצווייפלונג געמאכט א פאר טריט איבער'ן צימער. זיינע איינענע טריט האבען אין דער שטיל־קייט פון דער נאכט אפגעקלונגען אזוי ווי פרעמדע, אזוי ווי ניט ער אליין וואלט געמאכט די טריט, נאר אימיצער א פרעמדער, וואס איז די גאנצע צייט געשטאנען הינטער זיינע פלייצעס וואלט זיי געמאכט...

דער זיינער הינטער דער וואנט האט געשלאגען צוויי. עס איז ניט געווען קיין אויסוועג. ברוך האט באדארפט אנווענדען אלע זיינע כחות צו פארבלייבען אין צימער. אים האט זיך שטארק גע־וואלט ארויסלויפען מיט א ווילדען געשריי פון שרעק, שרייען און לויפען, לויפען... אבער לויפען האט ער געוואוסט טאר ער ניט. אנטלויפען וועט ער סיי ווי סיי ניט קענען. דער שרעק וועט זיך גלייך נאך אים א לאז טאן. און וועט ער לויפען שנעלער, וועט אויך דער שרעק זיך א לאז טאן שנעלער...

די טיר פון דעם זייטיגען צימער האט זיך שטיל געעפענט. אויפ'ן שוועל האט זיך באוויזען לאה אין צוקנייטשטע קליידער און אליין איינגאנצען א צוקנייטשטע האט זי א ווילע געקוקט אין אן אונבאשטימטער ריכטונג, ערגעץ אריבער דעם טויטען מאן, ארי־בער די ליכט, און נאכדעם מיט אמאל פארבראכען די הענט און געלאזען זיך גיין אזוי מיט פארבראכענע הענט צום טויטען, כמעט ניט זעענדיג ברוך'ן. נאכדעם האט זי אפגעדעקט דעם מאנס פנים, איז לאנג געשטאנען אויף די קני איבער אים, געוויינט און גע־טענה'ט:

— אויף וועמען האסטו מיך איבערגעלאזען?... אויף וועמען האסטו איבערגעלאזען דיינע פיצעלעך קינדער?...

ברוך איז געשטאנען אַ אַ זייט און האָט געקוקט אויף דער אלמנה. עס איז אים מאָדנע גוט געווען פון דעם וואָס לאה איז אַריין אין צימער. און דאָס וואָס זי איז געשטאַנען אַזוי נאָענט צום טויטען און גאָר ניט מורא געהאַט, האָט אינגאַנצען פאַרטריבען דעם שרעק פון צימער. ער איז צוגעגאַנגען צו לאה'ן, אַרויפגעלייגט זיין גרויסע האַנט אויף איר פּלייצע און געזאָגט:

— לאה, וויין ניט... ס'וועט אַלץ גוט זיין... וויין ניט... איך וועל דיך ניט לאָזען פאַלען... פאַרשטייסט: איך, ברוך, וועל זיין מיט דיר, זיין אַ טאַטע דיינע קינדער...

לאה האָט געפילט זיין ציטערנדיגע האַנט אויף איר פּלייצע און פאַר'חלש'ט צוגעפאַלען צו ברוך'ס פיס, אַרומגענומען זיי און געוויינט, געוויינט, אַן איבערפילטע מיט דאַנקבאַרקייט און צער. נאָכדעם איז זי אויפגעשטאַנען, האָט אָפּגעווישט דעם פאַרטרערטען פּנים, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און קוקענדיג גלייך אין ברוך'ס אויגען, מיט אַ פעסטער שטימע געזאָגט:

— ברוך, ווי נאָט איז דיר טייער — זאָג דעם אמת, נאָר ניט אַ ביטערע אלמנה... דיין ברודער, משה, איז אַן עדות — זאָג דעם אמת, ברוך...

ברוך האָט געוואָרפען אַ קרומען בליק אויף דעם מת, וואָס איז געלעגען מיט אַן אָפּגעדעקטען פּנים, ווידער דערפילט אַ שרעק אין האַרצען, און האָט געשוויגען. און לאה האָט נאָך אַלץ געקוקט אים אין די אויגען און האָט גע'טענה'ט:

— ברוך, דו וועסט ניט אָפּנאַרען אַן אלמנה, דיין ברודער'ס ווייב, מיט די צוויי פּיצלעך קינדער, ברוך...

— איך וועל ניט אָפּנאַרען, אָט וואַרט ביז נאָך שלשים, וועסטו זען, איך וועל ניט אָפּנאַרען...

און לאה האָט שוין געוואוסט, אַז ברוך וועט ניט אָפּנאַרען אַז ברוך וועט זיין אַ גוטער טאַטע צו אירע קינדער, און אַ געטרייער מאַן. און אַז עס וועט אַלץ זיין גוט... זי האָט שוין מער ניט גע־וויינט, און איז מיט זיכערע טריט אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער, צונעקליבען אַלץ וואָס עס האָט זיך געוואַלגערט אין אומאָרדענונג. און דער טויטער איז געלעגען אַזוי ווי מען האָט אים אַוועקגעלייגט, און איז געווען אַ שטומער עדות פון אַ נייעם לעבען, וואָס איז אויף

די חורבות פון זיין לעבען אויפגעשטעלט, און א שטומער געוואַרט ביז מענשען וועלען קומען און אוועקנעמען אים אין זיין לעצטער רו...

אויף מאָרגען האבען שוין אַלע אין הויז געוואוסט, אז נאך שלשים וועט ברוך חתונה האבען מיט לאה'ן — און אלע זיינען גע־וועזן צופרידען...

מאָדנע מענשען

.1

נאָלדינס לעבען איז געגאַנגען לאַנגזאַם. טעג נאָך טעג האָבען זיך געצויגען אין אַ גרויער, אומעטיגער און לאַנגווייליגער רייע. ער האָט ניט געהאַט ניט קיין פריינד און ניט קיין נאָענטע, און דער־פאַר איז עפּעס אַליין פון זיך אָפּגעשטאָרבען אין האַרצען דער אייביגער פאַרלאַנג, די אייביגע בענקשאַפט פון אַ מענשען, וואָס הערט ניט אויף באַוואוסטזיניג צו אומבאַוואוסטזיניג צו זוכען אימיצען, וואָס זאָל זיין נאָענט און טייער. אַ הינקענדיקער אויף איין פוס — וואָס איז ביי אים געווען אַן אַנגעבוירענער פעה־לער, אַ מיאוס'ער, מיט צו גרויסע אומגעלומפּערטע געזיכטסציגען. אַ קליינער און אַ דאַרער, האָט ער ניט געהאַט אפילו קיין ביסעל פון יענער נאַטירליכער שיינקייט, מיט וועלכע אַזוי פיל מיאוס'ע מענער האָבען ערפאָלג ביי פרויען — און האָט אויפגעהערט צו טרוימען דעם אייביגען טרוים פון יוגענד און ליבע.

בייטאָג האָט ער געאַרבייט. טאָג איין טאָג אויס געטאָן די־זעלביגע אַרבייט, און קומענדיג אַהיים, אין זיין קליינעם צימער, האָט ער זיינע לאַנגע אָווענטען פאַרבראַכט אויף ביכער, אַזוי, אַז די ביכער וואָס זיינען באַצוועקט צו דערנעענטערען איין מענשען צו דעם צווייטען, האָבען מיט דער צייט אַליין פאַרנומען דעם מענשען'ס פּלאַץ, און זיינען געוואָרען אַ צווייטע נשמה פאַר אים. און אָט די נשמה, וואָס איז געווען טויט, האָט געטרייסט, געגע־בען מוט און געשאַפען אַמאָל אַ גלויבען אין האַרצען...

די פאַמיליע, ביי וועמען ער האָט אָפּגעדונגען זיין צימער, איז באַשטאַנען פון אַן אַלטער פּאָר פאָלק און זייער טאָכטער, אַן אַכט־און־צוואַנציג יאָריגע מיידעל — אַ האָרבאָטע.

נאלדין פלעגט זעלטען אריינגיין אין זייערע צימערען. דערפאר האבען זיי זיך געהאלטען ווייט פון איס. זייערע באציאונגען זיינען ניט נעענטער געווארען אפילו שפעטער, ווען ער האט אפגעוואוינט ביי זיי א לענגערע צייט.

נאר די הארבאטע פלעגט פון צייט צו צייט קומען צו אים נעמען ביכער צום לייענען. זי פלעגט שטיל אנקלאפען אין טיר, און ניט אריינגייענדיג, נאך שטייענדיג אויף דער שוועל, אין דער האלב געעפענטער טיר,בעטען דעם בוך, און באלד אוועקגיין אבי־סעל אן אויפגערעגטע און א דערשראקענע...

איין מאל, ווען זי האט ביי נאלדינען געבעטען א בוך צום לייענען, האט ער עפעס נאר כמעט ווי אומערווארטעט פאר זיך אליין, געבעטען זי אריינקומען און זיצען ביי אים א ווייל.ע. זי איז רויט געווארען און האט זיך אזוי פארלארען, אז עס איז גע־ווען א רחמנות צו קוקען אויף איר. אבער באלד האט זיך א מאד־נער קנייטש געלייגט אין די ווינקלען פון אירע ליפען, די פארלווי־רענקייט איז פארשוואונדען און זי איז געווארען אינגאנצען אזא געהיימע און פארשלאסענע אין זיך. פון איר קליינעם און הילפלאזען קערפער איז מיט אמאל פערשוואונדען דאס קאמישע, אט דאס, וואס רופט ביי אלעמען ארויס פון אייביג אן רחמנות און עקעל צו די הארבאטע. זי איז געווען טראגיש, אומפארשטענדליך און אזוי מאדנע פרעמד. נאכדעם האט זי אויספרואווענדיג א קוק געטאן אויף אים, און אפשר דערפאר וואס זי האט ניט געפונען אין זיינע אויגען קיין פארדעכטיגען אויסדרוק, איז זי אומאנטשלאסען מיט שטילע טריט צוגעגאנגען צום נאענטסטען שטול און האט זיך אוועקגעזעצט. זיי ביידע האבען ניט געהאט פון וואס צו רעדען. און דאס וואס זיי האבען ארויסגערעדט האט געקלונגען מאדנע, באנאל. זיי האבען ביידע דאס געפילט און האבען זיך אינערליך געשראקען.

זי האט א ווייל.ע געשוויגען, געקוקט אן א זייט, און איר פאר־הויקערטע ברוסט האט זיך געהויבען און געפאלען פון אויפרעגונג... נאלדין האט איר עפעס געוואלט זאגען, זאגען עפעס גוטעס, זאגען אזוי, אז עס זאל גאר קיין צווייפעל ניט זיין אין דער אויפריכטיג־קייט פון זיינע ווערטער.

ער האָט געזאָגט:

— עס איז עפּעס מאָדנע. אָט בין איך שוין דאָ ביי אייך אַ יאָר צייט — און מיר קאָנען נאָך איינער דעם צווייטען ניט... פאַרוואָס איז עס אַזוי? פאַרוואָס זאָלען מענשען, וואָס וואוינען אונטער איין דאַך זיין אַזוי פרעמד?...

— אַז איר זיינט שטענדיג פאַרשפּאַרט... — האָט זי אַביסעל מיט אַ פאַרוואורף געזאָגט, און האָט אַראָפּגעלאָזען די אויגען.

גאָלדין האָט זיך צוגעקוקט צו איר. אים האָט זיך געדוכט — ער זעט זי צום ערשטען מאָל. אומגעוועהנליך האָבען פאַר אים אויסגעזען אירע לאַנגע, דאַרע, אַביסעל ציטערענדיגע פינגער, איר ביינערדיגער און קורצער האַלז און אירע קליינע מייזישע אויגען... אויפ׳ן שטול האָט זי אויסגעזען נאָך קלענער און אומבאַהאָלפענער. פון אויפרעגונג האָבען זיך אירע באַקען באַדעקט מיט אַ קרענקליכער רויטקייט. ער האָט פּלוצלונג דערפילט צו איר אַ רחמנות. ניט קיין מיטגעפיל, נאָר אַ רחמנות, וואָס מישט זיך שטענדיג אין האַרצען מיט אַ פאַרבאָרגענעם עקעל...

— יע, איר זיינט גערעכט: איך בין שטענדיג פאַרשפּאַרט... דאָס איז דערפאַר, וואָס איך ווייס, אַז קיינער וועט צו מיר ניט קומען... אַבער היינט זיינט איר מיין גאַסט... איך בין זייער צופריי־דען וואָס איר זיינט מיין גאַסט...

ער האָט גערעדט שנעל, און האָט זיך אַביסעל נעפּלאָנטערט. זי האָט געשוויגען. נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— אייערע ביכער זיינען פאַרשטויבט.

— יע. מיינע ביכער זיינען פאַרשטויבט און צוואָרפען. אַלץ איז אין אומאָרדענונג... דאָס איז, ווייל איך ווייס אַז קיינער וועט צו מיר ניט קומען... איך בין שוין אָט אַזוי איינגעוואוינט...

זי האָט שטיל אַ זיפץ געטאָן: און דער זיפץ האָט ווי מיט אַ קויל פאַרוואונדעט גאָלדינ׳ס האַרץ. זיי האָבען ווידער אַ וויילע געשוויגען. זי האָט זיך אויפגעהויבען און שטיל געזאָגט:

— נו, איך וועל גיין.

און נאָך דעם ווי זי האָט זיך אויפגעהובען און ווי זי איז אַרויסגעגאַנגען האָט ער פאַרשטאַנען וויפיל אָנשטרענגונג זי האָט באַדאַרפט אָנווענדען צו פאַרבלייבען מיט אים אין צימער אויף

עטליכע מינוטען. זי איז עפּעס ווי ניט אַרויסגעגאַנגען, נאָר אַרויסגערוקט זיך, ווי אויסמיידענדיג אַ געפאַר.

2.

אויפ'ן צווייטען טאָג, קומענדיג פון דער אַרבייט, האָט גאָלדין געפונען זיין צימער אויפגערוימט, און די ביכער און די זאַכען צולייגט אין אַזאַ אָרדנונג, ווי דאָס וואָלט געטאָן געוואָרען פון אַ גוטער, איבערגעגעבענער באַלעבאָסטע, וואָס וואָלט געוועזן פאַראינטערעסירט, אַז זיין לעבען זאָל זיין באַקוועם און ריין... ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט די אַרבאַטע אַראָפּגעווישט דעם שטויב פון די ביכער, צולייגט און צושטעלט יעדע קלייניגקייט. ער איז געוועזען גערירט... נאָכדעם פלעגט ער שוין שטענדיג געפינען דעם צימער צוגעקליבען. דאָס בילד פון דער אַרבאַטער פלעגט עפּעס מאָדנע אַרויסקוקען פון אַלעם, און עס איז געוועזען אַזוי, ווי צו דער ביסעל אַרעמקייט וואָס האָט זיך געפונען אין זיין צימער וואָלט צוגעקומען עפּעס נייעס. ער האָט שטענדיג געפילט אין צימער די געגענוואַרט פון דער אַרבאַטער, וואָס איז דאָ געוועזען אין זיין אַפּוועזענהייט און האָט מיט אירע לאַנגע, דאַרע און אַביסעל ציטערענדיגע פינגער אָנגערירט אַלץ, וואָס ער באַרירט... זי האָט איבערגעלאָזען דעם שטעמפּעל פון איר פּערזענליכקייט אויף אַלץ, וואָס האָט אים אַרומגערינגעלט. און גאָלדין איז שוין ניט געוועזען אַליין אין צימער: זי איז דאָ אויך געוועזען...

דאָס איז נאָך געוועזען זאַגאַר מער, ווי דער אַרבאַטערס אָנוועזענהייט. ער האָט געפילט און שפּעטער איבערצייגט זיך, אַז זי איז עפּעס ווי געוואָרען די נשמה פון די זאַכען, פון אַלץ, וואָס עס האָט זיך געפונען אין צימער... און אַט איבער דער נייער נשמה פון די זאַכען האָט זיך גאָלדין געגומען פילען אומבאַקוועם, אומהיימליך אין זיין צימער... ער האָט געפילט, אַז צולייגענדיג די זאַכען, פאַרבעטענדיג דאָס בעטעל ניט אַזוי, ווי ער אַליין טוט עס, און צושטעלענדיג די אַלע קלייניגקייטען אַט אַזוי און ניט אַנדערש — האָט זי אין איר אַרבייט אַריינגעלייגט אַ טייל פון איר נשמה... נאָך

מער: אים האט זיך געדוכט, אז טוענדיג דאס האט זי געהאט איין אבזיכט — צו דערמאנען פון זיך, צו נויגען אים אין איר זייט, מאכען אים דאנקבאר... און אז ער האט דאס אזוי באגריפען האט ער גלייך אין זיך דערפילט א שנאה צו דער הארבאטער.

איין מאל האט גאלדין איבערגעבלעטערט איינעם פון זיינע ביכער. צווישען די בלעטער האט ער געפונען א האלב פארטריקענטע רויז. ער האט זיך צוגעקוקט צום בוך, דאס איז געווען דער־זעלביגער בוך, וואס די הארבאטע האט ביי אים גענומען ביי איר לעצטען באזוך. ער האט גענומען אין האנט דאס בלימעל, וואס איז געווען פארוועלקט און צוגעפרעסט פלאך, געקוקט אויף דעם אביסעל א גערירטער און א דערשראקענער... דאס איז פאר אים געווען ניי, און האט דערמאנט פון עפעס געהיימעס און פארבאטע־נעס, און אביסעל אויך גערעגט... ער איז ארומגעגאנגען איבער זיין צימער, געווינט זיך אויף זיין קרומער פוס און ניט געקענט זיך בארואיגען...

יענעם אווענט האט די הארבאטע ווידער אנגעקלאפט אין טיר, ווי שטענדיג, אוועקגעשטעלט זיך אין טיר, ניט אריינגייענדיג, אזוי ווי זי וואלט איצט דעם ערשטען מאל פרובירט אריבערטרעטען די שוועל פון צימער, אזוי ווי זי וואלט ערשט מיט עטליכע שעה צוריק ניט געווען די פולשטענדיגע באלעבאסטע פונ'ם צימער, און וואלט ניט באהערשט דארט אלעס, און ניט אונטערוואָרפען איר אייגענעם ווילען... שטיל און דערשראקען האט זי א בעט געטאן עפעס צום לייענען... און מערקווירדיג איז געווען דאס, וואס ניט קוקענדיג אויף גאלדינ'ס פארזוך צו באגעגענען זי ווי א גוטע באקאנטע, האט זי עפעס ווי ניט באמערקט דעם פריינדליכען טאן, מיט וועלכען ער האט זי באגריסט, און איז געשטאנען אין דער זעלביגער פאזע, אין דער האלב־געעפענטער טיר ווי מיט א יאר צוריק, ווען זי האט נאך צום ערשטען מאל ביי אים געבעטען א ביכעל צום לייענען, געזאגט אפשר די זעלביגע ווערטער, און געווען זאגאר אביסעל פארשעמט און דערשראקען ווי דאן... אין הארצען האט ער נאך אמאל דערפילט די פארבארגענע שנאה צו איר, אין וועלכער ער האט מורא געהאט פאר זיך אליין מודה זיין זיך. דאך האט ער געזאגט:

— קומט אריין... איך האב אייך טאקע געוואָלט זען... איר טוט פאר מיר אזוי פיל... אזוי פיל... ווי זאָל איך אייך אפדאנקען? אַט בין איך געקומען פון דער ארבייט, און געפונען מיין צימער אין אזא אנגענעמער אָרדנונג... און אזוי אלע טאג...

אירע אויגן האבן מיט אמאָל פארלארען זייער נאטירליכען אויסדרוק און פארדעקט זיך ווי מיט א נעבעל, דורך וועלכען מען האט שוין ניט געקענט זען וואס עס טוט זיך ביי איר אויף דער נשמה — און פון דעם איז זי געווארען נאך פרעמדער, נאך אומ־פארשטענדליכער. ער האט פארגעזעצט:

— עס איז עפעס מאדנע: ביז איצט פלעגט אויך אימיצער פון צייט צו צייט אויפראמען מיין צימער. איך ווייס ניט ווער — איר אדער אייער מוטער... איצט בין איך אבער זיכער, אז דאס קומט איר צו מיר אריין יעדען פרימארגען... אבער צו וואס באַ־דארפט איר זיך אזוי באמיען צוליב מיר?

זי האט געזאגט:

— איך טו עס ניט צוליב אייך. צוליב זיך טו איך עס... איך האב ליב, אז עס איז ריין, און אלץ איז אין ארדנונג. איך האב ליב, אז עס איז ריין...

— דאס איז זיכער זייער שיין פון אייך...

זי איז געווארען דרייסטער.

— איך האב נאר ניט וואס צו טאן. די גאנצע טעג גיי איך ארום און טראכט: וואס זאָל איך טאן?... גיי איך אריין צו אייך אין צימער און נעפין אלץ צוואווארפען און פארשטויבט — נעם איך און ראם אויף... איר ארבייט דאך א גאנצען טאג שווער, ווייל איך, אז ווען איר קומט אהיים זאָל אייך זיין באקוועם... מיר איז דאס ניט שווער צו טאן... גאר ניט שווער, זאגאר אנגענעם...

— אבער... איך פארשווענדעט אזוי פיל צייט און ארבייט... און נאך: עס איז אזוי אומגעוויינליך דאס, וואס איר זיינט דא ביי מיר אין צימער יעדען טאג... עס קומט עפעס אוים — איר פאר־שטייט: עס האט זיך מיר די לעצטע צייט געגומען דוכטען — איך בין ניט אליין... איר פארשטייט, וואס דאס איז? אז איך בין אליין אין צימער, קומט מיר א געדאנק אמאָל אין קאפ, גיין, ניט קיין געדאנק, נאר פשוט — איך דערפיל מיט אלע מיינע חושים.

אז איך בין נים אליין... איר פארשטייט: נים אליין דערפאר, וואס איר זיינט דא געווען אין מיין אבוועזענהייט, און איר זיינט נאך נים אין גאנצען ארויס פון צימער, ווייל איר האט דא איבערגע־לאזען עפעס... אזוי ווי איר אליין וואלט דא פארבליבען...
גאלדין האט זיך באמים מים אלע כוחות קלערער מאכען דעם געדאנק, וועלכען ער האט איר געוואלט איבערגעבען. זי האט אים פלוצלונג אונטערבראכען:
— איר ווייסט? — איר זיינט א מאדנער...
גאלדין האט צוגעשטימט:
— יע, איך בין א מאדנער...
— אז איר זיינט אזוי איינזאם, טא פארוואס קרינט איר נים קיין פריינד? צו אייך קומט קיינער נים ארייז, אחוץ מיר. קיינער נים... און איר אליין גייט ערגעץ נים... פארוואס קרינט איר נים קיין פריינד?
— אט אזוי קריג איך עפעס נים קיין פריינד... עס איז שווער צו קריגען א פריינד, א גוטען פריינד...
זי האט געשוויגען.ביידע האבען פארשטאנען איינער דעם צווייטען און מער נים געהאט פון וואס צו ריידען. נאכדעם האט זי געזאגט:
— איך בין אויך אזא ווי איר, אויך א מאדנע... ניטא ביי מיר קיין פריינד. און צו מיר קומען אויך אמאל אזוינע מאדנע געדאנ־קען... איך בין אויך אזא, ווי איר.
זי האט דאס געזאגט אזוי אויפריכטיג און מיט אזא טאן, אז גאלדין האט צום ערשטען מאל דערפילט א ווארימקייט צו איר. עס איז אים דאורכגעפלויגען א געדאנק: אט וועט ווי אויך מארגען קו־מען צו אים אין צימער און באגיין זיך מיט זיינע זאכען, ווי מיט איינענע. ער האט זי אננענומען ביי דער האנט. איר האנט האט א קאלטען ציטער געטאן. ער האט געזאגט:
— יע, מיר זיינען ביידע מאדנע מענשען...
זי האט איר האנט נים ארויסגענומען פון זיינער. זי האט געוואלט עפעס זאגען און האט נים געקענט. אירע ליפען האבען גענומען ציטערען און שוין נים קענענדיג איינהאלטען זיך, האט זי אויסגעבראכען אין א געוויין. איר קליינער אומבאהילפינער

קערפּער האָט זיך געוואָרפן אויף דער שטול, אויף וועלכע גאָלדין האָט זי אַוועקגעזעצט. גאָלדין האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. די האַרבאַטע האָט דורך טרערן געזאָגט:

— איך קען דאָך ניט זיין קיין פרעמדער צו מיר... איך קען דאָך ניט...

ער האָט פון אָנהויב ניט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט מיט אירע ווערטער. זי האָט ווידער געזאָגט:

איך קען ניט זיין קיין פרעמדער מיר... איך קען ניט!

אַ שטרענגע נאַטקע האָט מיט אַמאָל אַ קלונג געטאָן אין איר שטימע. ער האָט זי פאַרשטאַנען. נאָך מער: אַ גליקליכער שמייכל האָט זיך צונאָסען אויף זיין פּנים. ער האָט אָנגענומען איר האַנט און האָט זי צוגעטראָגן צו זיינע ליפּען..

איין רגע האָבן זיי געשוויגן. גאָלדין האָט געזאָגט:

— מיר זיינען מאָדנע... מאָדנע זיינען מיר.

זי האָט אויך מיט אַ גליקליכען שמייכל געזאָגט:

— יע. מיר זיינע מאָדנע מענשען.

די באַנגעניש

העלער איז געזעסען און געטראַכט: — וואוהין זאָל ער גיין? עס איז נאָך געווען פרי, און ער האָט באַשלאָסען דעם אָוונט ניט צו זען זײַנע באַקאַנטע, און פאַרבלייבען מיט זיך אַליין. אַן אומבאַקאַנטער געפיל האָט אים געצויגען צום פּאַרק, וואו ער וועט זיך זעצען אויף אַ באַנק, אין אַ פינסטערער אַלעע און שאַפען אין זיך נייע שטימונגען, נאָך וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט.

אין פּאַרק איז געווען שטיל, נאָר די ביימער האָבען זיך גע־היימניספול גע׳סוד׳עט פון דעם לייכטען עטוואָס פילבאַרען ווינ־טעלע וואָס האָט זיי באַוועגט. פאַרבייגייענדיג, האָט ער באַמערקט אויף אַ באַנק, אַן אומבעקאַנטע פרויען פיגור, וועלכע האָט זיך באַלד אויפגעהויבען צו אים. העללער האָט זיך פאַרוואונדערט.

— אַנטשולדיגט — האָט זי געזאָגט, — אפשר וועט דאָס אייך וואונדערען, וואָס איך וועל אייך בעטען. אָבער... קענט איר מיר ניט באָרגען ביז מאָרגען אַביסעל קליינגעלד — אַ דאָלאַר אָדער צוויי...

ער האָט זיך אין איר איינגעקוקט. פאַר אים איז געשטאַנען אַ יונגע מיידעל, נאָך כמעט גאָר אַ קינד, און די גאַנצע פיגור אירע האָט אין דער האַלב פינסטערניש פון אָוונט אויסגעדריקט דערשלאָגענקייט. עס איז געווען לייכט צו דערקאָנען אַז איר האָט ווירקליך געקרייינקט, וואָס זי איז געשטאַנען געגען אים מיט אַזאַ ביטע. ער האָט אַן ווערטער איר געגעבען דאָס געלט. אירע קאַלטע פינגער האָבען לייכט אַנגערירט זיין האַנט — און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיי האָבען געציטערט. זי איז געוועזן געריהרט.

— איך דאַנק אייך... זאָגט מיר אייער אַדרעס: איך וועל אייך זיכער מאָרגען אָפּגעבען.

העללער האט מעכאניש ארויסגענומען פון קעשענע א וויזיט קארט און האט דאס איר דערלאנגט. און זי איז אוועק מיט שנעלע טריט. ער איז געשטאנען אויפ'ן פלאץ ביז זי איז אינגאנצען פארשוואונדען פון זיין בליק. דאס אלץ האט פאסירט אזוי שנעל, אזוי ווי עס וואלט געווען א חלום, און אזוי ווי א חלום איז עס פארשוואונדען. העללער האט שוין אין פארק מער ניט געקענט פארבלייבען, ער איז געקומען צו זיך אין צימער, זיך געלייגט אויף דער סאפא מיט'ן פנים צום באלקען און געטראכט; געטראכט פון איר, וועלכע האט זיך אזוי פלוצלונג באוויזען אויף זיין האריזאנט און איז אזוי פלוצלונג פארשוואונדען. און ווער ווייסט, אפשר וועט ער זי שוין קיינמאל מער ניט זען, און דאך טיף אין הארצען האט זיך געצאפעלט א פייער'ל פון האפנונג: זי וועט קומען...

דעם צווייטען אווענט איז ער געזעסען און געטראכט פון דעם, אז זי וועט קומען — און וואס מער ער האט געטראכט, אלץ וויינינער האט ער געגלויבט, אז ער וועט זי ווען עס איז ווידער זען. יעדער קלאפ, יעדער שארך הינטער'ן טיר פלעגט טיף פארוואונדען זיין הארץ.

און זי איזווירקליך געקומען. זי האט שטיל אנגעקלאפט אין טיר — און נאכ'ן קלאפען האט ער פארשטאנען אז דאס איז זי... ארייננקומענדיג האט זי געמאכט צוויי טריט און האט זיך אפגעשטעלט. זי האט געזאגט:

— איך בין געקומען זאגען, אז איך האב ניט קיין געלט אייך דעם חוב אוועקצוגעבען... אבער איך וועל אייך זיבער אוועקגעבען. פון דעם ערשטען געלט וועל איך אייך אוועקגעבען...

און זי איז געשטאנען פאר העללער'ן א בלייכע, אביסעל א דערשראקענע, מיט א שולדיגען אויסדרוק אויף איר געזיכט — און העללער האט באמערקט ווי איר יונגע, כמעט קינדערשע ברוסט, האט זיך פיבערהאפט געהויבען און אראפגעלאזען פון אויפרעגונג.

העלער האט זי פרובירט באראיגען, און אביסעל שעמעוודיג געבעטען זי זיצען. זי האט זיך צוגעזעצט אויפ'ן ברעג שטול, וואס ער האט איר דערלאנגט, און האט א ווײלע געשוויגען. פלוצלונג האט זי זיך אויפגעהויבען און מיט א שטראלענדיג געזיכט

צוגעלאָפֿן צו דער וואַנט, וואו עס זיינען געהאנגען די רעפּראָדוק־
ציעס פֿון פֿאַרשיידענע קונסט־בילדער.

— אַך, ווי דאָס איז שיין. — האָט זי אויסגעשריען מיט
אַ קינדערשער התפּעלות, באַוואונדערענדיג יעדע בילד באַזונדער.
— וויפֿיעל שיינע זאַכען איר פֿאַרמאָגט!

און באַלד איז זי ווידער ערנסט געוואָרען, אַזוי ווי זי וואָלט
זיך אַן עפּעס דערמאָנט, און האָט שטיל געזאָגט:

— נו, איך וועל גיין... איך פֿאַרזיכער אייך, פֿון דעם ערשטען
געלט וועל איך אייך אָוועקגעבען..

זי האָט געעפֿענט די טיר. העללער האָט זיך ניט געקענט
באַהערשען, ער האָט געזאָגט:

— עס איז עפּעס מאָדנע: איך זע אייך דעם צווייטען מאָל,
איר זיינט איצט ביי מיר אין צימער — און איך ווייס ניט ווער איר
זיינט.. איך ווייס זאָגאַר ניט אייער נאָמען.

זי האָט זיך פֿאַרלאָרען.

— ניין, ניין, — האָט זי געזאָגט: דאָס קען איך אייך ניט
זאָגען.. און צו וואָס באַדאַרפֿט איר עס וויסען? איך וועל אייך
צוטראָגען די געלט, עס קען זיין, אַז מאָרגען וועל איך אייך צו־
טראָגען...

— איך בעט אייך, רעדט ניט פֿון דעם געלט, — האָט זיך
העללער ביי איר געבעטען: — עס איז דאָך אַזוי ניט וויכטיג...

זי האָט אַ זאָג געטאָן: „גוד־באַי" און איז אַרויס פֿון צימער.

זי איז אַרויסגעגאַנגען — און העללער'ן האָט זיך געדוכט,
אַז אין צימער איז עפּעס ווי פֿאַרבליבען איר געשטאַלט. ער האָט
דעם גאַנצען אָוונט געפֿילט איר געגענוואַרט — און וואָס ער
האָט געטאָן יענעם אָוונט, האָט ער עס געטאָן אַזוי ווי זי וואָלט
אין דער אמת'ן געווען דערביי. און ניט נאָר יענעם אָוונט,
נאָר אויך ג'לע שפּעטערדיגע טעג און נעכט, ער האָט זי אויף
אַ רגע ניט געקענט אַרויסלאָזען פֿון זיין זכרון. ער האָט גע־
בענקט נאָך איר, געליטען פֿון דעם וואָס ער ווייס ניט וואו
זי איז, און עס האָט אים ווי געטאָן דער געדאַנק, אַז ער וועט
זי אפֿשר קיינמאָל ניט זען. ער האָט צוגעקויפֿט אַ גאַנצע קאָלעק־
ציע פֿון בילדער, צוהאַנגען זיי אויף די ווענט, באַפּוצט מיט זיי

דעם טיש, אנגעפילט מיט זיי יעדען ליידיגען ווינקעל און שטענדיג געהאלטען דעם צימער אין א צושטאנד פון דערוואַרטונג, גרייט אויפצונעמען זיין גאסט.

עס זיינען פאריבער צוויי וואכען און זי איז ווידער געקומען. ווידער שטיל אנגעקלאפט אין טיר, און שטיל ווי א שאטען אריינגעגאנגען, מיט דעם זעלביגען קינדיש-שולדיגען אויסדרוק אויפ'ן בלייכען געזיכט.

— איך האב אייך געבראכט דאס געלט — האט זי געזאגט, און האט זיך פארשעמט..

דערזעענדיג די בילדער, האט זי זיי מיט אנטציקונג איבערגעקוקט און אלע מאל אויסגעשריען:

— נאט, ווי דאס איז שיין!... איך זאג אייך, איר האט א וואונדערליכען געשמאק!

— די בילדער ווארטען אויף אייך צוויי וואכען.. האט העללער פארזיכטיג געזאגט.

רויט ווערענדיג, האט זי געמורמעלט:

— איך דאנק אייך... א! איך דאנק אייך. איך וויים, איר זיינט ניט אזא ווי אלע, איר זיינט גאר אן אנדערער...

זי האט זיך אויף א ווײלע פארטראכט, און איר פנים האט אויסגעדריקט אזוי פיל טרויער, אז העללער האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט מיט מיטלייד געפרעגט:

— ווארום זיינט איר אזוי טרויעריג?

— איך בין טרויעריג? — האט זי זיך פארוואונדערט,—ניין, איך בין גאר ניט טרויעריג, עס איז אזוי.. מיר טוט לייד, וואס איך קען ניט לעבען. אט איר קענט... אמת, אז לעבען דארף מען קענען?

— יע, יע, — לעבען דארף מען קענען... האט העללער אז אנטציקטער געענטפערט — און אין זיין הארצען איז געוואקסען דער גרעניצלאזער פארלאנג אננעמען זי ביים האנט און רעדען מיט איר פון ליבע, און דערציילען איר ווי ער האט צוויי וואכען נאכאנאנד געבייגקט נאך איר, און געלעבט מיט איר אין זיין זכרון. און זאגען איר ווי גליקליך ער איז איצט.. ער האט געוואלט עפעס טאן פאר איר, און אים איז איינגעפאלען צו שענקען איר עטליכע פון די בילדער. ווען ער האט דאס איר געזאגט, איז זי רויט

געוואָרען, האָט זיך אינגאַנצען פאַרלאָרען און האָט פון פרייד גאָר קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסריידען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געזאָגט:

— איך וועל באַפּוצען מיין צימער מיט אייערע בילדער — און ווען איך וועל אויף זיי קוקען, וועל איך פון אייך דיינקען...

און העלער האָט באַמערקט ווי זי האָט זיך אַליין דערשראָקען פאַר אירע רייד.

ווען זי האָט זיך אויפגעהויבען אַוועקצוגייען האָט ער געזאָגט:

— איך וועל אייך באַגלייטען, — איר וועט דאָך ניט זיין דאַנגען?...

זי האָט זיך אין גאַנצען פאַרלאָרען.

— ניין, ניין. איך בעט אייך, באַגלייט מיך ניט.. עס איז נאָך אַזוי פרי — און איך האָב דאָך גאָר קיין מורא ניט צו גיין אַליין. איך וועל אָט דאָ באַלד נעמען די קאָר... — און זי איז אַרויסגעגאַנגען, איידער העלער האָט צייט געהאַט עפּעס צו זאָגען.

אַזוי איז זי פאַרשוואונדען, אָבער העלער האָט ניט אויפגעהערט צו טראָגען אין זיין האַרצען איר בילד, און ניט אויפגעהערט צו האָפען, אַז זי וועט ווידער קומען, וועט שטיל אַנקלאַפּען אין טיר, ווי דאַן, אַ ליבע, אַ טייערע... און צייטענווייז פלעגט ער קראַנק ווערען פאַר בענקשאַפט און פאַרדרוס... וואָלט זי כאָטש אַ צייכען איבערלאָזען, אַ בילד' אָדער איר נאָמען, וואָלט ער געקענט איינזינקען מיט זיין גאַנצען וועזען אין דעם טייערען בילד און פון אים שעפּען באַפרידיגונג, אָדער אויסרופען איר נאָמען טויזענ־טער מאָל, שאָפען פון אים דעם שענסטען נשמה קלאַנג — און אַזוי לעבען אין אַ וועלט פון זיסע טרוימען...

עס איז פאַריבער אַ האַלב יאָר, עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטער. העללער איז אַ פאַרפראָרענער אַרומגעגאַנגען אַ גאַנ־צען טאָג איבער די גאַסען, אַן איינזאַמער און אַן איבעריגער. פאַרבייגייענדיג, האָט צוגעצויגען זיין אויפמערקזאַמקייט אַ בילי־גער קאַפע־שאַנטאַן. ער איז אַריין. דאָס ערשטע וואָס ער האָט דערזען, איז געווען אַ קליינע פלאַטפאָרם, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען אַ האַלב נאַקעטע מיידעל, כמעט אַ קינד, און האָט זיך מיט איר יונגען קערפּער וואולגאַר געבויגען אויף רעכטס און לינקס

צו דעם אפּלאָדירענדיגען פּובליקום. העללער האָט זיך איינגעקוקט, אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז ערגעץ, ער געדענקט ניט וואו, האָט ער זי באַגעגענט. אבער באַלד האָט ער אין דעם פאַרגעסען, ווייל דאָס פּובליקום האָט מיט די אַפּלאָדיסמעטען זי אַרויסגערופען צום טאַנץ. און זי האָט געטאַנצט און געזונגען פּיקאַנטע קופּלעטען, און יעדען קופּלעט האָט זי באַפּוצט מיט אויפרעגענדיגע באַוועגונגען פון איר בויגיגען רוקען און פון די אויבערשטע טיילען פון די פיס, און אַלע פאָרמען און אַלע אויסדרוקען פון ליידענשאַפט, וואָס א מענש־חיה האָט וועו באַשאַפען האָבען אויסגעדריקט אירע פרעכע באַוועגונגען. העללערן האָט ווי נעטאָן דאָס האַרץ פאַר׳ן גרויסען אומרעכט וואָס דאָ איז באַגאַנגען געוואָרען... שרעקליך איז געווען ניט דאָס וואָס תאוה איז דעמאָנסטרירט געווען אויף אַזא ווילדען אופן, און שרעקליך איז געווען ניט דאָס, וואָס דאָס פּובליקום האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין א מחנה ווילדע ברואים, וואָס האָבען דעם פאַרשטאַנד פאַרלאָרען אין זייער אייגענעם רעווען פון ניט פאַלקאָמענער באַפרידיגונג. — שרעקליך איז געווען וואָס א קינד, א ריין און אומשולדיג אין דעם אויסדרוק פון אירע אויגען, אין דעם אויסדרוק פון איר גאַנצען ערשט צובליטען קערפּער האָט דאָס געטאָן.

און שרעקליך איז געווען, וואָס די אומשולד, וואָס נעמט אַן אין דעם בליאונג פון א קינד אַזעלכע בולט׳ע פאָרמען — איז אויף זיינע אויגען אַזוי גראָב, אַזוי אוממענשליך גראָב געשענדעט געוואָרען. און העללער׳ן איז געוואָרען שווער אויפ׳ן האַרצען, אַזוי ווי מען וואָלט נים איבער איר, נאָר איבער זיין אייגענער נשמה דורכגעפירט אָט די שווערע גאַט׳ם לעסטערונג.

אין א מינוט אַרום, נאָכ׳ן ווילדען טאַנץ, איז זי מיט דער לייכטקייט פון א פויגעל אַראָפּגעשפּרונגען פון פּלאַטפאָרם און איז מיט אימפּעט צוגעלאָפען צו איינעם פון דעם פּובליקום, זי האָט עפּעס פרעך געלאַכט און נאָכדעם פאַרטראַכט זיך אויף א רגע.

און העללער האָט זי דערקאַנט...

דריי בריוו

מיר זיינען אלע געזעסן אין דעם קאבינעט פון דעם בארימטן דאקטאר־פסיכיאטאר פון א גרויסן שפיטאל פאר גייסטיג קראנ־קע. מען האט גערעדט פון פארשיידענע זאכן. נאכדעם איז מען איבערגעגאנגען צום געשפרעך וועגן בריוו. די פראגע איז געווען צו בריוו, פשוט'ע בריוו, פון איין מענטשן צו א צווייטן — קענען פאררעכנט ווערן פאר ליטעראַרישע ווערק.

כמעט אלע זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז בריוו זיינען — ליטעראטור. דערביי האט מען זיך פארשיידן אויסגעדריקט וועגן דעם ענין.

איינגע האבן זיך ארויסגעזאגט, אז אין בריוו איז דאס וויכטיגסטע ניט ווי זיי זיינען אנגעשריבן, נאר וואס עס איז זייער אינהאלט. אויב דער אינהאלט איז אינטערעסאנט — דאן איז עס ליטעראטור.

אנדערע זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז בריוו זיינען לי־טעראטור נאר דאן, ווען זיי זיינען געשריבן פון אינטערעסאנטע פערזאנען. אינטערעסאנטע שרייבער שרייבן אינטערעסאנטע ווערק און אינטערעסאנטע פערזאנען בכלל, שרייבן אינטערעסאנטע בריוו. ביי אינטערעסאנטע שרייבער גייט דער „ווי“ און דער „וואס“ שטענדיג צוזאמען. זיי ווייסן וואס צו נעמען פון לעבן און ווי צו נעמען. אזוי איז מיט שרייבער פון בריוו.

עס זיינען געווען אויך אזעלכע וואס האבן זיך אויסגעדריקט, אז בריוו זיינען ליטעראטור אפילו דאן, ווען זיי האבן ניש קיין אינטערעסאנטן אינהאלט, ווייל דער שרייבער פון א בריוו איז סיי ווי סיי בעת ער שרייבט — א שאפער.

דער באלעבאס פון הויז האט געזאגט זיין ווארט דער לעצטער:

— בריוו זיינען מערסטענס — ליטעראטור. דער לייט־מאטיוו פון יעדען בריוו איז כמעט שטענדיג — סענטימענטאליטעט. עס מאכט גאר ניט אויס, וואס דער אינהאלט זאל ניט זיין, וואס פאר א פערזאן עס זאל אים ניט שרייבען — דער בריוו וועט שטענדיג זיין אין זיין טאן — סענטימענטאל, און וועט ניט נאר אפשפיגלען די סענטימענטאלע שטימונג פון זיין שרייבער, נאר וועט נאך אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, איבערשפיגלען, איבערטרייבען די ווירקליכע שטימונג פון דעם שרייבער, און אזוי ווי אין א ווערק, וועלען אין א בריוו, די פארבען זיין געדיכטער, די פארמען בולט'ער און אלץ איינגעוויקעלט אין א באזונדער אטמאספערע פון סענטימענטאליטעט און דערהויבענקייט. און דערפאר — מעג אפילו דער שרייבער פון א בריוו זיין א פשוט'ער בשר ודם — ווערט ער שרייבענדיג נאר אן אנדערער, און פילט זיך פונקט אזוי דערהויבען גייסטיג, ווי דער אמת'ער שרייבער, דער שאפער פון א ווערק. באזונדערס איז עס ריכטיג אין באצוג צו די בריוו־שרייבער, וואס שרייבען פון עפעס, וואס עס האט זיי באזונדער גערירט אדער אויפגעטרייסעלט דאס לעבען.

שטודירענדיג דעם גייסטיגען צושטאנד פון פילע שרייבער, פאעטען און זייערע ווערק קען מען לייכט קומען צום שלום, אז די מערסטע טאלאנטפולע ווערק ווערען געשריבען נאר דאן, ווען דער שאפער זייערער איז אין אן אויסערגעוויינליכער שטימונג, אזוי צו זאגען, אין א צושטאנד פון אבנארמאליטעט, ווען ער איז צורודערט, ווען ער וואקעלט זיך, הייגגט אין דער לופטען, פילט ניט הינטער זיך קיין זיכערען באדען. און אזוי איז אויך מיט בריוו. איך האב דא ביי זיך דריי אינטערעסאנטע עקזעמפליארען פון בריוו, אינטערעסאנט איז, וואס די בריוו, וואס זיינען געשריבען פון דריי פארשידענע מענשען, וואס באלאנגען אפשר צו דריי פארשידענע קלאסען — זיינען אין זייער טאן, אין זייער לייט־מאטיוו, אין דעם גייסט אין וועלכען זיי זיינען געשריבען אזוי ענליך, אז לייענענדיג זיי דוכט זיך, אז זיי זיינען געשריבען פון איין און דעם זעלביגען מענשען — איבער זיי הייגגט די אומזיכערקייט, די שטימונג פון מענשען, וואס זוכען אין דער פינסטערניש, אדער וואס טרינקען

זיך, און כאַפּן זיך אין דער לעצטער פאַרצווייפלונג פאַר אַ שטרויעלע. אפשר איז עס דערפאַר, וואָס זיי אַלע דריי זיינען געשטאַנען אויפ'ן גרענעץ פון יענעם אומבאַוואוסטן, וואָס איז אַזוי שרעקליך. שרייבנדיק די בריוו האָבן זיי שוין אפשר געפילט אין זיך אַט יענע מיסטישע מורא, וואָס האָט געוואַכט איבער זיי ביז דאָס שרעקליכע איז געקומען.

איידער איך וועל פאַר אייך לייענען די בריוו וועל איך אייך מוזן מאַכן קליינינקע דערקלערונגען. און איצט הערט:

דער ערשטער בריוו איז פון דעם באַרימטן כירורג, דר. זילבערט, וואָס איז טאַקע ביי מיר אין שפּיטאָל געשטאָרבן. איר האָט אים אַלע געקאַנט. איך בין מיט אים געווען באַפריינדט. ער איז געווען אַ ליידנשאַפטליכער שאַך־שפּילער. מיר פלעגן גאַנץ אָפט זיך טרעפן ביי אַ שאַכמאַט־ברעטל מיט פיגורן. ער איז געווען גאָר אַ גרויסער כירורג. עס פלעגן ניט זעלטן טרעפן טעג, ווען ער פלעגט מאַכן פון צען ביז פופצן אָפּעראַציעס, און נאָך אַזאַ שווערן טאָג ארבייט פלעגט ער קומען צו מיר שפּילן שאַך־מאַט און פאַרזיצן זיך ביז אינדערפרי, און נאָכדעם, באַלד לויפן צו זיינע פאַציענטן און אָפּעראַציעס. דער מענש האָט באַזעסן אַזוי פיל ווילענס־קראַפט און ענערגיע, אַז ער פלעגט ביי אַלעמען אַרויסרופן אַ באַוואונדערונג. ניט זעלטן איז מיר אויסגעקומען אַנוועזנד צו זיין אויף זיינע אָפּעראַציעס, די געוואַגקייט, די שנעלקייט מיט וועלכער ער פלעגט אָפּערירן, די קינסטלערישע שפּיל, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, וועלכע ער פלעגט אַנפירן מיט דער קראַנקייט, האָט ביי פילע אַרויסגערופן קנאה און צייטענווייס פאַרגעטערונג. איינמאָל אין אַ אָוונט, איז זילבערט צו מיר געקומען אומערוואַרטעט. אַריינגייענדיק האָט ער געזאָגט:

— איך בין זייער צופרידן וואָס איך האָב אייך געטראָפן אין דער היים. מיר האָבן שוין אַזוי לאַנג ניט געשפּילט שאַך־מאַט... זיינט איר ניט דאַנעגען?

זילבערט'ס אויסזען, זיין אויסערגעוויינליכע בלייכקייט און נערוועזיטעט האָט מיך געוואונדערט. אַזאַ האָב איך אים פריער נאָך קיין מאָל ניט געזען. איך האָב עפּעס ניט געפונען פאַר נויטיג צו פרעגן אים וועגן די אורזאַכן, וועלכע האָבן דאָס אַרויסגע־

רופען. ווען מיר האבען זיך אוועקגעזעצט לעבען שאך־ברעטעל האב איך איינגאנצען פארגעסען אז זיין פארדעכטיגען אויסזען. גע־שפּילט האט ער מיט א פארקנייטשטען שטערען, און אזוי גוואלדיג אנגעשטרענגט, אזוי ווי ער וואלט דארפען אנטשיידען א וועלט־פּראבלעם. צייטענווייז האבען מיר, ווי געוויינליך, איבערגעוואר־פען זיך, אין שפּאס, מיט קריג־ווערטלעך און אויפ'ן קול אויסגע־שריען פאר'שיידענע שאך־טערמינען. לעבען יעדען פון אונז איז גע־שטאנען א גלאז אפּגעקילטע טיי. זילבערט פלעגט זיך יעדע רגע נערוועז באפּען פאר'ן גלאז, כמעט פיבערהאפט געטאפּט מיט די ציטערענדיגע פינגער, און קיין איין מאל ניט אפּזופּענדיג, פלעגט ער זיך ווידער פארטיפען אין זיינע געדאנקען. איך האב פאר־שטאנען אז עפּעס לאזט אים ניט רוען. און פּלוצלונג איז ער אויפ־געשפּרונגען פון פּלאץ, און האט גענומען נערוועז ארומשפּאנען אי־בער'ן צימער. איך האב געפרעגט:

— איר ווילט ניט ענדיגען?

— ניין, — האט ער קורץ געענטפערט.

— פארוואס? אונזערע פיגורען שטייען דאך אין אזעלכע אינ־טערעסאנטע פּאזיציעס, — האב איך אים פּראבירט איינריידען.

ער האט ניט געענטפערט. ער האט נאר געזאגט:

— דוכט זיך אייך ניט, אז אימיצער איז ערשט צוגעפארען אויף אן אוטאמאביל?

איך בין צוגעגאנגען צום פענסטער, געפּרואווט ארויסקוקען אין דרויסען. אין דעם זעלבינען מאמענט האט זיך אז עפּען געטאן די טיר, און אויפ'ן שוועל האט זיך באוויזען אן אומבאקאנטע פיגור. איך האב באמערקט, ווי זילבערט האט עפּעס ווי א ציטער געטאן, אזוי ווי אימיצער וואלט אים איבערגעשראקען, און איז צוגעלאפען צום אומבאקאנטען, וואס איז געשטאנען לעבען טיר און האט גע־שוויגען. איך האב א קוק געטאן אויף זילבערט'ן. ער איז געווען בלייך און האט געקוקט מיט פארגרעסערטע אויגען אויף דעם אומ־באקאנטען. נאכדעם, ניט אויסריידענדיג קיין איינציג ווארט, אזוי, ווי זיי וואלטען איבערגעלייענט אין די אויגען איינער ביי דעם אנ־דערען עפּעס אן אמת, וועלכען זיי אליין האבען נאך פארשטאנען, האבען זיי זיך אומגעקערט צו דער טיר, און האבען זיך ארויסגערוקט

פון צימער. א לאנגע צייט בין איך געזעסען אויפ'ן פלאץ און גע־קוקט אויף זילבערט'ס אפגעקילטער גלאז טיי, געטראכט און ניט געקענט באגרייפען, וואס אזוינס איז פארגעקומען מיט עטליכע מי־נוטען צוריק.

באלד האט מיך זילבערט גערופען דורכ'ן טעלעפאן צו זיך אהיים. ווען איך בין אריין צו אים, האב איך אים כמעט ניט דער־קאנט. געווען איז ער אלט, מיט א סך קנייטשען אויף זיין פנים, און האט נערוועז ארומגעשפאנט איבער'ן צימער.

— זי וועט מארגען, אפשר נאך היינט, שטארבען... — האט ער גע'טענה'ט. — איך האב נעכטען אפערירט מיין פרוי אויף אפענ־דיסיטיס, און... און איך האב מורא, אז די אפעראציע איז מיר ניט געלונגען. איר פארשטייט: דאקטוירים אפערירען ניט זייערע אייר־גענע, זייערע נאענטע... אט אזוי איז עס, און איך האב מיין פרוי אפערירט. גאט, צו וואס האב איך זי אפערירט?!...

ער האט זיך געכאפט פאר'ן קאפ. נאכדעם האט ער מיך גע־נומען פאר א האנט און האט מיך אריינגעפירט אין דעם צימער וואו זיין קראנקע פרוי איז געלעגען. זי איז געווען איבערגעדעקט מיט א ליילעך, און האט געקוקט צום באלקען מיט אירע אויסגע־לאשענע, ווי מיט א דינער עטוואס דורכזיכטיגער הייטעל פארצוי־גענע אויגען, און האט ניט געקרעכצט, נאר שנעל און פיבערהאפט געאטעמט, אזוי ווי זי וואלט זיך געאיילט אריינצואטעמען אין זיך מער לופט. אירע פארטריקענטע ליפען האבען זיך מאכטלאז בא־וועגט, און די ווינקלען פון איר מויל האבען געציטערט, ווי פון אן איינגעהאלטענעם געוויין. ווען מיר זיינען צוגעגאנגען צו איר האט זי אפגעווענדט איר בליק פון באלקען און האט לאנגזאם אנגע־הויבען קערען איר פנים צו אונז, און נאכדעם אזוי מאדנע, מיט א בליק פון אן אנדער וועלט, אנגעשטעלט זיך אויף זילבערט'ן. אזוינע אויגען האב איך אפילו צווישען וואנזיניגע ניט באגעגנט. און אלץ מער און מער האבען זיך אירע אויגען ארויסגעקייקעלט פון שטע־רען אין געקוקט אויף זילבערט'ן, וועלכער האט מיך ווילד אנגע־כאפט ביי דער האנט, און האט גע'טענה'ט:

— איך קען ניט, איך קען איר בליק ניט אריבערטראגען...

אין עטליכע מינוטען ארום איז זי געשטארבען.

און אין עטליכע טעג ארום האָב איך געקראָגען א בריוו פון זילבערט'ן. אָט דאָס איז זיין בריוו.

בריוו נומער 1.

טייערער ג. !

איך האָב א לענגערע צייט ניט געקאָנט באַשליסען — זאָל איך אייך שרייבען, אָדער ניט. און אַז איך וועל אייך שרייבען — וועט מיר גרינגער ווערען? וועט דער טויט ניט האָבען איבער מיר קיין שליטה? אָדער — די טויטע, אויף וועלכע עס דערהויבט זיך שוין איצט א בערגעל געלען זאמד — וועט צוריק לעבעדיג ווערען? און דאָך זיי"ן איך מיט דער פען אין האַנט, און מיר דוכט זיך, אַז איך וועל דערוויטערען פון זיך דאָס שווערע, וואָס צודריקט מיך. און וועל דערנענטערען דעם גרויסען נס פון מיין באַפרייאונג. און אפשר וויל איך געווינען נאָך עטליכע מינוטען לעבען — דערפאַר שרייב איך אייך?...

יע, טייערער, ווען איר וועט לייענען דעם בריוו וועל איך שוין מער ניט זיין צווישען די לעבעדיגע!... אַנטשולדיגט, וואָס איך דריק זיך אוים אַזוי, ווי טויזענטער אַנדערע, וואָס האָבען ווען אי־בערגעלאָזען לעצטע בריוו. איך בין איצט זייער ווייך־האַרציג, און אַז מען איז ווייך־האַרציג קען מען זיך אַנדערש ניט אויסדריקען, ווי מיט שאַבלאָנע פראַזען און ווערטער, וואָס האָבען שוין פאַר־לאָרען זייער קראַפט. איר וועט אפשר איבער מיר, דעם טויטען, לאַכען, אבער איך מוז זיך מודה זיין, אַז איצט, אפשר מער ווי אַלע מאָל, ווילט זיך מיר, אַז אימיצער זאָל איבערלייענענדיג מיינע לעצ־טע ווערטער, וויינען און קלאָגען, שרייען און ליאַרמען, זאָל כאַפּען זיך פאַר'ן קאָפּ און רייסען די האָר, אָדער דערזעענדיג מיין טויטען קערפּער, צופאַלען צו אים מיט א האַרצרייסענדיגען יאָמער, און מיט טרערען און געוויין רופען מיך צוריק צום לעבען... איך ווייס, אַזוינס פאַרלאַנגען בלויז שוואַכע מענשען, וואָס האָבען ניט קיין ווילענס־קראַפט, וואָס זיינען שרעקליך סענטימענטאַל. אבער ווי קען מען פאַר'ן טויט ניט זיין דערשראָקען, און שוואַך, און אומגליקליך?

איר ווייסט, אַז איך בין שטענדיג געווען ענערגיש און מונטער. מיין אידעאַל איז געווען — אומערמידליכע ארבייט. יעדע געלונ־

נענע אפּעראַציע האָט מיך געמאַכט גליקליך. אַלץ אין לעבען איז פאַר מיר געװען פאַרשטענדליך, אַזױ װי איך אַלײן װאָלט געװען א גאָט, און גאָר ניט װאָלט ניט געװען פאַר מיר פאַרבאָרגען. אַט ציען זיך איצט דורך מײַן קאָפּ טױזענטער בילדער פון מײַן לע־בען, אַלץ קײטעלט זיך צוזאַמען, װערט פאַרװאַנדעלט אין א לאַנגער קײט מיט א סך רינגען, שטאַרקע און נױטיגע, און דורך זײ, דורך מײַן גאַנצען לעבען — זי. זי האָט אַנגעפילט מײַן לעבען, ביז זי איז געװאָרען א טײל פון מיר, א צװײטע נשמה פאַר מיר, און פאַרגע־סען זי, אַרױסרײסען זי פון מײַן האַרצען װאָלט פאַר מיר געװען אַזױ שװער, װי פאַרגעסען זיך אַלײן, און ניט לעבען מיט דעם קלאַפּען פון מײַן אײגען האַרץ, און איצט בין איך שױן ניט ענער־גיש. עס מאַטערט מײַן געװיסען און מײַן האַרץ א שרעקליכער פאַרדאַכט. אַז איך האָב זי געקױלעט.

איך האָב זי געקױלעט! אַזױ שרײַט עפּעס אין מיר די גאַנצע צײַט.

איך װעל אײַך דערצײלען, װי עס איז געװען. זי איז געװאָ־רען קראַנק. זי האָט נאָך פון פריער ביסלעכװײַז געליטען פון א מאַגען קראַנקהײט. און דאָ איז זי געװאָרען אַזױ קראַנק, אַז אַלע מיטלען האָבען בלױז עטװאָס פאַרלײַכטערט אירע לײַדען. האָב איך באַשלאָסען: איך װעל זי אָפּערירען. איר פאַרשטײט: עס פירט זיך, אַז דאָקטױרים אָפּערירען ניט זײערע פרױען. איך װײס ניט פאַרװאָס עס איז ניט אַנגענומען, אַז אײגענע מענשען װערען אָפּע־רירט פון פרעמדע, אָבער איך האָב געהאַט אַזױ פיל גלױבען אין זיך. די טױזענטער געלונגענע אָפּעראַציעס האָבען אַזױ פאַרשטאַרקט מײַן גלױבען אין מײַן טאַלאַנט, און דער גלױבען פון טױזענטער פאַרערער האָט אים אַזױ פאַרזיכערט, אַז איך האָב גאָר װעגען קײן זאַך ניט געטראַכט װי װעגען ראַטעװען דאָס לעבען פון מײַן פרױ. און נאָך מער, איך האָב עס געפונען פאַר נױטיג צו טאָן בײַ זיך אין דערהײם, אָן אַסיסטענטען. שטעלט זיך פאָר: בײַ יעדער קלײנער אָפּעראַציע פלעג איך האָבען אַסיסטענטען און „שװעסטער“ און דאָ האָב איך אַפילו קײנעם ניט אײַנגעלאַדען, אַחוץ אײן „שװעסטער“ מיר אַרױסצוהעלפען. פון אָנהױב איז עס מיר אַפילו אױף די געדאַנ־קען ניט געקומען, אָבער שפּעטער, ערשט נאָכדעם, װען איך האָב גע־

נומען צוגרייטען די אינסטרומענטען איז מיר געווארען אומהיימליך אין דער אומגעבונג, עפעס איז אין מיר ווי פארשוואונדען די זיכער־קייט, וועלכע איך האב געהאט אין דעם גרויסען אפעראציאנס צי־מער פון שפיטאל. און דא האט עפעס די פרוי אויך גענומען פאר־לירען איר מוט. זי האט זיך שטארק צוואויינט, און האט לאנג גע־כליפעט, און אז איך האב זי א קוש געטאן אויפ'ן שטערען און גע־טרייסט, האט זי אנגעכאפט מיין האנט און האט זיך אזוי גענומען בעטען ביי מיר, ווי ביי א גזלן:

— טייערער, אפשר זאלסטו אנווענדען אנדערע מיטלען?...

איך האב אזוי מורא... גאט, ווי איך האב מורא!...

האב איך פון איר גוטמוטיג געלאכט, און צוגעזאגט, אז אין פיראונצוואנציג שעה ארום וועל איך מיט איר פארען רייטענדיג אויף א פערד אין פארק. זי האט פון מיין שפאס נאך מער געכלי־פעט און זיך געבעטען, אז איך זאל זי ניט אפערירען... און מאדנע, דאן האב איך אין זיך דערפילט א מורא פאר דעם וואס איך טו. איר פארשטייט? — טויזענטער מאל אפערירט און ניט מורא גע־האט, און דא האט עפעס א ציטער געטאן אין מיר. א נאנענדיגער פאר־געפיל האט זיך ארייגעריסען אין מיין הארצען, און שוין מיט מיר פארבליבען די גאנצע צייט — אי דאן, ווען איך האב זי איינ־געשלעפערט מיט'ן „עטער", אי דאן, ווען איך האב זיך גענומען פאר די אינסטרומענטען, און נאך מער — ווען איך האב געמאכט דעם ערשטען איינשניט.

דאס איינשניידען מיט א שארפען מעסער אין לעבעדיגען לייב פלעגט די ערשטע עטליכע יאר פון מיין כירורגישער פראקטיק ביי מיר שטענדיג ארויסרופען אן עראטישען געפיל. עס איז געווען דערביי א פרייד און א מורא, אזוי ווי ביי א קינד, וואס פליט אראפ פון בארג אויף א שליטעל. דאס הארץ פלעגט א קלעם טאן אזוי מאדנע — און ערשט שפעטער — פארגליווערט ווערען פון דער ערנסטקייט פון מאמענט, און וויכטיגקייט פון דער ארבייט. אבער אין די שפעטערדיגע יארען איז דאס שניידען פון לעבעדיגען פלייש געווען בלויז אן אינטערעסאנטע שפיל. און דא האב איך איינשניי־דענדיג דערפילט אזוי שארף אין זיך אט יענעם געפיל פון שרעקער־דינער פרייד, וואס האט אזוי לאנג ניט אנגערירט מיין הארץ, אז

איך האָב אומבאַוואוסטזיניג פאַרלייגנערט דעם שניט. אפשר דוכט זיך מיר עס נאָר. אפשר איז עס גאָר ניט געווען אַזוי, אָבער דאָן האָב איך עס גלייך פאַרשטאַנען, און גלייך געוואָרען אויפגערעגט. פאַרלאָרען דאָס גלייכגעוויכט, גענומען זיך איילען, און די האַנט האָט די גאַנצע צייט געציטערט, געמאַכט פעלערען, וועלכע איך האָב מיט אַ פיבערהאַפטער שנעלקייט געמיט זיך צו פאַרריכטען און אַלץ געפילט דערביי, אַז איך פאַל, פאַל ערגעץ, אין אַן אומענד־ליכער טיפקייט... און וואָלט דערביי געווען נאָך אַ דאָקטאָר, וואָלט איך אפשר דאָן ניט אויסגעהאַלטען און געפאַלען אין חלשות. אָבער די וויכטיגקייט פון מאָמענט האָט מיך דאָך געשטאַרקט — און איך האָב די אָפּעראַציע פאַרענדיגט.

און נאָכדעם זיינען אָנגעקומען שווערע שעה'ן פון צווייפעל און פון גלויבען. איך האָב נאָך אַלץ געוואַרט: עס וועט געשען דער זעלביגער נס, וואָס האָט פאַסירט אַזוי פיל טויזענטער מאָל... ער האָט אָבער ניט פאַסירט. איך בין לעבען איר געזעסען שעה'ן לאַנגע און געזען אירע ליידען, געמוטשעט זיך מיט איר פיין — און דאָך ניט געקענט פאַרגרינגערען כאָטש אויף איין ביסעל אירע ליידען אָדער איינשטילען איר פיין. געזעסען און צוגעקוקט, ווי עס איז פאַרלאָרען געגאַנגען פון מיר דאָס בעסטע, ווי עס איז אויסגע־שטאָכען געוואָרען דאָס שוואַרץ־אַפּעל פון מיין אויג.

נאָכדעם האָב איך ניט אויסגעהאַלטען, און געלאָפען צו אייך שפּילען שאַך־מאַט, געוואָלט אַנטלויפען פון מיין גרויסען אומגליק. דאָס איבעריגע ווייסט איר שוין.

זייט געזונט טייערער ג.

דער צווייטער בריוו איז געשריבען פון אַ מיידעל, וואָס איז שוין עטליכע יאָר ביי מיר אין שפּיטאָל. זי איז באַלד נאָכ'ן אָנ־שרייבען דעם בריוו משוגע געוואָרען. יענער, צו וועמען דער בריף איז געשריבען געוואָרען, קומט גאַנץ אָפט באַזוכען זי אין שפּי־טאָל. זי דערקענט אים באַלד. גייט צו צו אים, נעמט אים אָן פאַר אַ האַנט און הערט ניט אויף צו דערציילען אים, ווי זי האָט אים ליב, רעדט פון אירע ליידען, וויינט קוקענדיג אויף זיינע קוליעס. און איז די גאַנצע צייט נאָרמאַל. אָבער, אַז ער גייט אַוועק, פאַר־

נעסט זי באלד ווענגען זיין באזוך. אלץ ווערט איבערגעריסען — און דאן איז זי פארשייט, רעדט עראטישע רייד, פלוידערט אלערליי נארישקייטען. און איצט זעט ווי שטארק א מענש קען ליבען, און ווי אויסערגעווייגליך עס פילט א מענש ווען ער שרייבט א לעצטען בריוו.

בריוו נומער 2.

טייערער מיינער!

...ערשט נעכטען האסטו זיך צוריקגעקערט — און איך בין ניט געקומען צו דיר, און ניט געפאלען אויפ׳ן האלז דיר, און ניט געקושט דיינע ליפען, און ניט געוויינט מיט טרערען פון פרייד אויף דיין צוריקקומען, און ניט געוויינט מיט טרערען פון צער אויף די פרישע וואונדען דיינע. און, ווי א גנב, אין דער פינסטער פון דעם הערבסטליכען אווענט האב איך זיך געשארט ארום די פענסטער פון דיין מוטערס הויז, געוואלט אויף דיר, בגנבה, מיין פארטרערטען בליק א ווארף טאן, געוואלט כאטש פון ווייטען, אן אומזעבארע, שיקען דיר מיין לעצטען גרוס, מיין לעצטע טרער.

און איך האב דיך דערזען... גאט!...

דו ביסט געזעסען לעבען טיש, און לעבען דיר זיינען געשטאנען דיינע צוויי קוליעס. דיין מוטער איז געשטאנען איבערגעבויגען איבער דיר און האט עפעס דיר דערציילט. איך האב איינגעהאלטען דעם אטעם. צום האלז זיינען צוגעלאפען טרערען און האבען מיט עפעס הארטעם געשטיקט און געווארגען, און דאס הארץ האט אנגעהויבען קלאפען און שלאגען זיך ווי א געפאנגען פויגעל. איך האב זיך צוגעהערט, אבער די שטימען אייערע האב איך ניט געקענט אויפכאפען. בין איך אזוי געשטאנען ביים פענסטער און געקוקט אויף אייך ביידען — אויף דיר און אויף דיין מוטער, וואס האט ניט אויפגעהערט דערציילען דיר עפעס, — און דאן האב איך דערזען, ווי אירע אלטע גוטע אויגען האבען אנגעהויבען בייז און צארנדיג ארומלויפען. און אירע דארע הענט האבען עפעס ווי א פלוך געשיקט צו אימיצען, — און איך האב אלץ פארשטאנען...

דאס האט זי דיר דערציילט פון דיין געליבטער, וואס האט

ניט געוואגט צו קומען פאר דיינע אויגען, און האט מיט האלבע ווערטער פאר דיר אנטפלעקט א קוואל פון בייזען שמערץ און שאנד. איך בין געשטאנען ביים פענסטער, און אין די טיפעניש פון מיין הארצען געקוואלען, און פון מיין ברוסט האט זיך יעדער רגע גע־וואלט ארויסרייסען א ווילדער געשריי פון פרייד יעדעם מאל, ווען איך האב געזען ווי דער מוטערס עלטערליכע געזיכטסציגען פלעגען זיך פלוצלונג אנצינדען מיט דעם פלאם פון פאראכטונג און אירע ביינערדיגע פינגער פלעגען אנהויבען נערוועז קלאפען איבער׳ן טיש... ווייל אט די פאראכטונג האט מיך געקנייטשט און נעקאר־טשעט מיין נשמה און די ביינערדיגע פינגער האבען, ווי מיט שטא־לענע האמערן, געקלאפט מיר אין הארצען:

— זונה !... זונה !... זונה !...

און עס האט זיך מיר אזוי געוואלט אז דו זאלסט באהערשט ווערען פון א כעס, וואס האט קיין גרעניץ, און דיינע אויגען זאלען מיר שרייען אין פנים דעם שווערען אורטייל פון דיין הארץ... אך, דאן וואלט איך מיט אימפעט געעפענט די טיר פון דיין מוטערס הויז, און וואלט זיך געשטעלט אונטער די פיילען פון דיינע צארנדיגע אויגען, און וואלט אונטערגעשטעלט מיין פנים פאר דיין שפיי פון גיפט און פאראכטונג.

אבער דו ביסט געזעסען מיט אן אראפגעלאזענעם בליק און האסט געשוויגען, און אפשר האסטו געוואלט פלוכען דאס, וואס האט געזאלט געפלוכט ווערען, און אפשר האסטו געוואלט בא־שטראפען דאס, וואס עס האט געזאלט באשטראפט ווערען, אבער איך וויים — דו האסט ניט געפלוכט און ניט געשטראפט, און האסט גערופען עדות זאגען דעם שווערען פיין פון צייט און גאט, דעם זעלבינען גאט, וואס האט אמאל דעם מענשען נאך זיין געשטאלט באשאפען, און וועלכען ער האט אין א ווילדער חיה איצט פאר־וואנדעלט.

נאכדעם איז דיין מוטער ארויסגעגאנגען אין א צווייטען צי־מער, און איך האב געזען ווי דיין קאפ איז געפאלען אויף דיינע הענט, אויפ׳ן טיש, און דיינע פלייצעס האבען געציטערט פון א טיפען, פון א שווערען מענערשען געוויין... ביז איך אפגעטראטען פון פענסטער, צוריקגעקערט זיך אין מיין עלענדען צימער, פאר־

שפארט זיך, און א גאנצע נאכט געזעסען מיט זיך אליין, — און ניט געוויינט און געפילט זיך לייכט און גוט, אזוי ווי מיין געוויסען וואלט מיט אמאל ריין געווארען פון זינד, אזוי ווי די ווירקליכקייט, וואס רינגעלט מיך ארום וואלט ניט געווען אזוי שווידערליך, און דאס לעבען וואלט ניט געקומען צו דעם פונקט, ווען די גאנצע וועלט, וואס איז אזוי גרויס און אנטהאלט אין זיך מיליאנען פרייע וועגען וואלט זיך פאר מיר ניט אנטפלעקט נאר אין צוויי וועגען, וואס פירען צום טויט. איין וועג איז א קורצער, דער צווייטער — א לאנגער, א דארנדיגער... אימיצער האט אין מיר נעזאגט: נעם אן דעם קורצען וועג... און אלץ איז גלייך געווארען פארשטענדליך און קלאר, און עס זיינען פארשוואונדען אלע באגריפען פון געזעצען — מענשליכע אדער געטליכע — און דאס גאנצע לעבען, די גאנצע פארגאנגענהייט מיינע, מיט אלע פריידען און ליידען זיינען פארשוואונדען און עס איז ניט געבליבען פארוואס צו שטראפען זיך און פארוואס צו באדויערען זיך.

און איך האב אויסגעקליבען דעם לענגערען וועג...

און ווייסטו פארוואס? — ווייל דאס איז דער וועג פון גרעניצלאזע ליידען, וועלכע איך מוז איבערליידען פאר דיין אנטוישונג און פאר דיין גרויסען אפפער, ווייל דאס איז דער וועג פון ווייטאגען, אין וועלכע איך מוז איבערווייטאגען פאר אלע דיינע וואונדען און פאר דיין שאנד...

אך, ווען עס וואלט געווען מעגליך לייגען זיך, א נאקעטע, אין מיטען פון א גרויסער גאס און יעדער פארבייגייענדיגער זאל שטויסען און טרעטען איבער מיר, און שפייען מיר אין פנים דעם שפיי פון גיפט און פאראכטונג!...

מיין טייערער, ווען דיך האט מען צוגענומען, בין איך געבליבען אליין, אבער מיט א גרויסער האפענונג אין מיין הארצען. קיינער האט ניט באריהרט מיין שוועל און, ווי א נאנע, א פארשפארטע, האב איך דיר געווידמעט מיינע טעג און נעכט. ווי א רויטער פאדים האסטו זיך געצויגען דורך מיין לעבען און איך האב געהאפט, אז דו וועסט צוריקקומען, וועל איך באפוצען מיין צימער מיט בלומען און שאפען פאר דיר א גן־עדן. און יעדען אווענט ווען די זון פארגייט, וועל איך צו דיר זאגען:

— קום, זעץ זיך לעבען מיר און הער. איך וועל דיר דער־ציילען, ווי פון שטיינער האבען ארויסגעשפראצט וואונדערבארע בלומען, לעבעדיגע און דופטענדיגע, און האבען פאר׳שיכור׳ט די וועלט... און דו וואלסט קומען און וואלסט הערען.

און איך וואלט דיר דערציילען פון א וואונדער־שיינער וועלט פון ליבע און בלומען... און איצט, — ניט פרעג קיין קשיות, — איך וועל קיין ענטפער ניט געפינען. אימיצער האט מיט שפאט געעפענט אן אלטע וואונד, און לאכט מיט א חוצפה׳דיגען קייכען אויף די ווייטאגען אקארשט פארשאפטע. אימיצער האט פאררע־טעריש אריינגעגאסען א טראפען שווארצען גיפט אין א בעכער פון ריינעם וויין. און ניט פרעג — ווער? און ניט פרעג — ווי, און ניט פרעג — פארוואס?...

ווארום ווייסטו דען ווער עס האט דיך געשיקט אין שלאכט און ווי דו ביסט געגאנגען, און פארוואס?...

אימיצער, וואס האט קיין גרעניץ צו זיין חוצפה׳דיגען כעס האט אייך צוזאמענגעבראכט פון אלע עקען פון דער וועלט און האט מיט א ווילדען קייכען געלאכט, ווען איר האט זיך אין דער לעצטער פארצווייפלונג, ווי ווילדע חיות, געווארפען זיך ברודער אויף ברו־דער, און, פארוואונדעטע, געקארטשעט זיך אין אייערע ווייטאגען...

פארוואס? פארוואס האט מען מיינע ברידער, און מיין גע־ליבטען און מיינע אלע נאענטע און גוטע, געפירט, ווי שאף, צו דער שחיטה? און אויף דער פראגע איז ניט געווען קיין ענטפער און אלץ איז געווען אזוי שווער און גרויזאם אומפארשטענדליך. און עס האט זיך געדוכט, אז עס וועלען זיך צונויפשטראמען די שטרא־מען פון אלעמענס ליידען, וועלען זיי זיך פארוואנדלען אין א ים פון בלוט און וועלען מיט בלוטיגע כוואליעס אראפוואשען די לעצטע איבערבלייבעכצען פון לעבען, — און עס וועט שוין מער ניט זיין דאס, פארוואס מען באדארף מורא האבען, אדער הייליגען, און עס וועט ניט זיין דאס, פארוואס מען דארף ברענגען אפפער, — און דאן איז געווען דאס לעבען איבעריג און נישטיג און איז, ווי א בלוטיגע קללה, געהאנגען איבער דער נשמה, און האט געשטיקט אין הארצען דעם לעצטען, נאך עטוואס צאנקענדיגען פייערל פון האפ־פענונג.

און דאן האב איך ניט אויסגעהאלטען. עס האט זיך געוואלט פאלען צום הארטען דיל און גריזשען די הארטע ברעטער, און שלאגען דעם קאפ אן דער וואנט ביז משוגעת, און טאן עפעס שרעקליכעס, וואס האט ניט קיין נאמען, ווייל עס איז ניט געווען קיין אויסוועג און קיין טרייסט... האב איך אפגעעפענט די טירען פון מיין לעבען פאר די ברואים פון אויסגעלאסענקייט און האב געזאגט:

— קומט אריין, איך וועל אייך אויפנעמען ווי טייערע געסט, ווי הארצענס-געליבטע, ווארום איך בין ניט מער קיין גאנע. אט זיינען מיינע חלומות, די פערלען פון מיין נשמה — טרעט זיי מיט די פיס.

און זיי זיינען געקומען און האבען צוטראטען אלץ, וואס עס איז געווען געטליך, אלץ, וואס איז געווען הייליג.

איך האב אויפגעעפענט די טירען פון מיין נשמה, און איך האב איינגעלאדען אהינצו באטרוג און זינד, און איך האב צו זיי געזאגט:

— קומט און געוועלטיגט!

און זיי זיינען געקומען...

טייערער! זאג, — שריי אויס טויזענטער מאל דעם ווארט „פראסטיטוטקע" — און לייג אריין אט אין דעם אויסגעשריי אזוי פיל האס און פאראכטונג, אזוי פיל שמוץ און דערנידערונג אויף וויפיל א מענשענס הארץ און צונג איז נאר פעהיג, ווארום עס זיינען נאך ניט טיף די ליידען, וואס איך האב אויף זיך גענומען. און ניט זוך פאר מיר קיין פארענטפערונג. איך זאג דאך דיר: עס האבען זיך אנטפלעקט פאר מיר צוויי וועגען — און איך האב אויסגעקליבען דעם לייכגערען...

טייערער! ווען דו וועסט קריגען דעם בריוו מיינעם, וועל איך שוין דא ניט זיין, מיר וועלען זיך שוין קיינמאל ניט זען. און צוליב וואס?...

איך האב אפשר, באדארפט זאגען: פארגעס מיך, רייס ארויס פון דיין הארצען און פון דיינע זכרונות דעם אנדענקען פון מיר. אבער איך ווייס: איך וועל שטיין ווי א דארן אויף דיין וועג... און איך? פרעג ניט. איך וועל דיך מיט געוואלד איינהאלטען אין מיינע רעיונות. איך וועל דיך מיט אייזערנע קייטען צושמידען

צו מיין נשמה און דו ווייסט, ווי א שאטע, אומוואנדערען מיט מיר אויף מיין וועג, און איך וועל שטענדיג טראכטען. אז דו טארעלסט מיך און פלוכסט מיך. — איך וועל דיר אומעטום אלס ערות נאכ־פארען און טענהן:

— דו זעסט, ווי נידעריג איך בין געפאלען? דו זעסט?

— דאס נעם איך נקמה פאר דער וועלט, פאר מיר, פאר דיר, פאר אלע עלענדע און פארלארענע. דאס וויל איך אריינגיסען טראפען נאך טראפען דעם גיפט פון ליידען אין לעבען, ביז די ליידען וועלען איבערפילען דעם בעכער, וועלען זיך איבערגיסען איבער די ברעגען..."

דער דריטער בריוו איז אויך געשריבען פון א מענשען וואס גע־פינט זיך יערען טאג אונטער מיין אויפזיכט אין שפיטאל. ער איז א אינטערעסאנטער בחור, אבער די לעצטע צייט איז ער געווארען איינגעשלאסען אין זיך. רעדט ווייניג און פירט זיך אויף ווי א היילינגער. און אז ער רעדט, רעדט ער מיט דעם טאן פון א מענשען, וואס ווייסט דעם ווערט פון אלץ — און וואס קוקט פון אויבען אראפ אויף דעם מענשליכען מין. ערשט נעכטען האט ער מיר גע־זאגט:

— איך הערט. די גאנצע צרה איז נאר אין אויסגעלאסענקייט, איך הערט?... יע, אין אויסגעלאסענקייט.

בריוו נומער 3.

מיין טייערע!

דו פרעגסט מיך אין דיינע בריוו פארוואס איך שרייב דיר ניט, פארוואס איך ענטפער ניט אויף דיינע אזוי אפטע בריוו, אין וועלכע דו בעטסט מיך אזוי קומען. און הערסט ניט אויף צו פרעגען, צו האב איך דיך שוין ניט פארגעסען, צו האב איך דיך נאך ליב?...

אך, איך האב דיך ליב!!

וויסטו וואס דאס איז — ניט גלויבען אין ליבע, אויסלאכען די ליבע, שפאסען מיט ציניִשע ווערטלאך איבער ליבע, קנייטשען מיט די פלייצעס , סארקאסטיש און צווידייטיג שמייכלען — און זיין פארליבט ביז נעטליכען עקסטאז, ביז משוגעת, קארטשען זיך פון ברענענדיגען פארלאנג צו פויזען איבער׳ן דיל, דראפען מיט די נענעל די הארטע ברעטער, סקריען מיט די ציין אין די שרעקליכע זוכענישען נאך אן ענטפער. נאך א דערלייזענדיגען ענטפער אויפ׳ן עקשנות׳דיגען רוף פון הארצען — און ניט געפינען ? וויסען, אז עס איז גרויס די ליבע, אן גרעניצען, און נעמט ארום דעם גאנצען לעבען — און דאך בלייבען איינזאם און אומגליקליך...

איך געדיינק, מיר זיינען נאך דאן געווען כמעט פרעמדע — איך בין מיט דיר נעגאנגען און גערעדט. דערציילט וויצען, און יעדעס מאל ווי מיט א כיוון געזוכט אויסצולאכען, באווייזען ווי לייכט איך באצי זיך צו פרויען און ליבע. איך האב געפילט אז די וויצען זיינען גאנץ געלונגען, און זיי רופען ביי דיר ארויס אז אויפריכטיגען געלעכטער. און מאדנע: אט די אויפריכטיגקייט פון דיין געלעכטער, האט געביסען ביז וויטאג מיין הארץ, און עס האט זיך מיר געוואלט פאלען צו דיינע פיס און וויינען, ווי א קינד, און זאגען דיר, ווי טיף איך האב דיך ליב, ווי איך לייד אין די איינזאמע נעכט, און ווי עס ווערט מיין הארץ צוריסען פון בענקשאפט נאך דיר. — ווייל איך האב דיך ליב.

איך האב דיך ליב !... און דערפאר זיינען דיינע אויגען פאר מיר — א ים פון גליק, א ים פון אומערשעפליכען, געטליכען נע־נוס, און דערפאר קלינג דיין געלעכטער פאר מיר, ווי א שטראם פון ריינעם קוואל־וואסער, וואס פאלט אראפ פון בארג, און דערפאר זעט דיין געשטאלט אויס פאר מיר אין די גרויע דעמערונגען פון פארנאכט הימליש, ווי א טרוים — ווייל איך האב דיך ליב... אבער גלויב ניט, טרוי ניט מיין הארץ און מיין ליבע !

גלויב ניט. — אימיצער, א צארענדיגער, האט מיר א הארץ נעגעבען, ברייטע, באפוצטע מיט פורפור־ליכט האריזאנטען — און האט זיי פארדעקט פון מיר מיט שווארצע וואלקענס, האט מיר נעגעבען טויזענד וועגען און אלע זיי פארצווינען פון מיין בליק מיט בלענדענדיגע טומאנען. האט אין מיר איינגעפלאנצט א געטלי־

כע נשמה — און האט געגעבן מיר די חוצפה צו באַשפּייען זי מיט גאַל און שפּאָט, און פּאַרוויקלען זי אין שוואַרצן מאַנטעל פון ניט גלויבן און פאַראַכטונג.

ליב מיך ניט! — אין צוויי וועלטן קעמפענדיג איז מיין לע־בן איינגעשלאָסן. ליכט און פינסטערניש, אמת און ליגן, האָפ־נונג און פאַרצווייפלונג. ליבע און האַס — האָבן אין מיין נשמה אַ נעסט פאַר זיך געמאַכט — און גענומען הערשן.. פאַרגעס אַן מיר ווי דו האָסט שוין איינמאָל אין דיין לעבן פאַרגעסן אַ פאַר־פירערישן חלום, אַ בן־השמשות׳דיגן טרוים. רייס מיך אַרויס פון דיין האַרצן, ווי מען רייסט אַרויס אַ ווילדע, אַ שעדליכע גרעזל פון אַ בלומען־גאָרטן, און זאָל דיין לעבן ווייטער גיין פריי און אומגעשטערט, און זאָל דיין בליק זיך ווידער ציען צו ברייטע און ליכטיגע האָריזאָנטן, אַהן אַ וואָלקן און טומאַנען... און מיך — פאַרגעס, פאַרגעס, ניט ליב !...

אָך, עס ווילט זיך אַרויסלויפן אין דעם פינסטערן דרויסן און שרייען ווילד אין דער פינסטערער נאַכט אַריין פון ווייטאָג, און דער געשריי מיינער זאָל זיין פון אַ ווילדער חיה, וואָס האָט אין אַ פינסטערער נאַכט פאַרלאָרן די געליבטע !...

איך ליב דיך, און ווער פאַרברענט פון איפּערזוכט פון דעם איין געדאַנק, אַז אימיצער האָט דיך ווען ניט איז געקושט, אַז אי־מיצער האָט ווען ניט איז געקוקט אויף דיין געשטאַלט, ווען דו ביזט אין פאַרנאַכטן, אַ היילינגע, אויף דיין שפּאַציר געגאַנגען, און אַז אימיצער וועט ווען ניט איז דיך ליבען, קושען און וועט זעטיגען זיין רעגונג אויף דיין ברוסט, — און דאָך זאָג איך דיר : ליב מיך ניט ! דו טאָרסט מיך ניט ליבען. אָט הער : טויזענטער אילוזיעס פון פרויען ליבע האָט מיין קראַנקער קאָפּ געשאַפען, און געוואָר־פען מיין צורייצטען קערפּער אין רעגונגען און בייגקשאַפט — ווילסטו זיין איינע פון יענע אילוזיעס ? טויזענט פרויען האָבען נעקילט מיינע ליידענשאַפטען — ווילסטו זיין די טויזענט און ערשטע ?... אפשר וועסטו קענען מיר פאַרגעבען אַלץ, אפשר וועסטו עס קענען, אָבער איך, איך וועל עס ניט קענען זיך פאַרגעבען און ניט קענען זיך באַפרייען פון דעם קאָשמאַר, וואָס וועט מיך

נאכפאלגען יעדעס מאל, ווען איך וועל קומען מיט דיר אין באַ־רירונג...

איך האב געטראכט: איך האב געזאגט ליגען, איך האב גענארט און באטראגען, און באליידיגט אומגעלומפערט, בייז, אומ־מענשליך גראב, און אהן חרטה, און אהן א נאטירליכען, מענשלי־כען פארדראס, אויסלאכענדיג פון אלעס, אבער דיר זאגען ליגען, פון דיר באהאלטען דעם אמת, דיך אפנארען — ווי וועל איך קענען?.. איך האב געטראכט: ווי וועל איך קענען, אריינקוקען אין דיינע צנועה'דיגע אויגען וואס זיינען פול מיט גלויבען און פארגעבונג, זען דיין פנים, אין וועלכען עס שפיגעלט זיך אזוי אפ די ריינקייט פון דיין געוויסען — ווי וועל איך קענען ליגען?... אבער איך האב געקענט..

איך האב דיך גענארט, די גאנצע צייט גענארט, באטראגען, גראב און אוממענשליך! — אט הער: ווען איך האב דיר נאך צום ערשטען מאל געזאגט: „איך ליב דיך" האב איך זיך עפעס מאדנע דערשראקען פאר די דריי ווערטער. דו פארשטייסט — אין דעם זעלביגען מאמענט ווען איך האב ארויסגערעדט אט די פאר אלעמען הייליגע דריי ווערטער, איז אין מיין קאפ דורכגעפלויגען א קליינינקער פאררעטערישער געדאנק, און אפשר א געפיל אין הארצען, אז מיט דעם זעלביגען טאן, מיט דער זעלביגער אינטאַ־נאציע האב איך ארויסגערעדט די ווערטער ווען איך האב צום ערשטען מאל געקושט מיינע פריערדיגע געליבטע... ווייסטו וואס דאס איז? דו האסט שטיל און פארטרויליך דאן אראפגעלאזען דיין קאפ אויף מיין ברוסט און האסט געגלויבט, און ניט געוואוסט, אז איך ציטער ווי א גנב, אז דו זאלסט פון דעם קלאפען פון מיין הארצען ניט ארוסליינען מיין אורטייל, אז מיין אייגען הארץ וועט מיך ארויסגעבען.. ווייסטו וואס דאס איז, זיין פארפלאנטערט אין א נעץ פון ליגען מיט'ן קאפ און מיט'ן הארצען, און זאגענדיג אמאל אן אמת — ניט גלויבען אין דעם אמת, און פילענדיג אמאל אויפריכטיג, ניט גלויבען אט דער אויפריכטיגקייט?...

אט אין יענעם אווענט, דעם ערשטען אווענט, אוועקגייענדיג פון דיר און בלייבענדיג אליין מיט דיר אין צימער האט מיך ארומ־געכאפט א שרעק, פאר אלץ, וואס עס האט פאסירט מיט א שעה

צוריק צווישען דיר און מיר. דיינע קושען האבען נאך געברענט אין מיין נשמה און די ריינקייט פון דיין ליבע האבען מיך ניט אפגע־לאזען. דיין געשטאלט האט מיך עפעס ווי באגלייט און מיט מיר אריין אין צימער, ווי א געוויסען, האט זיך אוועקגעשטעלט קעגען מיר. שטימען האבען צו מיר פון אלע זייטען געשריען מיט שפאט און פאראכטונג, געלאכט מיר אין פנים און געשריען: ציניקער, ליג־נער!... ציניקער, ליגנער!... בין איך ארויס אין דרויסען, ווייל אין צימער איז מיר ענג געווען, ניט געהאט מיט וואס צו אטעמען, געוואלט זיך באפרייען פון די שרעקליכע אילוזיעס, וואס האבען מיך פאראטען, געוואלט אנטלויפען, אבער דו ביזט מיר נאכגעגאנ־גען. דיין געשטאלט האט געשוועבט פאר מיינע אויגען און נאכ־געפאלגט מיך אויף יעדען טראט.. מער האב איך שוין ניט גע־קענט אויסהאלטען דיין אנוועזענהייט. ווי א גנב מיידט אויס א פארדעכטיגען בליק האב איך דיך געוואלט אויסמיידען, — און אויסמיידען דיך האב איך ניט געקענט.. האב איך דיך גענומען מיט געוואלד טרייבען פון מיינע געדאנקען, פון מיין נשמה — און ניט געקענט.. האב איך דיך אנגעהויבען שילטען, ווארפען דיר אין פנים גראבע ווערטער, באשולדיגען דיך אין זאכען, וועלכע דו האסט קיינמאל ניט באגאנגען און זאגאר ניט פארגעשטעלט זיי אין דיינע רעיונות, מיין צונג איז געווען גיפטיגער פון א שלאנג, און מיין הארץ איז געווען בייז, ווי א טיגער, אן אויפריכטיגקייט, אהן צוטרוי און גלויבען, הארט ווי א שטיין... און דאן האט דאס פאסירט.

דאס שרעקליכע האט פאסירט!... מיט אנטשלאסענע און פעס־טע טריט בין איך געגאנגען אהין וואו טויזענטער נעכט פון שוואר־צע ארגיעס, מיט נאקעטע פרויען לייבער פארפלאכטענע אין באטישען, וואנזיניגען טאנץ, מיט פאר'שכור'ענדיגע געטראנקען האבען זיך געצויגען, ווי א שווארצע קייט דורך מיין פארגאנגענ־הייט, און מיך גערופען... דאס האבען זיי מיך גערופען אין קאמף מיט דיר, ווייל דו ביסט געשטאנען קעגען מיר מיט דיין ריינקייט, מיט דיין אמת'דיגקייט און טרייקייט, ווי א פאקעל, וואס האט מיט איין מאל אנגעצונדען און באלויכטען די גאנצע שווארצע טיפקייט פון מיין נשמה, וואס איז פול ווי א פינסטערע גרוב, מיט

גיפטיגע שלאנגען און עקדישען... דארטען האב איך געדענקט, וועל איך דיך פון זיך אוועקטרייבען, ארויסרייסען דיך פון מיין האר־צען, און פון מיינע רעיונות. אבער אויך דארטען ביסטו געווען מיט מיר די זעלבינע.

און דאן איז געקומען צו מיר דער געדאנק: איך וועל דיך, די ריינע, די היילינע, די געטליכע, ארייגשליידערען אין דעם כאאס פון שמוץ, באטרוג און גאטס־לעסטערונג, ווי א זונה, ווי א טרעגעריין פון זינד און אויסגעלאסענקייט, פארשטעלען דיך, א שכור'ע, א פארפאסקודיעטע טאנצען און דרייען זיך מיט אלעמען צוגלייך, אין דעם טאנץ פון ליגען און באטרוג. ארייגפלעכטען דיך אין דער קיים פון לייבער, לייבער, לייבער, אז א ווילען, אז א גלויבען, אז נשמות און אז הערצער, און שרייען צו דיר ווי צו א גלייכער, שטעקען דיר אין פנים, גראבע, שמוציגע פויסטען:— פראסטיטוטקע!... פראסטיטוטקע!... פראסטיטוטקע!...

און איך האב דאס געטאן... און איך האב איבער דיך געהערשט... און דאס איז געווען די ערשטע נאכט, נאכדעם ווי דו האסט דיין ליבע מיר פארטרויט, נאכדעם ווי דו האסט אפשר טיף אין הארצען אלץ מיר פארגעבען...

איצט ווייס איך: דו וועסט מיך האסען, וועסט אפשר מיך מיט בלוט באשפייען. אבער וואס שרעקליכער עס וועט זיין דיין האס, וואס ביטערער דיין פאראכטונג, אלץ גרעסער, אלץ הייליגער וועט זיין דער אנדענקען פון דיר אין מיין הארצען, ווייל איך האב דיך ליב...

דאָס ים־מיידעל

(אַ מעשה׳לע)

.1

ווייט, ווייט אין ים, אויף אַ פאַרוואָרפענעם און איינזאַמען אינזעל האָט אַמאָל געלעבט אַ פישער פאָלק. דאָרטען, פאַרוקט צווישען די בערג־פעלזען, איז געשטאַנען אַן אַלטע, האַלב איינגעפאַלענע הייזעל, וואָס איז באַוואוינט געוואָרען פון אַן אַלטען פישער־מאַן און זיין טאָכטער — איוואַזאַ.

יעדען פרימאָרגען, נאָך איידער דער ראַנד, דאָרטען וואו דער הימעל גיסט זיך צונויף מיט׳ן ים, פלעגט זיך אָנהויבען צו רויטלען פון דער ניי־געבאָרענער און אופקומענדיגער זון, פלעגט דער אַלטער פישער אויפשטיין פון זיין געלעגער, אוועקלייגען אין זיין טאַש אַ שטיק שוואַרצען ברויט, אָנפילען אַ קריגעל מיט קוואַל־וואַסער, צונויפנעמען זיינע נעצען און פלעגט זיך אוועקלאָזען אויף זיין אַלטער שיפעל אין אָפענעם ים אַריין. און שפּעטער שוין, ווען די זון פלעגט אַרויסקייקלען איר פייערדיגען דיסק אויף דעם נאָך פאַר׳חלומ׳טען הימעל, און אויפוועקען אַלעס לעבעדיגעס מיט אירע באַלעבענדיגע שטראַלען, פלעגט אויך אויפשטיין איוואַזאַ, אַ פרישע און אַ מונטערע, און פלעגט זיך ווי אַ בלום, ציען מיט איר גאַנצען קערפּער צו דער זון, שפּילען זיך, און צערטלען זיך אין ליכט און וואַרימקייט...

שיין איז געווען איוואַזאַ, ווי אַ בלום נאָכ׳ן זונען אויפגאַנג, ווי אַ באַטויטע רויז, אין וועלכער עס שפּיגלען זיך די שטראַלען פון דער מאָרגען זון — איז געווען איר שמייכעל, ווי דאָס פאַלען פון אַ ריין־קלאָרען שטראָם אַראָפּ פון באַרג — איז געווען איר

געלעכטער, און געטליך, אין זייער אומגעצוואונגענקייט זיינען גע־וועז אירע באוועגונגען.

יעדעס מאָל ווען דער אַלטער פישער פלעגט זיך אומקערען צוריק פון ים, פלעגט איוואזא לויפען צו אים אנטקעגען, העלפען אַרויסשלעפען דאָס שיפעל פון וואַסער, פאַרנאַנדערהיינגען די נע־צען און די שטעקענס צום טריקענען. נאָכדעם פלעגט זי זיך שפּי־לען מיט די נאָך לעבעדיגע, וואַרפענדיגע פישעלאַך, לויפען, שפּרינ־גען און לאַכען זאַרגלאָז. און דער אַלטער פישער פלעגט קוקען אויף זיין שיינער טאָכטער און דערביי פלעגט אַ צופרידענער שמייכעל שפּילען אויף זיינע ליפּען און אויף זיין צוקנייטשטען פּנים. ער פלעגט זי כלומרשט מוסר'ן:

— נענוג שוין, נענוג דיר צו שפּרינגען, דו ווילדע ציג!... אַט וועל איך דיר חתונה מאַכען מיט וועמען עס איז, וועסטו ווי־סען...

און פון דעם האָט איוואזא נאָך מער געלאַכט.

די איינוואוינער פון דעם אינזעל פלעגען ניט זעלטען אָפּשטעלען דעם אַלטען פישער און פלעגען זאָגען:

— דו האָסט אַ שיינע טאָכטער, אַלטער...

— דיין איוואזא איז שיין ווי דער טאָג, אַלטער...

— ניטאָ קיין חתנים אויפ'ן אינזעל פאַר דיין איוואזי'ן, אַלטער...

.2

און עס איז געגאַנגען די צייט. יאָר נאָך יאָר האָט איינגע־שלונגען די אייביגקייט, און איוואזא איז נאָך אַלץ שיין און יונג געווען. אַלע שיינע און העלדישע בחורים פון אינזעל האָבען געזוכט איר ליבע, און אַלע האָבען פאַרברענט זייערע הערצער אויפ'ן מזבח פון אומזיסטע ליידען פאַר איר איינציגען בליק, פאַר איר אייציגען שמייכעל. איוואזא איז פאַרבליבען קאַלט און אומבאַזיג־באַר. עס האָט זיך געדוכט, אַז גאַרניט האָט זי ניט געענדערט און ווי אַ קינד איז זי נאָך שטיפעריש און ווילד געווען. נאָר אַליין דער

אַלטער פישער האָט באַמערקט די גרויסע ענדערונג אין זיין טאָכ־טער׳ס לעבען. אַזוי ווי צוויי וועלטען וואָלטען זיך אין איר באַהעפט — אַ וועלט פון ליכט און זונשיין און אַ וועלט פון נאַכט און פינס־טערניש. בייטאָג פלעגען די ליכטשטראַלען אויפברויזען און אָנ־צינדען אין איר די בלוטען, אָנצינדען מיט אַ זוניגען פייער׳ל אירע אויגען, באַפלאַמען אירע באַקען. ביינאַכט, ווען די פינסטערניש פלעגט זי איינהילען אין אירע שוואַרצע שאָטענס, פלעגען אירע בלוטען אָפגעקילט ווערען, און די נאַכט פלעגט ביי איר אָפנעמען אַלץ וואָס דער טאָג האָט איר געשאָנקען, — און זי פלעגט ווערען אַ לייכטע און אַן אומזעבאַרע אין דער פינסטערניש, ווי אַ שאָטען...

בייטאָג איז זי געווען, ווי אין איר קינדהייט, אַ לעבעדיגע און אַ פריילִיכע. האָט געזונגען פריילִיכע לידער, גערעדט און געלאַכט. און אין אַלץ, פון וואָס זי האָט גערעדט און אין אַלץ, וואָס זי האָט געזונגען, פלעגט זי אריינלעגען איר אויסטייטשונג פון לעבען און זונשיין.

פלעגט אָבער אָנקומען דער אָוועגט, און אַ גרויע דעמערונג פלעגט זיך אָנרוקען און איינוויקלען אַלעס אין אַ קלייד פון שאָ־טענס, פלעגט אַן אומפאַרשטענדליכער און שווערער אומעט פאַר־קלייבען זיך אין איר נשמה און באַהערשען זי. זי פלעגט אָנטאָן לאַנגע שוואַרצע קליידער. איר פּנים פלעגט פאַרציען אַ מאַטע בלייכקייט. בלויע ריננען פלעגען איינשליסען אירע אויגען. דער פּנים און אַלע געזיכטסציגען פלעגען זיך אויסציען, און זי אַליין פלעגט ווערען אַ שלאַנקע, מיט לאַנגע ווייסע הענט, מיט לאַנגע עטוואָס ציטערנדיגע פינגער. יעדער טראָט אירער פלעגט ווערען ווי אַ געמאָסטענער פון אַן אומזעבאַרער קראַפט, און עס איז געווען אַזוי, ווי ניט זי אַליין וואָלט עס געגאַנגען, נאָר די אָנקומענדיגע נאַכט וואָלט אין איר אַ נייעם ריטם אריינגעהויכט. און זי איז שוין ניט געווען מער די זעלביגע וואָס בייטאָג. זי איז געווען אַן אַנ־דערע, אַן אומפאַרשענדליכע און געהיימניספולע, ווי אַליין די נאַכט.

איר שטימע פלעגט ווערען אַ מאַט־בלייכע, ווי איר פּנים, אַן אַ לעבעדיגען קלאַנג. אַן אַן אינערליכען רוף, אַ שוואַכע, און אַלץ פון וואָס זי האָט גערעדט האָט געטראָגען דעם כאַראַקטער פון סודות׳דיגקייט, פון געהיימנים און שרעק. אַלעס וואָס זי האָט

דאן געזונגען, איז געווען דער אומעט אליין. און אלע, וואס האבען געהערט איר זינגען אין די שטילע אווענטען פלעגען באהערשט ווערען מיט דעם טרויער פון איר שטימע, און עס האט זיך געדוכט, אז איר זינגען שאפט אין דער פינסטערניש געשטאלטען פון אומרו און שרעק...

3.

און אלע בחורים פון אינזעל האבען זיך אפגעקערט פון איוואזא'ן און האבען שוין געגומען זי פארגעסען. און די, וואס האבען זי נאך ניט פארגעסען האבען אין זייערע הערצער געפלוכט זי פאר איר קאלטקייט.

שעה'ן לאנגע פלעגט איוואזא זיצען ביי דעם פינסטערען און געהיימניספולען ים, קוקען אין זיין ווייטער פינסטערניש און ווארטען, און איינהערען זיך אין יעדען רויש פון זיינע וועלען און ארויסלייענען פון יעדען עטוואס הערבארען קלאנג זיין אמת'ע באדייטונג. און ערשט שפעט ביינאכט פלעגט זי, א שווייגענדיגע, אויפשטיין און, ווי א שאטען צווישען די נאכט-שאטענס, גיין צו איר מיידעלשען געלעגער.

פון אנהויב האט איוואזא ניט געוואוסט, וואס אזוינס עס ציט זי צו דעם ברעג פון ים. און שפעטער איז עפעס ווי א שיינער, לאנג פארגעסענער חלום ארויסגעשוואומען פון ערגעץ, און האט אנגעפילט איר נשמה מיט שמערצליכער ערווארטונג. און טאג נאך טאג, און נאכט נאך נאכט איז דער חלום געווארען קלארער, און די האפנונג מעגליכער, פארשטענדליכער און נענטער.

ער וועט קומען, איר געליבטער. ער מוז קומען און דערלייזען. פון דער ווייטער ווייט, פון אהינטער דעם הימעל און ים, פון אן אנדער, אומבאקאנטער וועלט, וועט ער אנקומען — און שאפען דעם וואונדער... ער מוז קומען. און דאן וועט פארשווינדען דער אומעט און די בענקשאפט און זי וועט ווערען יונג און פריילין, ווי אמאל.

עס פלעגט אריינברייגגען אין צארן דעם אלטען פישערמאן איוואזא'ס פאר'עקשנ'טע גלייכגילטיגקייט צו די בעסטע זין פון

אינזעל. און אומרואיג איז געווען דער אַלטער איבער איוואַזאַ׳ס מאָדנעם צושטאַנד.

און איין מאָל אין אַ נאַכט איז געווען אַ שטורם אויפ׳ן ים. דער ים האָט געברויזט און האָט זיך, ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה, גע־וואָרפען אין אַלע זייטען, געזוכט אַ וועג פאַר זיין צאָרענדיגען לויף. די פעלזען ביי די ברעגען האָבען געציטערט, און איז פאַרצווייפלונג אָפּגעשליידערט פון זיך די כוואַליעס, וואָס דער ים האָט צו די ברעגען אַרויסגעשיקט. איוואַזאַ איז געשטאַנען ביים ברעג און האָט געקוקט אין דעם שוואַרצען ים אַריין. איז צו איר דער אַלטער פי־שערמאַן צוגעקומען און האָט געזאָגט:

— אויף וועמען וואַרטסטו דאָ, טאָכטער, אַזוי שפּעט? דיין געליבטער וועט צו דיר ניט קומען. אַלע בחורים פון אינזעל האָבען זיך פון דיר אָפּגעקערט, אַלע וואָס האָבען דיך אַמאָל געליבט האָבען דיך פיינט געקראָגען... ניין, דיין געליבטער וועט צו דיר ניט קו־מען, טאָכטער...

— ער וועט קומען. ער וועט קומען, פאָטער. אַלץ נעענטער און נעענטער שווימט זיין שיף צו אונזערע ברעגען. איך פיל די אָנ־שטרענגונג פון זיינע מוסקלען מיט יעדען קלאַפּ פון זיינע ווע־סלעס. איך פאַרנעם שוין דעם רעש פון זיין שיפעל, וואָס שניידט אין איילעניש די שטורמדיגע וועלען...

— אָבער ווער איז דיין געליבטער, טאָכטער?

— איך ווייס ניט. איך האָב אים קיין מאָל ניט געזען, אָבער איך ווייס — ער איז שיין און העלדיש, מיין געליבטער. יאָרען לאַנגע האָב איך געבענקט נאָך אים, און יאָרען לאַנג האָט ער מיך געזוכט אין אַלע עקען פון דער וועלט. און איצט קומט ער צו מיר, מיין געליבטער.

— דאָס איז אַ חלום, איוואַזאַ, דאָס האָט זיך דיר גע׳חלומ׳ט אַ בייזער און פאַרפירערישער חלום...

— ניין, פאָטער, דאָס איז ניט קיין חלום. יעדער טאָג ברענגט מיר אַ גרוס אַ זוניגען פון אים. איך ווייס ניט וואו ער איז, אָבער זיינע קושען ברענגען מיר די שטראַלען, און מיט זיין גרויסער גרע־נעצלאָזער ליבע איז פול די וועלט... דאָס קלאַפּען פון זיין האַרץ איז דאָס קלאַפּען פון מיין האַרץ.

— און אויב צוגעשמידט מיט קייטען איז ער צו א ווייטען ים־פעלז ?

— וועל איך קומען און אים באפרייען.

— און אויב וויס־לייביגע נימפען האבען אים פארשלעפט אין די טיפענישען פון דעם גרויסען ים און האבען געמאכט אים פאר א שפילצייג אין לבנה־נעכט ?

— וועל איך קומען און באפרייען.

— און אויב דער צארענדיגער ים וועט זיין שיף צוקלאפען און זיין טויטען קערפער איז פרימארגען אויף אונזער ברעג ארויס־שפייען ?

— וועל איך א גאט ווערען און שאפען וואונדער. מיט מיין ליבע וועל איך אים צום לעבען ברענגען.

4.

און עס איז געגאנגען די צייט איר גאנג. און דער ים האט רעגעלמעסיג געהויבען און ארונטערגעלאזען זיינע וואסערן. די שטורמדיגע כוואליעס האבען ביסלעכווייז צוברעקעלט גאנצע פעל־זען ביים ברעג און פארוואנדעלט זיי אין מיליאנען זעמדלעך. נאר איווא איז געשטאנען אומפארענדערט אויף דער וואך, ווי שטענ־דיג, און אין די אווענטען געשיקט צו איר געליבטען אירע ניגונים פון בענקשאפט און פיין. טויזענט שטורעמס איז זי אויסגעשטא־נען, טויזענט שרעקען בעקעמפט און ניט געווארען מיד, און ניט אויפגעהערט צו קוקען אין דער ווייטען, און זוכען איר געליבטען.

ביז אמאל, אין א פרימארגען, איז זי אויפגעשטאנען און איז צוגעגאנגען צו איר שפיגעל און אין פארוואונדערונג דערזען — איר קאפ איז גרוי ! — גרויע לאקען פאלען אויף איר שטערען, אויף אירע פלייצעס, און דער פנים קליין און איינגעשרומפט, צוקנייטשט און דאר. און די אויגען אויסגעלאשען, און די ברוסטען איינגע־פאלען, און דער קערפער איינגעבויגען, און ניטא שוין מער קיין כחות, און ניטא קיין בלוטען אין די אדערען — גאט !...

איז זי אין שרעק אַרויס אין דרויסען צו באַגריסען, ווי אַ יעדען טאָג די זון, האָט זיך די זון באַהאַלטען הינטער שווערע שוואַרצע וואָלקענס. איז זי געלאָפען צו די בלומען אין איר גאָרטען, זיינען אַלע בלומען, ווי פאַרוועלקטע, קוים געשטאַנען אויף די שטאַנגען...

און ווען, אין אָוונט, אַ געבויגענע, איז זי צום ים געקומען און געשיקט אין זיינע ווייטקייטען איר ניגון פון בענקשאַפט און ליבע, האָט איר קול פאַררעטעריש און פאַלש געקלונגען אין דער שטילקייט, ווי אַ ליגען, און אימיצער האָט פון די כוואַליעס מיט שפּאָט אַרויסגעקייכט:

— שוין שפּעט... שוין שפּעט...

אויף מאָרגען, ווען דער אַלטער פישערמאַן איז אויפגעשטאַנען און געגאַנגען צוגרייטען די נעצען און אַרונטערלאָזען אויפ'ן וואַסער זיין אַלטע שיפעל, האָט ער געפונען אויפ'ן ברעג אַ פאַרפלאָכטענעם אין לאַנגע ים־גראָזען, איוואָזאַ'ס טויטען קערפּער...

ערקלערונג.

דערפאר, וואָס די אַרבייט איבער'ן בוך „שווערע הימלען" איז איבער פאַרשיידענע אורזאכען אויף אַ לאַנגער צייט פאַרהאַלטען געוואָרען אין דרוק, און דער גרעסטער טייל איז שוין פון פריער געוועזן אויפגעזעצט אין דער אלטער אָרטאָגראַפיע — האָט שוין דאָס גאנצע בוך איצט געמוזט אַרויס אין דער זעלביגער אָרטאָגראַפיע.